ושמחתם לפני ה' אלוקיכם שבעת ימים



קונטרס

# עונג יו"ט

## מלאים זיו ומפיקים נוגה

## סוכות-ג'

נתנדב ונתפרסם לכבוד שב"ק ע"י
**מו"ה חנני' יו"ט ליפא גרויס הי"ו**
לע"נ זקינו רבי ישעי' ב"ר משה זיעוכי"א

צו סובסקרייבען שיקט אן אימעיל צו:
onegshabbos+subscribe@googlegroups.com
איר וועט באקומען אן אוטאמאטישע אימעיל,
ריפלייט צוריק מיט א ליידיגען אימעיל.




די שווארצע בענדער

# תורת יואל

גליון מס' 54

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

חג הסוכות תשפ"ו


## ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר.

### מדרש תודיענו אורח חיים שובע שמחות את פניך.

דארף מען פארשטיין די כוונה פון דעם מדרש וואס שטעלט צו דעם פסוק צו די ארבע מינים?

דער רבי ברענגט א **בני יששכר**, וואס טייטש אויס דעם פסוק: **צדיק באמונתו יחי'**, ווען א מענטש איז נישט קיין מאמין, און גלייבט נאר וואס ער איז משיג מיטן אייגענעם שכל, איז ער גלייך ווי איינער גיט צוריק א פקדון צום איינגעטימערע, אזוי ווי ער האט עס באקומען, ווייל די נשמה פון א מענטש איז דאך א פקדון פון השי"ת, און ווען עס קומט די צייט, מוז מען עס צוריק צום באשעפער, און דער מענטש האט גארנישט צוגעלייגט.

משא"כ א צדיק וואס גלייבט אין דברי תורה, וואס איז פיהל העכער פון די אייגענעם <u>שכל</u> און <u>חכמה</u>, ווען עס קומט זיין צייט, וועט השי"ת אים צו געבן נאך יארן, וויבאלד ער האט זיך משתדל געווען מיט עפעס העכערס פון זיין פקדון, וועט השי"ת אים לאזן האלטן דעם פקדון נאך לענגער, און דאס איז פשט **צדיק באמונתו יחי'**, א צדיק מיט זיין <u>אמונה לעבט ער</u>, דאס הייסט ער באקומט צו נאך יארן, ווייל ער איז געווען א מאמין, עכ"ל פון הייליגן בני יששכר.

**שלמה המלך** זאגט אין **משלי**: **שלשה המה נפלאו ממני,** דריי זאכן וואונדערן מיך: <u>שלשה</u> גייט ארויף, אויף פסח מצה מרור, **וארבעה לא ידעתים** - וואס מיינט די ד' מינים - שלמה המלך האט נישט פארשטאנען, פון וואו ווייסן מיר, אז **פרי עץ הדר** מיינט א דייקא א **אתרוג**, נאךביימער געבן ארויס שיינע פירות, און אזוי אויך די אנדערע מינים, און דער פסוק פיהרט אויס **והמה חכמים מחוכמים**, טייטש דער **יפה תואר**, אז שלמה המלך איז געקומען צום אויספיה, אז מיר האבן דאס בקבלה מדור דור.

און ער גיט א הסבר, אז ס'קען נישט זיין אז די חכמים האבן דאס ממציא געווען, ווייל אויב שלמה המלך וואס ביי אים שטייט **ויחכם מכל האדם** האט זיך געוואונדערט, און נישט געקענט ארויסלערנען אליינס, מוז זיין אז די ד' מינים - לולב - אתרוג - הדס און ערבה, זענען אלע זענען **מקובל מדור דור**, (די גמרא אין סוכה לערנט עס ארויס פון פסוקים, וואס איז נאר אן אסמכתא).

**היוצא לנו מזה** - פיהרט אויס דער רבי - אז ווען מען נעמט די ד' מינים, אקוראט ווי אונז האבן עס מקבל געווען, דאס ווייזט אויף <u>קבלה</u> און <u>אמונה</u>, איז זייער גוט דער מדרש, **תודיענו אורח חיים**, די ד' מינים לערנען אונז <u>א לעבענ'ס וועג</u>, ווייל איינער וואס לעבט מיט אמונה, באקומט א הוספה צו זיין לעבן, אזוי ווי עס שטייט **צדיק באמונתו יחי'**.

# א בינטעל זכרונות

## הרה"ח ר' חיים יושע געלבשטיין הי"ו

אנהייב חודש אלול תשל"ג, האב איך געמאכט א ברית פאר מיין זוהן, למז"ט, און כ'האב מכבד געווען דעם סאמבאטהעל'ער רב זצ"ל מיט מוהלת, דער ברית איז פארגעקומען נאך אין די קאנטרי וואכן, במילא בין איך געפארן קיין ליווינגסטאן מענאר ברענגען דעם רב, אויפן וועג דערציילט ער מיר אזוי.

איך בין איצט געווען ביים רבי'ן אין בעלל הארבאר, בנוגע שופר בלאזן, אזוי ווי איך האב שוין לאנגע יארן חזקה צו בלאזן ביים רבי'ן די תקיעות דמעומד, אבער לעצטענס איז מיר שווער געווארן דאס בלאזן, האב מציע געווען דעם רבי'ן, מען זאל זוכן א צווייטן בעל תוקע..

דער רבי קוקט מיך אן, און מעסט מיך אזוי אפ פון אויבן ביז אונטן, און נאכדעם זאגט ער מיר אזוי: **קוק מיך אן, איך קאן מיך קוים רירן, קוים זעך אויפהייבן פון בענקל, אבער אזוינע חשוב'ע מצוה אויפצוגעבן?**

פארשטייט זיך, זאגט מיר דער סאמבאטהעלער רב, אז נאכן הערן די רייד, וועל איך מיך ווייטער אנשטרענגען און אליינס בלאזן

***

א מעשה געהערט פון הרה"ח ר' בנימין הערש בערקאוויטש ז"ל, וואס איז געווען דערביי, וואס איז פארגעקומען אין די גאנץ בראשית יארן, אין קליינעם ביהמ"ד, אין רבי'ן'ס הויז.

ווי באקאנט פלעגט דער רבי דאווענען שפעט'ליך, און ר' יוסף אשכנזי ז"ל פלעגט צוזאמשטעלן א מנין, און צומאל געדארפט ארויסגיין אויף די גאס אריינרופן א צענטן, פארשטייט זיך אז נישט אלעמאל איז דער צענטער געווען א היימישער.

איינמאל זוכענדיג א צענטער, האט ער געטראפן א איד, א קליין קאפעלע, אן קיין רעקל, בקיצור גוט פאר א צענטן, מ'האט איבערגעגעבן דעם רבי'ן אז ס'איז דא מנין, דער רבי זי"ע קומט אראפ, קוקט זיך אום, באטראכט דעם עולם, און גייט צוריק ארויף.

<u>דער איד</u> האט געפיהלט ווי כאילו דער רבי איז נישט צופרידן מיט אים, די ארומיגע האט פרובירט צו בארואיגן, און ווען דער רבי איז צוריק אראפגעקומען, האט ר' בנימין הערש איבערגעגעבן פארן רבי'ן וואס דא איז פארגעקומען.

דער רבי איז גלייך צוגעגאנגען צום דעם איד, אנגעכאפט מיט ביידע הענט, און געזאגט, <u>איך האב ליעב יעדן איד</u>, **חלילה וחלילה** איך זאל ווי טוהן א איד, נאר וואס דען, איך נוטיג מיך זייער שטארק, אין 3 טויזענט דאללער פאר א דבר מצוה, בין איך געקומען זעהן אויב ס'איז דא איינער פון וועם איך קען בארגען, נישט זעענדיג קיין בר הכי, בין איך צוריק ארויפגעגאנגען, ווייטער זוכן פון וואו איך קאן שאפן די סומע, אבער איך האב חלילה נישט אייך געמיינט, **<u>ווייל איך האב ליעב יעדן איד</u>**.




הללו כל עובדי ד', שבחוהו כל יראים ומבקשים **ל**רגל הופעת ספרי "הלכה ומנהג" לימי הרצון **כ**לי מחזיק אוצר בלום - הלכה, מנהג, והשקפ**ה** **היום** נתחיל להבין דינים והלכה, וטעמו להתענג

### מנהגים: מ'שיעורי הרה"ג ר' שלמה יואל מאשקאוויטש שליט"א

בעמח"ס הלכה ומנהג

### האלטן די ד' מינים, אין ביידע הענט, איז גוט אויך אין איין האנט?

שטייט אין מחבר (סי' תרנ"א) אז מ'נעמט די אגודה אין די רעכטע האנט, און דער אתרוג אין די לינקע, דער **מגן אברהם** איז מסביר, ווייל די אגודה איז דריי מצוות, און דער אתרוג איז נאר איין מצוה

דער בית יוסף אין דעם סימן, ברענגט פון **אורחות חיים**, אויב נעמט מען אלע פיהר מינים אין איין האנט, איז מען <u>נישט יוצא די מצוה</u>, וטעמו, ווייל די גמרא לערנט ארויס פון **<u>כפת</u>** אז מ'בינדט נישט אלע פיהר מינים אינאיינעם, במילא מוז די נטילה אויך זיין גענצליך אפגעטיילט, אין צוויי הענד, דער מחבר ברענגט נישט אראפ די שיטה, אבער דער מגן אברהם איז עס יא מעתיק

דער **שלחן ערוך הרב**, איז מעתיק סיי דעם אורחות חיים לחומרא אפי' בדיעבד, און אויך דער ט"ז וואס איז מחולק, און האלט אז נאר די אגודה מוז זיין באזונדער, אבער די נטילה מעג יא זיין אין איין האנט, און איז <u>מכריע לחומרא</u> און פסק'נט, אויב האט מען געהאלטן אלע פיהר מינים אין איין האנט בשעת די ברכה, זאל מען איבערשאקלן אן א ברכה, ווייל ספק ברכות להקל.

לפי זה, בשעת הלל, הקפות און הושענות, וואס איז א המשך פון די מצוה, דארף מען אויך מקפיד זיין צו האלטן אין באזונדערע הענט, אזוי ווערט געברענגט אין **ספר משנת יעקב**, אזוי אויך שטייט אין ספר **חיי עולם נטע** בשם דעם ראב"ד הרה"ג רבי דוד יונגרייז זצ"ל, אז ער האט שטארק מקפיד געווען צו האלטן עקסטער אין צוויי הענט, ע"פ קבלה.

# מעשיות דערציילט

## הרה"ח ר' שלמה בערקאוויטש ז"ל

ידידינו ר' יואל בערקאוויטש הי"ו, גיט איבער ארגינעלע מעשיות, וואס ער האט געהערט פון זיין אומפארגעסליכן פאטער ר' שלמה ז"ל, ר' שלמה האט זיך אלע יארן געקאכט מיט ד"ת און סיפורים פון רביה"ק, אסאך מעשיות וואס ער האט בייגעוואוינט, דרייענדיג נעבן רבי'ן בכל עת מצוא.

איינמאל חול המועד, דער רבי שטייט שוין ביי די טיר, זיך יאגענדיג צום דאווענען, און די רעבעצין רופט זיך אן, אז זי האט נאכנישט געשאקלט לולב היינט, און זי פיהרט זיך נישט צו עסן פארדעם, דער רבי ענטפערט, אוי!! ס'איז שוין זייער שפעט, אבער איך זאג צו, אז היינט וועל איך מיך צויאגן מיטן דאווענען, כדי דו זאלסט נישט מוזן ווארטן לאנג.

יענעם שחרית, האט דער רבי געדאווענט שנעלער ווי געוועהנליך, און כסדר געיאגט, ווייל ער האט אזוי צוגעזאגט פאר די רעבעצין.

אלס בחור האט ר' שלמה געמאכט פארן רבי'ן א הערליכע נוי סוכה, זייענדיג באשאנקען מיט גאלדענע הענט, האט ער אויסגעארבעט א עלעקטריק-סיין פון די אושפיזין, (אן אמאליגע בחור'ישע בין הזמנים'דיגע באשעפטיגונג, מ'נעמט א שיינעם טאוול, מ'שנייד אויס די ווערטער און די בילדער זייער פרעציז, מ'קלעבט ארויף א אונטערשלאג פון קאלירטע פאפיער, און די לעקטער שיינט אדורך) ס'איז אויסגעקומען זייער שיין, און מ'האט עס אויפגעהאנגען אין דעם רבי'ן'ס פריוואטע סוכה.

ערב סוכות, דער רבי גייט אריין אין די סוכה באטראכטן די ארבעט, און די נוי סוכה וואס די בחורים האבן אויסגעצירט די סוכה, דער טאוול איז געווען אין צענטער, און די רעבעצין צייגט אן, אז אונטען איז דא א שורה, וואס מ'האט אויסגעלאזט און נישט אויסגעארבעט, דער רבי צושמייכעלט זיך, און הייבט אן מלמד זכות זיין, און זאגט אזוי: די בחורים דארפן דאך דאווענען און לערנען יעדן טאג, אפי' בין הזמנים, איז פארשטענדליך אז זיי האבן נישט געהאט די צייט צו ענדיגן.

## מ'שיעורי הרה"ג רבי ישעי' ליכטענשטיין שליט"א (ב)

# יביעות קאלומן

**מנהג** | **טעמו** | **ומקורו**

### מנהג:
### בינדען דעם לולב, קיישעלע

אונזער אנגענומענער מנהג, איז צו נוצן א קיישעלע, וואס האט באזונדערע אפטיילונגען פאר יעדע מין, וואס לכאורה איז דאס ווייט נישט קיין קשר גמור, (ווי געשריבן פאריגע וואך) אין ספר **טעמי המנהגים:** שטייט א טעם צו אונזער מנהג, בשם דער שר שלום פון בעלז זצ"ל, וויבאלד די ד' מינים זענען מרומז צו די **שם הוי'**, און דער שם דארף זיין געשריבן, יעדע אות נאנט איינס צו צווייטן, אבער טארן זיך נישט אנרירן, די זעלבע מיט די ד' מינים, דארפן זיין נאנט אפי' זיי רירן זיך נישט אן ממש.

די קיישעלע, האט צוגעברענגט א גרויסע מחלוקת הפוסקים, צו דאס הייסט א קשר, דער הייליגער חת"ם סופר פסק'נט להלכה, אז ס'איז נישט געבונג, אזוי אויך שטייט אין ביכורי יעקב, כאטש ער איז מודה און שרייבט: **העולם אין נזהרים לאוגדו.**

פון די תלמידים פון בעל התניא, אין קונטרס אחרון, שטייט שארף קעגן נוצן נאר א קיישעלע, און דער מנהג אין חב"ד איז, אז מען מאכט נאר א קשר ע"ג קשר אויף די דריי מינים, אזוי אויך איז מנהג באבוב.

**מנהג אבותינו**, סיגוט-סאטמאר, איז יא צו נוצן א קיישעלע, רביה"ק פלעגט צוזאם בינדען די דריי מינים מיט צוויי רינגעלעך, און דערנאך ארייגלייגען אין די קיישעל, (די דריי רינגלעך אויפן לולב - לנוי - האט דער משב"ק געמאכט) ווי הר"ר עקיבא וויינשטאק דערציילט, אז די 9 הדסים האבן געהאט באזונדערע קיישעלעך, איינס פאר יעדן הדס, און די ערבות איז געווען לויז, און דער רבי האט מיט איין קשר געבינדען די 9 קיישעלעך מיט די הדסים, און די ערבות, און דער לולב, און אזוי אריינגעשטופט אין די גרויסע קיישעלע.

די מצוה פון **אגד**, איז א מצוה ווי אלע מצוות, און ס'איז שייך דער כלל פון מצוה בו.. אבער דער ריטב"א בשם הרמב"ן ברענגט, אז א צווייטער זאל מאכן דעם איגוד המינים, כדי ער זאל נישט נתחייב ווערן מיט א שהחיינו בשעת האיגוד, אזוי אויך פסק'נט דער כף החיים,

למעשה אין שו"ע שטייט נישט די הלכה, און מיר פיהרן זיך צו בינדען די אייגענע מינים, רביה"ק פלעגט אליינס בינדען די מינים ערב יו"ט אין די סוכה, אבער נאר דער קשר און נישט די רינגעלעך אויפ'ן לולב, דער עצי חיים פלעגט אליינס ארויפלייגן די רינגעלעך אויך, אויך האט רביה"ק געטוישט די ערבות יעדן טאג, אפי' דעם ערשטן טאג האט ער אויך געטוישט, און נישט גענוצט די ערבות פון בשעת'ן בינדען,

# מכתבים למערכת

לכבוד **מערכת תורת יואל** כל אחד בשמו הטוב יבורך

ליינענדיג אין אייער הערליכער גליון פרשת כי תבא, ווי הרה"ח ר' שמואל יצחק ראזינגער הי"ו פארציילט זיינע זכרונות אלס קינד, קרוב צו זיבעציג יאר צוריק, ווי ער האט אינעם שטעטל לוד געזעהן די לעכטיגע צורה פון רביה"ק, **כי קרן עור פניו.** האב איך זיך דערמאנט ממש א גאר ענליכע אויסדרוק וואס כ'האב געהערט פון א איד פאר דריי יאר צוריק, ערב די הילולא פון מרן רביה"ק זי"ע.

איך בין דאן געפארן באזוכן מיין באבע ע"ה וואס האט געוואוינט אין ירושלים עיה"ק. עס איז געווען מאנטאג פרשת ראה כ"ה אב ווען כ'בין ארויפגעפארן קיין גליל, אבער אינמיטן וועג איז צוגעפאלן די נאכט און מ'האט געדארפט דאווענען מנחה, האט דרייווער אריינגעלייגט אינעם דזשי.פי.עס. וואו דער נאנסטער שול איז, ס'איז געווען עטליכע מייל ווייטער אין א שטעטל וואס הייסט זכרון יעקב אויף די הרי הכרמל.

זענען מיר אנגעקומען דארט אין א קליין שול'כל פון פרומע אידן, יראים ושלמים, וואס האבן פונקט זיך געשטעלט דאווענען. נאך מנחה זענען עטליכע אידן צוגעקומען צו אונז און געגעבן שלום, און ווי דער סדר איז, האבן זיי געפרעגט פון 'וואו קומט א איד'. האב איך זיי פארציילט אז כ'בין א גאסט פון ניו יארק, און כ'בין א סאטמארער חסיד. האבן זיי אלע באלד געוואוסט צו זאגן אז היינט נאכט פאלט אויס די יארצייט פון רבי'ן כ"ו אב.

אויף מיין פראגע צו איינער פון זיי האט אמאל געזען דעם רבי'ן, האט איין עלטערער איד מיר פארציילט אז ער האט אלס קינד געוואוינט אין די שטאט לוד, און ער געדענקט אז ווען דער רבי איז געקומען באזוכן אין ארץ ישראל בשנת תשי"ט, איז דער רבי געפארן פון חיפה קיין ירושלים מיט די באן, און אויפ'ן וועג איז דער באן דורכגעפארן די שטאט לוד, וואו א ריזיגער עולם פון אלע ארומיגע שטעטלעך זענען זיך צונויפגעקומען מקבל פנים זיין דעם סאטמארער רבי'ן. און זיין טאטע האט אים אויך מיטגענומען אלס יונגעל אנטקעגנצוגיין דעם סאטמארער רבי'ן. זאגט מיר דער איד: **"כ'געדענק נאך פון דעמאלטס די ליכטיגע צורה פון רבי'ן עס האט געלאכטן און געשיינט ממש ווי א מלאך!"** דאס איז געווען די איינציגסטע מאל וואס כ'האב געזען דעם רבי'ן אבער זיין הייליגע צורה גייט מיר נישט ארויס פון קאפ עד היום הזה שוין באלד 70 יאר שפעטער. דערביי זענען עטליכע מתפללים געבליבן שמועסן און פארציילן איבער די גדלות פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע.



איידער איך בין אוועקגעפארן פון דארט האב איך עספּיעט, און געכאפט א בילד צו פאראייביגן דעם היסטארישן מאמענט ווי עס ווערט מקויים דעם פסוק **אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו,** א קבוצה אידן פון אלע ערליי שיכטן זיצן ערגעץ אין א פארשטופטן שטעטל אין ארץ ישראל, און רעדן עובדות וסיפורים בגדולתן של אותו צדיק יסוד עולם מרן רביה"ק זי"ע.

א יישר כח פאר אייער הערליכע ארבעט, וחפץ ה' בידכם יצליח

*יואל בלומענפעלד*




בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת האזינו-סוכות תשפ"ו

גליון 436

## אמרות שמשון

### הימל און ערד זאגן עדות פאר כלל ישראל

***הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִי*** (לב, א). רש"י (ד"ה האזינו) ברענגט פון חז"ל (ספרי לב, א), משה רבינו האט גערעדט צו דער הימל און ערד זיי זאלן זאגן עדות פאר כלל ישראל אז זיי דארפן אפהיטן תורה און מצות (עיי"ש).

**מען** קען ערקלערן אז טראץ וואס עס שטייט אין חז"ל (עבודה זרה ג.) 'שמים וארץ נוגעין בעדותן', דער הימל אין ערד קענען נישט זאגן עדות וויבאלד זיי זענען 'נוגע בדבר', ווייל אויב כלל ישראל היט נישט אפ תורה און מצות קען די וועלט נישט בלייבן שטיין, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ירמיהו לג, כה) ***אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה, חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי***. דעריבער זענען זיי נישט באגלייבט צו זאגן עדות, ווייל דאס האט צוטון מיט זיי.

**פונדעסטוועגן** קענען זיי דא זאגן עדות, ווייל די עדות איז נישט צו זאגן אויב כלל ישראל האט געזינדיגט אדער נישט, דא רעדט מען שוין נאכדעם וואס כלל ישראל האט געזינדיגט און האבן באקומען יסורים. און כדי זיי זאלן נישט האבן קיין טענות פארוואס עס איז געקומען יסורים, קומען די ערד און הימל צו זאגן עדות אויף די ברית וואס משה רבינו האט געמאכט מיט כלל ישראל.

**און** די סארט 'עדות' איז בלויז א 'גילוי מילתא', זיי אנטפלעקן דער טעם פארוואס עס קומט אויף זיי יסורים, וואס דאס איז צוליב די ברית צווישן משה רבינו און כלל ישראל, און אויף דעם זענען זיי באגלייבט. (אות א' ד"ה ומאי)

### מזלות און כוחות הטבע וועלן זיין פארפליכטעט לטובת כלל ישראל

***הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִי*** (לב, א). רש"י (ד"ה האזינו) ברענגט פון חז"ל (ספרי לב, א), משה רבינו האט גערעדט צו דער הימל און ערד זיי זאלן זיין עדות אז כלל ישראל דארף אפהיטן תורה און מצות, און אויב וועט מען זוכה זיין וועלן קומען די הימל און ערד און באצאלן די שכר, און אויב נישט וועלן זיי זיין די ערשטע צו געבן די עונש.

**מען** קען ערקלערן וואס איז די שכר און עונש וואס די הימל און ערד קענען געבן פאר כלל ישראל, דאס איז דער וועג ווי אזוי דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט זיין וועלט זאל ווערן געפירט, אז די שפע פון הימל אויף די וועלט ווערט געפירט דורך די 'כח המזל', און די וועלט ווערט געפירט דורך די 'כח טבע'.

**אויב** ח"ו וועלן אידן נישט מקיים זיין תורה און מצות, דעמאלטס וועט קומען א שלעכטע מזל פון הימל, און די כח טבע אויפן וועלט ווערט ווערן אויסגעשטעלט פאר די שלעכט'ס פון כלל ישראל.

**אבער** ווען כלל ישראל וועט מקיים זיין תורה און מצות, וועלן די מזלות אין הימל זיין פארפליכטעט לטובת כלל ישראל, אז אפילו אויב עס וועט נישט זיין קיין גוטע מזל, וועלן די מזלות מוזן משפיע זיין גוט'ס, און די טבע וועט מוזן ווערן געבויגן לטובת כלל ישראל. (אות א' ד"ה אמנם ועיי"ש)

### חשיבות פון זיך קובע זיין א ארט צו דאווענען

**אמר רבי חלבו אמר רב הונא, כל הקובע מקום לתפילתו, אלהי אברהם יהיה בעזרו. וכשמת אומרים עליו, מתלמידי של אברהם אבינו** (ברכות ו:). דער וואס באשטימט א ארט צו דאווענען, וועט אים דער גאט פון 'אברהם' שטיין צו זיין הילף, און ווען ער נפטר זאגט מען אויף אים אז ער איז פון די תלמידים פון אברהם אבינו (עיי"ש).

**מען** קען ערקלערן פארוואס עפעס דא רופט מען אן דער באשעפער, דער גאט פון 'אברהם אבינו'. און פארוואס ווערט דער מענטש פארערכנט דוקא פון די תלמידים פון אברהם אבינו.

**לויט** ווי עס שטייט אין חז"ל (בראשית רבה לט, א) אז אברהם אבינו האט אליינ'ס אנדעקט אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט, און האט פארשפרייט דעם אויבערשטנ'ס נאמען פאר אלע מענטשן. דעריבער ווערט עס פארערכנט ווי ער האט געגעבן די וועלט פארן אויבערשטער (דורכדעם וואס ער האט געמאכט אז די מענטשן אויפן וועלט זאל גלייבן אינעם אויבערשטן).

**אזוי** ווי עס איז מרומז אין פסוק (בראשית יד, יט) ***בָּרוּךְ אַבְרָם לְאֵל עֶלְיוֹן קֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ***. (דורכדעם וואס ער האט פארשפרייט דעם אויבערשטנ'ס נאמען, האט ער כאילו 'קונה' געווען פארן אויבערשטער די הימל און ערד צוזאמען).

**אזוי** אויך ווען עמיצער באשטימט א ארט ווי צו דאווענען בקביעות, ברענגט ער אראפ השראת השכינה אויף דעם ארט, און ער איז עס 'קונה' פארן אויבערשטער. און אזוי אויך פירט ער זיך זיכער אויף בקדושה אויף יענעם ארט, און דערמיט פארשפרייט ער דעם אויבערשטנ'ס נאמען, דורכדעם וואס אלע ווייסן אז דארט דאווענט ער צום אויבערשטן. דעריבער ווערט ער פאררופן א תלמיד פון אברהם אבינו, און דער גאט פון אברהם וועט אים העלפן, ווייל ער טוט די זעלבע זאך ווי אברהם אבינו ע"ה. (אות ו' ד"ה ומה)

הסניגור שלכם



תורמים לזרע שמשון
וזוכים לשנה טובה ומבורכת
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
הרה"ח רבי אשר ענזיל
בן הרה"ח רבי יעקב
שלמה גאלדשטיין ז"ל
נלב"ע בליל יום הקדוש תשנ"ג
הוקדש ע"י בנו הרה"ח רבי יעקב שלמה גאלדשטיין שליט"א וחתנו הרה"ח רבי מנחם בנימין פאשקעס שליט"א

הרב הגאון רבי אברהם
בנימין ב"ר מיכאל משה
יהודה זילברברג זצ"ל
אבד"ק פיטסבורג
מח"ס שו"ת מוהרא"ב ועוד
נלב"ע יום הכיפורים תשכ"ג

הרה"ח רבי יחיאל
מיכל ב"ר נפתלי צבי
ז"ל ענדען
נלב"ע כ' תשרי תשס"ו

מזל בת רחל ע"ה
נלב"ע כ"ה תשרי תשפ"ה

אליעזר בן שמואל
ז"ל בהר
נלב"ע כ"ג תשרי תשס"ט
הוקדש ע"י אחיו יהודה ומשפחתו להצלחה וברכה בכל העניינים

ת.נ.צ.ב.ה.

ישועה בכל
מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים בריאות איתנה פרנסה בשפע מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי שום הפרעות ורדיפות ושיתבשר בשורות טובות בקרוב ממש

עושר וברכה
אשר אנשיל דוד
הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל עושר ואושר בקרוב

הצלחה ועושר
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
להצלחה גדולה בכל מעשי ידיו ופריצת דרך בעסקיו בקרוב ויזכה לשפע ועושר רב

הצלחה ועושר
דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד ובשורות טובות בקרוב ממש

בית המדרש
זרע שמשון
רחוב הצבי 10 ירושלים
הננו להודיע את זמני התפילות והשיעורים בבית המדרש:
ערבית בשעה 8:30
כמו"כ מתקיימים שיעורים קבועים בספר המסוגל זרע שמשון
כל יום בערב
בשעה 8:15
יום חמישי בערב
בשעה 8:00 ובשעה 10:00
לפתיחת שיעורים נוספים ניתן ליצור קשר: 02-80-80-500
שמעו ותחי נפשכם
והביאו ישועה לבתיכם

# פניני שמשון • עניני סוכות



## בזכות מצות סוכה ווערט מען ניצל פון גיין אין גלות

**בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת** (ויקרא כג, מב). אין די מצוה פון סוכה ליגט באהאלטן גאר גרויסע סודות און טיפע ענינים. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (פסיקתא דרב כהנא כ"ט), דער אויבערשטער האט געגעבן די מצוה פון זיצן אין סוכה גלייך נאך יום כיפור, כדי אויב מען איז חלילה פאר'משפט געווארן אום יום כיפור צו גיין אין גלות צוליב די עבירות, זאל מען אפקומען דאס גלות ליידן דורך ארויסגיין פון שטוב אין זיצן אין סוכה.

**דאס** איז די ווערטער וואס מען זאגט אין די תפילה איידער מען גייט אריין אין סוכה: 'ובזכות צאתי מביתי החוצה, יחשב לי בזה כאילו הרחקתי נדוד', אז דאס ארויסגיין פונדערהיים זאל זיין פאררעכנט ווי גלייך מען איז געגאנגען אין גלות. (וירא אות ג' ד"ה אלא ודאי)

## ערקלערונג פארוואס עס שטייט 'סוכות' צוויי מאל חסר און איינמאל מלא

**בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת** (ויקרא כג, מב).

די גמרא זאגט (סוכה ו:) אז די ווארט 'סוכות' ווערט דערמאנט דריי מאל אין די תורה, די ערשטע צוויי מאל שטייט 'חסר' אן די אות וי"ו - **סֻכֹּת**, און די דריטע מאל שטייט 'מלא' מיט די אות וי"ו - **סֻכּוֹת**, (ועיי"ש).

**מען** קען ערקלערן א שיינע טעם פארוואס די ערשטע צוויי מאל איז עס 'חסר' און די דריטע מאל איז עס 'מלא'. לויט ווי דער זוהר הק' ערקלערט (ח"ג דף קג:), פארוואס אנפאנג פסוק שטייט **תֵּשְׁבוּ** א לשון נוכח (אזוי ווי מען רעדט צו די וואס געפינען זיך נעבן אים, און מען זאגט זיי 'עטץ זאלט'ס זיצן'), און סוף פסוק שטייט **יֵשְׁבוּ** א לשון נסתר (אזוי ווי מען רעדט צו די וואס געפינען זיך נישט נעבן אים, און מען לאזט זיי וויסן 'זיי זאלן זיצן').

**זאגט** דער זוהר הק', די ערשטע מאל איז געשריבן פאר די הייליגע אושפיזין, וואס זיי קומען פון יענע וועלט צו זיצן אין די סוכה פון יעדע איד, און צו זיי רעדט דער אויבערשטער בלשון נוכח (וויבאלד זיי געפינען זיך נעבן אים אויף יענע וועלט), און די צווייטע מאל איז עס געשריבן פאר כלל ישראל וואס זענען אויף די וועלט, דעריבער איז עס געשריבן בלשון נסתר, וויבאלד זיי געפינען זיך פארשפרייט איבער די גאנצע וועלט.

**לויט** דעם קען מען ערקלערן, די ערשטע מאל שטייט **סֻכֹּת** (חסר), וואס גייט ארויף נאר אויף די אושפיזין (פון יענע וועלט), די צווייטע מאל שטייט אויך **סֻכֹּת** (חסר), וואס גייט ארויף נאר אויף כלל ישראל (פון די וועלט). **די** דריטע מאל וואס עס שטייט אין פסוק מלא (ויקרא כג, מג): **לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם**, דאס גייט ארויף ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, און די 'סוכות' זענען געווען די ענני הכבוד וואס דער אויבערשטער האט ארומגענומען כלל ישראל, און דארט זענען געווען סיי כלל ישראל און סיי מלאכים (וואס האבן באגלייט כלל ישראל, עיין זוה"ק שמות ד, ב). דעריבער שטייט עס מלא, צו מרמז זיין אז דארט איז די סוכה געווען בשלימות, כלל ישראל פון די וועלט, צוזאמען מיט די מלאכים פון יענע וועלט. (אמור אות י"ב)

## דער אויבערשטער וועט געבן פאר די גוים צו מקיים זיין מצות סוכה

**עס שטייט אין חז"ל** (עבודה זרה דף ג.), לעתיד לבא - ווען משיח וועט קומען - וועלן די גוים זען די געוואלדיגע שכר וואס כלל ישראל באקומט פארן מקיים זיין מצות, וועלן זיי בעטן אז זיי ווילן אויך מקיים זיין מצות און באקומען שכר, וועט זיי דער אויבערשטער געבן צו מקיים זיין די מצוה פון 'סוכה' (ועיי"ש).

**מען** קען ערקלערן פארוואס וועט דער אויבערשטער אויסוועלן דוקא די מצוה פון סוכה מער פון אלע אנדערע מצוות, וויבאלד סוכה איז א געוויסע סארט גלות ליידן (מען דארף ארויסגיין פון די באקוועמע הויז און זיצן אינדרויסן אין די סוכה), און 'גלות' לייטערט אויס א מענטש ער זאל זיין פאסיג צו מקבל זיין די תורה.

**אזוי** ווי עס ווערט געברענגט אין די מפרשים (אלשיך הק' שמות א, א - ז), כדי כלל ישראל זאל זיין ראוי צו מקבל זיין די תורה, האבן זיי קודם געדארפט דורכגיין 'גלות מצרים' וואס דאס האט זיי אויסגעלייטערט און גרייט געמאכט צו מקבל זיין די תורה.

**דעריבער** וועט דער אויבערשטער געבן פאר די גוים דוקא די מצוה פון 'סוכה', וואס דאס וועט זיי אויסלייטערן זיי זאלן קענען מקבל זיין די תורה. אבער די גמרא פירט אויס, ווען די גוים וועלן זיך אריינזעצן אין סוכה, וועט דער אויבערשטער ארויסנעמען די זון און מאכן זייער הייס, און זיי וועלן ארויסקומען און צושטויסן זייערע סוכות, און נישט קענען אויספירן די מצוה. (וירא אות ג' ד"ה ויובן)

ניע נאמבער
קול זרע שמשון
פאר אידיש דרוקט 2
ארץ ישראל 02-80-80-400
ארה"ב 605-313-9610
לונדון 333-070-6534
• שיעורים • סיפורי ישועות
• נייעס און אפדעיט'ס •
שמעו ותחי נפשכם
פאר טעגליכע דרשות און שיעורים:
לשוה"ק: 1-4 אידיש: 2-5
ענגליש: 3-1 פאר אינהאלטסרייכע
אינטערוויוס 1-1-5

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204 mbpaskesz@gmail.com
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן ארץ ישראל: 05271-66-450 בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
זרע שמשון ע"ר 580624120
וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאצקער גאון

## הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

פרשת האזינו-סוכות
תשפ"ו
גליון קס"ג
שנה ה'

## פרשת האזינו

### פאר'ן אריינגיין אין א"י מעגן די אידן ווען מקיים זיין די מצוות על מנת לקבל פרס

**כִּי לֹא דָבָר רֵיק הוּא מִכֶּם כִּי הוּא חַיֵּיכֶם וּבַדָּבָר הַזֶּה תַּאֲרִיכוּ יָמִים עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אַתֶּם עוֹבְרִים אֶת הַיַּרְדֵּן שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ.** (לב, מז)

אויף "כי לא דבר ריק הוא" זאגט רש"י: "לא לחינם אתם יגעים בה, כי הרבה שכר תלוי בה" - ענקער פלאג אויף די תורה און מצוות איז נישט אומזינסט, ענק באקומען אויף דעם אסאך שכר.

דארף מען לכאורה פארשטיין, ווייל די עיקר עבודה איז דאך צו טון די מצוות שלא ע"מ לקבל פרס, אזויווי דער מדרש זאגט (ב"ר סב, א) אז מען האט געוויזן פאר רבי אבהו דרייצן טייכן פון טייערע אפרסמון אויל וואס איז אנגעגרייט פאר אים לעולם הבא, האט רבי אבהו געזאגט: "אזויפיל איז צוגעגרייט פאר מיר און איך האב געטראכט אז איך פלאג מיר אומזינסט?!"... זענען די מפרשים מסביר (עי' יערות דבש ח"ב דרוש ו) אז לכאורה, וואס איז איינגעפאלן פאר רבי אבהו אז ער פלאגט זיך אומזינסט, איז דען נישטא קיין שכר ועונש ח"ו?! נאר דער פשט איז, אז רבי אבהו האט געזאגט, אז די סיבה אז ער איז זוכה צו אזא שכר איז טאקע ווייל "אֲנִי אָמַרְתִּי **לָרִיק** יָגַעְתִּי" ווייל ער האט בכלל נישט אינזין געהאט צו באקומען שכר, נאר ער האט אלעמאל געזאגט אז ער פלאגט זיך **אומזינסט**! טאקע וועגן דעם איז ער זוכה צו אזא שכר לעולם הבא, ווייל דער עיקר איז צו טון די מצוות שלא ע"מ לקבל פרס. אויב אזוי, פארוואס זאגט משה רבינו פאר די אידן אז מען זאל טון די מצות **כי לא דבר ריק הוא מכם** - קוקט דאך אויס אז מען מעג טון די מצוות כדי צו באקומען שכר?

נאר די גמרא זאגט (סוטה יד.), פארוואס האט משה רבינו געגלוסט אריינצוגיין אין ארץ ישראל, האט ער דען געוואלט עסן די גוטע פירות דארט? ניין! נאר וויבאלד עס איז דא אסאך מצוות התלויות בארץ, האט משה רבינו געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל צו קענען מקיים זיין די מצוות. האט אים דער אויבערשטער געזאגט: אזויווי דו ווילסט דאך מקיים זיין די מצוות כדי צו באקומען שכר, וועל איך דיר רעכענען כאילו דו האסט עס מקיים געוועזן און דו וועסט באקומען שכר.

פרעגט דארט דער מהרש"א, וואס איז די פשט אז משה רבינו וויל מקיים זיין די מצוות כדי צו באקומען שכר, די משנה זאגט דאך אז מען זאל נישט טון ע"מ לקבל פרס? ענטפערט דער מהרש"א, אז דייקא א מצוה וואס מען איז שוין מחויב צו טון טאר מען נישט טון על מנת לקבל פרס, אבער די מצוות התלויות בארץ איז דאך משה רבינו נישט מחויב געווארן ווילאנג ער איז נישט אריין אין ארץ ישראל, און א מצוה וואס מען איז נאכנישט מחויב מעג מען ווען טון על מנת לקבל פרס.

לויט דעם איז זייער גוט פארענטפערט וויאזוי משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן אז זיי זאלן טון די מצוות ע"מ לקבל פרס, ווייל וויבאלד די אידן זענען נאכנישט אריין אין ארץ ישראל, זענען זיי דאך נאכנישט מחויב געווארן דאס צו טון, און אזעלכע מצוות מעג מען ווען מקיים זיין ע"מ לקבל פרס ווי דער מהרש"א זאגט.

וועגן דעם זאגט דא משה רבינו פאר די אידן: "**כי לא דבר ריק הוא מכם**", עטס האטס יעצט א ספעציעלע מעלה, אז אפילו ענק ווילן אודאי מקיים זיין די מצוות שלא ע"מ לקבל פרס, מעגט עטס אבער יעצט יא ווען היטן די מצוות ע"מ לקבל פרס, און עטס דארפטס נישט זאגן **לריק** יגעתי, "**כי הוא חייכם ובדבר הזה תאריכו ימים על האדמה**" און ענק זענען טאקע פארזיכערט מיט א גרויסע שכר, פארוואס טאקע? ווייל "**אשר אתם עוברים שמה לרשתה**" ענק גייען דאך הערשט אריינגיין צו ארץ ישראל, און מצוות וואס מען איז נאכנישט מחויב געווארן צו טון מעג מען אינזין האבן ע"מ לקבל פרס.

## סוכות

### די מצוה פון ד' מינים שטייט נאר לדורות ווייל בזכות די מצוה קומט גוטע רעגן און אין מדבר האט נישט אויסגעפעלט קיין רעגן

**בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי הַזֶּה חַג הַסֻּכּוֹת שִׁבְעַת יָמִים לַה'... אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ... אַךְ בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאָסְפְּכֶם אֶת תְּבוּאַת הָאָרֶץ תָּחֹגּוּ אֶת חַג ה' שִׁבְעַת יָמִים... וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר...** (ויקרא כג, לד- מב)

די פסוקים זענען לכאורה נישט ע"פ סדר, ווייל אין די המשך פון אלע ימים טובים שטייט קודם "**בחמשה עשר יום לחודש השביעי חג הסוכות לה'**", אז ט"ו תשרי איז יו"ט סוכות, און דער פסוק ענדיגט צו "**אלה מועדי ה'**" כאילו מיט דעם ענדיגט זיך פרשת המועדים, און גלייך נאכדעם שטייט נאכאמאל "**אך בחמשה עשר יום לחודש השביעי... תחוגו את חג ה' שבעת ימים**", וואו קומט דאס יעצט אריין? און בכלל דארף מען פארשטיין, פארוואס אין אנפאנג שטייט נאר "**חג הסוכות שבעת ימים**", און הערשט שפעטער שטייט די מצוות פון "**ולקחתם לכם**" צו נעמען ד' מינים און "**בסוכות תשבו**" צו זיצן אין א סוכה?

קען מען זאגן, אז דער פסוק רעדט דא פון צוויי באזונדערע צייטן, קודם רעדט ער אין דער צייט ווען די אידן זענען נאך אין מדבר, וואס דעמאלטס איז נאכנישט געוועזן א מצוה צו זיצן אין א סוכה, ווייל די גאנצע סוכה איז דאך "למען ידעו דורותיכם" צו מאכן א זכר צו די ענני הכבוד, און וועלכע זכר פעלט דען אויס אויב די אידן זיצן דאך ממש אונטער די ענני הכבוד?! איז דעמאלטס איז טאקע נאר געווען "חג הסוכות" טעג פון יו"ט מעורר צו זיין די העכערע קדושה וואס לייכט אויבן אין הימל אין די צייט, אבער מען האט טאקע נישט געדארפט זיצן אין א סוכה.

שפעטער רעדט דער פסוק לדורות, אז אין אלע דורות זאל מען מאכן א יו"ט אלס א זכר צו די ענני הכבוד, און וועגן דעם טאקע זאגט דער פסוק ביים צווייטן מאל "**באספכם את תבואת הארץ**" אז דא רעדט מען נאך וואס די אידן וועלן שוין זיין אין ארץ ישראל און צוזאמנעמען די תבואה, און דעמאלטס טאקע "**בסוכות תשבו שבעת ימים... למען ידעו דורותיכם**" דארף מען זיצן אין א סוכה צו געדענקען די נס פון די ענני הכבוד, וואס אין מדבר האט דאס נישט אויסגעפעלט ווייל מען האט דאך געהאט די ענני הכבוד ממש.

איי וועסטו פרעגן, איז פארוואס שטייט די מצוה פון "**ולקחתם לכם**" צו נעמען די ד' מינים נאר ביים צווייטן פסוק און נישט גלייך אין אנהייב? קען מען

זאגן, ווייל היות מיט די ד' מינים בעט מען אויף גוטע רעגן ווי די גמרא זאגט (סוכה לז:), און אין מדבר האט דאך נישט אויסגעפעלט קיין רעגן, איז דאך די עיקר טעם המצוה שייך נאר לדורות, וועגן דעם שטייט נישט דארט די מצוה פון ד' מינים. און הגם אז אפשר אפילו אין מדבר האט מען אויך גענומען ד' מינים - דאך זאגט די תורה "**ולקחתם לכם**" דייקא שפעטער ביי "**באספכם את תבואת הארץ**", ווייל ער וויל אונז טאקע דאס לאזן הערן, אז בזכות די מצוה פון ד' מינים וועט קומען גוטע רעגן, און דאס וועט צוהעלפן אז מען זאל צוזאמנעמען אסאך תבואה אין פעלד.

**'מלא העומר' פרשת אמור כג, לד**

# קהלת

## די תורה פון איין טאג איז משפיע אויף נאך צוויי טעג און פון שבת איז משפיע אויף אלע זיבן טעג

**הֲבֵל הֲבָלִים אָמַר קֹהֶלֶת הֲבֵל הֲבָלִים הַכֹּל הָבֶל.** (א, ב)

אין זוה"ק שטייט (תיקו"ז תיקון סט) אז עס איז דא "הבל" וואס מיינט פוסטע זאכן, און קעגנדעם איז דא א גוטע "הבל"; **ה'** - חמשה חומשי תורה, **ב'** - די ערשטע אות פון די תורה: **ב**ראשית, און **ל'** - די לעצטע אות פון די תורה: לעיני כל ישרא**ל**, דאס איז די תורה וואס רייניגט אויס די פוסטע הבל.

און די גמרא זאגט (ב"ק פב.) אז עזרא הסופר האט מתקן געווען צו ליינען אין די תורה מאנטאג און דאנערשטאג כדי עס זאל נישט אריבערגיין קיין דריי טעג אן תורה. קומט אויס, אז די תורה פון מאנטאג האט א כח אויף נאך צוויי טעג - זונטאג און דינסטאג, אזוי אויך די תורה פון דאנערשטאג האט א כח אויף מיטוואך און פרייטאג, און שבת אליין, וואס די עיקר שפע פון א גאנצע וואך קומט פון שבת קודש, ליינען **זיבן** קרואים - משפיע צו זיין אויף אלע **זיבן** טעג פון די וואך.

וועגן דעם זאגט דא שלמה המלך: "**הבל - הבלים**" די **הבל** פון תורה פון מאנטאג איז קעגן צוויי אנדערע **הבלים** פון זונטאג און דינסטאג, און נאכאמאל "**הבל - הבלים**" איז די **הבל** פון תורה פון דאנערשטאג קעגן צוויי אנדערע **הבלים** פון מיטוואך און פרייטאג, און "**הכל הבל**" די הבל פון תורה פון שבת איז משפיע אויף **אלע** טעג פון די וואך וואס ווערן נשפע פון די קדושה פון שבת.

# וזאת הברכה

## ווען בלעם האט פארלוירן זיין נבואה האט משה רבינו זוכה געווען צו די דרגה פון 'פנים אל פנים'

**וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה אֲשֶׁר יְדָעוֹ ה' פָּנִים אֶל פָּנִים.** (דברים לד, י)

די גמרא זאגט (יבמות מט:) אז מנשה המלך האט דן געווען ישעיה הנביא למיתה, ווייל ער האט אים געפרעגט: וויאזוי קען זיין אז משה רבינו זאגט (שמות לג, כ) "כי לא יראני האדם וחי" און דו זאגסט (ישעיה ו, א) "ואראה את ה'"? און די גמרא איז מיישב אז עס איז נישט קיין סתירה.

קען מען זאגן ע"פ מה ששמעתי, אז אודאי איז משה רבינו מצד עצמו געווען ראוי צו זען וואס ישעיה הנביא האט געזען, נאר היות בלעם הרשע האט זוכה געווען צו אזא דרגה פון נבואה פונקט ווי משה רבינו, אזוי ווי דער מדרש זאגט (במדב"ר יד, יט) אויפן פסוק "ולא קם נביא עוד בישראל כמשה" - **בישראל** לא קם אבל **באומות העולם** קם, אז בלעם האט זוכה געווען צו נבואה פונקט ווי משה רבינו, כדי די גוים זאלן נישט קענען טענה'ן אז אויב זיי וואלטן געהאט א נביא וואלטן זיי זיך אויפגעפירט גוט, וועגן דעם האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו "לא תוכל לראות את פני", הגם אז משה רבינו לפי גודל קדושתו וואלט יא געקענט זוכה זיין דערצו, אבער וויבאלד משה רבינו און להבדיל בלעם האבן געדארפט זיין זה לעומת זה, און בלעם האט נישט געקענט זוכה זיין צו די הויכע דרגה, וועגן דעם האט משה רבינו דאס אויך נישט געקענט האבן.

און דאס ענדיגט דער פסוק דארט צו: "כי לא יראני האדם וחי", ווייל אויף די גמרא (יבמות סא.) "אתם קרויים אדם ואין עכו"ם קרויים אדם" זאגט תוספות (ד"ה ואין) אז וואו עס שטייט "אדם" מיינט דאס נאר אידן, אבער "האדם" מיינט אויך גוים. האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו "לא תוכל לראות את פני", פארוואס? "כי לא יראני **האדם** וחי", ווייל דער גוי - בלעם - קען דאס נישט זען. ע"כ שמעתי.

קומט דאך אויס, אז נאך בלעם'ס עצה מכשיל צו זיין די אידן ווען ער האט פארלוירן זיין נבואה (עי' רש"י פר' בלק כד, יד) האט משה רבינו שוין יא געקענט זוכה זיין צו די מדריגה פון "לראות את פני".

לויט דעם שטימט דא דער המשך הפסוק זייער גוט, ווייל דער פסוק זאגט: "**אשר ידעו ה' פנים אל פנים**", איז דאך שווער, אז דער אויבערשטער האט דאך אים געזאגט "לא תוכל לראות את פני", וועגן דעם הייבט דער פסוק אן: "**ולא קם נביא עוד בישראל כמשה**", אז **בישראל** איז נישט געווען אזא נביא ווי משה אבער **באומות העולם** איז יא געווען בלעם, און **נאר** וועגן דעם האט משה רבינו נישט זוכה געווען צו די דרגה פון "לראות את פני", אבער שפעטער נאך, וואס בלעם האט פארלוירן זיין נבואה, איז טאקע משה רבינו געווען "**אשר ידעו ה' פנים אל פנים**" ער האט באמת זוכה געווען צו די הויכע דרגה פון "לראות את פני".

**'קומץ המנחה' פרשת ואתחנן דרוש ח' אות ז-ח**

**א גוט קוויטל און א פרייליכן יום טוב**

# די הייליגע צוואה

**ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות**




**איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים**

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת


הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **יחיאל מיכל אונסדארפער** הי"ו

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יעמוד בעדו לברכה והצלחה
בכל הענינים



**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868

# שמחת התורה

ע"י הרב שלום יוסף פריינד שליט"א - מלמד תשב"ר

כל הזכיות שמורות

## הכנה לחג הסוכות

### ארבעה הימים שבין יום הכפורים לחג הסוכות

#### הימים נוראים ממשיכים עד הושענא רבה

דער של"ה הקדוש זאגט, די פיר טעג צווישן יום כפור און סוכות זענען צווישן צוויי קדושות, די פיר טעג זענען צווישן דעם קדושה פון יום כפור, און דעם קדושה פון סוכות, וועגן דעם האבן די פיר טעג א קדושה פון חול המועד.

זאגט דער של"ה הקדוש, והחכם עיניו בראשו, די פיר טעג אויסניצן עוסק צו זיין אין דעם מצות פון סוכה צו בויען און צו באצירן דעם סוכה, אזוי אויך זאל מען עוסק זיין אין דעם מצוה פון קויפן די ד' מינים, א מענטש זאל זיך אסאך מטריח זיין, און ער זאל אויסגעבן אסאך געלט פאר די מצות פונעם אייבירשטן.

☆

#### אינו שומע מה שמדברים אליו

אין ספר מדרש פנחס ווערט געברענגט אז הרה"ק רבי ר' פנחס'ל קוריצער זי"ע האט געזאגט, גלייבט מיר אז דריי טעג נאך יום כפור הער איך נישט וואס מען רעדט צו מיר, עס איז כאילו מען רעדט צו א האלץ, פונקט אזוי האב איך אויך נישט געהערט.....

☆

#### גודל הדביקות של החת"ס

דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט מייסד געווען אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות עטליכע שירים פון דביקות צום אייבירשטן.

זיין זון הרה"ג ר' שמען סופר זצ"ל ברענגט אין ספר שירת משה, אז ער האט געפרעגט פון זיין הייליגן טאטן, טאטע, ווען האסטו געהאט צייט מתקן צו זיין די אלע שירים, דו האסט דאך קיינמאהל נישט מבטל געווען קיין רגע פון דיין תורה לערנען.

האט איהם דער הייליגער חתם סופר געענטפערט מורא'דיגע רייד, בזה הלשון, וויא איך יונגער וואַר, האבע דעם פיר טאגען צווישן יום כפור און סוכות פאר דביקות ניכט געוויסט וואס איך זאל טוהן, זאָ האב איך שירים געזינגן......

☆

#### לימוד מסכת סוכה

אין ספר גדולת יהושע ווערט געברענגט, אז דער הייליגער נאסודער רב זי"ע האט דערציילט, וואס דער גרויסער גאון ר' יעקב אורנשטיין זצ"ל אב"ד לעמבערג האט דערציילט פארן הייליגן צאנזער רב זי"ע, אז ווען ער האט געגעסן קעסט ביי זיין שווער אינעם שטאט יעריסלוב איז דארט ערב יום כפור אנגעקומען אלס א אורח הגה"ק רבינו לוי יצחק מ'בארדיטשוב זיעועכי"א, דער הייליגער קדושת לוי.

פארנאכטס פאר כל נדרי איז דער הייליגער קדושת לוי געקומען אין ביהמ"ד אייגעבויגן אין צוויי פונעם פחד יום הדין, דער גאנצער עולם איז פון גרויס פחד אנטלאפן פון מזרח זייט, אבער איך (הישועות יעקב) האב נישט פארלאזט מיין פלאץ, איך בין אינגאנצן נישט נתפעל געווארן.

שפעטער ווען דער קדושת לוי האט געהאלטן דעם כל נדרי דרשה האב איך געטראכט, לית דין בר נש דער קדושת לוי איז נישט קיין מענטש, ער איז ווי איינע פון די שרפי מעלה, דערנאך האב איך געטראכט אז אפשר איז ער יא א בשר ודם, ער איז א מענטש.

דער קדושת לוי איז געשטאנען א גאנצן נאכט אויף די פיס ער האט געלערנט מסכת יומא גמרא רש"י און תוספות, דערנאך האט ער געדאווענט א גאנצן טאג פארן עמוד, ווען איך האב צוגעקוקט זיין עבודה האב איך מיך כסדר געווארפן מיטן געדאנק, עטליכע מאהל האב איך געטראכט אז איז א מלאך, עטליכע מאהל האב איך געטראכט אז איז א מענטש גלייך ווי אלע מענטשן, אבער בשעת'ן זאגן די עבודה האב איך מחליט געווען, לית דין בר נש, עס מיז איז אז דער צדיק איז א געטליכער מלאך.

מוצאי יום כפור איז דער קדושת לוי געגאנגען צום הויז פונעם שווער פון ישועות יעקב דארטן צו עסן דעם סעודת מוצאי יום הכפורים, ווען דער קדושת לוי האט זיך אראפגעזעצט האט ער תיכף נאך הבדלה געשריגן, "א דערקוויקעניש, א דערקוויקעניש", ווען דער ישועות יעקב האט דאס געהערט האט ער צוריקגעצויגן פונעם החלטה וואס ער האט געמאכט בשעת'ן זאגן די עבודה, ער האט ביי זיך געטראכט אז דער צדיק איז יא א בשר ודם פונקט ווי אלע מענטשן.

מען האט אריינגעברענגט פארן צדיק אלע מיני מאכלים און אלע סארטן געטראנק אז דער צדיק זאל זיך מיט דעם דערקוויקן און דערכאפן זיין הארץ, אבער דער צדיק האט געזאגט, נישט דאס האב איך געבעטן, דערנאך האט ער געזאגט, "מיט וואס דערקוויקט זיך א יוד, מיט א גמרא מסכת סוכה".

מען האט געברענגט פארן קדושת לוי א גמרא מסכת סוכה, ער האט געלערנט די גאנצע מסכת מיט רש"י און תוספות, ערשט דערנאך איז ער געגאנגען טועם זיין פונעם תענית יום הכפורים, דער ישועות יעקב האט געזאגט, ער האט נישט סתם געלערנט, נאר גוט גוט פשט געלערנט, דער ישועות יעקב האט מסיים געווען דעם סיפור, דעאמאלטס האב איך געזאגט, "לית דין בר נש".......

☆

#### הני נשי במאי קא זכין

אין י"ג אורות שטייט אן הוספה צו דער מעשה, אז מוצאי יום כפור איז געווען אין ביהמ"ד א גרויסע מהומה, אלע מתפללים

האבן געוואלט זוכה זיין אז דער צדיק זאל קומען **עסן דעם סעודה ביי זיי אין שטוב**, האט מען מחליט געווען אז ווער עס וועט געבן דעם גרעסטן **סכום אויף צדקה**, דער וועט **זוכה** זיין אינעם גרויסן אורח.

מען האט אנגעהויבן אויסרופן **גרויסע סכומים**, ווען די **שוויגער** פונעם ישועות יעקב האט געהערט אינעם **עזרת נשים** די גרויסע מהומה וואס עס טוט זיך אין ביהמ"ד וועגן דעם אורח, האט זי **אראפגעווארפן איר שטערן טיכל**, וואס דאס איז ווערד געווען **מעהר פון אלע סכומים** וואס מען האט אויסגערופן, וועגן דעם האט דער **שווער פונעם ישועות יעקב** זוכה געווען אז דער גרויסער הייליגן אורח דער **קדושת לוי**, זאל קומען ביי זיי אין שטוב עסן דעם **סעודת מוצאי יום כפור**.

☆

## צומא רבא

דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** זאגט (בדרשות חת"ס), א שיינעם טעם פארוואס יום כפור ווערט אנגערופן מיטן נאמען **צומא רבא** דער גרויסער פאסט טאג, זאגט דער חת"ס, יעדע מצוה צוהט זיך נאר אזוי לאנג ביז מען איז עוסק אינעם מצוה, דער מצוה איז **מגין אויפן מענטש** יענעם גאנצן טאג וואס ער האט **געטון דעם מצוה**, אבער אזוי ווי דער טאג איז אדורך איז **עבר זמנו בטל קרבנו**.

זאגט דער חת"ס, היות אז דער כפרה פון יום כפור ציעהט זיך פון **יום כפור** ביז דעם **ערשטן טאג סוכות**, וואס דער ערשטער טאג פון סוכות ווערט אנגערופן **ראשון לחשבון עוונות**, וואס דאן איז די מצות **ארבע מינים** און די מצות **ישיבת סוכה** וואס דער מענטש גייט ארויס פון זיין הויז און **דער סוכה** ווערט פארעכענט ווי דער מענטש **גייט אין גלות**, זענען די צוויי מצות ווייטער מכפר אויפן מענטש.

וועגן דעם טעם ווערט יום כפור אנגערופן מיטן נאמען **צומא רבא**, ווייל די כפרה פון יום כפור **ציעהט זיך אויך אויף די פיר טעג**, פון נאך יום כפור ביזן יום ראשון לחג הסוכות.

☆

## גדולה הכנת המצוה

**הרה"ק ר' דוד'ל מטאלנע זי"ע** האט געזאגט א הייליג ווארט, פון דעם וואס מען זעהט אז סוכות ווערט אנגערופן **ראשון לחשבון עוונות**, און מען רעכענט נישט די עוונות אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות, איז א ראי' אז די **הכנה פון א מצוה** איז נאך גרעסער פון די מצוה אליינס.

והא ראיה, דעם ערשטן טאג סוכות ווען מען איז בפועל מקיים די מצוה פון **ולקחתם לכם ביום הראשון** רעכענט מען יא די עוונות, אבער אין די **ארבעה ימים שבין יום הכפורים לסוכות** די פיר טעג צווישן יום כפור און סוכות, רעכענט מען נישט די עוונות.

☆

## אין להם פנאי לחטוא

**הרה"ק ר' משה מראזדוב זי"ע** פלעגט נישט אויפגענומען קיין **קוויטלעך** און בקשות אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות.

דער צדיק האט געזאגט, דער גאנצער טעם פארוואס דער ערשטער טאג סוכות ווערט אנגערופן **ראשון לחשבון עוונות** ווייל אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות, זענען **יודישע קינדער טרוד און פארנומען מיט די הכנה** פאר די מצות פונעם יום טוב סוכות, מען האט נישט קיין צייט צו זינדיגן.

האט דער צדיק געזאגט בצחות לשונו, אויב איז דא צייט צו **פראווענען קוויטלעך**, איז אויך דא צייט צו זינדיגן.

☆

## לעשות נשואין בימים אלו

אין ספה"ק **אמרי פנחס** ווערט געברענגט בשם **הרה"ק ר' פנחס מקוריץ זי"ע** אז די בעסטע צייט צו מאכן א חתונה איז אין די **פיר טעג** צווישן יום כפור און סוכות.

ר' פנחס'ל האט פארציילט א **מעשה רב**, פון איינער וואס האט חתונה געהאט **מעהרערע מאהל**, ער האט געהאט עטליכע ווייבער, אבער ער האט זיי אלע **ל"ע אפגעג'גט**, ווייל ער האט נישט געקענט **וואוינען** מיט זיי.

ר' פנחס'ל האט איהם באפוילן ער זאל **חתונה** האבן אין די טעג צווישן **יום כפור און סוכות**, און דער חתונה האט זיך **יא געהאלטן**, דער יוד האט געהאט א שטוב מיט קינדער.

דער ספר **אהל קדושים** ברענגט אז **הרה"ק משינאווא זי"ע** האט חתונה געמאכט זיין זון **הרה"ק ר' משה משינאווא זי"ע** אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות.

עס ווערט דערציילט אז א **שואל** האט אנגעפרעגט **הרה"ג ר' שמואל ענגיל זי"ע מראדמישלע** אויב מען מעג חתונה מאכן אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות, דער ראדמישלער רב האט געענטפערט **להיתר** אז מען מעג **חתונה מאכן אין די טעג.** דער ראדמישלער רב האט געברענגט א ראיה פונעם **ספה"ק עבודת ישראל** וואס פון דארט זעהט מען להיתר.

דער הייליגער **קוזניצער מגיד זי"ע** זאגט אין **עבודת ישראל** (עניני סוכות ד"ה ביום השבת), די הייליגע אושפיזין וואס קומען אין די סוכה ווערן אנגערופן **פנים חדשות** לגבי א **שבע ברכות** און מען דארף נישט האבן א **גאסט** ביי די סעודה אלס א פנים חדשות.

איז פון דאך פון דעם א ראי' אז מען מעג **חתונה מאכן אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות**, ווייל אין די טעג פון סוכות אליינס איז דאך אסור צו מאכן א חתונה אלס **אין מערבין שמחה בשמחה**.

☆

## ימים אלו מסוגלים ללימוד התורה

**הרה"ק מקוזיקלוב זי"ע** (ארץ צבי) זאגט א שיינעם כאפ **לגבי דעם מצוה פון לימוד התורה** אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות.

זאגט דער קוזיקלובער, אז דאס לערנען תורה אין די טעג צווישן יום כפר און סוכות **האט גאר א גרויסער חשובות אין הימל**, מעהר פונעם תורה לערנען פון אלע אנדערע טעג פונעם יאהר.

דער ערשטער טאג סוכות ווערט דאך אנגערופן **ראשון לחשבון עוונות**, קומט אויס אז די תורה וואס א מענטש לערענט אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות איז זיין תורה לערנען א תורה פון א **הבל פין שאין בו חטא**, א תורה וואס קומט ארויס פון א מויל וואס האט נישט קיין זינד.

חז"ל זאגן (שבת קי"ט) אויף די חשובות התורה פון די **תינוקות של בית רבן**, אז זייער תורה איז זייער חשוב אין הימל ווייל זייער לערנען איז א תורה פון א **הבל פיהם שאין בהם חטא**, א תורה וואס קומט ארויס פון די מויל פון די קינדער וואס לערנען תורה ביי זייער רבי'ן וואס זייער מויל וואס האט נישט קיין זינד.

זאגט דער ארץ צבי, דער תורה וואס מען לערענט אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות איז נאך אין א **גרעסערע מדריגה** פון די תורה וואס די **תשב"ר לערנען**, ווייל קטנים זענען

**אינם מצווים ועושים**, זיי זענען נישט באפוילן צו לערנען תורה, משא"כ א גדול איז דאך א **מצווה ועושה**, ער איז באפוילן געווארן פונעם אייבירשטן צו לערנען תורה.

אויב אזוי איז זיין תורה אין די טעג צווישן יום כפור און סוכות **תרתי למעליותא**, סיי ער איז **מצווה ועושהאון** סיי זיין תורה איז א תורה פון א **הבל פיו שאין בו חטא** וואס דאס האט גאר א גרויסער חשובות אין הימל.

# ערב סוכות

## להרבות בצדקה בערב סוכות

### צדק לפניו יהלך

דער **אר"י הקדוש** (פרע"ח סוף שכ"ח) שרייבט אז ערב סוכות **איז א גרויסע ענין** צו טיילן צדקה.

דער הייליגער **בני ישׂשכר זי"ע** (מאמר י' צילא דמהימנותא אות כ"ו) זאגט א שיינעם טעם פארוואס עס איז א **גרויסע זאך** ערב סוכות צו **טיילן צדקה**, עס איז ידוע אז די ענין פון **תשובה** העלפט נאר פאר יודן וואס זיי ווערן אנגערופן **בנים למקום** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **בנים אתם לה' אלוקיכם**, און מיר פסקענען **אב שמחול על כבודו כבודו מחול** א טאטע וואס האט מוחל געווען אויף זיין כבוד איז זיין מחילה א גוטע מחילה.

משא"כ די אומות העולם וואס זיי זענען **עבדים למקום** די גוים זענען קנעכט פארן אייבירשטן פאר זיי העלפט נישט פאר זיי קיין תשובה ווייל מיר פסק'נן **מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחל** א קעניג וואס איז מוחל אויף זיין כבוד איז זיין מחילה נישט קיין מחילה.

זאגט דער בני ישׂשכר, די סוכה איז א **זכר לענני הכבוד**, וואס די ענני הכבוד איז כביכול פארן אייבירשטן אזוי ווי א **סוס א פערד** וואס א מלך רייט אויף דעם אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **ומשה נגש אל הערפל אשר שם אלוקים** משה האט נאנט געגענגט צום דיקן וואלקן וואס די שכינה האט דארט גערוט.

דער דין איז אז **אין משתמשים בשרבוטו של מלך, ואין רוכבין על סוסו** מען טאר זיך נישט באדינען מיט דעם רוט פונעם קעניג און מען טאר נישט רייטן אויף זיין פערד, און מיט דעם וואס די יודן האבן זיך יא **באניצט מיט די ענני הכבוד** איז א ראי' אז זיי זענען **בנים למקום**, ווייל א זון מעג זיך יא באניצן מיט זיין טאטענס פערד.

אזוי אויך די **ד' מינים** וואס זיי וואקסן נישט דורך א **מלאך** נאר דורכן אייבירשטן אליין ווערן זיי ווערן דעם אנגערופן **שרבוטו של מלך** דעם רוט פונעם קעניג, מיט דעם וואס די יודן נעמן סוכות די **ד' מינים** איז אויך א ראי' אז זיי זענען **בנים למקום**, ווייל א זון מעג זיך באניצן מיט זיין טאטענס רוט.

זאגט דער בני ישׂשכר אז פון דען מצוה פון **צדקה** איז אויך א ראי' אז די יודן זענען **בנים למקום**, אזוי ווי גמרא (בבא בתרא י') פארציילט אז **טורנוסרופוס הרשע** האט געפרעגט פון **רבי עקיבא** אויפן מצוה פון **צדקה**, לכאורה וויאזוי מעג מיר שפייזן די **ארימעלייט**, ווען א מלך **שפארט איין זיין קנעכט** און איינער שפייזט איהם וועט דאך איהם דער קעניג הרגענען.

האט איהם רבי עקיבא געענטפערט, אז יודן זענען **בנים למקום** קינדער צום אייבירשטן, ווען א טאטע ווערט אין כעס אויף זיין זון און ער ווארפט איהם ארויס פון שטוב און איינער קומט און **ער שפייזט איהם**, וועט דער טאטע יענעם שטארק **באלוינען**, ווייל ער האט רחמנות געהאט אויף זיין זון.

זאגט דער בני ישׂשכר **על פי שני עדים** דורך די צוויי עדים דער **מצות סוכה** דער מצוה פון זיצן אין א סוכה, און דער מצות **ד' מינים** דאס נעמן די ד' מינים אין יו"ט סוכות, **או על פי שלשה עדים** אדער דורכן צילייגן א **דריטן עד**, די מצוה פון **צדקה**, וואס דער מצוה פון צדקה גייט אויך אן א גאנץ יאהר, **יקום דבר** ווערט באשטעטיגט די זאך אז יודן ווערן אנגערופן **בנים למקום** קינדער צום הייליגן באשעפער.

די דריי זאכן וואס ווייזן אז יודישע קינדער זענען **בנים למקום** זענען א ראי' אז השי"ת נעמט אן אונזער תשובה וואס מיר האבן נאר וואס **תשובה געטון אין יום כפור**, ער איז אונז מוחל אויף אונזערע זינד ווייל **אב שמחל על כבודו כבודו מחל** א טאטע וואס איז מוחל אויף זיין כבוד איז זיין מחילה א גוטע מחילה.

פירט אויס דער בני ישׂשכר, אז דאס איז די ענין פון **מרבה זיין בצדקה ערב סוכות** ווייל מיט דעם ווייזן מיר אז מיר זענען **בנים למקום** מיר זענען קינדער צום אייבירשן אונזער תשובה **וואס מיר האבן געטון אום יום כפור**איז נתקבל געווארן לרחמים ולרצון ביים טאטן אין הימל.

☆

### מכאן רמז לתחיית המתים

אויפן פסוק **ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר וכפת תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל** זאגט דער מדרש **מכאן רמז לתחיית המתים** פון דעם פסוק איז דא א רמז תחיית המתים.

זאגט ווייטער דער מדרש **אבל המינים הכופרים בתחיית המתים האיך נוטלים לולב בימין ואתרוג בשמאל** אבער די מינים ואפיקורסים וואס זיי **לייקענען אין תחיית המתים**, וויאזוי נעמן זיי דעם לולב אין זייער רעכטע האנט און דעם אתרוג אין זייער לינקע האנט.

לכאורה דארף מען צו פארשטיין דעם מדרש, וואס פאר א **שייכות** האבן די **ד' מינים** מיט **תחית המתים**, און וואס איז פשט אין די קשיא וואס דער מדרש פרעגט **וועגן נעמן די ד' מינים**, אויף די וואס זענען **כופרים בתחיית המתים**.

דער **דמשק אליעזר זצ"ל** זאגט מיט דעם אויבן דערמאנטן **בני ישׂשכר**, א הערליכן פשט אויפן מדרש.

דער **פרשת דרכים** זאגט אז פון **תחיית מתים** איז א ראי' אז יודישע קינדער זענען **בנים למקום** קינדער צום אייבירשטען, די גמרא (תענית) זאגט אז דער **שליסל** פון תחיית המתים ליגט אינעם **האנט פונעם אייבירשטן אליינס**, דער אייבישטער האט דאס נישט איבערגעבן דעם שליסל פאר א שליח.

אויב אזוי איז שווער א קשיא, דער אייבישטער איז דאך א **כהן**, און א כהן **טאר זיך מטמא זיין צו קיין מתים**, וויאזוי קען השי"ת זיך מטמא זיין צו די מתים, און זיי מחיה זיין ביי תחיית המתים, זאגט דער פרשת דרכים, מוז מען זאגן אז די יודישע ווערן אנגערופן **בנים למקום**, און א כהן מעג זיך יא מטמא זיין צו זיינע זיבן קרובים.

זאגט דער דמשק אליעזר דער גאנצער טעם פארוואס די יודישע קינדער מעגן נעמן סוכות די **ד' מינים** וואס ד' מינים זענען דעם **שרביטו של מלך**, ווייל יודישע ווערן פארעכנט **בנים למקום** און די הלכה איז **אב שמחל על כבודו כבודו מחל** אזוי ווי מען זעהט טאקע ביי תחיית המתים אז דער אייבישטער איז זיך מטמא צו זיינע קינדער וואס זענען זיינע קרובים.

אבער די כופרים וואס זיי לייקענען אין **תחיית המתים**, האבן זיי דאך נישט קיין ראי' אז יודישע קינדער ווערן אנגערופן **בנים למקום**, אויב אזוי האבן זיי נישט קיין רעכט צו נעמן אין די הענט די **ד' מינים** ווייל מען טאר זיך נישט באניצן מיטן שרבוטו של מלך.

זאגט דער דמשק אליעזר דאס איז פשט אינעם מדרש, דער

מדרש זאגט פון ולקחתם ביום הראשון מכאן רמז לתחיית המתים, פון דעם וואס איך זעה אז יודישע קינדער מעגן נעמען אין זייערע הענט די ד' מינים וואס די ד' מינים זענען דעם שרבטו של מלך, איז דאך א ראי' אז זיי זענען בנים למקום, און זיי זענען קרובים צום אייבירשטן וואס וועגן דעם מעג זיך דער אייבישטער מטמא זיין צו זיינע קינדער ביי די תחיית המתים.

זאגט ווייטער דער מדרש אבל המינים הכופרים בתחיית המתים האיך נוטלים לולב בימין ואתרוג בשמאל אבער די מינים וואס זיי לייקענען אין תחיית המתים, האבן זיי דאך נישט קיין ראי' אז יודישע קינדער זענען בנים למקום אויב וויאזוי נעמען זיי דעם לולב אין זייער רעכטע האנט און דעם אתרוג אין זייער לינקע האנט, די ד' מינים זענען דאך דער שרביטו של מלך און די הלכה איז דאך אז מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחל, א קעניג וואס האט מוחל געווען אויף זיין כבוד איז זיין מחילה נישט קיין מחילה.

## נתינת הצדקה בערב סוכות

### הנוי סוכה של בעל דברי חיים זי"ע

דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז געווען באוויסט מיט זיינע גרויסע צדקות, דער דברי חיים פלעגט אוועק טיילן געוואלדיגע סכומים אויף צדקה א גאנץ יאהר, אבער ערב סוכות האט דער דברי חיים געטיילט צדקה למעלה מן המשוער, סכומים אדירים, ער פלעגט זאגן אז דאס איז זיין נוי סוכה ווען ארימעלייט האבן א שמחת יום טוב.

אזוי וויט אז איינמאהל האט זיין זון הרה"ק ישעי'לע טשחויבער זי"ע אלס קינד געוויזן פאר זיין הייליגן טאטען א גרויסע ווייסע אדלער וואס ער האט געמאכט לכבוד סוכות פאר נוי סוכה, האט אים זיין טאטע דער הייליגער דברי חיים געזאגט, ישעי'לע דאס איז זייער א שיינע נוי סוכה, אבער קום מיין קינד איך וועל דיר אויסלערנען וואס איז די ריכטיגע נוי סוכה, דער דברי חיים האט איהם געוויזן וויאזוי ער טיילט גרויסע סכומים פאר די עניים.

☆

### השמחת יום טוב של העני

עס ווערט דערציילט אז איינמאהל ערב סוכות נאכדעם וואס דער הייליגער דברי חיים האט שוין אויסגעטיילט פאר די ארימעלייט א סכום הגון פון 1800 רייניש, עס איז שוין געווען סמוך ונראה צום זמן פון יום טוב האט דער הייליגער דברי חיים געשיקט בארגן פונעם באקאנטן גביר וואס האט געוואוינט אין צאנז ר' העניך הערבסט, א סכום פון 50 רייניש.

ר' העניך איז געווען זייער נייגעריג צו וויסן, וועמען די דברי חיים האט נאך אינזינען די לעצטע מינוטין פון ערב יום טוב, ר' העניך איז נאכגעגאנגען דעם שליח און ער האט געזען ווי ער גיט איבער דאס געלט פאר אן עני וואס ער האט געוויסט אז מען האט אים שוין געשיקט געלט אויף יום טוב.

עס האט זייער געווינדערט פאר ר' העניך פארוואס דער דברי חיים האט זיך אנגעבארגט געלט ממש פארן זמן פון כניסת החג צו שיקן פאר דעם עני, ווען ער האט געוויסט אז דער הייליגער דברי חיים האט שוין געהאט געגעבן געלט פאר דעם ארימאן אינמיטן טאג.

ר' העניך האט אפגעווארט דעם דברי חיים ווען ער איז געגאנגען אין מקוה לכבוד יום טוב, און ער אים געפרעגט, ילמדני רבינו, פארוואס האט דער רב נאכאמאל געשיקט געלט פאר דעם עני, נאכדעם וואס איך ווייס קלאר אז דער רב האט אים שוין איינמאל געשיקט אינמיטן טאג.

האט אים דער הייליגער דברי חיים געענטפערט, ר' העניך, מיר ווילסטו אויסלערנען וויאזוי צו פירן מיינע צדקות, אבער אז דו פרעגסט שוין יא, וועל איך דער אויסלערנען וויאזוי מען דארף געבן צדקה.

אמת דער ארימאן האט שוין געלט אויף יום טוב, אבער זיין שמחת יום טוב איז נאך נישט גאנץ ווען ער טראכט אז תיכף נאך יום טוב קומט דער קאלטער ווינטער, ער וועט דארפן קויפן שיך פאר זיינע קינדערלעך, און האלץ צום הייצן, דער ארימאן ווייסט נישט פון ווי צו נעמען דאס געלט, ער איז זייער פאר'דאגה'עט, איז דאך זיין שמחת יו"ט נישט גאנץ, וועגן דעם טעם האב איך יעצט נאכאמאהל געשיקט געלט פארן ארימאן, אזוי ארום וועט דער שמחת יום טוב פונעם ארימאן זיין גאנץ.

ר' העניך האט ווייטער געפרעגט, דער רב האט דאך אבער נישט געמיזט ווארטן ממש ביז די לעצטע מינוט פארן זמן, דער רב וואלט געקענט שיקן נאכאמאהל דאס געלט אינמיטן טאג, האט אים דער דברי חיים געענטפערט אז א ארימאן באקומט געלט אינמיטן טאג, לויפט ער גלייך אפצאלן זיינע חובות, אזוי אז ער באקומט דאס געלט הארט פארן יו"ט, לייגט דער ארימאן אוועק דאס געלט אויף איינצוקויפן נאך יו"ט, איז דער ארימאן א גאנצן יו"ט בשמחה רבה.

☆

### ושמחת בחגיך והיית אך שמח

דער הייליגער חתם סופר זי"ע ברענגט אין די דרשות דעם זעלבע בחינה אז דער ריכטיגע שמחה ביים אייבירשטן ווען דער ארימאן איז בשמחה און ער איז נישט באזארגט אויף שפעטער.

דער חתם סופר איז מדייק אין די פסוקים, אז אין סוף פרשת ראה ביי די מועדים עט מען באמערקן אז ביים יו"ט פסח ווערט בכלל נישט דערמאנט דעם ווארט דער ווארט שמחה, ביים יו"ט שבועות ווערט נאר איינמאל דערמאנט די ווארט שמחה, עס שטייט אין פסוק ושמחתם לפני ה' אלוקיכם, אבער ביים יו"ט סוכות ווערט שוין 2 מאהל דערמאנט דאס ווארט שמחה, עס שטייט אין פסוק ושמחת בחגיך, און אויך שטייט אין פסוק והיית אך שמח, הלא דבר הוא.

זאגט דער חתם סופר, דער עיקר שמחה וואס השי"ת האט, ווען מען דערפרייט צובראכענע און ארימע מענטשן, וועגן דעם פסח צייט ווען די תבואות פון די פעלדער זענען נאכנישט געצייטיגט האבן נישט די ארימעלייט וואס צו קלויבן פונעם פעלד, שרייבט נישט די תורה א לשון פון שמחה, וויבאלד די ארימעלייט זענען נישט בשמחה, איז נישט דא א שמחה ביים אייבירשטן.

ביים יו"ט שבועות, ווען מען שנייד אפ די תבואות פון די פעלדער האבן שוין די ארימעלייט לקט שכחה ופאה זענען די ארימעלייט אביסל בשמחה, וועגן דעם שטייט ביי שבועות איינמאל דעם ווארט שמחה.

ביים חג הסוכות וואס איז אויך "חג האסיף", דעמאלטס זאמעלט מען איין אלע תבואות פון די פעלדער און מען ברענגט עס אריין אין די אוצרות, איז עס א צייט וואס די ארימעלייט זאמלען זיך אויך עסן פאר א גאנץ ווינטער איז ביי זיי די שמחה זייער גרויס, שטייט וועגן דעם ביי סוכות 2 מאהל די ווארט שמחה, ווייל ביים רבש"ע איז אויך די שמחה בכפלי כפליים.

☆

### וצדקה תהי' לצל יומם

הרה"ג ר' מאיר אריק זצ"ל טורנא רב האט זיך אמאל געטראפן מיטן באבובער רב הרה"ק בעל קדושת ציון זי"ע הי"ד, האט ער איהם געפרעגט, באבובער רב, איר ווייסט אפשר א טעם פארוואס אייער זיידע דער הייליגער דברי חיים האט ערב

סוכות געטיילט אסאך צדקה, האט דער באבובער גענטפערט, **איך האב נישט געהערט א טעם**, אבער איך קלער אז אין דעם **שיעור סוכה** איז מרומז דעם מצות צדקה.

די הלכה איז אז איינער וואס האט **מאתיים זוז**, דער טאר נישט נעמען פון די **קופת הצדקה** ווייל די ווארט **צדק"ה** באטרעפט **199**, דאס מיינט אז מען האט ביז 199 זוז מעג מען נהנה זיין פון צדקה.

האט דער קדושת ציון געזאגט, דער שיעור סוכה איז דאך **2 גאנצע דפנות** און דער **דריטער דופן** איז גענוג אפילו א טפח, די 2 דפנות דארפן זיין **הויעך 10 טפחים**, און **ברייט 7 טפחים**, און די דריטע וואנט דארף זיין **10 טפחים הויעך**, און **ברייט 1 טפח**.

לאמיר מאכן א חשבון וויפיל **טפחים די סוכה פארמאגט**, דער ערשטע וואנט איז 7 טפחים ברייט אויף 10 טפחים הויעך איז דאס **70 טפחים** (7 מאהל 10 איז 70), דער צווייטער וואנט איז אויך 70 טפחים, איז דאס אינאיינעם **140 טפחים**.

דער דריטער וואנט איז **1 טפח ברייט** אויף **10 טפחים הויעך** איז עס נאך 10 טפחים, זענען אלע דריי ווענט אינאיינעם **150 טפחים**.

די סכך דארף זיין **7 טפחים** די ברייט אויף **7 טפחים** די לענג קומט צו נאך **49 טפחים**, איז אלעס אינאיינעם **199 טפחים** וואס דאס איז ממש כמנין **צדק"ה**.

האט דער באבובער רב אויסגעפירט עס קען זיין דאס איז געווען דאס ענין פארוואס דער זיידע דער דברי חיים האט אזוי פיל **געטיילט צדקה ערב סוכות**, וויבאלד דער **שיעור סוכה** איז די זעלבע גימטריא ווי דער ווארט **צדק"ה**, איז דאס געווען א ריכטיגע הכנה צו די מצות סוכה פון ביינאכט.

ווען ר' מאיר אריק האט דאס געהערט איז אזוי **נתפעל** געווארן פון דעם חשבון, האט ער זיך אנגערופן, באבובער רב, **דאס איז אייער חלק אין די תורה.**

☆

### רמ"ח אברים

לויט דעם חשבון קען מען **מוסיף** זיין אזוי, צדיקים האבן געזאגט מצות סוכה איז דער איינציגסטער מצוה וואס מען גייט אריין אין דעם **מיט אלע רמ"ח אברים**, אפילו מיט די פעדשעדקעס (שיך) אויף די פיס אויך.

אפילו מצות טלית איז אויך נאר **מקיף רוב גוף**, א מקוה גייט מען אריין אין דעם מיטן גאנצן גוף אבער **אן די בגדים**, און מצות ראי' בשלש רגלים איז אן **א שיך**, ווייל אויפן הר הבית טאר מען נישט ארופגיין מיט שיך, משא"כ די מצוה פון סוכה גייט מען אריין אין איר דעם **גאנצן גוף** ממש און מיט די **שיך** אויך.

אז מען איז מוסף צו די **199 טפחים** אויף די שיעור טפחים פון די ערד פונעם סוכה **7 טפחים ברייט** אויף **7 טפחים לענג** קומט צו נאך **49 טפחים**, איז אלעס אינאיינעם **248 טפחים** וואס דאס איז **כמנין רמ"ח**, א רמז אז מען גייט אריין אין די סוכה מיט אלע רמ"ח אברים.

(שמעתי ההוספה מאב"ד בית שמואל שליט"א)

## ושמחת בחגיך

### לשמח את אשתו ברגל

די גמרא זאגט **חייב אדם לשמח אשתו ברגל** אז א מאן איז מחויב צו פארשאפן א שמחת יום טוב פאר זיין פרוי, ער זאל געבן געלט פאר זיין פרוי **זי זאל זיך קויפן א נייע בגד** לכבוד יום טוב, עס ווערט דערציילט אויף דעם ענין א שיינעם סיפור.

יארן צוריק האט משמש געווען אין **ירושלים של מעלה** א מורה הוראה **הרה"ג ר' שלום אייזן זצ"ל**, ר' שלום איז געווען א גרויסע מומחה בודק צו זיין די **כשרות** פון די ארבע מינים יעדעס יאהר פאר יו"ט סוכות פלעגן **הינדערטער יודן** פון **גאנץ ירושלים** קומען צום דיין, זיי האבן געוויזן די **ד' מינים** פארן דיין, כדי ער זאל זאגן זיין **חוות דעת** דערויף.

איינמאהל איז א יונגערמאן געקומען צו ר' שלום, אין זיינע הענט האט ער **געהאלטן א הערליכן אתרוג** וואס איז געווען א **יופי** פון אן אתרוג, דער אתרוג האט געהאט אין זיך אלע מעלות פון א ריכטיגן **פרי עץ הדר**, דער יונגערמאן האט געברענגט דעם אתרוג פאר ר' שלום ער זאל איהם **געבן זיין הסכמה** ער זאל אפקויפן דעם שיינעם אתרוג פונעם סוחר.

ר' שלום האט גענומען דעם אתרוג אין זיינע הענט דאס צו באטראכטן נאך עטליכע מינוט האט ער זיך אנגערופן פארן יונגערמאן, **"לפי דעתי, איז דער אתרוג נישט פאר אייך"**, דער יונגערמאן איז געווארן זייער **פארוואונדערט** אויפן פסק פונעם דיין, ער האט געהאט אדורך געלערענט די הלכות פון די ארבע מינים און לויט זיין מיינונג איז דער אתרוג געווען א **יופי שביופי**, נאך דערצו האט ער אוועקגעגעבן אסאך צייט צו **טרעפן אזא שיינעם אתרוג**, און דא פסק'נט דער דיין אז דער אתרוג איז נישט פאר איהם.

דער יונגערמאן האט געפרעגט פונעם דיין **וואס איז דער פראבלעם מיט דעם אתרוג**, אנשטאט צו ענטפערן א תירוץ האט ר' שלום **צוריק געפרעגט א שאלה** פון דעם יונגערמאן, ר' שלום האט איהם געפרעגט זאגטס נאר וואס איז אייער **באשעפטיגונג איבערן טאג**, האט דער יונגערמאן געענטפערט אז **ער לערנט אין א געוויסן כולל** אין ירושלים.

האט ר' שלום געפרעגט וויפיל איז **אייער געהאלט אין כולל**, האט דער יונגערמאן געענטפערט דעם **קליינעם סכום** וואס דער **כולל באצאלט** פאר די כולל יונגעלייט, האט ר' שלום ווייטער געפרעגט, **וויפיל בעט מען פאר דעם שיינעם אתרוג**, האט דער יונגערמאן געענטפערט דעם **סכום פונעם הויעכן פרייז**, וואס דער סוחר בעט פאר דעם אתרוג.

האט ר' שלום געזאגט איך האב גלייך פון אנפאנג פארשטאנען דעם **הויעכן פרייז** וואס מען בעט פאר אזא **שיינעם אתרוג** ווען דעם האב איך אייך געזאגט אז דער אתרוג איז נישט פאר אייך.

האט ר' שלום אויסגעפירט איר זענט טאקע גערעכט אז דער אתרוג איז א **הדר שבהדר**, אבער לפי דעתי זאלט איר קויפן א **ביליגערן אתרוג**, און פונעם איבריגן געלט זאלט איר **עפעס קויפן פאר אייער פרוי א בגד לכבוד יו"ט**, כדי זי זאל אויך האבן א שמחת יו"ט.

## בניית סוכה על ידי נכרים

### המלצה ישרה על בני ישראל

ווען **ערב סוכות** פלעגט געפאלן אין א **זונטאג**, פלעגט דער הייליגער **בני יששכר זי"ע** זיך משתדל זיין צו **בויען די סוכה דורך גוים**, וואס זונטאג איז זייער **חאגא**, דער בני יששכר פלעגט זיי געבן **דאפעלט ברוינפן** אז זיי זאלן דוקא ארבעטן אינעם טאג פון זייער חאגא.

ווען עס איז אנגעקומען **סוכות ביינאכט**, פלעגט דער הייליגער בני יששכר אריינגיין אינעם סוכה **בפישוט ידים ורגלים**, ער פלעגט קושן די ווענט און די ערד פון די סוכה, און ער האט דאן **ממליץ טוב** געווען אויף יודישע קינדער.

דער בני יששכר האט געזאגט, רבש"ע, געב א קוק, די **ערלים** פאר **אביסל יין שרף** זענען זיי גרייט געווען צו ארבעטן אינעם

**טאג פון זייער חאגא**, וואס א יודיש קינד וואלט קיינמאהל נישט געטאן אזא זאך פאר **כל הון דעלמא**, און קוק נעבעך וואס פאר א **נידריגן מצב** די יודישע קינדער זענען . . . .

## שינה בערב סוכות

### שינה לתיאבון

דער **לקט יושר** ברענגט א איטערסאנטן **מנהג** פון זיין רבי'ן דער **בעל תרומת הדשן זצ"ל** אז ערב סוכות נאכמיטאג זאל מען נישט שלאפן.

דער טעם איז אז כדי מען זאל קענען **שלאפן די ערשטע נאכט סוכות אין די סוכה לתיאבון**, ווייל דער שלאפן איז קובע אז דער **עיקר דירה** פון א מענטש איז סוכות אינעם סוכה.

## קניית הארבע מינים

### תשובה מועלת

**הרה"ק ר' מרדכי'לע מנודבורנא זי"ע** האט איין יאהר געקויפט אן אתרוג פאר יום כפור **וואס דער אתרוג האט געהאט אויף זיך אסאך פלעקן**, ר' מרדכי'לע האט אריינגעלייגט דעם אתרוג אינעם **ארון הקודש** און ער האט געזאגט **בזה הלשון**, אויב מרדכי וועט **תשובה** טון יום כפור, וועט דער אתרוג שיין ווערן.

נאך יום כפור האט דער צדיק ארויסגענומען דעם אתרוג פונעם ארון הקודש און אלע האבן געזעהן דעם דבר פלא **ווי דער אתרוג איז געווארן ממש א נקי מכל** דער אתרוג איז געווארן א הדר שבהדר.

☆

### לערב ילין בכי ולבוקר רנה

**הרה"ק אדמור הזקן מאלכסנדר זי"ע** פלעגט נישט קוקן אויף זיין אתרוג ביז נאך די סליחות פון **שלש עשרה מדות**.

ברוב ענותנותו האט ער געזאגט מיט די טרערן פון די סליחה **שלש עשרה מדות** פאר יום כפור, וואשט מען אפ דעם אתרוג פון אלע פלעקן.

☆

### לעשות תשובה ביחד

**הרה"ק ר' אלעזר מריישא זי"ע** (בן הרה"ק ר' אלימלך מרודניק זי"ע) איז געווען אן איידעם ביי **הרה"ק ר' דוד'ל מקשאנוב זי"ע** א זון פון הייליגן **דברי חיים זי"ע**, דער דברי חיים האט זיך כסדר משתעשע געווען מיט זיין צוגעקומען אייניקל ר' אלעזר מריישא.

דער מנהג אין צאנז איז געווען אז פאר יום טוב סוכות פלעגן די **אתרוגים סוחרים ברענגן** פארן הייליגן דברי חיים עטליכע קעסטלעך מיט אתרוגים, דער דברי חיים פלעגט **קודם אויסקלויבן פאר זיך א שיינעם אתרוג**, דערנאך פלעגט דער דברי חיים טיילן אתרוגים פאר זיינע קינדער און פאר זיינע אייניקלעך.

ר' אלעזר מריישא איז געווען א יונגערמאן תיכף נאך זיין חתונה, **ער איז געווען סמוך על שלחן פונעם הייליגן דברי חיים**, ער איז געווען פון די יונגסטע אייניקלעך פונעם דברי חיים, ר' אלעזר האט זיך געמאכט א חשבון אז אזוי ווי ער איז פון די **יונגערע אייניקלעך פונעם דברי חיים** וועט איהם אוודאי אויסקומען דעם **שוואכסטן** אתרוג.

ר' אלעזר האט זיך גענומען דרייסט ער איז ציגעגאנגן צום קעסטל פון די אתרוגים איידער דער קעסטל איז **אנגעקומען צום דברי חיים** און ער האט זיך אויסגעקליבן פון דארט א הערליכן אתרוג.

**שפעטער ווען מען האט געברענגט דעם קעסטל מיט אתרוגים צום הייליגן דברי חיים** האט דער דברי חיים גלייך מרגיש געווען אז עס פעלט אן אתרוג, דער דברי חיים האט נישט גערוט ביז ער איז געוואר געווארן אז זיין אייניקל ר' אלעזר **האט גענומען דעם אתרוג**, דער דברי חיים האט געהאט אויף איהם א **שטארקע הקפדה**, ער האט באפוילן ער זאל מעהר נישט **איבערטרעטן** דעם שוועל פון זיין טיר.

ר' אלעזר האט געשיקט זיין פעטער **הרה"ק ר' ברוך מגארליץ זי"ע** מפייס צו זיין דעם דברי חיים אבער עס איז איהם נישט געלונגן אראפצונעמען דעם הקפדה, ר' אלעזר האט דערנאך אריינגעשיקט זיין רביצין זי זאל פרובירן מפייס צו זיין דעם זיידן דעם **הייליגן דברי חיים** אבער עס איז איר אויך נישט געלונגן אראפצונעמען דעם הקפדה וואס דער זיידע האט געהאט אויף איר מאן, ר' אלעזר האט געזעהן אז ער האט נישט קיין ברירה האט ער געזאגט **יעבור עלי מה**, איך וועל אליין אריין גיין **מפייס זיין דעם זיידן** דעם הייליגן דברי חיים.

ר' אלעזר איז אריין אינעם שטוב פונעם דברי חיים ער האט געטראפן דעם הייליגן דברי חיים גיין אין שטוב אהין און צוריק **פארטראכט אין זיינע הייליגע מחשבות** אז עס איז געפאלן א גרויסער פחד אויף ר' אלעזר, און מיט גרויס שוועריגקייט האט ער ארויסגעזאגט די ווערטער פון זיין מויל, **זיידע, איך וועל שוין זיין גוט.**

דער הייליגער דברי חיים איז איהם אקעגן געלאפן און ער האט איהם געזאגט **איך וועל שוין אויך זיין גוט, לאמיר אינאיינעם זיין גוט**, דער הייליגער דברי חיים האט איהם דערנאך **מוחל געווען בלב שלם.**

# סוכות

## אחלקה שכם ועמק סוכות אמדד

### סוכה מכפרת על ימי השנה

**הרה"ק ר' ישכר דוב מבעלזא זי"ע** טייטשט דעם פסוק (תהילים ל"ט) **אלוקים דבר בקדשו אחלקה שכם ועמק סוכות אמדד** אזוי.

א יאהר האט 365 טעג, **יום כפור האט נישט דער שטן קיין רשות משטין צו זיין**, די 4 טעג צווישן יום כיפור און סכות זענען אידישע קינדער טרוד מיט בויען די סוכה און קויפן די ד' מינים **האט מען נישט קיין צייט צו זינדיגן** (ולכך נקרא יום ראשון דסוכות ראשון לחשבון עונות), קומט אויס אז **5 טעג א יאהר איז דער שטן נישט מקטרג זיין**, די איבריגע **360 טעג** דארפן האבן אן המתקה, ווייל אין זיי קען דער שטן יא מקטרג זיין.

טייטשט ר' ישכר דוב דעם פסוק אזוי, **אלוקים**, די מידת הדין, **דבר בקדשו**, האט גערעדט אין די ימים נוראים, **אעלוז"ה** דאס ווארט אעלוזה צוטיילט מען **אעלוז ה'**, איך וועל מיך פרייען **מיט די 5 טעג א יאהר** וואס דער שטן קען נישט מקטרג זיין אויף יודישע קינדער.

**אחלקה שכ"ם**, איך וועל אפטיילן עקסטער די איבריגע **360 טעג** וואס דעמאלטס קען איך יא מקטרג זיין אויף זיי (שכ"ם בגימטריא 360), **ועמק סוכות אמדדה**, אבער איך מעסטן די טיפקייט פון דעם **שיעור סוכה** וועט דאס **מכפר** און **ממתיק** זיין

אז מען זאלן נישט קענען מקטרג זיין אפילו אויף די איבריגע 360 טעג פונעם יאהר.

א סוכה דארף האבן **3 דפנות**, די העכסטע שיעור סוכה איז **20 אייילן**,א יעדע אמה האט אין זיך 6 טפחים, קומט אויס אז א וואנט פון עשרים אמה האט אין זיך **120 טפחים** 6 מאהל 20 איז 120.

די גמרא זאגט **עד עשרים אמה אדם יושב בצ"ל סוכה**, ווייל דער ווארט **צ"ל** איז בגימטריא **120**, קומט אויס אז די דריי ווענט פון די סוכה האבן אינאיינעם **360 טפחים**, 120 מאהל 3 איז 360, די 360 טפחים פון די דפנות הסוכה זענען מכפר אויף די **360 טעג פונעם יאהר** וואס מען קען זינדיגן אין זיי.

מיט דעם טייטשט מען דעם פסוק (תהילים) **הנה טפחות נתת ימי**, דורך די טפחים פון די סוכה פארצייטסטו אויף מיינע טעג פונעם יאהר.

☆

## אחלקה שכם

דער הייליגער **גר"א** טייטשט אויס דעם פסוק **"אחלקה שכם ועמק סוכות אמדד"** אויף א נפלא'דיגן אופן.

**אחלקה שכ"ם** אז איך וועל ציטיילן די גימטריות פון די אותיות **שכ"ם** דאס מיינט א האלבן גמטריא פונעם אות **שי"ן** איז **150**, א האלבן גימטריא פונעם אות **כ"ף** איז **10**, און א האלבן גימטריא פונעם אות **מ"ם** איז **20**.

**ועמק סוכות אמדד** וועט מען דורך דעם קענען אויסמעסטן **די שיעורים פון הכשר סוכה.**

א דופן סוכה דארף זיין הויעך **10 טפחים** און ברייט **7 טפחים**,קומט עס אז א וואנט האט **70 טפחים**, 7 מאהל 10 איז 70, צוויי ווענט פון די סוכה דארפן זיין 7 טפחים ברייט און די דריטע וואנט איז גענוג אז עס ברייט **1 טפח**, קומט אויס אז אלע דריי ווענט אינאיינעם האבן אין זיך **150 טפחים**, 2 מאהל 70 איז 140, מיט 1 מאהל 10 איז 150) דאס איז האלבע פונעם אות **שי"ן** וואס דאס איז **150**.

די הייעך פון די סוכה איז לכל הפחות **10 טפחים הויעך**, דאס איז די האלבע פונעם אות **כ"ף** וואס דאס איז **10**.

די העכסטע שיעור סוכה איז **20 אמות**, דאס איז די האלבע פון אות **מ"ם** וואס דאס איז **20**.

לויט דעם מען קען מוסיף זיין די קרקע הסוכה דארף זיין צום וויינגיסטענס 7 טפחים ברייט אויף 7 טפחים לענג וואס דאס איז **49 איילן** , 7 מאהל 7 איז 49) אזויפיל ווי עס באטרעפט דאס ווארט **אמד"ד**.

קען מען טייטשן **ועמק סוכות** אז איך וויל אויסרעכן וויפיל עס קומט אויס די **טיפסטע חלק פון די סוכה** דאס איז די **קרקע הסוכה**.

**אמד"ד** וועל איך מעסטן לויט וויפיל עס איז דער גימטריא פונעם ווארטאמד"ד.

# שלשה מי יודע

## נר סוכה עירוב

**דער חיד"א** ברענגט **א מסורה** דריי מאהל שטייט אין פסוק דאס ווארט **כ"י**.

איינמאהל שטייט אין פסוק **כ"י בסוכות הושבתי את בני ישראל**, דער צווייטער מאהל שטייט אין פסוק **כ"י ברחוב נלין**, דער דריטער מאהל שטייט אין פסוק **כ"י נר מצוה ותורה אור**.

טייטשט דער חיד"א אויס דעםמסורה מיט א ווארט וואס ער האט געהערט אלס קינד פון א חכם אויף די אותיות פונעם סדר האלף בית **י' כ' ל' מ' נ' ס' ע' פ'**.

עס זענען דא דריי מצות וואס זענען כשר ווען זיי זענען **10 טפחים** אין די הייעך, און זיי זענען **פסול למעלה מעשרים אמה**, די דריי מצות זענען דער **מצות סוכה**, דער **מצות עשיית העירוב**, און דער מצות **הדלקת נר חנוכה**.

די דריי מצות זענען מרומז אין די אותיות פונעם סדר **האל"ף בי"ת** אין די אותיות **י' כ' ל' מ' נ' ס' ע' פ'**.

**י' כ'**, ווען זיי זענען **10** טפחים אין די הייעך, זענען זיי **כ'שר**.

**ל' מ' נ' ס' ע' פ'** איז נוטריקון די ווערטער **ל'מעלה מ'עשרים נ'ר ס'וכה ע'ירוב פ'סול**.

מיט דעם טייטשט דער חיד"א **דעם מסורה**.

**כי בסוכות הושבתי את בני ישראל** ביי די מצוה פון סוכה שטייט אין פסוק **למען ידעו** וואס פון דעם לערנען חז"ל ארויס אז למעלה מעשרים פסול ווייל **עד עשרים אמה אדם יודע שהוא יושב בצל סוכה** ביז 20 איילן ווייסט א מענטש אז ער זיצט אינעם שאטן פונעם סוכה.

**כי ברחוב נלין** דעם זעלבן דין איז ביי **א עירוב** וואס מען איז קובע אויפן גאס **אז למעלה מעשרים אמה** איז אויך פסול.

**כי נר מצוה ותורה ואור** די זעלבע דין איז ביי מצות **נר חנוכה** טאמער עס איז **למעלה מעשרים אמה** איז עס **פסול**.

מען קען מוסיף זיין אז די ווארט כ"י האט אין זיך ביידע שיעורים סיי דעם שיעור פון **20 אמות** און סיי דעם שיעור פון **10 טפחים**.

דאס קומט צו לערנען אז העכער צוואנציג אמה **איז עס פסול**, אזוי אויך אינטער צעהן טפחים **איז עס אויך פסול**.

# יחביאנו צל ידו תחת כנפי השכינה

## צל סוכה

ביי די תפלה פון **נעילה** זענען מיר מתפלל **יחביאני צל ידו תחת כנפי השכינה**, מיר בעטן פון השי"ת אז ער זאל אונז באשיצן **אינטער זיינע פליגלען**.

דער הייליגער **בני יששכר זי"ע** ברענגט, אז ער האט געפרעגט זיין מחותן דעם הייליגן **עטרת צבי זי"ע** פארוואס זאגט מען **"תחת כנפי השכינה"** השי"ת זאל אונז באשיצן **אינטער זיינע פליגלן**, לכאורה וואלט מען געדארפט זאגן **על כנפי השכינה**, ווייל די נשמת בני ישראל זענען **על כנפי השכינה**, נאר די נשמת גרים זענען תחת כנפי השכינה.

האט דער עטרת צבי געענטפערט אז די ווערטער **יחבאינו צל ידו תחת כנפי השכינה** גייט ארויף אויף די **מצות סוכה**, וואס יודן גרייטן זיך מקיים צו זיין תיכף נאך יום הקדוש.

דער **זהר הקדוש** רופט אן דעם צל סוכה **כאימא הסוככת על בניה** אזוי ווי א מאמע וואס טוט באשיצן אירע קינדער.

זאגט דער בני יששכר וועגן דעם הייסט דער **צל ידו** פון די סוכה **תחת כנפי השכינה** אינטער די פליגלן פון די שכינה.

☆

## שיעור סוכה

מען קען זאגן אז אין די ווערטער **צ"ל יד"ו** איז מרומז דעם **שיעור** הכשר סוכה.

די גמרא זאגט אז א סוכה וואס איז הויעך ביז **צוואנציג אמה** איז דער סוכה כשר, חז"ל זאגן אמה בת ששה טפחים, **איין אמה** האט אין זיך **6 טפחים**, קומט אויס אז אז אין צוואנציג איילן איז דא **120 טפחים**.

קען מען זאגן אז דער ווארט צ"ל איז בגימטריא **120**, דאס איז א רמז צו די **120 טפחים**.

דער ווארט **יד"ו** איז בגימטריא **20**, א רמז צו די **20 אמות** פון די הייעך פון די סוכה.

## מצטער פטור מן הסוכה

### ע"י הסוכה יהי פטור כל השנה מצער

די משנה זאגט (סוכה פרק ב') **מצטער פטור מן הסוכה** דער וואס האט צער איז פטור פון די סוכה, טייטשט דער הייליגער **תפארת שלמה זי"ע** די רייד פון די משנה אזוי.

**מצטע"ר פטו"ר מ"ן הסוכ"ה** דורכן זיצן אין יו"ט סוכות אין א סוכה, ווערט א מענטש **פטור פון א גאנץ יאהר פון א צער**, דער מענטש וועט א גאנצן יאהר נישט וויסן פון קיין צער.

זאגט דער תפארת שלמה, דאס איז אויך פשט אין די ווערטער פונעם משנה **חולין ומשמשיהן פטורין מן הסוכה**, א קראנקע מענטש און זיין באדינער זענען פטור פון די סוכה.

**חולי"ן ומשמשיה"ם פטורי"ם מ"ן הסוכ"ה** דורכן מקיים זיין דעם מצוה פון ישיבת הסוכה, ווערט מען **א גאנצן יאהר פטור פון אלע סארט קרענק**, און די מצוה פון ישיבת סוכה איז משפיע אז מען ווערט שנעל אויסגעהיילט א **רפואת הנפש** און א **רפואת הגוף**.

☆

### מצות סוכה מסוגל לפרנסה

דער משנה זאגט (סוכה פרק ב') **מי שהי' ראשו ורובו בתוך סכתו** ווער עס האט זיין קאפ און רוב פון זיין קערפער אינעם סוכה, **ושלחנו בתוך הבית** און זיין טיש איז אינעם הויז.

זאגט דער תפארת שלמה, די משנה איז מרמז אז דער **מצוה פון סוכה וואס א מענטש איז מקיים אינעם יו"ט סוכות** דאס איז משפיע פארן מענטש **פרנסה בריוח** אין זיין הויז אויף א **גאנצ יאהר**.

זאגט דער תפארת שלמה, דאס איז אויך די כוונה וואס די גמרא (סוכה כ"ט) זאגט, **מנא מיכלא חוץ לסוכה**, די מצוה פון סוכה האט א כח משפיע צו זיין א **שפע פון פרנסה פאר אלע יודישע קינדער** אויף א גאנצ יאהר, ווען מען שוין זיין צוריק אינדערהיים, **אינדרויסן** פון די סוכה

## אשר שם שמות בארץ

### מלא שמות

דער הייליגער **תפארת שמואל זי"ע** (אלכסנדר) פרעגט, וויאזוי מעג מען **טרעטן אויף די ערד פון די סוכה**, די סוכה איז דאך **מלא שמות** פונעם אייבערשטן, און מען טאר דאך נישט טרעטן אויף שמות.

ענטפערט דער תפארת שמואל, אז א יוד איז אויך **מלא שמות**, א יוד האט אין זיך איינגעקריצט דעם **שם שד-י** אזוי ווען זאגט ביי ברכת המזון **על בריתך שחתמת בבשרינו**, די הלכה איז אז מען מעג ארויפלייגן **שמות** אויף שמות.

☆

### אינו יכול לדרוס על השמות הק'

אין ספר **שיח זקנים** ווערט דערציילט, אז אינעם שטאט **צפת** ווען הגאון **ר' שמואל העלער זצ"ל** איז געווען דארטן דער רב, האט געוואוינט אין צפת א **יודישער אפטייקער** מיטן נאמען ר' **זושא**, ר' שמואל פלעגט יעדעס יאהר סוכות **פארציילן דעם פאלגענדן סיפור**, וואס עס איז פארגעקומען מיט ר' זושא אפטייקער.

איינמאהל האט מען גערופן דעם **ערשטן נאכט סוכות** דעם ר' זושא ער זאל **גיין צו א חולה**, אויפן וועג האט ר' זושא געזעהן ווי א יוד **שטייט אינדרויסן פון זיין סוכה** און ער גייט נישט אריין אין זיין סוכה, אויפן וועג אהיים נאכן באזוכן דעם חולה, האט ר' זושא ווידער געזעהן ווי דער יוד **שטייט נאך אלסט אינדרויסן פון זיין סוכה**, ער גייט נישט אריין אין זיין סוכה.

האט ר' זושא געפרעגט דעם יוד, ר' יוד, **פארוואס גייט איר נישט אריין אין אייער סוכה** צו עסן דעם סעודת יו"ט, האט דער **תמימות'דיגער יוד** געענטפערט, איך האב געהערט פונעם רב ביים **שבת שובה דרשה** אז די סוכה איז פול מיט **שמות הקדושים**, אויב אזוי ווי אזוי קען איך **פשוט'ער יוד** אריינגיין אין די סוכה, און **טרעטן** ח"ו אויף די שמות הקדושים.

האט ר' שמואל דערציילט, אז דער אייבישטער האט **חונן דעת** געווען פאר ר' זושא א גוטן **המצאה** ער זאל איהם ענטפערן א תירוץ, האט ר' זושא געזאגט פאר דעם יוד, דער גאנצער טעם פארוואס דער סוכה איז **מלא שמות** ווייל מען מאכט דערויף א ברכה **אשר קדשנו במצותיו וצונו לישב בסוכה**, אבער איידער מען האט נאכנישט געמאכט דעם ברכה זענען **ווענט פון די סוכה** אזוי ווי **פשוט'ע העלצער** עס האט נאכנישט קיין קדושה, ממילא **קענסטו אריינגיין** אינעם סוכה.

אזוי ווי דער יוד האט דאס געהערט, איז ער מיט גרויס שמחה **אריינגעשפרינגן אינעם סוכה**, ער האט געמאכט קידוש, און געגעסן דארט די סעודה פונעם ערשטן נאכט יו"ט.

## אם הבנים שמחה

### כדרך גדלתן

עס שטייט אין ספר **שובע שמחות** אז די ימים טובים פון ר"ה, יום כיפור, סוכות און שמחת תורה זענען אזוי ווי א **מאמע** וואס זי פירט זיך מיט איר **ניי געבוירן קינד**.

אין **ראש השנה** איז דער מענטש **באשאפן געווארן** אזוי ווי מען זאגט ביי תפלת מוסף **היום הרת עולם**.

די ערשטע זאך געט מען פאר א קינד **איז עסן אין זיין מויל**, אזוי אויך געט אונז דער אייבירשטער אין אונזער מויל **ראש השנה** א רוחניות'דיגע עסן מיר **בלאזן שופר מיטן מויל**, און מיר זאגן מיטן מויל פסוקי **מלכיות זכרונות שופרות**.

נאכדעם **וואשט מען אפ דאס קינד** פון אלע **ליכלוכית** פון אלע זיינע שמוץ, אזוי אויך **וואשט אונז השי"ת אפ** יום כיפור פון אלע עונות.

דערנאך נעמט מען **ארום דאס קינד** און מען **ווארעמט** אים, דאס איז די מצוה סוכה וואס השי"ת נעמט אונז ארים מיט א **אור מקיף** אזוי ווי דער זהר הקדוש זאגט **"כאמא הסוככת על בניה"** אזוי ווי א מאמע באשיצט אירע קידער.

ווען דאס קינד ווערט אביסל גרעסער **געט מען עפעס אין די הענט אריין** צו האלטן, דאס איז מצוה **פון די ד' מינים** וואס מיר מאכן מיט זיי די נענועים.

ווען דאס קינד ווערט שוין נאך גרעסער **לערנט מען אויס צו גיין**, דאס איז **די הקפה** וואס מען מאכט יעדן טאג נאך הלל.

ווען דאס קינד ווערט שוין גרויס **קען ער שוין טאנצן**, דאס איז די הייליגע הקפות וואס מיר טאנצן **שמיני עצרת** און **שמחת תורה** וואס מיר פרייען זיך מיט השי"ת און די תורה הקדושה.

# כל האזרח מישראל

## נשים פטורות

פון די ווערטער **כל האזרח** דרש'נן חז"ל **להוציא את הנשים** אז פרויען זענען פטור פון מצות סוכה.

לכאורה איז שווער מיר פסקנן דאך אזוי ווי **ר' אליעזר** אז סוכה איז א **זכר לענני הכבוד**, אויב אזוי פארוואס זענען פרויען פטור פון מצות סוכה, **אף הם היו באותו הנס**, זיי זענען דאך אויך געווען אינעם נס פון די ענני הכבוד.

דער **גר"א** זאגט אז וועגן דעם מאכן מיר א זכר לענני הכבוד אין **חודש תשרי** און נישט אין חודש ניסן ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים (כקושית הטור), ווען די אידן האבן געזינדיגט ביים **חטא העגל** זענען דאן **אוועקגעגאנגען** די **ענני הכבוד** פון זיי אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **כי פרוע ישראל** אידישע קינדער זענען געווארן אויפגעדעקט ווייל דער וואלקן האט **פולט** געווען די **בעלי עבירה**.

אינעם טאג פון יום כיפור האט השי"ת געזאגט **סלחתי כדבריך, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם**, מען זאל בויען א משכן די שכינה קומט אראפ רוען צווישן די יודישע קינדער.

ממחרת יום הכיפורים **י"א תשרי** האט משה רבינו איינגעזאמעלט די יודן ער האט זיי באפוילן אויפן נדבת המשכן, **והם הביאו אליו נדבה בבוקר בבוקה**, די יודן האבן געברענגט די נדבות פארן משכן **י"ב תשרי** און **י"ג תשרי**.

אינעם טאג פון **י"ד תשרי** האט משה גערופן די חכמי לב ער האט זיי איבערגעבן די נדבות פון די יודן, **ט"ו תשרי** האבן אנגעהויבן צו בויען די משכן דעמאלטס איז **צוריק געקומען** די **ענני הכבוד**.

זאגט דער גר"א וועגן דעם מאכן מיר סוכות **ט"ו תשרי** א זכר פאר די ענני הכבוד, ווייל די עיקר שמחה איז אז השי"ת האט **מוחל געווען אויפן חטא העגל**, און ער האט אונז **צוריק געגעבן** די ענני הכבוד.

דער **חיי אדם** זאגט, אז לויט דעם איז שוין פארענטפערט פארוואס **פרויען זענען פטור פון מצות סוכה**, וויבאלד די פרויען האבן נישט געהאט א חלק אינעם **חטא העגל**, זיי האבן נישט געוואלט געבן זייערע צורינג,

האט זיי נישט די וואלקן אויסגעשפיגן זיי זענען א גאנצע צייט **געבליבן אין די עננים**, ממילא דארפן זיי נישט מאכן קיין זכר צו בויען סוכות אויף די ענני הכבוד.

ביי די **נשים** איז נישט שייך צו מאכן א **זכר לענני הכבוד** אז זיי זענען צוריק געקומען, ווייל וויבאלד זיי האבן **נישט געזינדיגט ביים חטא העגל** זענען די ענני הכבוד פון זיי קיינמאהל נישט אוועק געגאנגען.

☆

## למה אין אנו עושין זכר להמן להבאר ולשליו

מיט דעם איז אויך פארענטפערט א קשיא וואס דער **חיד"א** ברענגט, פארוואס מען מאכט נאר א זכר אויף די **ענני הכבוד** און מיר מאכן נישט א זכר אויף די אנדערע זאכן אזוי ווי די **מן, באר, שליו**, וואס די יודן האבן געהאט אין מדבר.

די זכר וואס מיר מאכן אויף די ענני הכבוד איז נאר אויף די שמחה אז מיר האבן עס **צוריק באקומען נאכן חטא העגל**, משא"כ דער מן באר און שליו האבן זיך נישט אויפגעהערט **די גאנצע 40 יאהר וואס די אידן זענען געווען אין מדבר**, דארף מען נישט מאכן א זכר דערויף.

☆

## הפורש סוכת שלום

אין די עלטערע יארן האט דער **חפץ חיים** זצ"ל חתונה געהאט **בזיווג שני**, יענעם יאהר האט דער חפץ חיים **אויפגעשטעלט** זיין **סוכה** נעבן זיין הויז, אויפן פלאץ ווי ער פלעגט **שטענדיג אויפשטעלן** זיין סוכה.

נאכן ענדיגן אויפשטעלן די סוכה איז די רעביצין **ארויס געקומען קוקן אויפן סוכה**, זי האט געזאגט פארן חפץ חיים אז לויט ווי זי טראכט וואלט מען ענדערש געדארפט **אויפשטעלן דעם סוכה אויף אן אנדערע פלאץ**, וואס זי האט אנגעוויזן.

כאטש דער חפץ חיים האט אלע יאהרן אויפגעשטעלט זיין סוכה אויף דעם פלאץ האט דער חפץ חיים **גארנישט געענטפערט**, נאר ער האט תיכף צינימען זיין סוכה און ער האט **אויפגעשטעלט דעם סוכה אויפן נייען פלאץ** ווי די רעביצין האט אנגעוויזן.

נאכן ענדיגן בויען דעם סוכה צום צווייטן מאהל איז די רעביצין נאכאמאהל געקומען **בודק זיין דעם סוכה**, האט זי זיך אנגערופן צום חפץ חיים, **איך מיין אז עס טאקע אסאך בעסער**, דארט ווי דער סוכה איז פון פריער געשטאנען, אן זאגן א ווארט האט דער חפץ חיים **ווידער צינימען דעם סוכה**, און עס צוריק אויפגעשטעלט אויפן ארגינעלן פלאץ.

# מצוה קלה יש לי וסוכה שמה

## שאין בו חסרון כיס

די גמרא (ע"ז ג') זאגט ווען משיח וועט קומען וועלן די גוים זאגן פארן אייבערשטן **תנה לנו מראש** געב אונז די תורה פון פריש, וועט זיי השי"ת זאגן **מצוה קלה יש לי וסוכה שמה** איך האב א גרינגע מצוה וואס **זי הייסט סוכה**, גייט און בויעט אייך סוכות.

זאגט די גמרא פארוואס הייסט די מצוה פון סוכה **א מצוה קלה** א גרינגע מצוה, ווייל עס איז א מצוה **שאין בו חסרון כיס**, די מצוה פון סוכה קאסט נישט קיין געלט.

פרעגן די **מפרשים**, למעשה זעהט מען אז צו בויען א כשר'ע סוכה **קאסט יא געלט**, פארוואס רופט מען אן די מצות סוכה א **מצוה קלה**, א גרינגע מצוה וואס קאסט נישט קיין געלט.

דער **תורה תמימה** זאגט א שיינעם פשט פארוואס די מצות סוכה איז א מצוה **שאין בו חסרון כיס**.

די גמרא (סוכה כ"ז) זאגט **כל ישראל ראויים לישב בסוכה אחת** אלע יודן קענען זיצן אין איין סוכה, זאגט רש"י א סוכה וואס אלע יודן בויעט אינאיינעם קומט אויס פאר יעדעם ווייניגער פון א **שוה פרוטה**.

זאגט דער תורה תמימה, אז וועגן דעם ווייל עס איז שייך א היכי תמצא א סוכה וואס יעדער האט דערין **א שוויות ווייניגער פון א שוה פרוטה**, רופט וועגן דעם דער אייבישטער אן די מצוה פון סוכה א **מצוה קלה** א עס איז א גרינגע מצוה **שאין בו חסרון כיס** וואס דער מצוה קאסט נישט קיין געלט.

☆

## הפורש סוכת שלום על כל עמו ישראל

לויט דעם קען מען **מוסיף** זיין, וועגן דעם האט דער אייבישטער געזאגט געווען פאר די אומות העולם אז סוכה איז א **מצוה קלה שאין בו חסרון כיס** מיטן חשבון פון **כל ישראל ראויים לישב בסוכה אחת** אלע יודן ראוי צו זיצן אינאיינעם אין איין סוכה.

דער אייבישטער האט געוואלט מרמז זיין פאר די **אומות העולם**, ביי יודן איז שייך אזא זאך אז זיי זענען **ראוי צו זיצן אינאיינעם אין איין סוכה** ווייל די יודן זענען **ברודערלעך**, זיי לעבן בשלום איינער מיטן צווייטן.

אבער ביי אייך ביי די אומות העולם וואס עס הערשט א **פירוד לבבות**, איז נישט שייך זיין אזא זאך אז איר זאלט אלע זיין ראוי צו זיצן **אינאיינעם** אין איין סוכה.

די גמרא זאגט טאקע **מיד כל אחד ואחד עושה סוכה בראש גגו**, יעדער איינער מאכט פון די גוים וועט זיך **אן עקסטערן סוכה** אויפן שפיץ פון זיין דאך, קיין איינער פון די גוים וועט נישט זיצן **אין איין סוכה בחברותא** איינער מיטן אנדערן, ווייל ביי די גוים הערשט קנאה ושנאה איינער ביים צווייטן .

☆

## איזהו עשיר השמח בחלקו

דער **חתן סופר זי"ע** זאגט א שיינעם טעם **בדרך מוסר** פארוואס די מצוה פון סוכה ווערט אנגערופן א מצוה **שאין בו חסרון כיס.**

אין די מפורשים שטייט א טעם פארוואס מען מיר זענען **באפוילן געווארן אין חודש תשרי** זיך אריינציזעצן אין א סוכה.

סוכות ווערט אנגערופן **חג האסיף** א צייט וואס א מענטש **זאמעלט איין די תבואה** פונעם פעלד אריין צו זיך אין זיינע אוצרות, קען זיך ח"ו א מענטש איינרעדן **כחי ועוצם ידי עשו לי את החיל הזה**, האט מען וועגן דעם באפוילן פארן מענטש **צא מדירת קבע לדירת ארעי.** גיי ארויס פון דיין קביעות'דיגן דירה צו א צייטווייליגן דירה.

דעמאלטס טוט דער מענטש איינזעהן אז דער גאנצע וועלט איז נאר א **עולם עובר**, און אויף יענעם וועלט נעמט מען נישט מיט קיין פארמעגן, אזוי ארום **וועט א מענטש אנערקענען** אז אלעס קומט פונעם אייבירשטן.

חז"ל זאגן **אין אדם מת וחצי תאוותו בידו** א מענטש שטארבט נישט **מיט דעם האלב פון זיין גליסטונג** אין זיין האנט, אויך זאגן חז"ל **מי שיש לו מנה רוצה מאתיים** ווער עס האט הינדערט, דער וויל האבן צוויי הינדערט.

זאגט דער חתן סופר, קומט אויס אז וויפיל פארמעגן א מענטש פארמאגט, איז דא ביי איהם **א חסרון כיס**, דער מענטש שפירט כסדר אז עס פעלט איהם פון זיין פארמעגן, **ער איז קיינמאהל נישט צופרידן פון זיין פארמעגן** וואס ער האט זיך ערווארבן, ער דארף כסדר נאך און נאך.

אבער ווען דער מענטש גייט אריין אין די סוכה וואס איז **א דירת עראי** א צייטווייליגן וואוינונג, זעהט ער איין **אז זיין פארמעגן וואס ער פארמאגט איז נישט דער עיקר** דאס איז נאר א צייטווייליגע זאך, ווערט ער דאן צופרידן מיט זיין חלק.

זאגט דער חתן סופר, וועגן דעם טעם ווערט די מצוה פון סוכה אנגערופן **אין בו חסרון כיס** ווייל דער מענטש שפירט שוין עס **פעלט איהם נישט פון זיין פארמעגן**, דער מענטש ווערט א **שמח בחלקו.**

# ימי שמחתינו

## מטר לא ניתך ארצה

די משנה זאגט (מסכת סוכה פרק ב') **ירדו גשמים** אויב עס רעגנט סוכות, איז עס גליך **לעבד שבא למזוג כוס לרבו** צו א קנעכט וואס קומט אנגיסן א בעכער וויין פאר זיין האר, **ושפך לו קיתון על פניו**, און דער האר גיסט אים צוריק די קריגל וואסער אויף זיין פנים, אזוי אויך ווען די יודן זיצן אין די סוכה און עס רעגנט ווייזט השי"ת אז ער דארף נישט זייער מצות סוכה.

דער **גר"א** פרעגט, פארוואס פעלט אויס פאר די משנה צו ניצן ביים משל אז דער עבד האט **מוזג** געווען דעם בעכער, די עיקר וואלט די משנה געדארפט פארציילן אז דער עבד האט באדינט זיין האר דורכן **אריינברענגען דעם בעכער** און זיין האר האט עס אים צוריק געגאסן אין זיין פנים.

ענטפערט דער גר"א, דער סדר פון שארפע וויין איז אז מען איז דאס **מוזג מיט וואסער** כדי מען זאל עס קענען דערנאך טרינקען, די טעג פון ראש השנה, עשרת ימי תשובה און יום כיפור זענען **ימי דין**, די טעג פון סוכות זענען **ימי שמחה**, דורכדעם וואס יודישע קינדער זענען מקיים זיין די **מצות סוכה ולולב** זענען די יודישע קינדער דורך די ימי שמחה **"מוזג די דינים"** עס ווערט איבערגעקערט אויף רחמים.

זאגט דער גר"א וועגן דעם כאפט אן די משנה די משל אז דער קנעכט איז **מוזג די וויין**, ווייל מיר אידישע קינדער זענען ממזג דעם מדת דין מיט אונזער שמחה של מצוה.

☆

## בכה התפלה נעצר הגשם

עס ווערט דערציילט אז איינמאהל **ערב סכות** האט אין שטאט רימונוב שטארק געררעגנט, האט **הרה"ק ר' רבי מענדעלע מ'רימנוב זי"ע** באפוילן פאר זיין משרת **הרה"ק ר' הערשעל'ע מ'רימנוב זי"ע** ער זאל אריינברענגען אין שטוב אלע **כלים** און אויך די **לייכטערס** וואס מען האט אנגעגרייט צו צינדן אין די סוכה **לכבוד שבת ויו"ט**, יענעם יאהר איז אויסגעפאלן דעם ערשטן טאג סוכות אין שבת, און וויבאלד עס האט שטארק גערעגנט, **האט מען נישט געקענט צינדן** אין די סוכה.

ביינאכט נאכן דאווענען **האט זיך דער רעגן אפגעשטעלט**, האט רבי ר' מענדעל'ע געזאגט פאר זיין משרת, **איך האב חרטה** אז איך האב געהייסן אז מען זאל **נישט צינדן ליכט אין די סוכה**, יעצט וועלן מיר מיזן זיכן א צווייטער סוכה **ווי עס ברענען שבת קודש ליכט**, ר' הערש האט גארנישט **רעאגירט** אויף די רייד.

אנקומענדיג נאנט צום סוכה האט רבי ר' מענדעלע געזעהן אז זיין סוכה איז ליכטיג די **לעכט ברענען** און אלע כלים זענען **אנגעגרייט אין די סוכה**, האט רבי ר' מענדעל'ע געפרעגט פון ר' הערש משרת, איך האב דאך דיר באפוילן אז דו זאלסט **אריינטראגן די לייכטער און די כלים אין שטוב**, לויט ווי עס זעהט אויס האסטו **נישט אויסגעפאלגט** וואס איך האב דיר באפוילן.

האט ר' הערש געענטפערט, רבי, ווען איך בין אריין אין די סוכה צו נעמען די לייכטערס, האב איך געוויינט צום אייבירשטן, **איך האב מתפלל געווען אז די רעגן זאל זיך אויפהערן**, כדי דער רבי זאל נישט דארפן מבטל זיין די מצוה פון עסן דעם ערשטן נאכט סוכות אינעם סוכה, תיכף דערויף **האט זיך דער רעגן אויפגעהערט**, האב איך שוין נישט אריינגעטראגן די לייכטער און די כלים אריין אינעם שטוב.

# חביבת מצות סוכה

## סופו מוכיח על תחילתו

די משנה זאגט (סוכה סוף פרק שני) **מצות סוכה כיצד** וויאזוי איז מען מקיים די מצוה פון סוכה, **גמר מלאכול לא יתיר סכתו** ווען מען ענדיגט עסן **הושענא רבא בייטאג דעם סעודה**, זאל מען נישט ציזאמען נעמען דעם סוכה.

לכאורה איז שווער אויפן לשון המשנה, די משנה פרעגט **מצות סוכה כיצד** וויאזוי איז מען מקיים די מצוה פון סוכה, און די משנה ענטפערט **גמר מלאכול לא יתיר סכתו** ווען ער ענדיגט עסן הושענא רבא זאל ער נישט צוזאמען נעמען די סוכה, ווען מען ענדיגט עסן דעם לעצטן סעודה האט זיך שוין **געענדיגט די מצוה פון סוכה**, די משנה וואלט געדארפט זאגן וויאזוי מען איז

מקיים די מצוה ווען מען האלט נאך אינמיטן עסן דעם סעודה אין דעם סוכה.

זאגט אויף דעם דער מאטעסדורפער רב זצ"ל אז אין די ווערטער פון די משנה ליגט א טיפן דערהער, אז מען וויל זיך איבערצייגן צו דער יוד האט מקיים געווען דעם מצות סוכה א גאנצן סוכות מיט רצון און מיט שמחה, זאל מען קוקן וויאזוי דער יוד איז זיך נוהג נאכן ענדיגן עסן דעם לעצטן סעודה הושענא רבא אין די סוכה.

אויב איילט ער זיך נישט תיכף נאכן ענדיגן צו עסן די סעודה צו צונעמען דעם סוכה נאר ער גליסט נאך ביזן לעצטן רגע צו זיצן אין די סוכה איז א סימן אז א גאנצן יו"ט האט ער מקיים דעם מצות סוכה בשלימות.

טאמער אבער, תיכף נאכן ענדיגן דעם סעודה הושענא רבא צונעמט ער תיכף זיין סוכה אזוי ווי א תינוק הבורח מבית הספר, זעהט מען פון דעם אז א גאנצן סוכות איז געווען ביי איהם דעם מצות סוכה לעול ולמשא.

זאגט דער מאטעסדורפער רב דאס מיינט די משנה צו זאגן, מצות סוכה כיצד ווען דו ווילסט וויסן צו דער יוד האט מקיים געווען א גאנצן יו"ט דעם מצוה פון סוכה מיט שמחה, גמר מלאכול לא יתיר סוכותו איז דער סימן אויב נאכן ענדיגן עסן הושענא רבא דעם סעודה האט ער נישט צינימען זיין סוכה ער זאל נאך קענען מקיים זיין דעם מצות סוכה ביזן לעצטן רגע איז דאס דער גרעסטער באוויז אז א גאנצן יו"ט האט דער יוד מקיים דעם מצוה מיט אהבה צום אייבירשטן.

## קיים אברהם אבינו מצות סוכה

### וה' ברך את אברהם בכל

עס שטייט אין פסוק וה' ברך את אברהם בכל דער אייבישטער האט געבענטשט דעם אברהם מיט אלעס גוטס.

דער ווילנער גאון זצ"ל האט איינמאהל אינמיטן די טעג פון יו"ט סוכות געפרעגט פון זיינע תלמידים ווי איז מרומז אין די תורה אז אברהם אבינו האט מקיים געווען די מצוה פון זיצן אין א סוכה, די תלמידים האבן נישט געוויסט צו ענטפערן.

האט דער ווילנער גאון געזאגט, אז אין מדרש שטייט מנין שקיים אברהם מצות סוכה שנאמר וה' ברך את אברהם בכל פון ווי ווייסט מען אז אברהם האט מקיים געווען די מצוה פון סוכה ווייל אין פסוק שטייט וה' ברך את אברהם בכל דער אייבישטער האט געבענטשט אברהם מיט אלעס גוטס.

ווען קיינער פון די תלמידים האבן נישט פארשטאנען פשט אינעם מדרש, האט דער ווילנער גאון געזאגט אז עס איז אזוי מרומז אינעם פסוק וה' ברך את אברהם בכל.

דער ווארט בכ"ל איז נוטריקון די דריי פסוקים וואס די תורה שרייבט אויף מצות ישיבת סוכה, דער ווארט בכ"ל איז נוטריקון די דריי פסוקים פון ב'סוכות תשבו שבעת ימים, כ'ל האזרח בישראל ישבו בסוכות, ל'מען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל.

# מצות ארבע מינים

## ולקחתם לכם ביום הראשון

### השתוקקת להמצות

הרה"ק ר' צבי הירש מ'זידיטשוב זי"""ע האט געטייטשט דעם פסוק פון די תוכחה בבקר תאמר מי יתן ערב, ובערב תאמר מי יתן בקר, אז דאס גייט ארויף אויף די הייליגע ימים טובים דעם יו"ט פסח און דעם יו"ט סוכות, אויף די השתוקקת פון די יודישע קינדער מקיים צו זיין די מצות היום די מצות פונעם יו"ט.

די ווערטער בבקר תאמר מי יתן ערב גייט ארויף אויף ערב פסח אינדערפרי, מען וועט זאגן מיט א גליסטעניש, ווען ווערט שוין נאכט, כדי מען זאל שוין קענען מקיים זיין דעם בערב תאכלו מצות, דעם מצות אכילת כזית מצה.

און די ווערטער ובערב תאמר מי יתן בקר גייט ארויף אויף די ערשטע נאכט סוכות, א גאנצע נאכט וועט מען ווארטן ווען ווערט שוינצופרי, מען זאל שוין קענען מקיים זיין דעם "ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר" און שאקלן די ד' מינים.

☆

### ליל שמורים

דער הייליגער ישמח ישראל זי"עברענגט (בפרשת קדושים), עס איז ידוע אז דער הייליגער קדושת לוי זי"ע איז גארנישט געשלאפן דעם ערשטן נאכט סוכות.

א גאנצע נאכט איז דער קדושת לוי געזעצן און ארויסגעקוקט בכליון עינים אז עס זאל שוין ווערן ליכטיג,כדי ער זאל קענען מקיים זיין דעם מצוה פון נטילת ארבע מינים.

## ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר הכפות תמרים וענף עץ עבות וערבי נהל

### לקיחה תמה

די הלכה איז אז דער אתרג וואס מען נעמט פאר די ד' מינים דארף זיין גאנץ, ריין, און זויבער.

זאגט דער אביר יעקב אז דער ר"ת פון די פיר אותיות פון דעם ווארט אתר"ג דארפן זיין גאנץ .

א' א'מונה שלימה.

ת' ת'שובה שלימה.

ר' ר'פואה שלימה.

ג' ג'אולה שלימה.

## אמרתי אעלה בתמר

### על נטילת לולב

ווען מען שאקלט לולב מאכט מען דעם ברכה על נטילת לולב, מען דערמאנט נאר דעם לולב און מען דערמאנט נישט די אנדערע מינים, ווייל דער לולב איז דער העכסטער פון אלע מינים איז ער מער ניכר.

קען מען זאגן א רמז אויף דעם, אין פסוק שטייט (שיר השירים) אמרתי אעלה בתמה.

אמרתי איך זאג די ברכה על נטילת לולב איך דערמאן נישט די אנדערע מינים בשעת'ן מאכן די ברכה.

אעלה בתמ"ר ווייל דער תמר גייט ארויף די העכסטע פון אלע אנדערע מינים איז ער די מערסטע ניכר.

נאך א רמז דער ווארט אעל"ה איז נוטריקון די ווערטער א'תרג ע'רבה ל'ולב ה'דס.

אעל"ה אלע פיר מינים אתרג ערבות הלולב הדס, בתמ"ר ווערן נכלל אינעם תמר (כפות תמרים) ביים מאכן די ברכה מען

זאגט נאר **על נטילת "לולב"** מען דערמאנט נישט די אנדערע דריי מינים.

## אז ירננו עצי היער

### פתח התיבות

דער ווארט **אתר**"ג איז נוטריקין דע ווערטער **א'ל ת'בואינו ר'גל ג'אוה.**

דער ווארט **לול"ב** איז נוטריקין די ווערטער **ו'טהר ל'בינו ל'עבדך ב'אמת.**

דער ווארט **הד"ס** איז נוטריקין די ווערטער **ס'כת ד'וד ה'נפלת.**

דער ווארט **ערב"ה** איז נוטריקין די ווערטער **ב'מוט ע'לי ר'גלי ה'גדילו.**

די פיר ווערטער **א'תרג ל'ולב ה'דס ע'רבה** איז נוטריקון דער ווארט **אעל"ה.**

דער ווארט **אעל"ה** איז נוטריקין די ווערטער **ע'תיד א'תה ל'יתן ה'דין**, א רמז אז סוכות איז **לראשון לחשבון עונות.**

**אעל"ה** איז נוטריקין **ה'צנע ל'כת ע'ם א'לוקיך**, א רמז אז די עבודה פון שאקלען לולב **איז מיט א שטילן קול** מען הערט נישט קיין רעש.

## נטילת לולב בהסוכה

### אין שר ומלאך שולט בהם

דער **חיד"א** ברענגט **בשם הקדמונים** אז אויף די ארבע מינים דער אתרוג לולב הדסים און ערבות זענען אינטערן **רשות פונעם אייבירשטן אליין**, זיי זענען נישט אינטער א בעלות פון א מלאך וואס איז ממונה אויף אלע אנדערע געוויקסן אז זיי זאלן וואקסן, וועגן דעם נעמט מען פונקט די ד' מינים **אתרג, לולב, הדס, ערבה**, למצוה.

אין ספר **מעבור יבק** שטייט, אז דער מין פון **חטה** דער מין פון וייץ האט אויך נישט קיין **שר וואס איז ממונה אז די וייץ זאלן וואקסן**,נאר דער מין פון חטה איז אינטערן בעלות פונעם אייבירשטן אליין.

זאגט דער מעבור יעבק וועגן דעם זאגט מען אויף ברויט דעם נוסח ברכה **המוציא לחם מן הארץ** דער אייבישטער ציט אריוס דעם ברויט פון די ערד, און מען זאגט נישט ביים עסן ברויט דעם **נוסח הברכה** אזוי מען זאגט ביי אלע אנדערע ברכות מיטן לשון פון **"בורא"** ער באשאפט, ווייל דער לשון פון **בור"א** איז משמע אז דער אייבישטער האט דאס באשאפן און דערנאך האט דער אייבישטער דאס **איבערגעבן פאר א מלאך** וואס ער איז ממונה עס זאל גוט וואקסן.

משא"כ דער לשון פון **המוציא לחם מן הארץ** איז דער אפטייטש אז דער אייבישטער אליין **האט דאס בפועל ארויסגעצויגן פון די ערדה**, ער האט דאס נישט איבערגעגעבן פאר קיין שום שר ומלאך זיי זאלן דאס מאכן וואקסן.

פרעגט **הרה"ק מסאטמאר זי"ע** אז לויטן טעם וואס דער חיד"א ברענגט בשם הקדמונים אז וועגן דעם נעמט מען דוקא די ארבע מינים פון אתרוג לולב הדסים ערבות פאר די מצוה ווייל די ד' מינים זענען **אונטערן בעלות פונעם אייבירשטן אליינס** וואלט מען אויך געדארפט מוסיף זיין דעם **מין פון חטה** פאר די מצוה פון **נטילת לולב** ווייל חטה איז דאך אויך אינטערן בעלות פונעם אייבירשטן אליין.

ענטפערט דער רבי, וויבאלד מען איז מחויב צו עסן אין די סוכה א **כזית פת**, און לויט איין מאן דאמר איז מען מחויב צו עסן אין די סוכה **י"ד סעודות פון פת**, וואס פת איז דאך דער מין פון חטה פארלאזט מען זיך אויף דעם אז **מען זאל נישט דארפן נעמן דעם מין חטה** ביי די מצוה פון נטילת לולב.

איז דער רבי מוסיף, עס איז יתכן אז וועגן דעם ברענגט מען אריין די **ד' מינים** אין די סוכה ווען מען איז מקיים דעם מצוה פון **נטילת לולב**, וואס לכאורה האבן די צוויי מצות פון סוכה און לולב נישט קיין שייכות.

מען וויל אויך מצרף זיין ביים שאקלען די ד' מינים דעם מין פון חטה וואס דער חיוב פון סכה **איז צו עסן א כזית פת**, וועגן דעם שאקעלט מען די ד' מינים אין די סכה.

## ד' מינים של בעלי עבירה

### מה לך לספר חקי

דער הייליגער **חידושי הרי"ם** איז אמאהל געגאנגן קויפן די ד' מינים, איז דארט געווען א יוד פון **דייטשלאנד** א גרויסער **בעל עבירה**, וואס ער האט זיך **איינגעהאנדעלט** די ד' מינים פאר גאר א טייערן פרייז.

האט איינער דארט געפרעגט פונעם חידושי הרי"ם **וואס זאגט מען אין הימל אויף דעם**, האט דער חידושי הרי"ם געענטפערט אין הימל זאגט מען דעם פסוק **ולרשע אמר אלוקים מה לך לספר חקי.**

☆

### אל תבואינו רגל גאווה

דער **בעש"ט הקדוש זצוקלל"ה** האט געזאגט די ראשי תיבות פון די ווערטער **א'ל ת'בואינו ר'גל ג'אוה** איז דער ווארט **אתרו"ג.**

דאס קומט מרמז זיין אויף די סארט מענטשן וואס קויפן א שיינעם אתרוג כדי זיך **שטאלצירן דערמיט** אין די אויגן פון אנדערע, זאגט איהם דער אתרוג **א'ל ת'בואינו ר'גל ג'אוה** האלט זיך נישט גרויס דורך מיין שיינקייט.

**הרה"ק ר' משה מסאווראן זי"ע** האט מוסיף געווען אז דער **לולב** איז מתפלל דעם סיפא פונעם פסוק.

דער פסוק איז מסיים **ויד רשעים אל תנדנו** אין די האנט פון די רשעים זאל איך לולב נישט ווערן געשאקעלט.

☆

### ניטל פטמתו

עס ווערט דערציילט א **יוד א גביר** האט זיך **שטאלצירט מיט זיין אתרוג** אז דאס איז א **הדר שבהדר** האט דער הייליגער **שינאווער רב זי"ע** געזאגט אז דער אתרוג איז זיכער א **פסול'ער** אתרוג.

שפעטער האט זיך טאקע אויסגעשטעלט אז דער **פיטום** פונעם אתרוג האט זיך **אראפגעבראכן** און דער סוחר האט באהאפטן דעם אתרוג מיט א **דינעם** נאדל.

האט דער הייליגער שינאווער רב געזאגט וויבאלד דער ווארט אתרוג איז נוטריקון **א'ל ת'בואנו ר'גל ג'אוה** און דער גביר האט זיך שטאלצירט מיט זיין אתרוג **האב איך גלייך פארשטאנען אז דער אתרוג מוז זיין פסול.**

☆

### לולב צריך אגוד

**הרה"ק ר' אשר סטאלינער זי"ע** האט איין יאהר נישט סוכות

געהאט קיין אתרוג אויף סוכות, האט ער יענעם יאהר **נישט צוזאמען געבינדן** דעם לולב מיט די הדסים און די ערבות.

זיין זוהן **הרה"ק הבית אהרן זי"ע** איז אריין צום פאטער, ער האט געפרעגט, **טאטע, פארוואס בינדסטו נישט צוזאמען דעם לולב**, האט ר' אשר'ל געענטפערט, **מיר האבן דאך נישט קיין אתרוג**, האט דער בית אהרן געזאגט מיט חכמה, טאטע, די וועלט זאגט דאך, **"אז דער חתן פארשפעטיגט זיך צו די חופה, פארשלייערט מען דערוויל די כלה"**, האט ר' אשר'ל געזאגט, **החייתי בני, דו ביסט געראכט מיין קינד**, ר' אשר'ל איז געגאנגען צוזאמען בינדן דעם לולב, אינמיטן איז אנגעקומען **א שליח מיט א אתרוג** וואס דער **מגיד פון סטעפין** האט געשיקט פאר א מתנה, ר' אשר'ל האט אויף דעם אתרוג געמאכט דעם ערשטן טאג סוכות דעם **ברכת שהחיינו** מיט א גרויס שמחה.

## ראשון לחשבון עוונות

### מחירו היוקר של האתרוג

אויפן פסוק **ולקחתם לכם ביום הראשון** זאגט דער מדרש **ראשון לחשבון עוונות** סוכות איז דער ערשטער טאג פון דעם חשבון פון די עבירות.

דער **פרדס יוסף** ברענגט בשם דעם **הייליגער תפארת שלמה זי"ע** אז ער האט מפרש געווען דעם מדרש **בדרך צחות**.

דער תפארת שלמה האט געזאגט בשעת דער שטן קומט ביים יום הדין מיט גאנצע זעק אנגעפילט מיט עבירות, **קומען די מליצי יושר און זיי טענה'ן אז די אלע עבירות זאלן גערעכנט ווערן ווי א שוגג**, די יודן האבן דאס נאר געטון ווייל דער שטן האט זיי איינגערעדט אז דאס זענען נישט קיין עבירות.

טענה'ט דער שטן צוריק די יודן זענען נישט אזעלכע **תמימים** אז זיי זאלן זיך לאזן איינרעדן, לאמיר נאר זעהן פאר א חפץ וואס איז נאר ווערט **איין רענדל** און איינער וועט בעטן פאר דעם **צוויי רענדלעך**, וועלן זיי זיך דען לאזן איינרעדן און באצאלן דעם טייערן פרייז.

דער **בית דין של מעלה** איז מחליט אז מען וועט ווארטן נאך יום הקדוש און מען וועט זעהן צו מען **קען יא פארנער'ן די יודן ביים האנדלען**, צו ביי מסחר מען קען זיי נישט פארנער'ן.

ווען עס קומט נאך יוה"ק און דער עולם האנדלעט זיך איין די ארבע מינים פאר טייערע פרייזן ווייזט מען מיט דעם פארן שטן אז ביי **דיני ממונות** קען מען זיי אויך **פארנער'ן**, והא ראיה אז א גוי וואלט קיינמאהל נישט באצאלט פאר א זאך וואס איז נאר ווערט **עטליכע פרוטות** אזא טייערן פרייז, מיט דעם טוען די יודן באזיגן די טענות פונעם שטן.

מיט דעם האט דער תפארת שלמה געטייטשט דעם מדרש **ולקחתם לכם הראשון** ווען יודן האנדלען זיך איין די ד' מינים פאר אזא טייערן פרייז, **ראשון לחשבון עוונות** דאן פאר'חשבונ'ט זיך שוין אויך אויף זייערע עוונות, דעמאלטס זעהט מען אז פונקט אזוי ווי מען קען אפ'נער'ן די יודישע קינדער **ביים איינהאנדלען די ד' מינים מיטן בעטן גרויסע פרייזן** אזוי אויך זענען זייערע עוונות נאר בשוגג ווייל דער שטן האט זיי פאר'נער'ט אז די עבירות זענען גאר מצוות.

☆

### גמר החתימה

**בדרך צחות** קען מען מוסיף זיין, דער **גמר החתימה** ציט זיך ביז **הושענא רבה**, ווייל עס זענען דא מענטשן וואס ווארטן צו קויפן די **ד' מינים** ממש ביז ערב יו"ט ווייל זיי זיכן דוקא צו **קויפן ביליגע אתרוגים**, האבן דאך זיי נישט דעם אויבן דערמאנטן **לימוד זכות**.

וועגן דעם ווארט מען ביז **הושענא רבה**, וואס דעמאלטס ליגט מען שוין אוועק דעם אתרוג פאר **קאמפאט**, און אפילו די ביליגע פרייז וואס זיי האבן געצאלט איז נאך אלטס א **טייערע פרייז** ווען מען קויפט אן אתרג פאר **איינגעמאכטס**, דעמאלטס קען מען ניצן דעם לימוד זכות פאר זיי אויך.

☆

### טוב רואי

**הרה"ק ר' איציקל ווארקער זי"ע** האט געזאגט א טעם פארוואס סוכות איז **ראשון לחשבון עונות**, א מענטש וויל נישט אז די רעגירונג זאלן נאכקוקן זיינע ביכער נאר ווען ער איז זיכער אז **אלעס שטימט**, טאמער אבער דער מענטש האט מורא אז עס איז דא דארטן **אפילו א קליינע שווינדלעריי**, וועט ער זיי אפשטיפטן צו געבן זיינע ביכער ביז ער גראד אלעס אויס.

זאגט ר' איציק'ל, אזוי אויך נאך יום כיפור ווען יעדער איז ריין פון עבירות איז די **בעסטע צייט נאכצוקוקן די ביכער** ווייל עס איז נישט דא קיין עבירות, דאס מיינט די מדרש **ראשון** עס איז פאסיגסטע צייט, **לחשבון עונות** נאכצוזיכען די ביכער פון עונות, ווייל יודישע קינדער האבן דעמאלטס נישט קיין שום עונות.

## כמה חביבים מצות עליהן

### לולב של אלף זוז

די גמרא ברענגט א ברייתא וואס פארציילט א מעשה מיט **רבן גמליאל, ר' יהושע, ר' אלעזר בן עזריא, און ר' עקיבא** וואס זיי זענען אמאהל געקומען אויף א שיף, עס איז נאר געווען אויפן שיף **איין לולב** וואס ר' גמליאל האט דאס געקויפט דער פרייז פונעם לולב איז געווען **טויזענט זוז**.

פרעגט די גמרא פארוואס דארף די ברייתא פארציילן **אז דער פרייז פונעם לולב איז געווען** טויזענט זוז, ענטפערט די גמרא **להודיעך כמה מצות חביבות עליהן** דיך צו לערנען ווי סאך די מצות זענען געווען באליבט אויף זיי, די תנאים האבן זיך **געלאזט קאסטן אזא גרויסן פרייז** פאר א מצוה.

לכאורה איז שווער אויפן לשון הגמרא **להודיעך כמה מצות חביבות עליה"ן** דיך צו לערנען ווי אסאך די מצות זענען געווען באליבט אויף זיי, די גמרא וואלט געדארפט זאגן **להודיעך כמה מצות חביבות עלי"ו** דיך צו לערנען ווי אסאך די מצות זענען געווען אויף איהם אויף ר' גמליאל, ווייל נאר **ר' גמליאל** אליין האט באצאלט די אלף זוז פארוואס זאגט די גמרא **כמה מצות חביבות עליהן.**

נאך א קשיא איז שווער פארוואס האט רבן גמליאל געדארפט אויסגעבן אזא ריזיגן סכום פון **טויזענט זוז פארן לולב**, האט מען דען נישט געקענט טרעפן א ביליגערן לולב.

זאגט דער **ערוך לנר** זייער א זיסן פשט, פון דעם וואס מען זעהט אז דער פרייז פונעם לולב איז געווען **טויזענט זוז**, מוז זיין אז בשעת רבן גמליאל האט געקויפט דעם לולב זענען ביי יענעם מעמד **געשטאנען מערערע מענטשן** וואס זיי האבן געוואלט קויפן דעם איינעם לולב כדי מקיים צו זיין דעם מצוה פון **ולקחתם לכם**.

די אלע מענטשן וואס האבן געוואלט קויפן דעם לולב האבן געהאלטן אין איין **מוסיף זיין אויפן פרייז פונעם לולב**, ביז דער פרייז האט שוין געהאלטן ביי **999 זוז**, רבן גמליאל האט פון רוב תשוקה צו די מצוה געגעבן פארן לולב דעם סכום פון **1000 זוז** און ער האט זוכה געווען אינעם לולב.

זאגט דער ערוך לנר, קומט אויס פון דעם וואס רבן גמליאל האט געקויפט דעם לולב פאר אזא גרויסן סכום פון **טויזענט זוז**,

זעהן מיר פון דעם **עד כמה מצות חביבות עליה"ן** ווי אסאך די מצות זענען באליבט אויפן גאנצן עולם.

ווייל די אלע מענטשן וואס זיי האבן ארויפגעצויגן סכום ביז עס איז אנגעקומען צו **טויזענט זוז** און זיי זענען געווען גרייט צו באצאלן א טייערן פרייז פארן לולב האבן אויך געהאט א חלק אין די מצוה.

☆

## לקיחה תמה

כדי אז א מענטש זאל הייסן א **צדיק תמי"ם** א גאנצער צדיק מוז דער מענטש זיין אויסגעצייכנט סיי **בין אדם למקום** און סיי **בין אדם לחבירו**, איינס אנעם אנדערן איז גארנישט ווערט.

דער **פרדס יוסף** ברענגט זייער א טרעפליך **משל** אויף דעם, עס איז געווען א דארפסמאן אן **עם הארץ** וואס ער האט געהאט אן איידעם א **תלמיד חכם**, פארן יו"ט **סוכות** איז דער דארפסמאן אריין געפארן אין שטאט צו קויפן אן **אתרוג** פאר זיין חשוב'ן איידעם, ער האט געטראפן אן **אתרוג** א **יופי** א יקר המציאות פאר **טויזענט גילדען**, מיט גרויס שמחה האט ער עס **אפגעקויפט**, און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים.

אינמיטן וועג אהיים האט ער אנגעטראפן זיינס א חבר אן **עם הארץ** פונקט ווי ער, דער חבר דערציילט איהם אז ער **פארט יעצט אין שטאט אריין קויפן אן אתרוג** פאר זיין איידעם, זאגט איהם דער **דארפסמאן** איך האב יעצט אפגעקויפט די לעצטע **אתרוג** פאר מיין איידעם פארטויזענט **גילדן** איך בין אויפן וועג אהיים דערמיט, **דו וועסט שוין גארנישט טרעפן** צו קויפן.

זאגט אים זיין חבר איך האב אן עצה, איך האב געהערט אז **צוויי מענטשן קענען קויפן בשותפות איין אתרוג**, איך וועל דיר געבן **פינעף הינדערט גילדן**, און מיר וועלן **צישניידן די אתרוג אויף צוויי אייניגע חלקים** און מיר וועלן זיך צוטיילן דערמיט, דו וועסט נעמן **איין חלק** און איך וועל נעמען די **צווייטע חלק**, פארן דארפסמאן איז געפאלן די פלאן, זיי האבן זיך צוטיילט.

דער דארפסמאן קומט אהיים מיט**גרויס שמחה**, ער ווייזט פאר זיין איידעם דעם **הערליכן אתרוג** וואס ער האט אים איינגעקויפט, דער**איידעם הייבט אן צו לאכן** פונעם שווער, פרעגט אים די שווער וואס איז די **געלעכטער**, זאגט אים דער איידעם שווער לעבן א **גאנצער אתרוג** וואס נישט הינדערט פראצענט ריין, איז נאך **כשר**, אבער א **האלבער אתרוג** ווי ריין אין שיין עס זאל זיין איז עס **פסול** ווייל עס איז נאר האלב.

פירט אויס דער פרדס יוסף, איינער וואס איז נאר ערליך אדער בין **אדם למקום** אדער **בין אדם לחבירו** און ביי די צווייטער העלפט איז ער אינגאנצן נאכגעלאזט איז ער אזוי ווי א **האלבע אתרוג**, וואס ווי שיין עס זאל נאר נישט זיין, איז עס **פסול**

☆

## מזל תשרי מאזנים

דער הייליגער רוזשינער זי"ע פלעגט פארציילן דעם פאלגענדן **מעשה** וואס פון דעם זעהט מען ווי חשוב אפילו א **שוואכע מצוה** איז גערעכענט אויבען אין הימל.

איין יאהר איז געווען א **מאנגעל** אין אתרוגים, די עטליכע אתרוגים וואס **זענען יא געווען אויפן מארק** האבן געקאסט גאר אסאך געלט, איז געווען א שטעטל, וואס זיי האבן געוואלט איינקויפן די ד' מינים איז דער **ראש הקהל** ארימגעגאנגען אין שטאט **צוזאמענעמן געלט פון די שטאטסלייט** אז מען זאלן בשותפות אינאיינעם קענען קויפן די טייערע ד' מינים.

דארט אין שטאט האט געוואוינט א **גביר** א גרויסער **קמצן** וואס ער האט זיך נישט געוואלט **משתתף** זיין אין די מצוה פון קויפן די **ארבע מינים**, דער גביר האט געטראכט ביי זיך איך וועל זיין די זעלבע ווי אלע שטאטסלייט, דער גביר האט ביי זיך געמאכט א **ממה נפשך**, אויב וועט יא געלונגען פאר קהל איינצוהאנדלען די ד' מינים וועל איך מיך אויך **שטעלן אין די רייע יו"ט אינדערפרי ביים שאקלען**, און איך וועל מיט שאקלען לולב מיט זיי, און אז עס וועט זיי נישט געלונגען איינציהאנדלען די ד' מינים און **קיינער וועט נישט שאקלען**, וועל איך אויך נישט שאקלען.

למעשה האט זיך קהל שטארק **איבערגעשטרענגט מיט געבן געלט** און מען האט איינגעהאנדעלט די ד' מינים, דער ראש הקהל האט מחליט געווען **אז ער גייט איינמאהל פאר אלעמאהל** אנלערנען דעם קארגן גביר.

דער ראה"ק האט זיך געשטעלט יו"ט אינדערפרי מיט די **ד' מינים אין די הענט ווי א שומר** ער האט דאס איבערגעבן פאר יעדן עקסטער אין די הענט און עס תיכף צוריק גענומען, ווען עס געקומען די רייע פונעם גביר איבערצונעמן די ד' מינים האט איהם דער ראש הקהל גזאגט **בלא**, דו האסט זיך נישט **משתתף געווען מיט געלט**, וועסטו נישט האבן די זכיה צו שאקלען מיט די ד' מינים.

וויפיל דער גביר האט זיך איינגעבעטן איז דער ראש הקהל'ס עקשנות געווארן שטערקער **ער האט פעסט אנגעהאלטן די ד' מינים**, אפילו ווען דער גביר האט מבטיח געווען **אז נאך יו"ט וועט ער זיך משתתף זיין** האט אים דער ראה"ק געזאגט יעצט איז שוין צו שפעט, דו האסט זיך געדארפט משתתף זיין פאר יו"ט.

דער גביר האט געהאפט אז שפעטער אין ביהמ"ד ווען מען וועט האלטן ביי **הלל ביי די נענועים וועט מען אים לאזן שאקלען**, אבער דער ראש הקהל האט נישט ארויסגעלאזט די ד' מינים פון זיינע הענט די גאנצע צייט.

ביים סוף פונעם דאווענען האט דער גביר געשפירט אז **ער טראגט עס נישט אריבער**, די געגועים פון די מצוה האט געקאכט אין אים, ער האט געטראכט **"ואם לא עכשיו אימתי"**, איז דער גביר ציגעלאפן אין ביהמ"ד צום ראש הקהל און ער האט אים **אויפגעהויבן אין די הייעך צוזאמען מיט די ד' מינים** און ער האט געשאקלט דעם ראש הקהל מיטן אתרוג און לולב אויף אלע זייטן **מזרח, מערב, דרום, צפון, מעלה מטה**, און דערנאך האט דער גביר אראפגעלייגט דעם ראה"ק צוריק אויף די ערד.

אין ביהמ"ד איז געווארן א **גרויס געלעכטער** וואס דער גביר האט דא געטון מיטן ראש הקהל אבער פארן גביר איז נישט **אנגעגאנגען די בושות**, ער זיך געשפירט גליקלעך אז ער האט געקענט שאקלען לולב, למעשה האט ער נישט יוצא געווען ווייל עס איז געווען **קיחה ע"י דבר אחר** אבער דער גביר האט זיך **איינגערעדט** אז ער האט יוצא געווען.

דער רוזשינער האט ווייטער דערציילט, אז **לאחר מאה ועשרים** פונעם גביר, האט מען אים געמשפט ביים בי"ד של מעלה אויף זיינע מעשים וואס ער האט אפגעטון ביים לעבן, מען האט געטראפן אז זיינע **עבירות האבן איבערגעוואויגן מער פון זיינע מצות**, האט מען אויסגערופן אין הימל איז אפשר דא א **מלאך מליץ טוב** וואס ער קען ממליץ טוב זיין אויפן גביר.

איז געקומען דער מלאך וואס ער איז באשאפן געווארן פון **יענעם אתרג בענטשן**, און מען האט די מצוה אויך ארויפגעלייגט אויפן וואגשאהל **אבער די עבירות** האבן נאך אלטס איבערגעוואויגן.

האט דער מלאך געטענה'ט, אז וויבאלד ביים טון די מצוה ווען ער האט אויפגעהויבן דעם ראש הקהל **האט דער גביר געליטן בזיונות**, זאל מען דעם **ראש הקהל** אויך ארויפלייגן אויפן וואגשאהל.

מען האט אנגענומען די טענות פונעם מלאך מליץ מען האט ארויפגעליגט דעם **ראש הקהל אויפן רעכטן זייט פונעם וואגשאהל** און עס האט איבערוואויגן מיט א שמיץ אריבער (אמאליגע ראשי קהילה זענען געווען מער פעשלעך) **און מען האט אים געפסקנט גן עדן.**

האט דער הייליגער רוזשינער אויסגעפירט, **געטס א קוק וואס אן התלהבות פון א מצוה און בזיונות קענען אויפטון** דער גביר האט דאך אפילו נישט גיהעריג **יוצא געווען די מצוה**, דאך האט עס אים געהאלפן אז ער זאל אנקומען צו זיין מקום מנוחה אין גן עדן.

## שמחת בית השואבה

### מי שלא ראה שמחה זו לא ראה שמחה מימיו

**ומתקנים שם תיקון גדול**

**הרה"ק ר' ישכר דוב זי"ע** האט געזאגט א טעם אויף וואס מען זעט אז **נשים ווען זיי הערן שפילן מוזיק** קומען זיי שנעל צו לויפן.

די גמרא זאגט ביי שמחת בית השואבה **ומתקנים שם תיקון גדול** מען האט געלייגט די פרויען אויבן און די מענער אינטען, די לוים האבן געזונגען און געשפילט **אויפן צוענטן טרעפ** פון די פיפצען טרעפ וואס גייען אראפ פון **עזרת ישראל** צו **עזרת נשים**, קומט אויס אז די נשים וואס זענען געשטאנען אויבען אויפן גאלערי **זענען געווען נענטער צו די לוים ווי די מענער**, ווייל די לוים זענען געווען ווייט פון די מענער צען טרעפ און פון די פרויען נאר פינעף טרעפ.

האט ר' ישכר דוב אויסגעפירט, **וויבאלד די נשים זענען געווען נאנט צו די לוים ביי שמחת בית השאבה**, האט די הייליגע שיר פון ביהמ"ק געמאכט אין זיי אזא שטארקע רושם אז ווען זיי הערן זינגען **כלי שיר** ערוועקט זיך אין זיי די **געגועים פון די שירי הלוים** און זיי קומען צו לויפן צו הערן כלי שיר של שמחה.

### לא ראינו שינה בעינינו

**יושב בטל כישן דמי**

די גמרא (סוכה) דערציילט די שמחה פונעם **שמחת בית השואבה** איז געווען אזוי גרויס אז די משתתפי השמחה האבן געזאגט **לא ראינו שינה בעינינו** מיר האבן נישט געזעהן קיין שלאף מיט אונזערע אויגן.

דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** שטעלט זיך אויפן לשון **לא ראינו שינה בעינינו**, וויאזוי איז שייך צו זעהן דעם שלאף מיט די אויגן, **בשעת א מענטש שלאפט** זעהט ער דאך נישט מיט די אויגן.

זאגט דער חתם סופר חז"ל זאגן **יושב בטל כישן דמי**, ווען איינער זיצט און ער איז מבטל די צייט **איז אזוי ווי ער שלאפט**, ווען א מענטש טוט גארנישט מיט זיין צייט, האט ער פארשלאפן די צייט, קומט אויס ווען איינער טוט גארנישט מיט זיין צייט **ווערט עס פארעכענט אזוי ווי ער שלאפט**, אפילו באמת איז ער וואך.

זאגט דער חתם סופר דאס איז פשט אין די ווערטער **לא ראינו שינה בעינינו** מיר האבן נישט געזעהן קיין שלאף מיט אונזערע אויגן, דאס מיינט מיר האבן נישט מבטל געווען די צייט וואס דאס ווערט פארעכענט ווי גלייך **מען שלאפט אפילו ווען מען איז וואך** וואס דאן קען מען זעהן דעם שלאף מיט די אייגענע אויגן.

## שמחת תורה

### השם של שמחת תורה

**השמחה הוא של שניהם**

**הרה"ג ר' חיים בריסקער זצ"ל** פרעגט, פארוואס רופן מיר אן דעם יום טוב מיטן נאמען **"שמחת תורה"** די פרייד פון די תורה, מען וואלט געדארפט ענדערש אנרופן דעם יום טוב **"שמחת ישראל"** ווייל דער יום טוב **איז די פרייד פון די יודן** וואס זיי פרייען זיך מיט די תורה

האט ר' חיים געזאגט **א טיפן דערהער**, דאס אז מיר פרייען זיך מיט די תורה איז נאך נישט גענוג, מיר דארפן זעהן אז די **תורה זאל זיך אויך פרייען מיט אונז** עס זאל זיין א ריכטיגע שמחת התורה.

די תורה זאל זיך פרייען אז **מיר לערנען איר** און מיר זענען מקיים אלעס **וואס עס שטייט געשריבן אין איר**

### שישו ושמחו בשמחת התורה כי הוא לנו עוז ואורה

**השמחה של התורה הקדושה**

דער הייליגער **בית אברהם זי"ע** פרעגט אויף די ווערטער פונעם פיוט **שישו ושמחו בשמחת התורה** פרייטס אייך און זייטס לוסטיג מיט די פרייד פון די תורה, לכאורה וואלט זיך בעסער געפאסט צו זאגן **שישו ושמחו בתורה** פרייטס אייך און זייטס לוסטיג מיט די תורה, פארוואס שטייט **בשמחת התורה** מיט די פרייד פון די תורה.

זאגט דער בית אברהם **א טייער ווארט**, אין מדרש שטייט אז השי"ת איז ארום געגאנגען צו די **פעלקער** און ער האט זיי געפרעגט אויב זיי ווילן מקבל זיין די תורה, און קיינער פון זיי האט **נישט געוואלט מקבל זיין די תורה**, ביז השי"ת איז געקומען צו די **יודישע קינדער** און זיי האבן גלייך געזאגט **נעשה ונשמע**.

זאגט דער בית אברהם, אז די **תורה הקדושה אליין האט געציטערט** און מורא געהאט אז אפשר וועלן די אומות העולם יא מסכים זיין מקבל צו זיין די תורה **און** זי וועט אריין פאלן צו **פעלקער אין די הענט**, אבער ווען די גוים האבן קאטעגאריש אפגעזאגט מקבל צו זיין די תורה און די יודן האבן איר יא געוואלט מקבל זיין, איז די **תורה געווארן אנגעפילט מיט א שמחה רבה**, אז צו איר שמחה איז נישט געווען קיין גרעניץ.

דאס איז פשט אין די ווערטער פונעם פיוט **שישו ושמחו "בשמחת התורה"**, פרייט אייך מיט אינאיינעם מיט די גרויסע שמחה וואס די **תורה הקדושה האט געהאט**, **און זי האט נאך אלס די זעלבע שמחה** אז זי איז נישט אריינגפאלן צו די הענט פון די גוים **זי איז אנגעקומען צו אונז יודישע קינדער אין די הענט**,

**אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו**

## ולשמחה מה זו עושה

### רקוד לפני

דער הייליגער **קאלובער זי"ע** האט געזאגט א טרעפליכן משל פארוואס תיכף נאכן יום טוב **סוכות** קומט דער יום טוב **שמחת תורה**.

עס איז געווען א מענטש וואס ער איז איינגעשטאנען אין א **גאסט הויז**, ער האט זיך באשטעלט פון די **טייערסטע** עסן די **געשמאקסטע וויינען**, אזוי איז ער דארט אפגעזיצן א שטיק צייט, לימים איז דער בעל הבית געקומען מיט א חשבון אז ער זאל **באצאלן אויף אלעס וואס ער האט זיך געלאזט וואוילגיין**, האט דער אורח געזאגט אז ער האט נישט קיין געלט צו באצאלן.

איז דער בעה"ב געווארן אין כעס ער האט אנגעהויבן צו שרייען **טאמער דו צאלסט מיר נישט יעצט עד פרוטה אחרונה רוף איך שוין די פאליציי** איך וועל דיך לאזן ארעסטירן, רופט זיך אן דער אורח, אז דו וועסט מיך ארעסטירן וועסטו גארנישט האבן דערפון, דער **חוב וועט בלייבן אומבאצאלט**, איך האב א עצה וויאזוי דו וועסט קענען איינקעסירן דאס געלט.

האט דער אורח געזאגט **איך קען זייער שיין טאנצן**, די נעקסטע שטיק צייט איך וועל טאנצן פאר דיינע געסט וואס קומען כסדר אינעם גאסט הויז **אזוי וועט זיך די חוב ציביסליך אפרעכענען**.

האט דער הייליגער קאלובער געזאגט, יודישע קינדער האבן פארגענומען די הייליגע טעג אסאך גוטע קבלות, **אבער ווען עס קומט צום שליס פונעם יו"ט**, זעט מען אז מען אסאך שילדיג געבליבן פארן רבש"ע, נעמט מען זיך טאנצן שמחת תורה**פארן הייליגן באשעפער מיט אן התלהבות** און מיט דעם ווישט מען אפ דעם חוב.

## וזאת הברכה

### וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלוקים את בני ישראל לפני מותו (ל"ג-א')

אם לא עכשיו אמתי (רש"י)

#### משה ברכם בברכה כללית

עס שטייט אין פסוק **וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלוקים את בני ישראל לפני מותו** און דאס איז די ברכה וואס משה דער געטליכער מאן האט געבענטש די יודישע קינדער פאר זיין שטארבן.

זאגט רש"י **אם לא עכשיו אמתי** אויב נישט יעצט ווען דען

דער **כתב סופר זי"ע** ברענגט, אז זיין טאטע דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** האט געזאגט פשט אין רש"י **אם לא עכשיו אמתי**, רש"י מיינט צו זאגן, פארוואס האט משה רבינו געבענטשט די יודישע קינדער **נאר מיט א ברכה כללית** א ברכה פאר אלע יודישע קינדער אינאיינעם, און ער האט זיי נישט געבענטש מיט **א ברכה פרטית** א ברכה פאר יעדן יוד עקסטער.

זאגט רש"י **אם לא עכשיו אמתי**, עס איז נאך געווען פארבליבן **א קליינעם צייט צום לעבן פון משה**, דאס ביסל צייט וואס עס איז נאך געווען פארבליבן פון דעם לעבן פון משה אויף דער וועלט, **האט נאר ערלויבט** אז משה זאל זיי בענטשן מיט א ברכה כללית.

פירט דער כתב סופר אויס, דער **אויבענדערמאנטער** תורה האט דער טאטע דער הייליגער חת"ס געזאגט **ממש פאר זיין פטירה**, זכיועכ"י.

### וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלוקים את בני ישראל לפני מותו (ל"ג-א')

#### צדיקים בכל הדורות

עס שטייט אין פסוק **וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלוקים את בני ישראל לפני מותו** און דאס איז די ברכה וואס משה דער געטליכער מאן **האט געבענטש די יודישע קינדער** פאר זיין שטארבן.

**הרה"ק ר' יעקב דוד מאמשינוב זי"ע** האט געטייטש אזוי.

**וזאת הברכה אשר ברך משה** דער ברכה האט משה רבינו געבענטש די יודישע קינדער, **איש האלוקים את בני ישראל** אז די יודישע קינדער זאלן אין אלע דורות האבן א מנהיג ישראל **א צדיק וואס זאל זיין א געטליכע מאן**

☆

#### איש האלוקים בשביל הדורות הבאים

דער **אמרי אמת זי"ע** האט געפרעגט פארוואס פונקט איידער משה רבינו איז נסתלק געווארן פון די וועלט באטיטעלט די תורה משה רבינו מיטן טיטל **איש האלוקים**, א טיטל וואס די תורה שרייבט דאס נישט ביים לעבן פון משה.

זאגט דער אמרי אמת משה רבינו דער **עניו מכל האדם** האט זיך צוריק געהאלטן זיין גאנצע לעבן צו שרייבן אויף זיך דעם טיטל **"איש האלוקים"**, אבער פאר זיין הסתלקות האט משה רבינו דאס געמיזט שרייבן **וועגן די דורות העתידים** די **שפעטעריגע דורות** זיי זאלן וויסן ווער משה רבינו איז געווען.

די דורות הבאים דארפן צו וויסן אז משה רבינו איז געווען א **איש האלוקים** וואס ער האט גערעדט צום אייבירשטן **פנים אל פנים**, זיין נביאה איז חי וקים עד היום הזה**וזאת התורה לא תהא מוחלפת** די רייד פון די הייליגע תורה וועט ח"ו קיינמאהל נישט ווערן פארטוישט.

### מימנו אש דת למו (ל"ג-ב')

#### תורה שבכתב ותורה שבעל פה

א **משכיל** האט געפרעגט דעם **בעל תורת יקותיאל** ווי איז מרומז **"דעם תלמוד"** (בבלי וירושלמי) אינעם תורה שבכתב.

האט ער איהם געענטפערט בשם דעם **גר"א**, עס שטייט אין פסוק **מימינו אש דת למו**, דער ווארט **א"ש** איז בגימטריא **301** פונקט אזוי ווי די ווארט **קר"א** פסוקים, וואס דאס איז **תורה שבכתב**, די אותיות **ד"ת למו"** איז דער ווארט **תלמו"ד**.

דאס איז די פסוק מרמז **מימנו אש דת למו**.

**מימנ"ו** פונעם רעכטן האנט פונעם אייבירשטן, **א"ש ד"ת למ"ו** איז געגעבן געווארן ביידע תורות **תורה שבכתב** וואס איז מרומז אינעם ווארט **א"ש** און אויך **תורה שבעל פה** וואס איז מרומז אין די ווערטער **ד"ת למ"ו**.

# ויראהו ה׳ את כל הארץ וכו׳ עד הים האחרון (ל״ד-א׳)

ומדרשו עד היום האחרון הראהו הקב״ה כל המאורעות שעתידין ליארע לישראל עד שיחיו המתים (רש״י)

## משה בירך ברכה מיוחדת עבור כל אחד מישראל

עס שטייט אין פסוק **ויראהו ה׳ את כל הארץ וכו׳ עד הים האחרון** דער אייבישטער האט געוויזן פאר משה רבינו די גאנצע לאנד ביזן לעצטן ים.

זאגט רש״י **ומדרשו עד היום האחרון** דער מדרש דרשענט די ווערטער **עד הים האחרון** אזוי ווי עס וואלט געשטאנען **״עד היום האחרון״** ביזן לעצטן טאג.

**הראהו הקב״ה כל המאורעות שעתידין ליארע לישראל עד שיחיו המתים** דאס קומט אונז לערנען אז דער אייבישטער האט געוויזן פאר משה **אלעס וואס עס וועט פאסירן מיט די שפעטעריגע דורות** ביז עס וועט זיין תחיית המתים.

זאגן די **ספה״ק** אויב משה רבינו האט געזעהן די דורות הבאים האט משה רבינו בשעת ער האט געבענטש די יודן פאר זיין שטארבן ביי די ברכה פון **וזאת הברכה אשר ברך משה את בני ישראל לפני מותו** האט משה אוודאי אויך געבענטש די אלע יודן פון די שפעטעריגע דורות.

זאגן די ספה״ק וועגן דעם איז דער מנהג אז שמחת תורה ווען מען לייענט וזאת הברכה **איז יעדער איינער איז עולה לתורה,** וויבאלד משה רבינו האט דאך געבענטש אלע יודן פון אלע דורות קומט **יעדער אפנעמען בשעת׳ן עולה זיין די פערזענליכע ברכה** וואס משה רבינו האט איהם געבענטש פאר זיין שטארבן.

## ולא קם עוד בישראל כמשה

### עין טובה של משה

עס שטייט אין פסוק **ולא קם עוד בישראל כמשה** עס איז נישט אויפגעשטאנען נאך איינער צווישן די יודן אזוי ווי משה.

**הרה״ק ר׳ אשר׳ל ראפשיצער זי״ע** זאגט, געווענליך וויל נישט א רב עס זאל קומען אז א **צווייטער רב אויף זיין פלאץ,** אבער משה רבינו האט דאך געזאגט **מי יותן והי׳ כל עם ה׳ נביאים** האט ער דאך זיכער פארגינט פאר די יודן אז אלע זאלן זיין גרויס.

זאגט ר׳ אשר׳ל דאס זאגט דער פסוק **ולא קם עוד בישראל עוד כמשה.**

**ולא קם** עס איז נישט אויפגעשטאנען נאך אזא איינער, **״עוד״ בישראל** וואס זאל וועלן עס זאלן זיין צווישן די יודן נאך אזוי איהם, **כמשה** אזוי ווי משה רבינו.

משה רבינו האט געהאט **א עין טובה** ער האט פארגינט גרויסקייט פאר אלע יודישע קינדער.

☆

### לא כהתה עינו

מיט דעם קען מען **מוסיף** זיין עס שטייט אין פסוק ווייטער **לא כהתה עינו** זיינע אויגן זענען נישט פארטינקעלט געווארן, זאגט רש״י **אף משמת** אויך נאכדעם וואס ער איז געשטארבן זענען זיינע אויגן אויך נישט פארטינקעלט געווארן.

דאס קומט דער פסוק מרמז זיין **לא כהתה עינו.**

פונקט אזוי ווי ביי זיין לעבן האט משה רבינו געהאט **א עין טובה אויף די יודישע קינדער,** אזוי אויך נאכדעם וואס ער איז שוין נישט דא אויף דער וועלט **האט משה רבינו נאך אלטס דעם זעלבן עין טובה** וואס ער האט געהאט ביים לעבן, זיינע אויגן זענען נישט פארטינקעלט געווארן נאר משה רבינו **דער רעיא מהימנא** דער געטרייער פאסטוך איז מיט זיין גוט אויג כסדר מתפלל פאר די הצלחה פון דעם יודישן פאלק.

אזוי ווי חז״ל זאגן **מה כאן עומד ומשמש אף שם עומד ומשמש.**

## וימת שם משה עבד ה׳

הקב״ה אומר ומשה כותב בדמע (רש״י)

### יהללך זר ולא פיך

עס שטייט אין פסוק **וימת שם משה עבד ה׳** משה דער קנעכט פונעם אייבירשטן איז געשטארבן.

זאגט רש״י **הקב״ה אומר ומשה כותב בדמע** דער אייבישטער האט געזאגט **און משה האט דאס געשריבן מיט טרערן.**

דער הייליגער **תפארת שלמה זי״ע** זאגט, אז די טרערן פון משה זענען נישט געווען וועגן די ווערטער וואס משה האט געשריבן **וימת שם משה** אז משה איז דארט געשטארבן ווייל אז דער **רצון ה׳** איז געווען אז **משה זאל שטארבן,** האט משה רבינו נישט געוויינט אויף דעם.

די טרערן פון משה זענען געווען **אז ער מיז שרייבן שבחים** אויף זיך אליין, משה דער עניו מכל האדם האט געשריבן די שבחים מיט טרערן ווייל ער איז געווען **געצווינגען צו שרייבן אויף זיך אליין שבחים** וואס ער האט זיין גאנץ לעבן נישט געשריבן אויף זיך.

## חזק חזק ונתחזק

### חרישה זריעה קצירה

ביים מאכן די **סיום** אויף די גאנצע תורה זאגט דער קהל בקול רם די ווערטער **חזק חזק ונתחזק.**

די **ראשי תיבות** פונעם ווארט **חז״ק** איז די ווערטער **ח׳רישה, ז׳ריעה, ק׳צירה,** אקערן אנזייען און אפשניידן.

דאס ווארט **חז״ק** קומט אונז דערמאנען ביים מסיים זיין די תורה דאס וואס די משנה זאגט (אבות) **הלומד ואינו חוזר כזרוע ואינו קוצר** דער לערנט און ער חזרט נישט איבער זיין לערנען **איז דומה צו איינער וואס זייעט אן א פעלד** און ער שניידט נישט אפ די תבואה.

א יעדעס מאהל א מענטש זעצט זיך לערנען דארף ער קודם מאכן **״א חרישה״** ער זאל אויפאקערן זיין הארץ **אז זיין הארץ זאל זיין גרייט** מקבל צו זיין די דברי תורה.

דערנאך דארף ער מאכן **״א זריעה״** ער זאל אנזייען די דברי תורה אין זיך **ער זאל לערנען בהתמדה רבה** ביז די דברי תורה זענען איינגעפלאנצט געווארן אין איהם.

צום סוף דארף ער מאכן **״א קצירה״** ער זאל איבערחזרן **אלעסוואס ער האט געלערנט.**

**ואם שלש אלה יעשה לה** אויב ער וועט טון די דריי זאכן וועט ער זעהן א ברכה אין זיין לערנען.

**ברכנו בברכה ״המשולשת״ בתורה**

# חזק חזק ונתחזק

# אזמין לסעודתא אושפיזין עילאין

**עס שטייט אין זהר הקדוש אז אין פסוק שטייט בסוכות תשבו שבעת ימים אין א סוכה זאלט איר זיצן זיבן טעג, עס שטייט דאסווארט תשב"ו מיט א לשון רבים דאס קומט צו לערנען אז די שבעה רועים אברהם יצחק יעקב משה אהרן יוסף און דוד קומען אריין אין יעדנס יוד'ס סוכה, וועגן דעם איידער מען פאנגט אן די סעודה לאדענט מען זיי איין מיט די ווערטער תיבו תיבו אושפיזין עלאין.**

## תיבו תיבו אושפיזין עלאין

די **שבעה רועים** וואס זיי קומען צו אונז אין די **סוכה**, האבן א שטארקע שייכות מיטן **יום טוב סוכות.**

☆

## אברהם רחימא

ביי **אברהם אבינו** טרעפן מיר עטליכע זאכן וואס ער האט א שייכות צום יום טוב סוכות.

**א'**- אין פסוק שטייט **ויאמר ה' אל אברם** דער אייבישטער האט געזאגט פאר אברם, **לך לך מארצך וכו' אל הארץ אשר אראך** גיי אוועק פון דיין לאנד צו דעם לאנד וואס איך וועל דיר ווייזן, אברם איז **ארויס פון זיין לאנד**, ביז ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

ביי די מצוה פון סוכה זאגן אונז חז"ל **צא מדירת קבע לדירת עראי**, גיי ארויס פון דיין הויז צו א צייטווייליגע הויז, וואס די ספה"ק זאגן אז די **קדושת סוכה**, האט אין זיך **קדושת ארץ ישראל.**

**ב'**- אויף די ווערטער **אש"ר ארא"ך** זאגט דער **בעל הטורים** אז א **עמוד הענן** איז געגאנגען פאראויס פאר אברהם, און דער וואלקן האט **געוויזן דעם וועג** פאר אברהם אבינו ווי צו גיין.

מיר זיצן אין די סוכה אלס זכר צום נס פון די **ענני הכבוד**, ביי די **ענני** הכבוד טרעפן מיר אויך אז דער וואלקן האט **געוויזן דעם וועג** פאר די יודן, אינעם מדבר.

**ג'**- אין פסוק שטייט **אברהם אבינו** האט געזאגט פאר די מלאכים **והשענו תחת העץ**, לאנט אייך אן אינטערן בוים, זאגט דער מדרש ווייל אברהם האט געלייגט זיינע אורחים אונטער דעם **שאטן פונעם בוים** זיי צו באשיצן פון די זון, האט השי"ת געגעבן פאר זיינע קינדער אין מדבר די **ענני הכבוד** זיי צו באשיצן פון היץ און קעלט רעגן און ווינטן מיר זיצן אין די סוכה **זכר לענני הכבוד.**

אין **זהר הקדוש** ווערט געברענגט אז דורך דעם בוים האט אברהם אבינו געוויסט אויב זיינע **געסט זענען עובדי ע"ז אדער נישט**, דער בוים האט נאר **מגין** געווען און געמאכט א צל א שאטן אויף די געסט וואס זיי האבן **מאמין געווען אינעם אייבירשטן**, אויב נישט האט זיך דער בוים אוועקגעבויגן, **בדומה לזה** טרעפן מיר, אז די ענני הכבוד האבן **אויסגעשפיגן** אלע **עוברי עבירה.**

☆

## יצחק עקידתא

ביי **לידת יצחק** שטייט אין פסוק **צחוק עשה לי אלוקים כל השומע יצחק לי**, יצחק האט געברענגט שמחה אויף דער וועלט, און דער יו"ט **סוכות** איז דער **זמן שמחתינו.**

דער **שמחת בית השואבה** האט זיך אנגעהויבן דעם **צווייטן נאכט סוכות** וואס איז אקעגן די **שמחה** פון **לידת יצחק.**

☆

## יעקב שלימתא

אין פסוק שטייט **ויעקב נסע סכתה.**

דער **טור** ברענגט בשם זיין **ברודער**, אז די 3 ימים טובים פסח שבועות און סוכות זענען אקעגן די **3 אבות.**

דער יום טוב **פסח** איז אקעגן **אברהם**, ווייל ביי אברהם שטייט אין פסוק **לושי ועשו עגות**, זאגן אונז חז"ל **פסח הי'**, עס איז געווען פסח, דער יום טוב **שבועות** איז אקעגן**יצחק**, ווייל ביי מתן תורה האט מען געבלאזן **מיט א שופר** וואס דער שופר איז גענומען געווארן פונעם **אילו של יצחק**, דער יום טוב **סוכות** איז אקעגן**יעקב**, ווייל ביי יעקב שטייט אין פסוק **ויעקב נסע סכותה.**

**הרה"ק ר' ישכר דוב מבעלזא זי"ע** איז מסביר פארוואס פונקט יעקב איז אקעגן סוכות, ברענגט ער נאך פון זיין זיידן **הרה"ק השר שלום מ'בעלזא זי"ע** וואס ער פלעגט שטענדיג זאגן אז דער **קדושת סוכה** איז מעין דער **קדושת ארץ ישראל**, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **ויהי בשלם סוכות ומעונתו בציון**, מען זיצט אין די סוכה און עס איז כאילו מען וואוינט אין ארץ ישראל.

ביי **יעקב אבינו** געפונען מיר אז ער איז געווען דער איינציגסטע פון די אבות וואס ער האט זוכה געווען צו **קדושת ארץ ישראל** אפילו אין חוץ לארץ, אזוי ווי רש"י ברענגט אין פרשת ויצא, **איהו עד חרן אזיל יעקב** ער איז געגאנגען קיין חרן, **וקפצה לו הארץ די הר המוריה** איז אים דער הר המוריה אקעגן געשפרינגען.

זאגט דער בעלזער רב וועגן דעם איז יעקב אקעגן סוכות ווייל דער **קדושת הסוכה** האט אין זיך א **קדושת ארץ ישראל**, אפילו אין חוץ לארץ.

☆

## משה ריעא מהמנא

די גמרא ברענגט בשעת **משה רבינו** איז ארויף אין הימל **נעמען די תורה** האבן אים די מלאכים געוואלט **שעדיגן**, האט הקב"ה אויסגעשפרייט זיין וואלקן איבער אים **פרש"ז עליו ענג"ו**, דאס איז געווען **בבחינת ענני הכבוד** און ער האט אים **באשיצט** אז די מקטריגים זאלן אים נישט קענען שלעכטס טאן.

דער מצוה פון סוכה איז דאך א **זכר לענני הכבוד** כדי צו **באשיצן די יודישע קינדער**, אז זיי זאלן נישט געשעדיגט ווערן פון קיין שום שלעכטס.

אויך געפונען מיר אז ווען **אהרן הכהן** איז נפטר געווארן זענען די **ענני הכבוד** אוועק פון די אידן, צום **סוף** זענען די ענני הכבוד צוריק געקומען **בזכות משה.**

☆

## אהרן כהנא קדישא

די **גמרא** זאגט אז די יודן האבען באקומען אין מדבר 3 מתנות **מן באר** און **ענני הכבוד**, דער **מן** איז געווען בזכות **משה**, און דער **באר** איז געווען בזכות **מרים**, און די **ענני הכבוד** זענען געווען בזכות **אהרן הכהן.**

עס שטייט אין פסוק (תהלים) **תצפנם בסוכה מריב לשונות** דו באהאלטס זיי אין די סוכה פון קריגעריי מיטן צינג, **אהרן הכהן** וואס ער איז געווען אן **אוהב שלום ורודף שלום**, ער האט צוגעברענגט אז שונאים זאלן זיך איבערבעטן איינעם דעם צווייטן.

**הרה"ק מ'רוזשין זי"ע** האט געזאגט, פון די **הבל פיהם** פון די ווערטער וואס די יודן האבן זיך מפייס געווען איז געווארן א **רויעך** און פון די אלע **הבלים** אינאיינעם, זענען געווארן **די ענני הכבוד.**

דאס איז פשט אין פסוק **תצפנם בסוכה** יודישע קינדער זענען זוכה צו די מצוה פון סוכה צו זיצן **בצילא דמהימנותא**.

**מרי"ב לשונו"ת** דורך דעם וואס זיי **האבן מיט זייער צינג זיך איבערגעבעטן** און זיך אפגעהיטן פון זיך צו קריגן.

וועגן דעם רופט מען אן די סוכה **"סכת שלם"**, ווייל די מצוה פון סוכה איז אקעגן די ענני הכבוד, וואס **מיר האבן זוכה געווען** דורך זכות פון שלום.

☆

## יוסף צדיקיא

**א'-** דער **יום טוב סוכות** ווערט אנגערופן **חג האסיף**, ביי לידת יוסף האט רחל אמינו געזאגט **אסף אלוקים את חרפתי**.

**ב'-** עס שטייט אין פסוק **בצל החכמה בצל הכסף** זאגט דער הייליגער **זרע קודש זי"ע**, דער צל סוכה איז משפיע חכמה און פרנסה.

ביי יוסף הצדיק טרעפט מען **סיי חכמה**, און **סיי פרנסה**, חכמה ווייל עס שטייט אין פסוק **אין נבון וחכם כמוך**, פרנסה ווייל עס שטייט אין פסוק **ויוסף הוא המשביר** יוסף איז משפיע פרנסה פאר די וועלט.

☆

## דוד מלכא משיחא

דער **בית המקדש** ווערט אנגערופן **סוכת דוד**, אין די טעג פון סוכות זענען מיר מתפלל **הרחמן הוא יקים לנו את סוכת דוד הנופלת**.

אויך געפונען מיר אז דוד המלך זאגט אין תהילים **כי יצפננו "בסוכו" ביום רעה** השי"ת דו האסט מיך באהאלטן אין דיין סוכה אין א שווערע טאג.

## סדר האושפיזין

אין **זהר הקדוש** טרעפן מיר דעם סדר פון די **אושפיזין**, אז גייען לויט די סדר פון די מדות, **חסד גבורה תפארת נצח הוד יסוד מלכות**, לויט דעם קומען **משה ואהרן** פאר **יוסף**, ווייל די מדות פון **נצח והוד** זענען פאר מדת **היסוד**.

אין א אנדערע פלאץ אין **זוהר הק'** שטייט, אז די אושפיזין גייען לויט די עלטער, לויט דעם קומט **יוסף** פאר **משה**.

**רוב צדיקים** פלעגן זיך נוהג זיין לויט דעם סדר פון די **מדות** און זיי האבן געהאלטן משה פאר יוסף, די **אשכנזים** זענען זיך נוהג לויט די סדר פון די **עלטער**, און ביי זיי קומט יוסף פאר משה.

☆

## ויאמר יעקב אל יוסף א-ל שד-י נראה אלי בלוז

דער **בארניבער רב זי"ע** ברענגט א רמז אין פסוק וואס דארט איז **מרומז** לויט ביידע וועגן, אין פרשת ויחי שטייט אין פסוק **ויאמר יעקב אל יוסף א-ל שדי נראה אלי**.

די וואס גייען לויט **די סדר פון די מדות** טייטשן דעם פסוק אזוי, **ויאמר יעקב אל יוסף**, יעקב האט געזאגט צו זיין זון יוסף, **א-ל שד-י** בגימטריא **345 כמנין מש"ה**, דאס ווארט **נרא"ה** איז די אותיות **אהר"ן**, דאס איז **אל"י** זיי קומען תיכף **נאך מיר**, דו יוסף וועסט זיין הערשט נאך זיי.

די וואס גייען לויט **די סדר פון די עלטער** טייטשן דעם פסוק אזוי, **ויאמר יעקב אל יוסף**, תיכף נאך די אושפיזא פון **יעקב** קומט די אושפיזא פון **יוסף**.

**א-ל שד-י** (גימטריא משה) דערנאך קומט די אושפיזא פון **משה**, דערנאך איז **נרא"ה** (אותיות אהרן) דערנאך קומט די אושפיזא פון **אהרן**.

☆

## השיר שהלוים היו אומרים

**הרה"ג ר' מאיר שפירא זצ"ל** (ר"י חכמי לובלין) ברענגט א ראיה פון די **שיר הלוים** אזוי ווי די חסידים אז משה קומט פאר יוסף.

די משנה זאגט **ביום הרביעי** האבן לוים געזינגען דעם קאפיטל **"מי יקים לי עם מרעים"** די ווערטער האט השי"ת געקלאגט אויף מיתת משה,

**ביום החמישי** האבן די לוים געזינגען דעם קאפיטל **עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים** וואס דאס גייט ארויף אויף יוסף, זעט מען פונעם שיר הלוים אז **משה** קומט פאר **יוסף**.

☆

## אורח בזמנו בא

**הרה"ק ר' אייזיקל קאמארנער זי"ע** האט זיך געוואלט אנהייבן נוהג צו זיין מיט די אושפוזין **כמנהג האשכנזים** האט ער געשיקט זיין זון **הרה"ק ר' אליעזר'ל קאמארנער זי"ע** ער זאלן גיין אנפרעגן פון זיין פעטער **הרה"ק ר' אייזיקל זידטשובער זי"ע**.

ר' אייזיקל זידטשובער האט געענטפערט, זאג פאר דיין טאטן איך ווייס נישט **וואס זיין שאלה איז אפילו**, פאר א יאהר סוכות האב איך געזעהן ווי **משה רבינו** איז אריינגעקומען אין די סוכה **ליל ד'** און **יוסף הצדיק** איז אריינגעקומען אין די סוכה **ליל ו'**.

ווען ר' אייזיקל קאמארנער האט געהערט די תשובה האט ער געזאגט אודאי האט ער געזעהן משה פאר יוסף, ווייל ווען ער האט געזאגט דעם **אזמין לסעודתא אישפוזין אליעאין** האט ער **ליל ד'** איינגעלאדענט **משה רבינו** און **ליל ו'** האט ער איינגעלאדענט **יוסף הצדיק**, און די געסט קומען לויט ווי מען **לאדענט** זיי.

## יעקב חבל נחלתו

בשעת מען לאדענט איין די **אושפיזין** ביי א יעדע סעודה זאגט מען דעם פסוק **כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו**, דער **תפארת בנים זי"ע** איז דאס מסביר מיט א שיינעם משל.

עס איז געווען א **ארימאן** וואס ער האט זייער ליב געהאט דעם מלךדער האט זייער געגליסט אז דער **מלך זאל קומען איינשטיין ביי איהם אינדערהיים**, אבער צוליב זיין גרויס ארימקייט איז נישט געווען מעגליך אז ער זאל **קענען אנגרייטן א סעודה**, אזוי ווי עס פאסט זיך פאר א קעניג.

דער קעניג איז געוואר געווארן פון דעם ארימאנס **געטריישאפט** און פון זיין **באגער**, האט דער מלך באפוילן אז מען ציגרייטן א סעודה ביי איהם אין פאלאץ און מען זאל **אריבערטראגן דעם סעודה** צום ארימאן אין שטוב, און צום גרויס שמחה פונעם ארימאן איז דער **מלך איז געגאנגן באזיכן דעם ארימאן** ביי איהם אינדערהיים.

זאגט דער תפארת בנים **דער נמשל איז אזוי**, מיר האבן א באגער אייצילאדענען די הייליגע **אושפיזין** צו אונז אין די **סוכה**, מיר זענען אבער ליידער ארים פון מעשים, שיקט דער אייבישטער פון הימל צו אונז אין די סוכה די הייליגקייט פון אונזער **נשמה** וואס דאס ווערט אנגערופן **צילא דהמנותא**, די שאטן פונעם הייליגן באשעפער ווייל די נשמה איז א **חלק אלוקי ממעל**, און מיט דעם קדושה טוען מיר איינלאדענען די שבעה רועים.

וועגן דעם זאגן מיר ביים איינלאדענען די אושפיזין צו אונז אין די סוכה דעם פסוק **כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו** דורכן **חלק אלוקי ממעל** די קדושה פון אונזער **נשמה** וואס דער אייבישטער האט אונז געגעבן פאר אונזער חלק, מיט אט דעם **קדושה**, טועהן מיר אויפנעמען די הייליגע **אושפיזין**, צו אונז אין די סוכה.

# שמות האושפיזא

**אינעם יום טוב סוכות איז געווען דער מנהג ביי די צדיקים הקדושים אז זיי האבן מכבד געווען איינער וואס זיין נאמען איז געווען אזוי דער אושפיזין פון יענעם טאג סוכות, וועלן מיר ברענגען ספורי מעשיות פון רבותינו הקדושים וועגן דעם ענין פון שמות האושפיזא**

## לכבד מי שיש לו שם אושפיזא

### ככל היוצא מפיכם יעשה

**הרה"ק רבי בונם מ'פשיסחא זי"ע** פלעגט שטארק מקרב זיין די אלע וואס זייער נאמען איז געווען אזוי די **אושפיזא** פון יענעם טאג, ער פלעגט הייסן אז זיי זאלן **שטעלן משקה** צום טיש לכבוד דעם אושפיזא.

האט זיך איינמאהל געמאכט, אז אינעם **צווייטן טאג סוכות** נאכמיטאג, איז געגאנגען א **שטארקע רעגן**, האבן די חברים געזאגט פאר זייער חבר **הרה"צ ר' יענקעל'ע מ'ראדזין זי"ע** וואס וועסטו טון היינט נאכט מוצאי יו"ט ביים **אושפיזא ד'יעקב** מיטן אושפיזא סעודה, ביים רבינ'ס טיש.

האט זיי ר' יענקעל'ע געענטפערט, ביז ביינאכט וועט אי"ה דער רבי **קענען זיצן מיט אונז אין די סוכה**, דער רעגן וועט זיך בעזהשי"ת אויפהערן, האבן די חברים צוגעזאגט צו **שטעלן משקה ביים טיש לכבודו**, אויב ביז ביינאכט וועט זיך דער רעגן טאקע אפשטעלן.

נאך א קורצע צייט האט זיך דער רעגן **אפגעשטעלט**, און די חברים זענען **אריין געגאנגען אינעם סוכה**, ווען עס איז געקומען צום שטעלן משקה לכבוד די **אושפיזא ד'יעקב** האט רבי ר' בונם זיך אנגערופן, **יעקב מ'ווארקא** (דאן האט ר' יענקעל'ע נאך געוואוינט אין ווארקא) זאל שטעלן משקה, האבן די חברים געזאגט פאר ר' יענקעל'ע, **נו, שטעל משקה**, האט ר' יענקעל'ע זיי געענטפערט, **"אדרבא, איר דארפט שטעלן משקה לכבודי"**.

האט רבי ר' בונם האט געפרעגט פון די חבריא, **וואס איז דער מעשה מיטן משקה**, האבן די חברים דערציילט פארן רבי'ן דעם **גאנצע שמועס** וואס זיי האבן געהאט מיט זייער חבר יענקל, האט רבי ר' בונם געזאגט, **מיט יענקל הייבט איר אָן**, שוין זאלט איר איינהאלטן אייער הבטחה, **איר זאלט שטעלן משקה לכבודו.**

## כשמות אשר קרא להן אביו

### יצחק גם אושפיזא ד'אברהם

איינמאהל ביים ערשטן נאכט סוכות האט **הרה"ק ר' יצחק מ'ווארקא זי"ע** געזאגט היינט איז מיין **אושפיזא**, די חסידים וואס האבן דאס געהערט האבן זיך **שטארק געוואונדערט** אויף דעם, ווייל דעם רבינ'ס נאמען איז **יצחק**, וואס פאר א שייכות האט דער רבינ'ס נאמען מיטן **אושפיזא ד'אברהם**.

דער ווארקא רבי האט געזעהן ווי די חסידים וואונדערן זיך האט ער זיי געזאגט וואס פארשטייט איר נישט, רש"י זאגט דאך **צר הקב"ה קלסתר פניו של אברהם דומה ליצחק** דער אייבישטער האט **אויסגעפארעמט** דעם פנים פון **יצחק** גלייך צו **אברהם**, ממילא האבן אברהם און יצחק א **שטארקע** שייכות .

**הרה"ק דער בעל ישמח ישראל מאלכסנדר זי"ע** האט איינמאהל געזאגט ביים יומדה"ל פון **הרה"ק מ'ווארקא** בזה הלשון, דער אלטער רבי פון ווארקא איז געווען **בבחינת אברהם אבינו ע"ה**, דער גאנצער חסד וואס איז אראפגעקומען דורך איהם, איז ארויף אין הימל.

☆

## צבי באושפיזא ד'יצחק

### טעם הגדי כטעם הצבי

**הרה"ק ר' לייבעלע איגער זי"ע** ברענגט אין תורת אמת בשם **הרה"ק ר' בונם מפרשיסחא זי"ע** אז דער נאמען **צבי** געהער צום **אושפיזא ד'יצחק** ווייל רש"י ברענגט ביי יצחק די ווערטער **"טעם הגדי כטעם הצבי"**.

☆

## בנציון באושפיזא ד'יצחק

### גימטריא של השמות

**הרה"ח ר' יונה צעהנגוט ע"ה** פון באבוב איז געווען איינמאהל סוכות ביים הייליגן **שינאווא רב זי"ע**, דער צווייטער נאכט סוכות ביים **שטעלן די וויין ביים טיש** האט דער הייליגער שינאווער רב געזאגט פאר ר' יונה, איר דארפט **היינט שטעלן משקה** לכבוד דעם אושפיזא פון אייער רבי'נס זון **ר' בנציון** מ'באבוב.

ר' יונה איז געשטאנען שטארק פארוואונדערט, היינט איז דאך דער **אושפיזא ד'יצחק**, זיין רבי'נס זון הייסט דאך **בן ציון** און נישט יצחק, דער שינאווער רב האט מרגיש געווען אז ר' יונה **וואונדערט זיך**, האט דער שינאווער רב געזאגט אזוי.

איך בין געווען איינמאהל סוכות ביי די **אושפיזא ד'יוסף** ביים צדיק **רבי ר' הערש מרימאנוב זי"ע**, האט מיר דער צדיק געזאגט אז איך זאל שטעלן משקה לכבוד די **אושפיזא ד'יוסף** ווייל מיין נאמען **יחזקא"ל** האט דעם זעלבן גימטריא ווי **יוס"ף** ביידע זענען גימטריא **156**.

האט דער שינאווער רב אויסגעפירט, פון דעם מעשה זעהט מען אז א **גימטריא** פון א נאמען האט דעם **זעלבן חשובות** אזוי דער נאמען אליינס, וועגן דעם האב איך באפוילן זאלסט היינט שטעלן וויין **לכבוד דיין רבי'נס זון**, ווייל דער נאמען **ב"ן ציו"ן** איז בגימטריא דער זעלבע ווי דער נאמען **יצח"ק**, ביידע זענען גימטריא **208**.

## אורי באושפיזא ד'יעקב

### כל מה שאירע ליעקב

**הרה"ק מסאטמאר זי"ע** האט זיך נוהג געווען סוכות זיין ביים טיש מכבד צו זיין מיטן זינגען **שיר המעלות** איינער וואס האט דעם נאמען פונעם **אושפיזא**, פון יענעם טאג.

איינמאהל האט דער רבע מכבד געווען ביי די **אושפיזא ד'יעקב** איינעם מיטן נאמען **אורי**, צו זינגען איינע פון די **שיר המעלות**, ווען דער רבי האט געזעהן ווי יענער **וואונדערט זיך**, האט דער רבי געזאגט דער נאמען **אורי** און דער נאמען **יעקב**, גייען אינאיינעם.

רש"י זאגט און פרשת וישב **כל מה שאיר"ע ליעק"ב**.

## יואל באושפיזא ד'משה

### ויואל משה

**הרה"ק מסאטמאר זי"ע** פלעגט זיך נוהג זיין אז ביים טיש זאל מען שטעלן משקה פאר אלע וואס זייער **נאמען איז געווען** אזוי

ווי דער **אושפיזא** פון יענעם טאג, דער רבי פלעגט הייסן שטעלן משקה, **אפילו פאר גאר קליינע קינדער**, וואס האבן געטראגן דעם נאמען פון די אושפיזא.

אזוי אויך האט דער רבי באפוילן צו שטעלן משקה ביים טיש פאר אזעלעכע וואס זייערע נעמן זענען ענליך צום **נאמען פון דעם אושפיזא**, ווי למשל איינער מיטן **ישראל** ביים **אושפיזא ד'יעקב**, איינער מיטן נאמען **יקותיאל** ביים **אושפיזא ד'משה**.

דער רבי האט פארציילט אז ווען ער איז נאך געווען א יונג קינד, האט זיין טאטע דער הייליגער **קדושת יום טוב זי"ע** איהם באפוילן, אז ער זאל שטעלן משקה ביים **אושפיזא ד'משה**, ווען ער האט געפרעגט פון זיין טאטן אז זיין נאמען איז דאך **יואל**, האט זיין טאטע געענטפערט עס שטייט דאך אין פסוק **ויוא"ל מש"ה**.

## שמואל באושפיזא ד'משה ואהרן.

### שקול שמואל כנגד משה ואהרן

**הרה"ח ר' יצחק גראס ז"ל** וואס ער איז געווען דער משב"ק ביי **הגה"ק ר' שמואל פרענקל מ'דאראג זצ"ל** האט פארציילט דעם פאלגענדע מעשה.

איינמאהל חול המועד סוכות ביי די **אושפיזא ד'אהרן** איז ער געפארן אינאיינעם מיט זיין רבי'ן **ר' שמואל**, צום הייליגן **דברי חיים זי"ע** קיין צאנז, ווען עס איז געקומען צו ברכת המזון האט דער הייליגער דברי חיים מכבד געווען דעם **דאראגער רב** מיטן בענטשן, ווייל היינט איז זיין **אושפיזא**, די חסידים האבן זיך געוואונדערט דערויף.

נאכן בענטשן האט איינער פון די חסידים געפרעגט פונעם דברי חיים וואס האט דער נאמען **שמואל**, מיט דער **אושפיזא די'אהרן**, האט דער הייליגער דברי חיים איהם געענטפערט, חז"ל זאגן **שקול שמוא"ל כנגד מש"ה ואהר"ן**.

## שלום באושפיזא די'אהרן

### אוהב שלום ורודף שלום

**הרה"ק ר' אברהם שלום מ'סטראפקאב זצ"ל** האט געהאלטן דעם חשיבות פון זיין נאמען **שלום** ביים **אושפיזא ד'אהרן**, ער פלעגט זאגן אז דער זיידע דער הייליגער **דברי חיים זי"ע** שרייבט, אז די אושפיזין זענען **מרמז** אויף זייערע מדות.

וויבאלד אהרן הכהן איז געווען א **אוהב שלו"ם ורודף שלו"ם** און מיין טאטע האט מיר א נאמען געגעבן **שלו"ם** וועגן דעם איז מיין מדה אז איך בין א **אוהב שלום**.

## כסא מיוחדת להאושפיזין

### פחד יצחק

דער הייליגער **דברי חיים זי"ע** האט זיך נוהג געווען אז סוכות ביים טיש איז געווען אן **אושפיזין שטול** לכבוד די אושפיזין, ביים צווייטן נאכט סוכות ביי די **אושפיזא ד'יצחק** האט דער דברי חיים זיך נוהג געווען צו בייזערן אלס דעם מדה פון **פחד יצחק**.

די גבאים פלעגן פרובירן אנצוגרייטן דעם טיש דעם צווייטן נאכט סוכות **על צד היותר טוב**, אז דער דברי חיים זאל נישט טרעפן אויף וואס זיך צו בייזערן, דער דברי חיים פלעגט אבער **כסדר עפעס טרעפן** אויף וואס זיך צו **בייזערן**.

איינמאהל ווען די גבאים האבן מסדר געווען דעם טיש איז דער זון פון דער דברי חיים דער **גארליצער רב זי"ע**, אריינגעקומען צום טיש און ער האט געזעהן אז אלעס איז שיין מסודר'דיג אנגעגרייט דער טאטע וועט נישט טרעפן **אויף וואס זיך צו בייזערן**, ער האט געוויסט אז דער טאטע האט א ענין זיך צו בייזערן ביי די **אושפיזא ד'יצחק** וואס איז קעגן **מדת גבורה**.

ווען דער דברי חיים איז אריינגעקומען צום טיש צו מאכן קידוש און ער האט **אנגעגאסן דעם כוס ווין**, האט דער גארליצער רב געגעבן א שטיפ דעם **קדושת יום טוב זי"ע** וואס ער איז געשטאנען אינטערן צאנזער רב וואס דורכן שטיפ האט זיך **אראפגעגאסן פון די ווין אויפן נייען בעקיטשע** פונעם דברי חיים.

ווען דער דברי חיים האט דאס געזעהן האט ער זיך אנגעהויבן צו **בייזערן** ער האט געשריגן אויפן קול **"ממון איז דמים, מען וועט דארפן באצאלן ביזן לעצטן פרוטה"**, דערנאך האט דער דברי חיים גערופן דעם קדושת יום טוב, ער האט איהם **מפייס געווען מיט ווייכע רייד**, דער דברי חיים האט געזאגט **"ליפעלע מיין ליפעלע, מיר האבן ליב ערליכע יודן, מיר האבן ליב ערליכע יודן"**, דער דברי חיים האט דאן אלס פיוס ארויפגעזעצט דעם קדושת יום טוב אויפן **אושפיזא שטול**, דער עולם האט פון דעם פארשטאנען אז דער דברי חיים האט דאן **מסמיך געווען דעם קדושת יום טוב** אלס א רבי.

שפעטער ווען דער קדושת יום טוב האט איבערדערציילט דעם מעשה, האט דער קדושת יו"ט געזאגט, **במילא**, ווען דער צאנזער רב האט זיך **געבייזערט אויף מיר** האב איך געמיינט אז די וועלט גייט מיר אונטער, אבער ווען דער צאנזער רב האט מיך ארויפגעזעצט אויפן **אושפיזין שטול איז מיר געווען אסאך ערגער**, ווי ווען דער צאנזער רב האט זיך **געבייזערט** אויף מיר.

**זכותם הגדול והקדוש יגן עלינו**

# תורתן של אבות

## דברי תורה על ימי חג הסוכות ששייכים להאושפיזין

### לכבוד האושפיזא ד'אברהם

#### והשענו תחת העץ

עס שטייט אין **פייט** (שחרית יום ב' סוכות) **אלים כהשעין אב תחת עץ סוכה**, אברהם אבינו האט אריינגעזעצט די מלאכים אונטער א סוכה אינטערן בוים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **והשענו תחת העץ**, דאס קומט אויס אזוי ווי **תוספות** (ר"ה י"א) וואס זאגט אז די מלאכים זענען געקומען צו אברהם אבינו'ס געצעלט **אין יו"ט סוכות**.

פרעגן די **מפורשים** די משנה זאגט דאך **העושה סוכתו תחת האילן כאילו עשה בתוך הבית**, ווען איינער מאכט זיין סוכה **אינטער א בוים**, איז עס אזוי ווי ער וואלט עס **געמאכט** אינטער דעם דאך פון זיין הויז און די **סוכה איז פסול**, פארוואס האט אברהם אבינו געלייגט זיינע געסט אינטער א **פסול'ע סוכה**.

ענטפערט **דער הייליגע חקל יצחק זי"ע הי"ד** א הערליכן תירוץ, אברהם אבינו איז נישט געווען זיכער צו זיינע געסט זענען **מאמינים בה'** אדער זיי זענען **עובדי ע"ז** אזוי ווי רש"י ברענגט **כסבור ערביים הם שמשתחוים לאבק רגליהם**, ער האט זיי חושד

געווען אזיי זענען **אראבער** וואס ביקן זיך צו די שטויב פון זייער פיס.

די מנהג פון ערליכע אידן איז אז מען ברענגט נישט אריין **א גוי** אין די סוכה, אברהם אבינו איז געגאנגען ער האט **אראפגעבויגן די צווייגן פונעם בוים**, און ער האט עס אריינגעמישט מיט די כשר'ע סכך אזוי אז די **כשר'ע סכך** איז געווען מער ווי די **פסול'ע סכך**, איז עס **בטל געווארן ברוב**, און די סוכה איז כשר.

דער **פרי מגדים** (יו"ד סי' ס"ב) פסק'נט אז ביי א **בן נח** העלפט נישט **ביטול ברוב**, ווייל ביטול ברוב איז א **חידוש** וואס די תורה האט דאס נאר מחדש געווען ביי א **ישראל**.

אברהם אבינו האט אריינברענגט זיינע געסט אין זיין סוכה מיט א **ממה נפשך**, זענען זיי מאמינים בה' האבן זיי א דין ווי א ישראל העלפט ביי זיי **ביטול ברוב**, זיצן זיי אין א כשר'ע סוכה, טאמער אבער זיי זענען **עובדי ע"ז** העלפט נישט ביי זיי **ביטול ברוב** דעמאלטס זיצן זיי אין א **סוכה פסולה**, הייסט עס נישט ווי ער האט אריינגעברענגט א גוי אין די **קדושת הסוכה**.

☆

## והוא ישב פתח האהל כחם היום

עס שטייט אין פסוק **והוא יושב פתח האהל כחם היום.**

קען מען זאגן פשט **אברהם אבינו זיצט ביים עפענונג** דאס מיינט ביי די ראשי תיבות פון די ווערטער **האה"ל כח"ם היו"ם.**

דער ווארט **האה"ל** איז נוטריקון די ווערטער **ה'ושענא ל'מענך א'לוקינו ה'ושענא**, דער ווארט **כח"ם** איז נוטריקון די ווערטער **כ'תיבה ח'תימה מ'סירה**, דער ווארט **היו"ם** איז נוטריקון **ו'בבן ה'נעקד י'שבית מ'דיננו.**

אברהם אבינו העלפט ארויס זיינע קינדער אז זיי זאלן ווערן אפגעשריבן אפגעזיגלט **לחיים טובים**, און די **מסירת התפקין**, זאלן זיין לטובת די יודישע קינדער דורכן מתפלל זיין פאר זיי, השי"ת הערט זיך צי צו זיינע תפילת אינעם **זכות** וואס ער איז בייגעשטאנען **דעם נסיון** פון עקידת יצחק.

## לכבוד האושפיזא ד'יצחק

### הגידי נא לי היש בית אביך מקום לנו ללין
### קידושין של יצחק ורבקה הי' ביום א' דסוכות

דער **דזיקובער רב זי"ע** אין ספר **עטרת ישועה**, מאכט א חשבון אז די **קידושין** פון יצחק און רבקה, איז געווען **יום א' דסוכות.**

אין **פרקי דר' אליעזר** שטייט אז די עקידה איז געווען **יום כיפור**, די וועג אהיים פון די עקידה האט געדויערט **3 טעג**, פונקט אזוי ווי אנצוקומען ביזן הר המוריה האט געדוירט 3 טעג, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **ביום השלישי וישא אברהם את עיניו וירא את המקום מרחוק**, קומט אויס אז ער איז אנגעקומען אהיים **י"ב תשרי**, תיכף נאך די עקידה איז שרה געשטארבן, דאן אברהם האט באקומען די בשורה אז **רבקה איז געבוירן געווארן**, קומט אויס אז רבקה איז געבוירן געווארן **י"ב תשרי.**

אין פרקי דר' אליעזר שטייט, אז ווען אליעזר האט **מקדש** געווען רבקה פאר יצחק, איז רבקה איז אלט געווען **3 יאהר מיט דריי טעג**, קומט אויס אז די קידושין פון רבקה איז געווען **ט"ו תשרי**, וואס דאס איז **א' סוכות.**

זאגט דער עטרת ישועה וועגן דעם האט אליעזר איר געפרעגט **הגידי "נא לי" היש בית אביך מקום לנו ללין**, אליעזר האט געוואלט וויסן צו איר טאטע האט א סוכה וואו זיי זאלן קענען דארטן שלאפן ביינאכט, די ווערטער **נ"א ל"י** איז בגמטריא **91** כמנין **סוכ"ה**, אויף דעם האט רבקה געענטפערט, **גם תבן גם מספוא רב עמנו**, מיר האבן אסאך **פסולת גורן ויקב** וואס איז כשר לסכך.

פירט אויס דער עטרת ישועה, וועגן דעם האט אליעזר נאכדעם געזאגט **ברוך ה' אשר לא עזב חסד"ו ואמיתו מעם אדוני אברה"ם,** ווייל די ערשטע נאכט סוכות איז די אושפיזא פון **אברהם** וואס ער איז **מדת החסד.**

☆

## מרבה בצדקה

לויט דעם קען מען **מוסיף** זיין, אז וועגן דעם האט אליעזר האט געמאכט א סימן אז די **ריכטיגע מיידל** וועט זיין די מיידל וואס וועט געבן צו **טרינקען** פאר אים און פאר זיינע **גמלים**, ווייל די מעשה ווען אליעזר האט זיך צום ערשט געטראפן מיט רבקה איז געווען **ערב סוכות.**

דער **אר"י הקדוש** זאגט אז ערב סוכות זאלן מען מרבה זיין **בצדקה**, אליעזר האט געוואלט זען צו זי איז גרייט **מרבה צו זיין בצדקה** אוועקצוגעבן פאר א צווייטן.

און וועגן דעם האט ער געמאכט דעם סימן מיט וואסער **ווייל סוכות הייבט זיך אן די מצוה פון ניסוך המים** האט ער געוואלט מעורר זיין די מצוה פון ניסוך המים בסוכות.

## לכבוד האושפיזא ד'יעקב
### חנוני מקיף

דער **עטרת ישועה זי"ע** זאגט א טעם אויף וואס מען טאנצט הקפות אין שמיני עצרת, ווייל די **חתונה** פון **יעקב** און **רחל**, איז געווען אין **שמיני עצרת.**

דער ווארט **הקפ"ה** איז אויך א לשון פון **בארגן** (חנוני מקיף) וועגן דעם האט לבן געזאגט פאר יעקב אז ער געט אים רשות חתונה צו האבן מיט רחל **בהקפ"ה** אויף בארג, **בעבודה אשר תעבוד עמי עוד שבע שנים אחרות** ער וועט מיזן ארבעטן נאך די חתונה נאך זיבן יאהר.

☆

## ויאסוף לבן את אנשי המקום

לויט דעם קען מען מוסיף זיין, אז לויט דעם חשבון איז די **ערשטע חתונה** פון **יעקב** מיט **לאה** געווען זיבן טעג פריער, אזוי ווי דער פסוק זאגט **מלא שבוע זאת**, נאך די שבע ברכות פון לאה, **ונתנה לך גם את זאת** קען יעקב אויך חתונה האבן מיט רחל, איז דאך די ערשטע חתונה געווען **ליל א' דסוכות.**

וועגן דעם שטייט אין פסוק **ויאסו"ף לבן את אנשי המקום**, א רמז אז די חתונה פון יעקב און לאה איז געווען **בחג האסי"ף.**

## לכבוד האושפיזא ד'משה
### ללמוד עם ישראל הלכות החג

עס שטייט אין פסוק **ויהי ממחרת וישב משה לשפט את העם מן הבקר עד הערב.**

זאגט רש"י דער ווארט **ממחרת** מיינט פון צמארגנס פון יום כיפור א טאג נאכדעם וואס **משה האט אראפגענידערט** פונעם בארג סיני.

אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן תרכ"ד) ווערט גע'פסק'נט אז תיכף נאך **יום כפור** דארף מען **בויען די סוכה**, אזוי אויך ווערט געברענגט אין **מדרש תנחומא** אז תיכף נאך **יום כפור** דארף מען אנגרייטן די **ד' מינים** לכבוד סוכות.

דער **בארנובער רב זי"ע** זאגט (בחמרא טבא) וועגן זאגט דער פסוק **וישב משה לשפט את העם**, וויבאלד עס איז דעמאלטס געווען די **ד' ימים** צווישן יום כיפור און **סוכות** האט זיך משה רבינו געזעצט לערנען מיט די אידן די **הלכות** וואס איז דעמאלטס געווען **נוגע** פאר זיי.

זאגט דער בארנובער רב, די ווערטער **א'שר ה'וא ע'ושה ל'עם** איז דער ראשי תיבות פון **א'תרוג ה'דס ע'רבה ל'ולב** וואס אין דעם איז מרומז אז משה רבינו האט **געלערנט מיט די יודישע קינדער** די הלכות פון **ד' מינים.**

לויט דעם קען מען **מוסיף** זיין, דאס זאגט דער פסוק מן **בק"ר ועד הער"ב** ער האט זיי אויסגעלערנט די הלכות וואס איז נוגע פאר זיי "**בקר**" די הלכות פון סוכות אינדערפרי, די **הלכות ד' מינים** וואס פאנגט זיך אן סוכות **אינדערפרי,** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **ולקחתם לכם ביום הראשון.**

**ועד הער"ב** משה רבינו האט געלערנט מיט זיי **הלכות ישיבת סוכה** וואס די עיקר חיוב אכילת כזית פת איז דער **ערשטע נאכט סוכות** אזוי ווי חז"ל דרשענען **חמשה עשר חמשה עשר מחג המצות** וואס ביי פסח שטייט אין פסוק **בערב תאכלו מצות.**

## לכבוד האושפיזא ד'אהרן

### תצפנם בסוכה מריב לשונות

א יעדער מענטש האט **ה' מוצאת הפה** פינעף פלעצער פון ווי די אותיות קומען ארויס, די פינעף פלעצער זענען **די ציין, די ליפן, די גימען, די, און די צינג.**

זאגט דער הייליגער **גר"א** (יומא דהילולא ג'חוה"מ סוכות), אז אין דעם ווארט **סוכ"ה** איז דא נאר די אותיות פון **4 מוצאות הפה.**

דער אות **סמ"ך** איז פון די אותיות **ז' ס'ש'ר'ץ'** וואס די פינעף אתיות קומען ארויס פון **די ציין,** דער אות **וא"ו** איז פון די אותיות **ב' ו' מ' פ'** וואס די פיר אותיות קומען ארויס פון **די ליפן.**

דער אות **כ"ף** איז פון די אותיות **ג' י' כ' ק'** וואס די פיר אותיות קומען ארויס פון **די גימען,** דער אות **ה"א** איז פון די אותיות **א' ה'ח' ע'** וואס די פיר אותיות קומען ארויס פונעם **האלדז.**

זאגט דער גר"א אבער אינעם ווארט **סוכ"ה** איז נישט דא איינע פון די אותיות **ד' ט' ל' נ' ת'** וואס די פינעף אותיות קומען ארויס פונעם **צינג,** דאס קומט מרמז צו זיין אז אין די סוכה **זאל מען אפהיטן דעם צינג** נישט צו רעדן לשון הרע אויף מענטשן.

טייטשט מיט דעם דער גר"א, דעם פסוק (תהילים) **תצפנם בסוכ"ה מריב לשונו"ת,** אין די סוכה דארף מען באהאלטן דעם צינג נישט צו רעדן **לשון הרע,** וואס דאס ברענגט קריגעריי.

דער טעם פארוואס אין די סוכה דארף מען זיין מעהר געווארענט פון קריגעריי, ווייל די סוכה איז דאך **זכר לענני הכבוד** וואס די ענני הכבוד איז געקומען **בזכות של אהרן,** און די מדה פון אהרן איז געווען **אוהב שלום ורודף שלום.**

## לכבוד האושפיזא ד'יוסף

### והגדתם לאבי את כל כבודי במצרים

דער פסוק דערציילט, אז ווען יוסף האט זיך געמאכט דערקענען צו זיינע ברודער שטייט אין פסוק **והגדתם לאבי את כל כבודי במצרים** איר זאלט דערציילן פארן טאטן די גאנצע כבוד וואס איך האב אין מצרים.

שטעלט זיך א קשיא ווי קומט צו יוסף אז **ער זאל זיך לויבן און רימען מיט זיין כבוד** וואס ער האט זיך ערווארבן אין מצרים, און ער זאל נאך טראכטן אז יעקב וועט זיך פרייען דערמיט.

**הרה"ק ר' בנציון מבאבוב זצ"ל הי"ד** זאגט, ער האט געהערט פון זיין טאטן **הרה"צ ר' שלמה מבאבוב זי"ע** בשם זיין זיידן דער הייליגער **דברי חיים זצוקלל"ה,** אז דער פשט אין פסוק איז אזוי.

**והגדתם** איר זאלט זאגן, **לאבי** ווען מיין טאטענס זכות, **את כל כבודי במצרים** האב איך ערווארבן מיין גאנצע הערשאפט אין מצרים, גארנישט איז פון מיין **אייגענעם זכות,** אזוי ארום וועט זיך יעקב אבינו פרייען, אז יוסף הצדיק איז נישט אריינפאלן אין גאות צו זאגן "**כחי ועוצם ידי עשה את כל החיל הזה**", ווען דעם האט יוסף געהייסן פאר זיינע ברודער אז זיי זאלן זאגן די רייד פארן טאטן.

קען מען זאגן, ווען דעם הייסט דער יום טוב סוכות **חג האסיף,** ווייל די מצוה פון סוכה ברענגט א מענטש צו ענוה כדי דער מענטש זאל נישט זאגן **כחי ועוצם ידי עשו לי החיל הזה,** האט די תורה געזאגט **צא מדירת קבע לדירת ארעי** גיי ארויס פון דיין באקוועמע הויז, און גיי אריין אין א צייטווייליגע הויז וואס דאס איז די מדה פון יוסף.

ווען דעם הייסט דער יום טוב סוכות על שם פון יוסף **חג האסיף,** אזוי ווי יוסף האט געזאגט **דער גאנצע כבוד איז פונעם טאטן** אזוי דארפן מיר וויסן אז אלעס וואס מיר פארמאגן איז פון אונזער טאטן אין הימל"

## לכבוד האושפיזא ד'דוד

### ושמחת בחגיך

דער **זוהר הקדוש** רופט אן דוד המלך דער **בדחנא דמלכה,** ווייל דוד המלך האט שטענדיג **משמח געווען דעם אייבירשטן** מיט זיינע זמירות ותשבחות פון די **מזמורי תהילים** וואס ער האט פארפאסט.

עס ווערט געברענגט אין די **מדרשים** אז ווען משיח וועט קומען און מען וועט עסן דעם סעודת לויתן אינעם **סוכת עורו של לויתן** וועט דוד המלך זאגן **כוסי רויה** פאר מיר פאסט צו בענטשן פארן אייבירשטן.

דוד המלך וועט דעמאלטס זאגן אזעלעכע **שירות ותשבחות פארן אייבירשטן** אז אפילו די רשעים און גיהינום וועלן מיט זינגען, די גאנצע וועלט וועט פול ווערן **מיט לויב ווערטער פארן הייליגן באשעפער,** ווען דעם ווערט דוד המלך אנגערופן **נעים זמירות ישראל.**

☆

## שמיני עצרת אושפיזא שלמה המלך

**הרה"ק רבי ר' בונם מ'פארשיסחא זי"ע** האט געזאגט, אז דער יום טוב **שמיני עצרת** איז א תולדה פון סוכות, דער טאג פון שמיני עצרת ווערט געבוירן דורך די **שבע ימי החג** פונעם יום טוב סוכות, ווען דעם איז שמיני עצרת **די אושפיזא פון שלמה המלך** וואס שלמה איז אויך געווען א תולדה פון **בת שבע** (אמו היתה בת שבע אשת דוד).

ווען דעם שטייט ביים חנוכת בית ראשון האט **שלמה המלך** געבענטשט אינעם טאג פון **שמיני עצרת** אלע אידען וואס האבן זיך דארטן משתתף געווען.

זאגט רבי ר' בונם וויבאלד דער טאג פון שמיני עצרת איז דער טאג פון די **אושפיזא של שלמה,** האט ווען דעם שלמה המלך געהאט א כח צו בענטשן די יודישע קינדער אין זיין טאג.

## כברכת ה' אלוקיך אשר נתן לך

### השבעה רועים מונעים את העניות מבני ישראל

עס שטייט אין **מדרש רבה** (פרשת בהר) א ארימאן האט 8 **פארשידענע נעמען,** דער מדרש **רעכענט** אויס די אכט נעמען פונעם ארימאן ווי פאלגענד, **אביון, מסכן, דל, הולך, מך, רש, עני, דך.**

דער **קרן ישועה** (אבדק"ק ריביטיטש בן הצבי לצדיק אבדק"ק בלוזשיב בן ר' דוד'ל דינובער בן הבני יששכר זי"ע) זאגט **א דבר נפלא מאוד.**

די 8 טעג פונעם יום טוב **סוכות ושמיני עצרת** קומען

אוועקצונעמען פון יודישע קינדער 8 **ערליי סארטן ארימקייט**, א יעדן טאג פונעם יום טוב נעמט אוועק אן **אנדערע בחינה** פון עניות.

דער ערשטע טאג סוכות איז דער **אושפיזא דאברהם אבינו** נעמט דאס אוועק דעם ארימקייט פונעם בחינה פון **אביו"ן**, ווייל ביי אברהם שטייט אין פסוק **כי אתה אבינ"ו** און דער ווארט **אבינ"ו** זענען די זעלבע אותיות פונעם ווארט **אביו"ן**.

די צווייטער טאג סוכות איז דער **אושפיזא דיצחק אבינו** נעמט דאס אוועק דעם ארימקייט פונעם בחינה פון **מסכ"ן**, ווייל אויפן פסוק **גיל יגיל אבי צדיק ויולד חכם** זאגט דער מדרש אז דאס גייט ארויף אויף לידת יצחק **איז דאך יצחק א חכם** און עס שטייט אין פסוק **חכמת המסכ"ן בזויה**.

דער דריטער טאג סוכות איז דער **אישפוזא דיעקב אבינו** נעמט דאס אוועק דעם ארימקייט פונעם בחינה פון **ד"ל**, ווייל אין פסוק שטייט **יעקב קטן וד"ל**.

די פערטער טאג סוכות איז די**אושפיזא דמשה רבינו** נעמט דאס אוועק די ארימקייט פונעם בחינה פון **הול"ך**, ווייל ביי משה רבינו שטייט אין פסוק ביי יציאת מצרים **ועתה לכ"ה ואשלחך**.

דער פיפטער טאג סוכות איז די**אושפיזא דאהרן הכהן** נעמט דאס אוועק דעם ארימקייט פונעם בחינה פון **מ"ך**, ווייל אין פסוק שטייט **ואם מ"ך הוא מערכך והעמידו "לפני הכהן"**

די זעקסטער טאג סוכות איז דער **אושפיזא דיוסף** נעמט דאס אוועק דעם ארימקייט פונעם בחינה פון **ר"ש**, ווייל יוסף איז געווען אין תפיסה בבחינת **ר"ש** און ער איז אויסגעלייזט געווארן.

נאך איז דער קרן ישועה מוסיף, אז **יוס"ף הצדי"ק** איז מדת היסוד, דער ווארט **יסו"ד** איז בגימטריא **80**, אז מען איז מוסף 80 צו ווארט **ר"ש** ווערט דאס ווארט **עשי"ר, א רמז** אז מען איז אפגעהיטן אין **מדת היסוד** ווערט מען **נתעשר**.

דער זיבעטער טאג סוכות איז די **אושפיזא דדוד** נעמט דאס אוועק דאס ארימקייט פונעם בחינה פון**ענ"י**,ווייל ביי משיח בן דוד שטייט אין פסוק **ענ"י רוכב על החמור**.

די אכטער טאג **שמיני עצרת** נעמט אוועק דאס ארימקייט פונעם בחינה פון **ד"ך**,ווייל דער סוד פון שמיני עצרת איז מרומז אינעם פסוק **ושמתי כדכד שמשותיך**, און די ווארט **כדכ"ד** איז אותיות **ד"ך**.

השי"ת זאלן העלפן **אז דער זמן שמחתינו זאל משפיע זיין השפעות טובות לרוב** ברוחניות ובגשמיות.

# חידות לסוכות ולשמיני עצרת

### חידה א':
וועלעכע סוכה איז דא טעג ווען עס איז כשר און עס איז דא טעג ווען עס איז פסול.

### חידה ב':
מיט וואס איז שלאפן חוץ לסוכה הארבער ווי עסן חוץ לסוכה.

### חידה ג':
מיט וואס איז סוכה גלייך צו תפילין.

### חידה ד':
די הלכה איז אז מען מעג טרינקן חוץ לסוכה.

ווען קען א היכי תמצא אז מען זאל יא זיין מחויב צו טרינקן אין די סוכה.

### חידה ה':
ווי טרעפט מען אז מען האט געבויט סוכות "נישט לכבוד יום טוב סוכות".

### חידה ו':
וויאזוי קען זיין צוויי מענטשן זיצן אינעם זעלבן סוכה איינער איז יא יוצא מצות סוכה דער צווייטער איז נישט יוצא מצות סוכה.

### חידה ז':
וויאזוי קען זיין אז מען זאל מכשיר זיין א סוכה "דורך סכך פסול".

### חידה ח':
וויאזוי קען זיין אז א פסול'ע סוכה ווערט כשר "נאר דורכן ארויסזאגן ווערטער מיט די מויל".

### חידה ט':
וועלעכע אתרוג איז נאר כשר אין א געוויסע פלאץ.

### חידה י':
אויף וועלעכע פרי קען מען מאכן פיר מיני ברכות.

### חידה י"א:
וועלעכע תפלה זאגן נישט די כהנים.

### חידה י"ב:
וועלעכע מצוה קען מען נאר טון "אין א מיטוואך אדער אין א דאנערשטאג".

### חידה י"ג:
וועלעכע מצוה קען מען נאר טון "אין א מיטוואך".

### חידה י"ד:
וועלעכע מנהג טוט מען בייאנאכט מיטן ספר תורה 2 מאהל דעם יום טוב וואס מען טוט נישט א גאנץ יאהר.

### חידה ט"ו:
וועלעכע סדרה טוישט זיך אין א יעדע קהלה אין א אנדערע צייט.

### חידה ט"ז:
וועלעכע צוויי זאכן טוט מען שמחת תורה מיט א פארקערטן סדר פון א גאנץ יאהר.

### חידה י"ז
ווען קען זיין אז אין 23 טעג זאל מען מאכן 16 מאהל קידוש און 8 מאהל הבדלה.

## תשובות להחידות

### תשובה לחידה א':
א סוכה וואס האט צוויי ווענט און א לחי **איז נאר כשר** סוכות וואס איז אין שבת.

די הלכה איז אז וויבאלד לגבי הלכות שבת הייסט **א לחי א מחיצה** וואס איז מתיר צו טראגן, איז עס אויך כשר פאר א סוכה, **מיגו דהוי דופן לענין שבת הוי דופן לסוכה** וויבאלד די לחי הייסט א וואנט פאר שבת, **איז עס אויך גערעכנט** פאר א כשר'ע וואנט פאר סוכות.

אבער אין אלע אנדערע וואכן טעג פון סוכות איז די סוכה

פסול, ווייל **עס דארף זיין שתי דפנות ושלישית אפילו טפח** און א לחי איז האט נישט דעם שיעור.

### תשובה לחידה ב':

מען טאר נישט שלאפן אפילו **א שינת עראי** א קליינעם שלאף חוץ לסוכה.

אבער מען מעג יא עסן **אכילת עראי** א קלייניקייט וואס עס איז נישט קיין סעודה חוץ לסוכה.

### תשובה לחידה ג':

ביי תפילין און ביי סוכה איז **אסור** א **שינת עראי** א קליינעם שלאף.

מען טאר נישט שלאפן מיט די **תפילין**, און מען טאר נישט שלאפן **חוץ לסוכה**, אפילו א שינת ארעי אויך נישט.

### תשובה לחידה ד':

אויף צוויי אופנים **איז מען מחויב** צו טרינקן אין די סוכה.

**א'-** אז מען איז **זיך קובע** צו טרינקן וויין.

**ב'-** אז מען טרינקט א געטראנק **בתוך הסעודה** אינמיטן א סעודה.

### תשובה לחידה ה':

די משנה זאגט אין מסכת יומא אז **לכבוד יום כפור** האט מען געבויט צעהן **סוכות** אין מדבר אנציגרייטן עסן און טרינקן פארן מענטש וואס טראגט דעם שעיר לעזאזל.

### תשובה לחידה ו':

**עס זענען פארהאן אסאך וועגן,** מיר וועלן ברענגען עטליכע **היכי תמצא'ס.**

**א'-** איינער פון זיי זיצט אינטער **סכך פסול** וואס איז מעהר פון ד' אמות.

**ב'-** איינער פון זיי זיצט אינטער **אויר** אינטער לופט וואס איז מעהר פון דריי טפחים.

ג'- איינער פון זיי זיצט **שלחנו בתוך הבית** ביי א טיש וואס איז אריינגעצויגן אינעם הויז.

**ד'-** איינער האט מקבל געווען ערב יו"ט דעם יום טוב **מעוד יום** איז ער שוין מקיים **פון פריער מצות ישיבת סוכה** דער אנדערער האט נאך נישט מקבל געווען פרי דעם יום טוב.

ה'- איינער פון זיי איז **א מצטער.**

### תשובה לחידה ז':

אויב עס איז דא אויפן דאך "אויר" מעהר פון **דריי טפחים** און מען פארמאכט עס מיט **סכך פסול** ווערט די סוכה כשר.

ווייל **אויר** פסל'ט די סוכה ביי דריי טפחים, אבער **סכך פסול** פסל'ט די הערשט סוכה ביי **פיר אמות**

### תשובה לחידה ח':

אין אן אויפן ווען א סוכה איז **למעלה מעשרים אמה** העכער פון צוואנציג איילן און מען האט **אריינגעברענגט** אין די סוכה א **הויפן פון ערד,** וואס דאס האט געמאכט אז די סוכה **איז פון אינעווייניג** קלענער פון צוואנציג איילן.

די הלכה איז אז דער סוכה איז נאר כשר **אויב ער זאגט ארויס מיטן מויל** אז ער איז מבטל די ערד צו די סוכה.

### תשובה לחידה ט':

עס זענען פארהאן אסאך **היכי תמצא'ס** מיר וועלן ברענגן עטליכע וועגן.

**א'- א אתרוג הכושי** (א שווארצער אתרוג) וואס וואקסט אין לאנד כוש איז **כשר,** ווייל אין לאנד כוש איז דאס דער **דרך** גדולתן, אבער א **אתרוג הכושי** וואס וואקסט אין א אנדערע לאנד **איז פסול.**

**ב'- א אתרוג** פון **מעשר שני** איז נאר כשר (בדיעבד) אין **ירושלים** ווייל נאר דארטן קען מען עסן (אבל לכתחילה לא יטול).

### תשובה לחידה י':

אויף א אתרוג קען מען מאכן פיר מיני ברכות

**א'- על נטילת לולב**

**ב'- שהחיינו**

ג'- **הנותן ריח טוב בפירות**

ד'- **בורא פרי העץ** (חמשה עשר בשבט).

### תשובה לחידה י"א:

די כהנים זאגן נישט דעם תפילה **רבונו של עולם חלום חלמתי** וואס מען זאגט ביים דוכענען.

מיר זאגן דאס בשעת די כהנים זינגן די ברכת כהנים, **אבער די כהנים אליין** זיי זאגן נישט דעם תפלה.

### תשובה לחידה י"ב:

די מצוה פון מאכן א **עירוב תבשילין** מאכט מען זאל קענען קאכן פון יום טוב אויף שבת.

א עירוב תבשילין ווערט נאר געמאכט אויב **ערב יום טוב געפאלט** אין א מיטוואך אדער אין א דאנערשטאג.

### תשובה לחידה י"ג:

די מצוה פון **קידוש החמה,** מען מאכט קידוש החמה א יעדע 28 יאהר נאר אין א **מיטוואך,** ווייל אין די ששת ימי המעשה האט מען ביי בריאת העולם **אויפגעהאנגן די מאורות "ביום רביעי".**

### תשובה לחידה י"ד:

**די מנהג פון ליינען אין א ספר תורה "ביינאכט".**

**א'-** מען ליינט **משנה תורה** הושענא רבה **ביינאכט** (ברוב מקומות).

**ב'-** מען ליינט פרשת **וזאת הברכה שמחת תורה ביינאכט.**

### תשובה לחידה ט"ו:

**דעם טויש פון פרשת וזאת הברכה צו פרשת בראשית.**

**פרשת וזאת הברכה** ענדיגט זיך ווען דער חתן תורה מאכט דעם חזק, **פרשת בראשית** פאנגט זיך אן ווען דער חתן בראשית איז עולה פרשת בראשית.

**ביי יעדע קהלה ווערט דאס געליינט אין א באזונדערע צייט.**

### תשובה לחידה ט"ז:

**א'-** שמחת תורה דוכנ'ן די כהנים ביי **תפלת שחרית** אנשטאט צו דוכנ'ן ביי **תפלת מוסף.**

שמחת תורה ביי מוסף איז **שכיח שכרות** און עס איז אסור פאר א כהן **צו דוכנ'ן ווען ער איז שיכור.**

**ב'- ווען מען מאכט הגבה דרייט מען אויס דעם אינעווייניגסטן חלק ספר תורה צום עולם.**

ביים מסיים זיין די תורה מאכט מען אלס דעם **גרויסן שמחה** א זכר צו די רייד פון חז"ל **הפך בה והפך בה דכולה בה.**

### תשובה לחידה י"ז:

ווען **ראש השנה** געפאלט מאנטאג אדער דינסטאג מאכט מען במשך די טעג פון **ראש השנה, שבת שובה, יום כפור, שבת האזינו, ערשטע טעג סוכות, שבת חול המועד, שמיני עצרת און שמחת תורה,** א חשבון פון **16** מאהל קידוש, און **8** מאהל הבדלה.

# מאמר ראשון לחשבון עונות

**עס שטייט אין פסוק ולקחתם לכם ביום הראשון, איר זאלט נעמן אינעם ערשטן טאג, פרעגט דער מדרש וכי ראשון הוא, איז דען דאס די ערשטער טאג, והלא ט"ו הוא, עס איז דאך דעם פיפצענטער טאג פונעם חודש, אלא ראשון לחשבון עונות, עס איז דער ערשטער טאג צום חשבון פון די עבירות, וועלן מיר ברענגען פון די ספה"ק פשט אויפן מדרש.**

## עונות נעשית לו כזכיות

דער הייליגער **קדושת לוי זי"ע** (בפרשת האזינו) זאגט פשט אויפן מדרש אז סוכות איז **ראשון לחשבון עונות** דער ערשטער צום רעכענונג פון די עבירות, אזוי.

אין די **ימי הדין** די טעג פון **ראש השנה** און **יום כפור** טוט מען תשובה וועגן דעם **פחד ה'** מען האט **מורא** פונעם גרויסן משפט, וואס דאס איז **תשובה מיראה**, נאך יום כפור ווען יודישע קינדער זענען עוסק אין די מצות פון **סוכה**, **לולב**, און **צדקה**, זיי דינען דעם אייבערשטן מיט **שמחה**, איז דאן זייער תשובה א **תשובה מאהבה**, מען טוט תשובה ווייל מען ליב דעם אייבערשטן.

חז"ל זאגן ווען איינער טוט **תשובה מיראה** מען טוט תשובה ווייל מען האט מורא פונעם אייבערשטן, **זדונות נעשו לו כשגגות**, די זינד פון **במזיד** ווערן איבערגעקערט אויף קלענערע עבירות עס ווערט איבערגעקערט אויף **שגגות**, משא"כ ווען מען טוט **תשובה מאהבה** מען טוט תשובה ווייל מען האט ליב דעם אייבערשטן, **זדונות נעשו לו כזכיות** די עבירות ווערן איבערגעקערט אויף **זכותים**, זיי ווערן איבערגעקערט אויף מצות.

זאגט דער קדושת לוי, אין די ימים נוראים ווען מען טוט **תשובה מיראה** ציילט נישט דער מענטש זיינע עבירות, ווייל די **עבירות בלייבן נאך שגגות**, אבער ווען עס קומען די טעג פון סוכות וואס מען טוט דעמאלטס **תשובה מאהבה**, מאך דער מענטש א **חשבון אויף די עוונות**, מען ציילט אָפּ די עבירות, ווייל לויט וויפיל עבירות מען האט געטון, אזוי פיל **זכותים ווערן יעצט פארמערט** פארן מענטש.

☆

## התחדשת מלחמת היצר

דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** זאגט, חז"ל (סוכה ל"ח) רופן אַן די נענועים פון די ד' מינים מיטן לשון **גירא בעינא דשטנא** דאס איז א פאל אין די **אויגן פונעם שטן**, איז דער חת"ס מפרש, וויבאלד יום כפור האבן מיר **מנצח געווען דעם שטן** מיר האבן געוואונען די מלחמה, קען זיך דער מענטש איינרעדן אז שונא איז **אנטלאפן פון אונז**, מיר לויפן אים נאך, און ער לויפט אונז נישט אונז מעהר נישט נאך.

אויף דעם זאגן חז"ל עס איז נישט אזוי, די ד' מינים איז **גירא בעיני דשטנא** עס איז א פייל אין די אויגן פונעם שטן, דאס איז נישט אזוי מיר שיסן א פייל אינעם **געגנאק פונעם שטן**, ווייל ער לויפט אוועק פון אונז, נאר דאס איז א **פייל אין זיינע אויגן**, די מלחמה איז א מלחמה **פנים אל פנים**.

זאגט דער חת"ס, דאס איז פשט אינעם מדרש אז סוכות איז **ראשון לחשבון עונות**, דער מענטש זאל נישט טראכטן אז מיט דעם וואס השי"ת האט מוחל געווען די עבירות האט זיך שוין **געענדיגט דעם מלחמת היצר**, זאגן חז"ל אז עס איז נישט אזוי, סוכות איז **ראשון לחשבון עונות** מען דארף פון **פריש אנהייבן** דעם מלחמת היצר, ווייל חז"ל זאגן **כל הגדול מחברו יצרו גדול ממנו** דער וואס ער איז גרעסער פון זיין חבר, האט ער א גרעסערן מלחמת היצר.

☆

## מחילת עונות המתקת הדינים

**הרה"ק ר' הערשעלע ליסקער זי"ע** זאגט פשט אויפן מדרש (בספר הישר והטוב), ווען א **דאקטער** קומט אריין אין א שטאט, לויפן אלע מענטשן צום דאקטער, זיי **פארציילן איהם אלע זייערע קרענק**, כדי ער זאל זיי זאגן א רפואה אויף אלע זייערע קרענק.

אזוי אויך, אינעם ערשטן טאג סוכות ווען עס ווערט **נתעורר** דעם חסד פון **אברהם אבינו**, קומען אלע מענטשן זיי **רעכענען אויס זייערע זינד פאר אברהם**, זיי בעטן א רפואה פון אברהם אויף זייערע זינד, און די עבירות ווערן נמחל, אזוי ווי חז"ל זאגן, **אבן טובה הי' תלוי בצאורו של אברהם וכל חולה הרואה אותה מיד נתרפא** א גוטע שטיין איז געווען אויפן האלדז פון אברהם דער וואס האט דאס געזעהן איז באלד אויסגעהיילט געווארן.

☆

## הקב"ה נותן לנו ההשפעות בהקפה

**הרה"ק ר' יושע דוד מ'סלאנים זי"ע** איז מפרש דעם מדרש פון **ראשון לחשבון עונות** מיט א שיינעם משל.

עס איז אמאהל געווען א **סוחר** וואס ער פלעגט נעמען **סחורה אויף באָרג**, און נאכן פארקויפן די סחורה מיט א שיינעם פארדינסט, **האט ער באצאלט פאר די סחורה**, וואס ער האט גענומען אויף באָרג.

האט זיך איינמאהל געמאכט אז דער סוחר האט אנגעזעצט, ער האט **פארלוירן זיין גאנצן פארמעגן**, האט מען איהם שוין נישט געוואלט מעהר געבן סחורה אויף בארג, איז דער סוחר צוגעגאנגען צו איינער וואס **פלעגט איהם געבן סחורה בארג**, דער סוחר האט איהם געזאגט, אויב דו וועסט מיר מעהר נישט געבן קיין סחורה אויף בארג, **וועל איך דיר זיכער נישט קענען באצאלן** די אלע גרויסע חובות וואס זיי האבן זיך אנגעזאמעלט, געב איך דיר וועגן דעם אן עצה, **געב מיר נאך איינמאהל סחורה אויף באָרג**, וועל איך קענען פארדינען געלט אזוי ארום וועל איך ציביסלעך **באצאלן די חובות וואס איך קום דיר**, עס וועט מיר אויך איבערבלייבן געלט פאר מיין פרנסה, דער סוחר האט מבטיח געווען ער **וועט פרובירן נישט אָנצוזעצן** די פארמעגן.

דער **נמשל איז**, עס זענען אדורך די טעג פונעם יאהר, מיר האבן נישט קיין חשבון מיט **וואס צו באצאלן פארן רבש"ע**, אבער ווען עס קומען די הייליגע טעג פון **ראש השנה און יום כפור**, דאן זענען די יודישע קינדער מבטיח פארן אייבערשטן אז זיי **וועלן נישט מעהר זינדיגן**, מהיום והלאה פון היינט און ווייטער וועלן זיי זיין נייע מענטשן.

דאן לייגט מען אלע **אלטע חשבונות אין א זייט**, מען מאכט מיטן מענטש א נייעם חשבון מען געט **איהם השפעות טובות**

אויף בּאָרג, דאס איז פשט פון ראשון לחשבון עונות, מען פאנגט אָן א פרישן חשבון מיט נייע השפעות.

☆

## סור מרע ועשה טוב

דער מליץ יושר זאגט א הייליגן פשט אויפן מדרש פון ראשון לחשבון עונות, עס ווערט געבּרענגט זוהר הקדוש אז אין יום כפור זיגעלט מען נאר לחיים צום לעבן, אבער למות זיגעלט מען נאך נישט ביז דעם ערשטן טאג סוכות.

זאגט דער מליץ יושר, וואס איז דער טעם אז מען שטיפט מען אָפּ דעם גזר דעם פון מות ביזן ערשטן טאג סוכות, ווייל פארן מענטש אז פיל גרינגער מקיים צו זיין דעם חלק פון עשה טוב צו טון מצות ומעשים, ווי ער זאל מקיים זיין דעם סור מרע זיך אפטון פון צו זינדיגן, וואס דאס איז פארן מענטש א עבודה קשה שבמקדש, כובש צו זיין דעם יצר הרע, און צו פארעכטן די מדות.

זאגט דער מליץ יושר, ווען א מענטש איז מקיים דעם עשה טוב ער טוט מצות ומעשים טובים, דערקענט מען אז בעצם וויל ער זיין גוט און וואויל, סוף כל סוף וועט ער זיך אויך אפקערן פון צו זינדיגן, אבער ביזדערווייל קען ער זיך נאכנישט מתגבר זיין אויף זיין יצר הרע, ער זאל איהם קענען בייקומען.

אויב אבער ווען עס קומט צום חלק פון עשה טוב טוט ער זיך בכלל נישט אנשטרענגען צו טון א מצוה, איז דאס א סימן אז זיין מהות איז שלעכט, דאן איז שוין ליידער נישט דא קיין האפענונג אז ער וועט זיך צוריק קערן פון זיין שלעכטן וועג.

זאגט דער מליץ יושר, דאס איז דער טעם וואס מען ווארט מיטן אפצוזיגלען למות ביזן ערשטן טאג סוכות, וויבאלד אין די טעג צווישן יו"כ און סוכות איז מען טרוד מיטן עשה טוב, מען איז פארנומען מיט די מצות פון סוכה און ד' מינים, זענען די טעג א מבחן אויפן מענטש אויב זיין מהות איז גוט, באמת ער וויל ער זיין גוט, אויב אזוי קומט נישט אז מען זאל איהם אפזיגלען למות, אדער ח"ו אז ער האט א שלעכטן מהות, עס איז נישט דא אויף איהם א האפענונג אז ער וועט ווערן נתהפך לטובה.

☆

## גזל מקטרג בראש

דער שואל ומשיב זצ"ל (דברי שאול) זאגט א זיסן פשט אויפן מדרש פון ראשון לחשבון עונות, עס זענען פאראן פיר הויפט פסולים וואס מיר טרעפן ביי די ארבעה מינים, איינס, אינו הדר, עס איז נישט שיין, צווייטענס, חסר, עס פעלט, דריטענס, שאול, עס איז געבארגט, פערדענס, גזול, עס איז גע'גזל'ט.

זאגט דער שואל ומשיב, עס איז דא א גרויסער חילוק צווישן די ערשטע דריי פסולים, און דעם פערדן פסול, טאמער האט מען גענומען די ד' מינים מיט איינע פון די ערשטע דריי פסולים, האט מען טאקע נישט יוצא געווען די מצוה פון נטילת לולב, אבער זיין מעשה ווערט נאכנישט גערעכנט פאר אן עבירה.

משא"כ ביים פסול פון גזול, ווען איינער נעמט א לולב הגזול צום שאקלען, איז נישט נאר וואס ער איז נישט מקיים די מצוה פון נטילת לולב, נאר זיין מעשה ווערט פארעכענט פאר אן עבירה, ער האט עובר געווען אויפן לאו פון לא תגזול, און חז"ל זאגן סאה מלא עונות מי מקטרג בראש גזל מקטרג בראש, א קארב פול מיט עבירות ווער טוט מקטרג זיין צום ערשט, די עבירה פון גזל איז מקטרג דער ערשטער.

זאגט דער שואל ומשיב דאס איז פשט אינעם מדרש, עס שטייט אין פסוק ולקחתם לכ"ם ביום הראשון וואס פונעם ווארט לכ"ם לערנט מען ארויס להוציא את הגזול, די ד' מינים זאלן נישט זיין גע'גזל'ט.

זאגט אויף דעם דער מדרש ראשו"ן לחשבו"ן עונו"ת דער זינד פון גזל איז דער זינד וואס ווערט גערעכנט דער ערשטער ביים חשבון פון די עבירות, וועגן דעם דארף א מענטש כסדר זיין געווארענט ער זאל ח"ו נישט נכשל ווערן אינעם זינד פון גזל.

☆

## ראשון לחשבון הנפש

דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע זאגט, די ענני הכבוד וואס די יודישע קינדער האבן געהאט אינעם מדבר דאס האט זיי כסדר מעורר געווען אז זיי זאלן מאכן א חשבון הנפש אויף זייערע מעשים, וועגן דעם ווען אהרן הכהן איז נפטר געווארן, און די ענני הכבוד האבן זיך אפגעטון פון די יודן, איז געקומען סיחון מלך חשבו"ן מלחמה צו האלטן מיט די יודן.

זאגט דער חידושי הרי"ם, וועגן דעם טעם האט מען איהם גערופן מלך חשבו"ן ווייל דער סיחון איז געווען א כח הטומאה א קעגן די יודישע קינדער, דער סיחון האט זיך מתנגד געווען א קעגן די יודן ווען זיי האבן געמאכט א חשבון הנפש, וועגן דעם ווען סיחון איז גע'הרג'ט געווארן שטייט אין פסוק על כן יאמרו המושלים בואו חשבון וואס חז"ל זאגן אז דאס מיינט המושלים ביצרם די וואס געוועלטיגן אין זייער יצר הרע, בואו ונחשוב חשבונו של עולם לאמיר רעכענען דעם חשבון פון די וועלט, הפסד מצוה כנגד שכרה, דעם שאדן פון א מצוה אקעגן איר פארדינסט, ושכר עבירה כנגד הפסידה, די פארדינסט פון אן עבירה אקעגן איר שאדן .

זאגט דער חידושי הרי"ם, יעדעס יאהר ווען עס קומט אריין דעם יו"ט סוכות ווערט נתעורר די השפעה פון די ענני הכבוד, וואס ברענגט מיט זיך דעם כח פון צו מאכן א חשבון הנפש, וועגן דעם זאגט דער מדרש ראשו"ן לחשבו"ן עונו"ת דער ערשטע טאג סוכות באקומט א יוד א כח ער זאל מאכן א חשבון הנפש.

☆

## כי אין לבא בלבוש שק אל שער המלך

הרה"ג ר' יוסף נחמי' קורניצער זצ"ל אב"ד קראקא זאגט, נוהג שבעולם, ווען א מלך קומט אריין אין שטאט צו משפט'ן מי לחיים ומי למות ווער צום לעבן און ווער צום טויט, קומען אלע מענטשן פון שטאט צו לויפן צום מלך, זיי פאלן צום פיס פונעם מלך, זיי שרייען און בעטן אז דער מלך זאל זיי נישט פאר'משפט'ן צום טויט.

ווען דער עולם קומט צו לויפן כדי זיך בעטן ביים מלך האט מען נישט קיין צייט צו טוישן די קליידער, דער ארימאן קומט אויך צו לויפן מיט זיינע צוריסענע בגדים, זיך צו בעטן ביים קעניג ער זאל זיי מוחל זיין אויף זייערע זינד.

דער מלך טוט יעדן באגנאדיגן לחיים צום לעבן, און לכבוד וואס ער האט זיי מוחל געווען לאדענט איין די שטאטישע איינוואוינער זיי זאלן קומען עסן מיט איהם אינאיינעם א סעודה אויף זיבן טעג, ווען דער ארימאן קומט אָן צום פאלאץ ער איז זיך מתבונן אז מיט זיינע צוריסענע בגדים קען ער

נישט ארייגגיין אינעם פאלאץ, ווערט ער אנגעפילט מיט בושה וכלימה ער שעמט זיך זייער אזוי זיך צו באווייזן פארן מלך, אזוי ווי דער פסוק זאגט כי אין לבא אל שער המלך בלבוש שק מען קען נישט אריינגיין צום קעניג מיט א קלייד פון א זאק.

זאגט ר' יוסף נחמי', דאס זעלבע איז דער מצב פון כלל ישראל אין די ימים נוראים, ווען עס קומען די ימי הדין איז יעדער דערציטערט און דערשראקן פונעם אימת הדין, מען בעט און מען שרייט צום אייבירשטן ער זאל אונז פארשרייבן צום לעבן.

ווען עס קומט אבער דער יו"ט סוכות, וואס מיר זענען איינגעלאדענט אריינצוגיין אין דעם סוכה אין דעם צילא דמהימנותא, שטעלן מיר זיך ביים עפענונג פון די סוכה, דאן איז דער ערשטער מאהל וואס מיר זענען זיך מתבונן אין אונזער מצב אז מען קען נישט אריינקומען אין די סוכה לויט וויאזוי מיר זעהן אויס מיט אונזערע מעשים. ווערט דער יו"ט סוכות פארוואנדעלט צו מאכן א חשבון הנפש אויף די עבירות.

☆

### כשיש אחדות מתחילין מחדש

דער ויגד יעקב זי"ע זאגט פשט בדרך צחות אויפן מדרש אז דער ערשטער טאג סוכות ווערט אנגערופן ראשון לחשבון עונות, דער חובת הלבבות (שער הכניעה פרק ז') ברענגט, איינער האט געשיקט א מתנה, צו דער וואס האט גערעדט אויף איהם לשון הרע, ווייל דורכן רעדן אויף איהם לשון הרע האט ער איהם געגעבן אלע זיינע מצות און ער האט צוגענומען פון איהם אלע זיינע עבירות.

זאגט דער ויגד יעקב, די ד' מינים וואס מען בינדט זיי צוזאמען דאס ווייזט אויף אחדות, און ווען מען איז באחדות איז יעדער מוחל פארן חבר וואס ער האט געזינדיגט אקעגן איהם, געט יעדער איינער צוריק פארן חבר וואס ער האט אוועקגענומען פון איהם דורכן עבירה פון רעדן לשון הרע.

זאגט דער ויגד יעקב, וועגן דעם ווערט סוכות אנגערופן ראשון לחשבון עונות, יעצט הייבט מען אָן צו פון דאס ניי צו רעכענען פאר יעדן זיינע אייגענע עבירות, ווייל ביז יעצט זענען די עבירות וואס א מענטש האט געטון, געקענט גערעכענט ווערן פאר א צווייטן מענטש וואס ער האט גערעדט אויף איהם לשון הרע, אבער פון יעצט און ווייטער וויבאלד יודישע קינדער זענען באחדות רעכענט מען דעם חשבון פון די עבירה פארן באטרעפענדער, וואס האט געטון דעם חטא.

# למען דעת כל עמי הארץ

**דער יום טוב סוכות איז פון אלס אָן געווען א זמן שמחתינו, די פשוטי המון עם, די דארפסלייט, און די עמי הארצים, פלעגן פראוועגען דעם יום טוב לויט זייערע תמימות'דיגע השגות, האבן מיר צוזאמען גענומען עטליכע מעשיות, דערציילונגען, פאלק געשיכטעס, און פרייליכע ווערטלעך וואס ברענגן ארויף פאר די לייגער א שמייכל אויפן פנים.**

### וחג האסיף תקופת השנה

עס ווערט דערציילט, א רבי איז אמאהל אדורכגעפארן א דארף, ווי עס האט געוואוינט א דארפסמאן א פעלד אייגענטומער, האט דער געבעטן ביים רבי'ן א ברכה, דער רבי האט איהם געבענטשט אז די תבואה זאלן גוט וואקסן, עס זאל זיין א גרויסע שפע.

די ברכה פונעם רבי'ן איז מקויים געווארן די פעלדער האבן ארויסגעגעבן אסאך תבואה, ווען עס איז געקומען סוכות צייט דער יו"ט פון 'חג האסיף' נאכן איינזאמלען די תבואה, איז דער פעלד אייגענטומער געקומען צום רבי'ן, ער האט געברענגט פארן רבי'ן א מתנה, ער האט געזאגט, רבי, אייער ברכה איז מקויים געווארן, די שפע אין פעלד איז היי יאהר געווען אזוי גרויס ווי קיינמאהל פריער, יעצט בעט איך דעם רבי'ן, די רבי זאל מיך בענטשן, איך זאל האבן א שפע אין פעלד נישט נאר איינמאהל א יאהר, נאר גאנצע צוויי מאהל א יאהר.

האט דער רבי, געענטפערט מיט גרויס חכמה, דו האסט געפועל'ט, איך געב דיר א ברכה אז דו זאלסט קענען זייען און שניידן דיינע תבואות צוויי מאהל אין יאהר, אבער אויך אינעם יאהר וועט אריינגיין א ברכה, די יאהר וועט נישט האבן 12 חדשים, נאר די יאהר וועט האבן, גאנצע 24 חדשים....

☆

### ושמחת בחגיך והיית אך שמח

א יוד אן עם הארץ איז אמאהל אהיים געקומען סוכות אביסל בגילופינ'דיג, ער האט זיך נישט געקענט האלטן אויף זיינע פיס, זיין פרוי האט איהם פארגעהאלטן, פארוואס ער האט אזויפיל געטרינקן.

האט דער מאן געענטפערט, דו ווייסט דאך אז איך בין חלילה נישט סתם א שיכור, נאר אנקומענדיג אין די סוכה האב איך געפענט דעם מחזור כדי קידוש צו מאכן, האב איך דארט געזעהן אז עס קומען אריין אין די סוכה די זיבן אושפיזין, די זיבן חשובע געסט, האב איך לכבוד די חשובע געסט, געטרינקן מיט יעדן גאסט עקסטער א לחיים.....

☆

### במטו מינך אברהם

דער ערשטער טאהשער רבי זי"ע, פלעגט יעדעס יאהר די ערשטע נאכט סוכות, צו דערציילן אט דער מעשה, ער האט דערביי געהאט א ספעציעלע כוונה, מעורר צו זיין די מדה פון דיאושפיזין.

עס איז געווען א יוד א עם הארץ וואס האט געהאט אן איידעם א תלמיד חכם, דער איידעם פלעגט אויסלערנען פארן שווער פארשידענע לשון קודש ווערטערוואס מענטשן ניצן, כדי זאלן דער שווער זאל האבן א פנים ווי א תלמיד חכם.

איינמאהל פרייטיג צונאכטס איז דער שווער מיטן איידעם געגאנגען צום טיש פון א צדיק, אויפן וועג האט געבלאזן א שטורעם ווינט, האט דער איידעם געזאגט פארן שווער ווען מען קומט אן צום טיש זאל דער שווער זאגן אז עס איז געווען א שווערע וועג, ווייל עס בלאזט אין גאס א "רוח

סערה",דער שווער האט פארשטאנען אז דער איידעם זאגט א "רוח שרה", א ווינט פון שרה אמינו.

אזוי גייענדיג ווייטער אין וועג איז די ווינט געווארן שטערקער און שטערקער, האט זיך דער שווער געמאכט א חשבון אז פריער ווען די ווינט איז נאכנישט געווען אזוי שטארק, האט עס געהייסן "רוח שרה", יעצט אז עס בלאזט שוין גאר א שטארקע ווינט, מוז דאס זיין עפעס וואס עס איז שטערקערפון שרה.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום רבין,האט דער שווער זיך אנגערופן הויעך, אינדרויסן בלאזט א "רוח אברהם", ווייל אברהם איז געווען שרה'ס מאן, איז ער דאך שטערקער פון איר.

דער טאהשער רבי האט געוואלט מיט די מעשה ממשיך זיין די ערשטע נאכט סוכות די מדה פון אברהם, עס זאל אריינבלאזן די רוח פון אברהם, די מדה פון חסד...

☆

## ולקחתם לכם פרי עץ הדר

אין די ספה"ק איז מבואר, אז כדי אז א מענטש זאל הייסן א 'צדיק תמים' מוז ער זיין אויסגעצייכנט סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו, איינס אנעם אנדערן איז גארנישט ווערט, אינעם ספר פרדס יוסף ווערט ברענגט זייער א טרעפליך משל אויף דעם.

עס איז אמאהל געווען א דארפסמאן א גרויסער עם הארץ, וואס ער האט געהאט א איידעם א תלמיד חכם, פאר סוכות איז דער דארפסמאן אריין געפארן אין שטאט צו קויפן אן אתרוג פאר זיין איידעם, ער האט געטראפן אן אתרוג א יופי א יקר המציאות פארן פרייז פון טויזענט גילדען, מיט גרויס שמחה האט ער אפגעקויפט דעם אתרוג, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים.

אינמיטן וועג האט ער אנגעטראפן זיין חבר אן עם הארץ פונקט ווי ער, דער חבר איהם דערציילט אז ער פארט יעצט אין אריין אין שטאט צו קויפן אן אתרוג פאר זיין איידעם, זאגט איהם דער דארפסמאן איך האב יעצט אפגעקויפט די לעצטע אתרוג פאר מיין איידעם פארן פרייז פון טויזענט גילדן, איך בין אויפן וועג אהיים דערמיט, דו וועסט שוין גארנישט טרעפן צו קויפן.

זאגט אים זיין חבר איך האב אן עצה, איך האב געהערט אז צוויי מענטשן קענען קויפן בשותפות איין אתרוג, איך וועל דיר געבן פינעף הינדערט גילדען און מיר וועלן צישניידן די אתרוג אויף צוויי אייניגע חלקים, און מיר וועלן זיך צוטיילן דערמיט, דו וועסט נעמען איין חלק, און איך וועל נעמען די צווייטע חלק, פארן דארפסמאן איז געפאלן די פלאן און זיי האבן זיך צוטיילט.

דער דארפסמאן איז געקומען אהיים מיט גרויס שמחה ער האט געוויזן פאר זיין איידעם דעם הערליכן אתרוג וואס ער האט אים איינגעקויפט, דער איידעם האט אנגעהויבן צו לאכן פונעם שווער, האט דער שווער געפרעגט, וואס איז די געלעכטער, זאגט אים האט דער איידעם געענטפערט שווער לעבן א גאנצער אתרוג וואס נישט הינדערט פראצענט ריין איז נאך כשר, אבער א האלבער אתרוג ווי ריין אין שיין עס זאל זיין איז עספסול ווייל עס איז נאר האלב....

פירט אויס דער פרדס יוסף, איינער וואס איז נאר ערליך אדער בין אדם למקום, אדער ער איז נאר ערליך בין אדם לחבירו און ביי די צווייטן העלפט איז ער איגנאנצן נאכגעלאזט, איז ער פונקט אזוי ווי א האלבער אתרוג, וואס ווי שיין עס זאל נאר נישט זיין, איז עס פסול...

☆

## ובנענוע אותם תשפיע שפע ברכות

עס איז געווען אן עם הארץ האט געוואלט קענען מאכן סוכות די נענועים, האט ער געדינגען א תלמיד חכם ער זאל איהם אויסלערנען וויאזוי צו מאכן די נענועים, דער תלמיד חכם האט איהם אויסגעלערנט כמנהג האר"י ז"ל, ער זאל שאקלען קודם צו דרום, דערנאך צו צפון, נאכדעם צו מזרח, דערנאך צו מעלה, נאכדעם צו מטה, צום סוף צו מערב.

דער עם הארץ האט זיך געקויפט א שיינעם אתרוג מיט א הויעכן לולב, ער האט אריינשפאצירט מיט שטאלץ אין ביהמ"ה, ווען עס איז געקומען צו די נענועים האט ער פארגעסן וואס דער תלמיד חכם האט איהם אויסגעלערענט, האט ער אנגעהויבן שאקלען צום ערשט צו מעלה, דערנאך צו מטה, עס איז געווארן א גרויס געלעכטער אין ביהמ"ד.

האט זיך דער עם הארץ אנגערופן, איך ווייס פארוואס איר לאכט, פשוט איר פארגינט מיך נישט, עס פאדריסט אייך אז איך קען בעסער מאכן די נענועים פון אייך.....

☆

## ובנענוע אותם וכו' תשפיע דעת עליון

איינער האט אמאהל געזען אן עם הארץ מאכן די נענועים מיט די ד' מינים מיט גרויס כוונה, נאכן ענדיגן די נענועים איז ער צוגעגאנגען צום עם הארץ ער האט איהם געפרעגט וועלעכע כוונת האסטו געהאט ביי די נענועים, האט דער עם הארץ געענטפערט איך האב אינזינען געהאט אזוי

ווען איך האב געשאקעלט צומזרח, מערב, דרום, און צפון האב איך אינזינען געהאט אז אלע שונאי ישראל פון מזרח, פון מערב, פון דרום, און פון צפון.

ווען איך האב געשאקעלט למעלה ולמטה האב איך אינזינען געהאט, דער איין איינציגער באשעפער פון אויבען,זאל זיי אלע לייגן טיף אין די ערד....

☆

## הקפות בשמחת תורה

ביים יו"ט פון שמחת תורה האט דער רב געזעהן ווי דער עם הארץ פון שטאט טאנצט די הקפות מיט א גרויסן ברען און התלהבות, איז דער רב צוגעגאנגען צום עם הארץ און ער האט איהם געפרעגט פארוואס פרייסטו זיך אזוי שטארק היינט, וואס האסטו מיט די תורה.

האט דער עם הארץ געענטפערט, דער רב זאלן מיר אנטשולדיגן, יום כיפור ווען איך האב געקלאפט על חטא שחטאנו לפניך "בכפת שחד", איך פסק'ן נישט קיין שאלות אז איך זאל נעמען שחד געלט, נאר וואס דען, איך האב געקלאפט על חטא אויפן רב'ס עבירות.

איז פונקט ווי איך האב געקלאפט יום כיפור על חטא אויף די רב'ס עבירות, אזוי אויך מעג איך מיך שמחת תורה פרייען מיטן רב'ס תורה לערנען....

☆

## עליית חתן תורה

אינעם שטאט סאטמאר האט איינמאהל אן עם הארץ געקויפט די עלייה פון חתן תורה, פאר זיך אליין.

ווען מען האט איהם אויפגערופן עולה צו זיין צו חתן תורה האט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע געזאגט פאר די מקורבים ער איז א ערליכער חתן, ער קוקט נישט אָן די כלה א גאנץ יאהר....

☆

## שמחה בכל העולמות

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט זיך איינמאהל פליצלונג אינמיטן יו"ט סוכות שטארק צילאכט, די מקורבים האבן זיך שטארק געווינדערט אויפן פלוצלונגן לאכן פונעם צדיק, האט דער צדיק זיי דערציילט ווי פאלגענד.

עס געווען אן עם הארץ וואס ער איז געגאנגען אויפן וועג, ער האט געוואלט עפעס עסן, אבער ער האט נישט געהאט קיין סוכה, האט דער עם הארץ מיט זיין גרויס תמימות איבערגעדרייט זיין היט, ער האט אויף דעם ארויפגעלייגט סכך, אזוי האט ער זיך געזעצט עסן.

האט דער רוזשינער געזאגט, דאס וואס דער עם הארץ האט געטון, איז דורכדעם נתעורר געווארן א שמחה וחדוה אין אלע עולמות, דער גאנצער פמליא של מעלה האט זייער געלאכט פונעם תמימות פון דעם יוד, אזוי ווי איך האב דאס געזעהן, האב איך אויך מיטגעלאכט מיט זיי אינאיינעם....

# הושע נא והושיעה נא

**אין די ספה"ק ווערט געברענגט אז הושענא רבא איז דער גמר החתימה פון דעם משפט וואס מען איז דן דעם מענטש אויפן קומענדיגן יאהר, ווען מיר ברענגן די רייד פון רבותינו הקדושים אויף דעם גרויסקייט פון די תפלות וואס מען איז מתפלל אין דעם הייליגן טאג הושענא רבא.**

## הושענא רבה

### הושע נ"א יום

דער הייליגער בני יששכר זי"ע זאגט א טעם פארוואס מיר זענען מתפלל אין די טעג פון סוכות מיטן לשון הושענ"א, און אזוי אויך ווערט אנגערופן דער יום גמר החתימה מיטן נאמען הושענ"א רב"ה.

זאגט דער בני יששכר, די כוונה פון דעםווארט הושענ"א אז מען צוטיילט דעם ווארט אין צוויי הוש"ע נ"א, דער הייליגער באשעפער זאל אונז העלפן, ער זאל מקבל זיין אונזערע תפילות וואס מיר האבן מתפלל געווען די 51 טעג פון ראש חודש אלול ביז הושענא רבה.

אזוי אויך בעטן מיר פונעם אייבירשטן אז ער זאל אנעמען די תפלות וואס מיר דאווענען אין דעם גרויסן טאג פון הושענא רבה דעם איין און פופציגסטן טאג פון די הייליגע טעג, וואס איז דער גמר החתימה, דער טאג וואס איז דער מסירת הפתקין, אז דער טאג זאל זיין לרחמים לחיים ולשלום, ולגאולה שלימה לישראל אמן.

☆

### ג' פירושים בתיבות הושענה רבה

הרה"ק ר' מרדכי דוב מהורנסטייפל זי"ע האט געזאגט די ווערטער הושענ"א רב"ה האט דריי פירושים.

הושענ"א רב"ה, א גרויסע ישועה, א גרויסער הילף, הושענ"א רב"ה דער גרויסער זאל העלפן, השי"ת זאל אונז העלפן, הושענ"א רב"ה, מיר זאלן העלפן דעם גרויסן, מיר זענען מוסיף כח צום פמליא של מעלה מיט אונזער תורה און מצות.

## נוסח ההושענות

### הושענה למענך אלוקינו
### התגלות כבוד שמים

הרה"ק ר' יצחק מסטוטשין זצ"להאט פארציילט אז דער הייליגער ישמח משה זי"ע האט איינמאהל הושענא רבה ביי די הושענות געזאגט מורא'דיגע ווערטער וועגן די גאולה שלימה, דער ישמח משה האט געזאגט בזה הלשון.

רבש"ע, ווי לאנג וועסטו נאך ארום פירן דעם אלטן נער פון יאהר צו יאהר, דו זאגסט צו אז ער וועט קומען און ער קומט נישט.

אפשר מיינסטו אז איך מיין מיין גוף, זאל ער נתפזר ווערן בארבע פינות העולם, ער זאל זיין דראון לכל בשר.

אפשר מיינסטו איך מיין מיין נשמה, זאל זי קיינמאהל קיין שום תיקון נישט האבן, אבי עס זאל נתגלה ווערן אז עס איז דא איין באשעפער אויף דער וועלט.

### הושענה למענך בוראנו
### אין חבין לו לאדם שלא בפניו

הרה"ק השם שלמה ממונקאטש זי"ע האט געזאגט ביי די הושענות אויף די ווערטער למענך בוראנו אזוי.

עס ווערט געברענגט אין מדרש, אז בשעת בריאת העולם האט זיך השי"ת באראטן מיט די נשמות הצדיקים אויב ער זאל באשאפן די וועלט, און די צדיקים האבן מסכים געווען אז דער וועלט זאל באשאפן ווערן.

האט דער שם שלמה אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט און ער האט געזאגט, א קונץ רבש"ע אז דו האסט דיך באראטן מיט די נשמות פון די צדיקים, פאר זיי איז לייכט געווען מסכים צו זיין צו באשאפן די וועלט.

רבש"ע פארוואס האסטו זיך נישט באראטן מיט אונזערע

נשמות, חז"ל זאגן אין חבין לאדם שלא בפניו, פאר אונז איז א חובה באשאפן צו ווערן, נו האסטו אונז אבער דאך באשאפן, אויב אזוי זאלסטו אונז מוחל זיין די עבירות ווייל דו ביסט דאך דער בורא טוב, איבער דעם זאלן מיר אלע שרייען הושענא למענך אלוקינו למענך בוראנו הושענא.

נאך אזעלכע הייליגע ווערטער האט דער גאנצער עולם אין שול האט אויסגעבראכן אין א געוויין מיט שטארקע הרהורי תשובה.

## הושענא למענך גואלנו
## העיקר בקשה הוא על הגאולה

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע פלעגט זאגן דעם פאלגענדן משל.

א מלך האט געהאט א זון וואס ער האט איהם שטארק ליב געהאט, איינמאהל האט זיך דער זון פארזינדיגט אנטקעגן זיין טאטן, דער טאטע האט איהם פארטריבן פונעם פאלאץ, דער זון איז אוועקגעטריבן געווארן אין א ווייטן פלאץ ער האט נישט געהאט וואס צו עסן, קודם האט ער פארקויפט זיינע קליידער, דערנאך האט ער זיך אליין פארקויפט ער איז געווארן א פאסטוך פון שאף.

יארן לאנג האט ער געפאשעט די שעף ביז ער האט פארגעסן אז ער איז א קינד פונעם קעניג, ער האט שוין אפילו אויך געזינגען דעם זעלבן ניגון ווי אלע פאסטעכער פלעגן זינגען, ווען זיי האבן געפאשעט די שעף.

אבער איין זאך האט איהם שטארק וויי געטון, אלע אנדערע פאסטעכער וואס זענען שוין געווען לאנגע יארן פאסטעכער פלעגן האבן א דאך פון שטרוי, אז ווען עס האט גערעגענט האבן זיי זיך געקענט דארט באהאלטן כדי עס זאל נישט רעגענען אויף זיי, און ער האט דאס נישט געהאט.

אמאהל איז דער מלך אדורך דארטן געפארן, דער סדר איז געווען אז ווער עס האט עפעס געדארפט פונעם קעניג האט געשריבן זיין בקשה אויף א צעטיל און דאס אריינווארפן אינעם וואגן, ווען דער קעניג איז אדורך געפארן, און דער קעניג פלעגט געבן וואס די מענטשן האבן פארלאנגט.

דער זון האט אויך אריינגעווארפן זיין צעטיל, ער האט געבעטן אז דער קעניג זאל איהם געבן א דאך פון שטרוי כדי ער זאל נישט נאס ווערן פונעם רעגן, דער קעניג האט באלד דערקענט דעם האנט שריפט פון זיין זון, דער מלך האט געהאט גרויס צער אז זיין זון האט אינגאנצן פארגעסן אז ער איז זיין קינד, ער בעט נישט אז דער מלך זאל איהם אהיים נעמען, נאר ער בעט א דאך פון שטרוי.

האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט דעם נמשל.

מיר יודישע קינדער וואס זענען שוין לייידער אזויפיל יארן אינעם שווערן גלות, מיר האבן שוין לייידער פארגעסן אז מיר זענען קינדערפונעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

הושענא רבה איז די צייט וואס אונזער טאטע גייט אדורך, יעצט איז די צייט וואס יעדער קען בעטן פון איהם זיין פארלאנג, איז זייער וויכטיג מיר זאלן בעטן "טאטע לייז אונז שוין אויס פון גלות און נעם אונז אהיים צו דיר".

יעצט זאל מען נישט מתפלל זיין אויף גשמיות'דיגע ענינים ווייל דעמאלטס וועלן מיר אויסזעהן אזוי ווי דער בן מלך וואס איז געווארן א פאסטעך און ער האט געבעטן פונעם מלך א דאך פון שטרוי, נאר דער עיקר איז מיר זאלן מתפלל זיין אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

## הושענא למענך דורשינו
## דרישת שלום למלך

הרה"ק ר' משה מרוזדוב זי"ע האט אמאהל געזאגט דעם פאלגענדן משל ביי די ווערטער הושענא למענך דורשינו.

א גרויסער מלך האט געהאט א בן יחיד וואס האט זיך פארזינדיגט פאר איהם מען האט איהם פארשיקט אין די מרחקים, דארטן האט מען איהם איינגעשפארט אין א תפיסה וואס די פענסטער אינעם תפיסה זענען געווען זייער הויעך, וואס מען האט נישט געקענט פון דארט ארויסקוקן צום גאס.

ויהי היום, עס איז אדורך געגעאנגען איינע פון די שרי המלוכה נעבן דעם תפיסה ער האט זיך פונקט אפגעשטעלט נעבן דעם פענסטער ווי דער בן מלך איז דארט געזעצן, ווען דער בן מלך האט געהערט דעם קול פון דעם שר האט ער ארויסגעשריגן מיט א געוויין ער האט זיך אינטערעסירט אונעם פרידן פון זיין טאטע און ער האט געפרעגט פונעם שר, מיין טאטע געדענקט מיך נאך, האט מיין טאטע נישט פארגעסן פון מיר.

האט ר' משה'לע רוזדובור געזאגט דאס איז די כוונה פון די ווערטער למענך דורשינו, אונז שריי מיר צום טאטן אין הימל ער זאל אונז נישט פארגעסן, ער זאל אונז געדענקן לטובה ולישועה קרובה.

## הושענה למען פארך
## תפילין דמרי עלמא

דער הייליגער קדושת לוי זי"ע דער גרויסער סניגורן של ישראל האט אמאהל ממליץ געווען אויף יודישע קינדער ער האט אזוי געזאגט.

רבש"ע דו מוזט מוחל זיין אויף די עבירות פון די יודישע קינדער, אויב וועסטו זיי נישט ח"ו מוחל זיין וועל איך מיזן מגלה זיין דעם סוד אז דו גייסט מיט פסול'ע תפילין.

די גמרא זאגט אז דער אייבישטער לייגט תפילין וואס דארטן שטייען די ווערטער מי כעמך ישראל גוי אחד, ווער איז נאך אזא איינציג פאלק אזוי ווי דאס יודישע פאלק, אויב וועסטו ח"ו זיי נישט מוחל זיין קענען זיי נישט ווערן אנגערופן גוי אחד.

מיט דעם האבן צדיקים געטייטשט הושענא למען פארך דו מוזט אונז העלפן וועגן דיינע תפילין וואס תפילין ווערן אנגערופן מיטן נאמען פאר.

רבש"ע העלף די יודישע קינדער און זיי מוחל פאר זיי זייערע עבירות.

## הושענא סובלת סבלך
## דיו כעבד להיות כרבו

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט נאכגעזאגט בשם הרה"ק המגיד מקוזניץ זי"ע א מורא'דיגן פשט אויף די ווערטער פון די הושענות סובלת סבלך.

דער קוזניצער מגיד האט געזאגט, רבש"ע עס איז גלוי וידוע פאר דיר אז עס איז דא צדיקים אינעם דור אז זיי זאלן

וועלן, וואלטן זיי געקענט ברענגען די גאולה בבחינת ותגזר אומר ויקם לך וואס חז"ל דרשענען צדיק גוזר והקב"ה מקיים.

נאר די צדיקים זענען זיך מיישב דו קענסט דאך געוויס ברענגען די גאולה און דו שוויגסט און דו ליידסט שבכל מקום שגלו ישראל גלתה שכינה עמהם, און אז דו שוויגסט, שווייגן זיי אויך און זיי ליידן מיט דיר ווייל דו ליידסט, אזוי ווי חז"ל זאגן דיו לעבד להיות כרבו, וועגן דעם בעטן מיר.

הושענ"א, רבש"ע העלף דעם כנסת ישראל, סובל"ת ווייל זי ליידט, סבל"ך ווייל דו ליידסט.

## אדון המושיע בלתך אין להושיע
## שיבנה בית המקדש

הרה"ק ר' משה מסאמבור זי"ע פלעגט זיך פאר די פערטער הקפה אדון המושיע זיך אויסשמיסן מיטן רבש"ע בזה הלשון.

לאמיר זיך אויסשמיסן מיטן אדון המושיע. פארוואס ברענגסטו נאכנישט משיח'ן, פארוואס בויסטו נאכנישט דעם בית המקדש, וואס פעלט דיר דען צו בויען, יודישע קינדער ווארטן שוין אזוי לאנג אויפן בנין בית המקדש, זיי זענען געיאגט און געפלאגט אין דעם ביטערן גלות, און זיי זענען זיך מוסר על קדושת שמו יתברך.

רבש"ע וואס פעלט דיר צו בויען דעם ביהמ"ק, טאמער עס פעלט דיר ליים וויפיל יודישע קינדער זענען פארליימט געווארן פאר דיין נאמען וועגן, פעלט דער שטיינער צום בויען, וויפיל יודישע הערצער זענען פארשטיינערט געווארן פאר דיינעט וועגן, פעלט די פייער וויפיל יודישע קינדער זענען פארברענט געווארן על קידוש השם, פעלט דיר וואסער געב מיר דיר יעצט וואסער הייסע טרערן, עכלה"ק.

די ווערטער וואס זענען געווען דברים היוצאים מן הלב טהור זענען געווען נכנסים אל הלב, דער עולם האט געוויינט מיט א גרויס געוויין.

## הושענה נפש מבהלה
## מנע מגפה מנחלתיך

אין ספר גדולת יהושע (ח"ב דף מ"ד) ווערט געברענגט דעם פאלגענדן מעשה.

עס איז געווען אמאהל א יאהר וואס עס האט ל"ע אויסגעבראכן אין די געגענט ארום דעם שטאט סיגוט דעם מגיפה פון דעם מחלה כאלערא (חולי רע), אבער אינעם שטאט סיגוט אליינס האט דער מגיפה ביזדערווייל נאכנישט געהאט דערגרייכט.

ווען עס איז געקומען נאנט צו די ימים נוראים האט דער מושל העיר געבעטן פונעם ראה"ק פונעם שטאט סיגוט הרה"צ ר' משה ארי' פריינד זצ"ל אז ער זאל מודיע זיין פארן רב פון שטאט דער הייליגער ייטב לב זי"ע אז ער זאל אריבערקומען צו איהם ער וויל אדורכשמיסן מיט איהם זייער א וויכטיגן אנגעלעגנהייט וואס אנבאלאנגט דעם וואוילזיין פונעם שטאט סיגוט.

ווען דער ייטב לב איז געגאנגען אינאיינעם מיט ר' משה ארי' צום מושל העיר האט דער ראש העיר געבעטן פונעם רב אז אויפן קומענדיגן ימים נוראים זאל ער נישט לאזן די חסידים אז זיי זאלן קומען קיין סיגוט, כדי זיי זאלן נישט מיט ברענגען מיט זיך דעם מגיפה צום שטאט וואס דאס קען ח"ו גורם זיין צו קרענק און קאסטן אסאך קרבנות רח"ל,האט דער ייטב לב געענטפערט פארן מושל די ווערטער.

אין שטאט סיגוט איז קיינמאהל נישט געווען דעם כאלערא און אין שטאט סיגוט וועט קיינמאהל נישט זיין דער כאלערא, נאכן אוועקגיין פונעם באגעגעניש מיטן מושל האט דער ייטב לב געפרעגט פון ר' משה ארי' וואס האב איך געזאגט פארן מושל.

ר' משה ארי' האט איבערגעזאגט די רייד וואס דער ייטב לב האט געזאגט אז אין שטאט סיגוט איז קיינמאהל נישט געווען דעם כאלערא און אין שטאט סיגוט וועט קיינמאהל נישט זיין דער כאלערא.

ווען דער ייטב לב האט דאס געהערט האט זיך דער ייטב לב אנגערופן, אזוי האב איך געזאגט, "נאר בלייבט נאר, און מקח בלייבט מקח".

יענעם יאהר הושענא רבא ביי די הושענות האט דער ייטב לב געזאגט ביים שטיקל הושענא נפש מבהלה אז די אלע וואס וועלן זיך פארשטעלן זיין צורה וועט נישט אנקומען צו זיי דער קרענק כאלערא.

עס האט זיך שפעטער געטראפן ווען די סכנה פון די מגיפה איז געווען נאנט צום שטאט סיגוט האט מען איינמאהל פארטאגס געטראפן דעם ייטב לב און מיט א שטעקן אין זיין האנט האט ער פארטריבן דעם כאלירע פון שטאט ער האט געזאגט "גייט ארויס גייט ארויס", אזוי האט דער ייטב לב באשיצט און אפגעהיטן דעם שטאט סיגוט פונעם מגיפה.

## הושענא בית הבחירה
## ניטלו ממנו הבחירה

דער הייליגער קדושת יום טוב זי"ע האט געטייטשט די ווערטער וואס מען זאגט ביי די הושענות הושענא בית הבחירה אזוי.

אמאהליגע דורות ווען די קדושה איז געווען גרויס איז געווען ביי יעדעם א בחירה מען האט זיך געקענט בוחר זיים מען האט זיך געקענט אויסוועלן צווישן גוטס און שלעכטס.

היינטיגע צייטן אין דעם דור שפל איז בעוה"ר אוועקגענומען געווארן דעם כח הבחירה ווייל די תאוות שטארקן זיך ליידער אויפן מענטש השם ישמרינו.

## דמתה לתמר
## נקטם ראשו

הרה"ק ר' אלימלך גרודשיצער זי"ע האט געזאגט אויף די ווערטער וואס מען זאגט ביי די הושענות הושענא דמתה לתמר אזוי.

די הלכה איז אז א לולב דארף זיין גאנץ, א לולב וואס איז נקטם ראשווזיין שפיץ איז אפגעהאקט איז דער לולב פסול, האט דער צדיק געזאגט יודישע קינדער וואס זיי זענען נמשל לתמר מאכן מיט אזוי פיל צער און יסורים זיי האבן נישט קיין קאפ דיך צו דינען.

אויב אזוי הושענא העלף זיי ארויס פון זייער צער אז דער קאפ זאל זיין אויפן פלאץ עס זאל ח"ו נישט זיין נקטם ראשם, נאר יודישע קינדער זאלן האבן הרחבת הדעת.

# מאמר יהודא שלים

**אין די ספה״ק ווערט געברענגט די גרויסקייט פון שמיני עצרת און שמחת תורה וואס דאס איז די נקידה הפנימיות פון גאנצע עבודה פון די הייליגע טעג ׳בבחינת יהודא שלים׳, ברענגן מיר די ווערטער פון די צדיקים אויף די טעג.**

## ביום השמיני עצרת תהי׳ לכם

### עכבו עלי עוד יום אחד

דער מדרש ברענגט א טעם פארוואס השי״ת האט אונז געגעבן דעם יום טוב שמיני עצרת , דורך א משל צו א קעניג וואס האט געמאכט א סעודה פאר אלע זיינע קנעכט אפאר טעג, דעם לעצטן טאג האט ער געזאגט פאר זיין בעסטען ליבן פריינט, אז ער זאל אים מאכען א קליינע סעודה, כדי דער קעניג זאל הנאה האבן נאר פון אים, דאס זעלבע איז אויך דא ביים יו״ט פון שמיני עצרת.

די אלע זיבן טעג פון סוכות האט מען מקריב געווען זיבעציג קרבנות פאר די גוי׳שע פעלקער פון די וועלט (דאס איז די טעם פארוואס מען איז מקריב סוכות זיבעציג קרבנות, פאר די זיבעציג פעלקער), דעם אכטן טאג ׳שמיני עצרת׳ האט השי״ת געבעטן די אידן זיינע איינציגסטע באליבטע בעסטע געטרייסטע קינדער, אז זיי זאלן פאר אים ברענגן נאך א קרבן, ׳פר אחד איל אחד׳, כדי השי״ת זאל הנאה האבן נאר פון זיינע גוטע געטרייע פריינד, די יודישע קינדער.

☆

### יום קיבול תפילות

הרה״ק רבי צבי הירש מרימנוב זי״ע האט געזאגט, אז עס איז מקובל פון צדיקים, אז שמיני עצרת איז א צייט וואס השי״ת איז מקבל די תפלות פון די אידן אזוי ווי יום כיפור.

☆

### לבטל כל הגזירות

הרה״ק הבאר משה מקוזניץ זי״ע זאגט, דאס ווארט "עצרת" איז א לשון פון צוריק האלטן, דאס איז א רמז אין הימל האלט מען צוריק די שלעכטע גזירות ביז שמיני עצרת, אפשר דאך וועט דער מענטש תשובה טאן.

☆

### שמיני רגל בפני עצמו

הרה״ק ר׳ משה לייב סאסובער זי״ע זאגט, ראש השנה און יום כיפור זענען מיר מתפלל פאר עניני רוחניות, שמיני עצרת איז דער ערשטער טאג וואס מ׳איז מתפלל פאר עניני גשמיות, ווען מיר בעטן פאר ׳גשם׳.

דאס זאגט די גמרא (יומא ג) ׳שמיני רגל בפני עצמו הוא׳ הוא שמיני עצרת איז דער ערשטער יום טוב וואס מען בעט "בפני עצמו" פאר די אייגענע באדערפענישן.

☆

### עצרו לכם

דער הייליגער ישמח ישראל זי״ע זאגט, דאס ווארט "עצרת" איז אויך א לשון פון איינהאלטען, מען דארף איינהאלטען אין זיך די אלע קדושות און ליכטיגקייט וואס מ׳האט זיך באהאפטן אין די הייליגע טעג.

☆

### עצרת תהיה לכם

דער הייליגער בית אברהם זי״ע זאגט פשט אינעם פסוק ׳עצרת תהי׳ לכם׳ אזוי, "עצרת" אויב איר וועט אייך צוריק האלטען פון תאוות, דעמאלט "תהיה לכם" וועט איר האבן אלע גיטע השפעות.

☆

### פונים מסוכה לביתם

הרה״ק רבי אורי סטרעליסקער זי״ע האט געזאגט, עס איז א גרויסער חסד פון באשעפער וואס ער האט אונז געגעבן דעם יום טוב שמיני עצרת באלד נאך סוכות, ווייל אהן דעם וואלטן מיר נישט געקענט צוריק אריין גיין אין שטוב, נאך דעם וואס מיר האבן שוין געפיהלט די הייליגע ליכטיגקייט פון די סוכה, יעצט וואס מיר האבן באקומען א יום טוב וואס מיר פייערן אין שטוב, איז דאס אן אריבערגאנג פון די סוכה צו דער היים....

## אתה הראית לדעת כי ה׳ הוא האלקים

### הנקודה הפנימיות

הרה״ק ר׳ משה קאברינער זצ״ל האט געזאגט, די גאנצע עבודה פון כלל ישראל אין די טעג פון חודש אלול, ראש השנה, תקיעת שופר, עשרת ימי תשובה, יום כיפור, סוכות, הושענא רבה, זענען אלעס אן הכנה א צוגרייטונג צו דער מינוט פון שמחת תורה וואס מען זאגט ׳אתה הראית לדעת כי ה׳ הוא האלקים אין עוד מלבדו׳.....

☆

### כח של הרקודין

דער הייליגער בעל שם טוב זצוקלל״ה האט געזאגט דאס וואס מיר טאנצען מיט די תורה שמחת תורה, דאס אלעס זענען תפילות און עס האט די זעלבע כח פון תפילה.

☆

### הרגלים למעלה ולמעלה

הרה״ק רבי מענדלע מרימנוב זי״ע פלעגט שטענדיג שמחת תורה זאגן מיט דעם לשון "פיסלעך פיסלעך" הייבט׳ס ענק לכבוד די הייליגע תורה, עס וועט שוין קומען די צייט ווען ענק וועלן רוען און רוען....

☆

### עלייה לכל התפילות

הרה״ק השר שלום מ׳בעלזא זי״ע האט געזאגט, וואס די טענץ פון שמחת תורה זענען קען איך אייך נישט זאגן, אבער דאס זאג איך, "אז אלע תפילות וועלכע קענען נישט דערהויבען ווערן א גאנץ יאהר ווערן היינט דערהויבען דורך די טענץ".

☆

### השפעות משמי מעל

דער הייליגער שפאלער זיידע זי״ע האט אינמיטען טאנצן די הקפות זיך אנגערופן און געזאגט, ווען מען הייבט די פיס (ביים טאנץ) איז מען מעלה עולמות, מען דערהייבט וועלטן, און ווען מ׳לייגט אראפ די פיס ברענגט מען אראפ עולמות גוטע השפעות פון די הימלשע וועלטן....

☆

### עושים באימה רצון קונם

דער הייליגער מאור ושמש זי״ע זאגט א רמז אין די תורה אז שמחת תורה מאט מען הקפות, ווייל דער ווארט עצר״ת איז די נוטריקון ע׳ושים צ׳דיקים ר׳יקודי ת׳ורה, צדיקים מאכן טענץ מיט די תורה.

# שמחת החיים

מילתא דבדיחותא על ענינים בפרשת השבוע

רבה מקמי דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחותא (שבת ל:)

ערב סוכות

## ממהרת יום הכפורים

**הרה"ק מסאטמאר זי"ע** פלעגט זאגן **בדרך צחות** פאר צוויי סארט מענטשן וואלט מען גענדארפט מתקן זיין **אן עקסטערן עשרת ימי תשובה** זיי זאלן קענען געהעריג תשובה טון.

איינס, **פאר א רבי פון חסידים** וואס די חסידים שטערן איהם **מיט קוויטלעך א גאנץ עשרת ימי תשובה** אזוי אז ער האט נישט קיין צייט תשובה צו טון.

צווייטענס, **פאר די אתרוג סוחרים** וואס זיי זענען פארנומען גאנץ עשרת ימי תשובה **צו פארקויפן די ד' מינים** דארפן זיי אויך א באזונדערע עשרת ימי תשובה.

**דער של"ה הקדוש** שרייבט, אז צווישן **יום כפור** און **הושענא רבה** איז דא **צעהן טעג**, וואס די טעג זענען אקעגן די **עשרת ימי תשובה.**

☆☆

## וצדקה תהי' לנו

אין די **ספה"ק** שטייט אז **ערב סוכות** איז א זמן פון טיילן **צדקה** פאר די **ארימעלייט** זיי זאלן האבן א **שמחת יו"ט.**

עס ווערט **דערציילט**, אז א ארימאן וואס ער האט געהאט **עטליכע טעכטער חתונה צו מאכן**, איז אריין ערב סוכות צום גרויסן גביר **ר' אנטשיל ראטשילד** בעטן א נדבה, האט איהם דער **סעקרעטער** געזאגט, דער **גביר** איז זייער פארנומען עס איז פאר **יום טוב** ער האט היינט נישט קיין צייט אויפצונעמען מענטשן.

האט דער ארימאן איך וויל נאר זאגן **5 ווערטער** צו דיין בעה"ב, האט דער סעקראטער מסכים געווען, **בתנאי** אז ער **פארזוימט זיך נישט לענגער** ווי 5 ווערטער.

דער ארימאן איז אריין צו ר' אנטשיל און ער האט געזאגט **גמר"א גמר"א גמר"א גמר"א**, האט ר' אנשיל געפרעגט וואס מיינען דיינע רייד, האט דער ארימאן געזאגט די ווערטער **זענען 4 ר"ת.**

**גמר"א, ג'וט מ'ארגן ר' א'נטשיל.**

**גמר"א, ג'רויסע מ'יידלעך ר' א'נטשיל.**

**גמר"א, ג'עטס מ'עות ר' א'נטשיל.**

**גמר"א, ג'רויסע מ'צוה ר' א'נטשיל.**

פאר ר' אנטשיל איז זייער געפאלן געווארן די **4 ראשי תיבות** האט ער געגעבן א שיינע נדבה.

האט דער ארימאן געזאגט פאר ר' אנטשיל **איך האב נאר געזאגט 4 ווערטער**, איך האב באקומען רשות צו זאגן **נאך איין ווארט**, האט ר' אנטשיל געזאגט נייגעריגערהייט **נו לאזט מיך הערן** נאך א נוטריקון אויף **גמר"א.**

האט דער ארימאן געזאגט אזוי, **גמר"א** איז נוטריקון **ג'עטס מ'עהר ר' א'נטשיל.**

☆☆

## א גמר חתימה טובה.

א **כולל יונגערמאן** האט גענדארפט **באנייען** דעם ליעס פון זיין **דירה** איז ער געגאנגען אין די טעג צווישן **יום כפור** און **סוכות** מיט א ציטערדיגען הארץ צו זיין לענדלארד וואס איז געווען א גביר **וואס האט זייער ליב געהאט געלט**, איהם צו בעטן ער זאל איהם **באנייען דעם ליעס** אן א העכערונג אין די רענט.

דער **יונגערמאן** איז אריינגעגאנגען צו זיין **לענדלארד** אין אפיס און ער בעט איהם **חדש עלינו שנה טובה** באניי מיר **א גוטע ליעס** אויפן קומענדיגן יאהר, האט די גביר געזאגט, **א גמ"ר חתימה טובה.**

דער ווארט **גמ"ר** איז נוטריקון **ג'עב מ'ער ר'ענט**, אז דו וועסט מיר געבן א העכערונג אין די רענט וועל איך דיר געבן **א חתימה טובה** איך וועל דעא גוט אינטערשרייבן אויפן ליעס.

האט דער כולל אינגערמאן צוריק געזאגט פארן גביר, דאס ווארט **גמ"ר** האט א בעסערע ר"ת, **גמ"ר** איז נוטריקון **ג'ביר מ'יט ר'חמנות...**

☆☆

## דבר על העצים

פארן יום טוב סוכות ווען די עולם בויט די סוכות מען מאכט **היימישע שלאקן** קומט אויס אז אינמיטן די ארבעט לויפט מען צו דעם גרויסן **"האום דיפא געשעפט"** צו פארשאפן די וויכטיגע סוכה ציגעהערן.

איז געווען א **יונגערמאן** וואס איז אריין צום האום דיפא געשעפט קויפן א אייזן וואס ער האט געוואלט **אריינשרויפן אינעם העלצעל**, וואס האט אגעכאפט דעם **אנגעל** פינעם שלאק.

דער יוגערמאן האט פראבירט **מסביר** צו זיין פארן **גויאישן ארבעטער** וואס ער דארף, אבער דער גוי האט נישט פארשטאנען וואס ער רעדט.

האט ער געזאגט אויף ענגליש **"איי ניד דע טינג, דעטס גאוס טא דע טינג, פראם דע טינג, אף דע טינג"**, איבערגעזעצט אויף אידיש, **איך דארף די זאך, וואס גייט צו די זאך, וואס איז פון די זאך אינעם זאך.....**

האט איינער ציגעלייגט **בדרך הלצה**, קען זיין אז וועגן דעם **"טינקט"** מען אין האניג ביז נאך סוכות אלס זכר פון די **"טינק אף דע טינק"**.

☆☆

## רבות מחשבות בלב איש

נאך א טעם קען מען זאגן **פארוואס מען טינקט איין אין האניג**, ווייל דער **צמח צדיק** האט געזאגט **טראכט גוט** וועט זיין גוט, (און ירושלים זאגט מען, טראכט גארניט וועט זיין נאך בעסער).

מאכט מען א רמז אז מענטשן זאלן טראכטן גוט **טינקט מען אינעם זיסן האניג**, ווייל **טראכטן** אין ענגליש רופט

מען אן **"טינק"**, געט מען וועגן דעם א **טינק האניג** צו דערמאנען דעם מענטש געב **א "גוטען טינק"** (א גוטן טראכט) **וועט זיין גוט.**

## ארבעה מינים

### עולה למעלה

א **כולל יונגערמאן** וואס ער איז געווען אן **איידעם** ביי א **גביר** איז אריין צו אן **אתרוג סוחר** און זיך אויסגעוועלט א **הדר שבהדר** פאר א געפעפערטן **פרייז,** ער האט איינגעפאקט דעם אתרוג **בזאצאלט** און ער איז ארויס.

א **האלבע שעה** שפעטער שפאצירט אריין דער **שווער** פונעם כולל אינגערמאן צום זעלבן **אתרוג סוחר,** האט זיך דער סוחר געמאכט א **קל וחומר,** מה-דאך דער איידעם האט זיך געלאזט קאסטן א טייערן פרייז, וועט דער **רייכער** שווער זיך **אודאי לאזן קאסטן,** אבער צו זיין אנטוישונג האט זיך דער שווער אויסגעוועלט א **פשוט'ן** ביליגן אתרוג.

האט דער סוחר געזאגט פארן שווער איר זאלט מיר מוחל זיין פארן זיך **אריינמישן אין אייערע געשעפטן** אבער איך וויל אייך עפעס פרעגן, פריער איז דא געווען אייער **איידעם,** ער האט זיך אויסגעוועלט א **טייערן אתרוג,** פארוואס וועלט איר אייך אויס א **ביליגן** פשוט'ן אתרוג.

האט דער שווער געענטפערט, איך בין נישט אזוי ווי מיין איידעם, **"איך האב נישט קיין רייכע שווער".....**

☆☆

### אתרוגים של עץ

דער **גן יוסף** ברענגט אן אינטערסאנטע **חכמה'דיגן מעשה.**

אין די שטאט **ווארשא** האט א געלט גייציגער גוי **אפגעקויפט פאר סוכות** פון די פעלד איינגעטומער **אלע אתרוגים,** כדי ער זאל האבן דעם **מאנאפאל** אויף דעם מסחר פון אתרוגים, אזוי ארום וועט ער קענען **הייבן די פרייזן** אויף די אתרוגים.

דער **חידושי הרי"ם זי"ע** וואס האט דעמאלטס געוואוינט אין ווארשא האט **געגעבן פארן עולם א עצה,** וויאזוי צוריק **אראפצוברענגען** די פרייזן פון די אתרוגים.

דער חדושי הרי"ם האט באפוילן מען זאל **אויסשניצן** אסאך אתרוגים פון **האלץ** מען זאל דאס פארבן אזוי ווי דער פארב פון **עכטע אתרוגים** און מען זאל אויסשטעלן די **האלצענע אתרוגים** ביי די פענסטער פון די יודישע סוחרים.

דער גוי וועט זעהן אז די סוחרים האבן זיך פון ערגעץ ווי איינגעהאנדלט אתרוגים וועט דער גוי מיינען אז עס איז דא אן **איבערפלוס פון אתרוגים** וועט ער אראפלאזן די פרייז פון זיינע אתרוגים, **וכך הוה.**

**עם עקש תתפלל**

☆☆

### אתרוג ליטאי

איינער האט געזאגט פאר זיין חבר היי יאהר האב איך מיר געקויפט א **ליטווישן אתרוג,** האט איהם זיין חבר געפרעגט, פון **וואנעט ווייסטו** אז דיין **אתרוג** איז א **ליטוואק.**

האט ער צוריק געענטפערט ווייל מיין אתרוג האט א **שקיעה,** אבער עס האט נישט קיין **גארטל......**

☆☆

### חתן דומה לאתרוג

ווען מען זיכט **צו** נעמען א **חתן** פאר אן **איידעם** איז אזוי ווי מ'גייט קויפן אן אתרוג, מען וועילט זיך, **מען וועילט זיך, און מען וועילט זיך** ביז מען דערוועילט שוין א פיינעם בחור.

דערנאך ברענגט מען אים אין **ביהמ"ד** זיך צו **בארימען** מיטן נייען אויסדערוועלטן איידעם, דערנאך **טאנצט מיט אים** זיבן טעג, און צום סוף מאכט מען פון איהם **קאמפאט....**

## בסוכות תשבו

### ושמחת בחגיך

דער הייליגער **רוזשינער זי"ע** האט זיך איינמאהל **פליצלונג** אינמיטן יו"ט סוכות **שטארק צילאכט,** די מקורבים האבן זיך שטארק געוואונדערט אויפן **פלוצלונגן לאכן פונעם צדיק,** האט דער צדיק זיי **דערציילט** ווי פאלגענד.

עס געווען אן **עם הארץ** וואס ער איז **געגאנגען אויפן וועג,** ער האט געוואלט עפעס **עסן,** אבער ער **האט נישט געהאט קיין סוכה,** האט דער עם הארץ מיט זיין גרויס תמימות **איבערגעדרייט זיין היט,** ער האט אויף דעם **ארויפגעלייגט סכך,** אזוי האט ער זיך געזעצט עסן.

האט דער רוזשינער געזאגט, דאס וואס דער **עם הארץ** האט געטון, איז דורכדעם **נתעורר** געווארן א **שמחה וחדוה** אין אלע עולמות, דער גאנצער **פמליא של מעלה** האט זייער **געלאכט** פונעם תמימות פון דעם יוד, אזוי ווי איך האב דאס געזעהן, האב איך **אויך מיטגעלאכט מיט זיי אינאיינעם.....**

☆☆

### משום עינא בישא

דער הייליגער **קדושת לוי זי"ע** דער סניגורן של ישראל האט געזאגט, אז ווען עס **רעגנט** אין סוכות, איז עס אזוי ווי מען **שפייט** אפצישפרעכן אן **עין הרע.**

אזוי אויך **כביכול,** דורכן רעגן טיט השי"ת אונז אנשפייען **אפצישפרעכן דעם עין הרע** וואס די מלאכים האבן אויף אידישע קינדער, די מלאכים זענען אונז **מקנא** מיט אונזער **טייערע הייליגע מצוה פון די סוכה.**

☆☆

### ושמחת בחגך והיית אך שמח

איינער האט געזאגט א טיפן דערהערה, **ווען דו ביסט גוט מוטיג,** אויפגעלייגט און פרייליך, **ווערן דאן דיינע חברים געוואר 'ווער דו ביסט באמת',** ווען דו ביסט פארביטערט און דו **ביסט אין א שווערע מצב,** ווערסטו דאן געוואר, **ווער דיינע 'חברים באמת' זענען.....**

☆☆

### זמן שמחתינו

פארוואס הייסט יום טוב סוכות **"זמן שמחתינו"** מיט א **לשון רבים.**

קען מען זאגן **בדרך צחות,** סוכות ווען דער עולם זיצט **אינדרויסן** אין די סוכה הערט מען אריבער די **קולות פון געשרייען** פון איין סוכה צום צווייטן, ווערט מען דעמאלטס געוואר, אז נישט נאר ביי זיך אין שטוב **טוט זיך קריגערייען מיט שרייערייען** ביי יעדן איז די זעלבע זאך, יעדער איינער איז אינעם זעלבן שיף.

ווערט עס א **צרת רבים,** און א צרת רבים איז א **חצי נחמה,** וועגן דעם רופט עס **זמן שמחתינו** מיט א לשון רבים.

☆☆

## נשים פטורות

**בדרך צחות** קען מען זאגן נאך א טעם פארוואס מען רופט עס **זמן שמחתינו** בלשון רבים.

ווייל אזוי ווי די מצוה פון סוכה איז א **מצות עשה שהזמן גרמא** זענען די נשים פטור פון די סוכה, עסן די נשים פאר זיך **עקסטער** אינדערהיים, רופט מען דעם יום טוב **זמן שמחתנו** מיט א לשון רבים עס איז א **שמחה פאר ביידע,** סיי פארן **מאן** און סיי פארן **פרוי,** יעדער האט זיך זיין מנוחה.

☆☆

## לישב בסוכה

וואס הערט מען **ארויסקומען פון די סוכות,** ווען מען **שפאצירט** שפעט אין די גאסן, סוכות ביינאכט.

**10** פראצענט פונעם עולם זינגען מיט א שטילן קול **"ושמחת",** די אנדערע **10** פראצענט זינגען מיט א הויעכן טאָן **"ווען וועסטו בויען דיין סוכה'לע",** די איבריגע **80** פראצענט שרייען **"רעד שטילער מ'הערט אלעס ארויס"......**

☆☆

## כל האזרח בישראל ישבו בסוכות

חז"ל זאגן אז **נשים פטורות מן הסוכה** פרויען זענען פטור פון צו זיצן אין די סוכה, האט א **פריילעך יוד'ל** געזאגט א טעם אויף דעם, וויבאלד די גמרא זאגט (מכות י"ג) א יוד וואס איז **מחויב גלות,** שטראפט מען איהם נישט מיט **2 זאכן.**

וויבאלד סוכות דארף מען איבערלאזן די באקוועמע דירה און **מען גייט ארויס צו דירת ארעי,** איז דאך די סוכה א **בחינה פון גלות,** האט מען איהם נישט געוואלט שטראפן מיט **נאך א עונש,** אז ער זאל מיזן זיצן אין די סוכה **אינאיינעם מיט זיין פרוי.....**

☆☆

## סוכת שלם

די **וועלט פרעגט,** פארוואס ווערט די סוכה אנגערופן מיטן נאמען **סוכת שלם** פארוואס ווערט די סוכה געניצט אלס דעם **סימבאל פון שלום.**

**ענטפערט די וועלט,** ווייל אין די זיבן טעג פון סוכות זענען **מאן און ווייב אסאך אפגעזינדערט,** דעריבער איז דעמאלטס פארהאנען **מעהר שלום בית....**

☆☆

## בשר ודגים וכל מטעמים

אין **פוילן** פלעגט מען זאגן אז **סוכות באקומען די מענער די בעסטע עסן,** די מענער פלעגן זיצן אינאיינעם אין איין גרויסע סוכה און די פרויען פלעגן **ארייננשיקן דאס עסן אין די סוכה** אריין.

יעדע **פרוי** האט דאך געוואלט ווייזן וואסערע **בעל בית'טע** זי איז האבן זיי **אהערגעשטעלט דאס בעסטע עסן.....**

☆☆

## דופן עקומה - לבוד

א **פריילעך יוד'ל** האט געזאגט, פארוואס ביים **יום טוב פסח** איז דא **אסאך חומרות,** משא"כ ביים **יום טוב סוכות** טרעפט מען **אסאך קולות,** ווי למשל **דופן עקומה, לבוד, גוד אחות, וכדומה.**

ווייל ביים יו"ט פסח **שטעלן די פרויען אהער דעם פסח,** משא"כ ביים יו"ט סוכות, **בויען די מענער דעם סוכה.....**

☆☆

## תשבו כעין תדורו

עס איז געווען עטליכע געשוויסטיר וואס האבן זיך איינמאהל סוכות ביינאכט **ארום געקריגט אין די סוכה** און זיי האבן געמאכט קולות וברקים אין די סוכה, האט דער טאטע זיך אנגערופן **קינדער שרייטס נישט אזוי הויעך,** מיר זענען אויפן גאס די **שכנים** הערן.

האט זיך אנגערופן איינער פון די קינדער בדרך צחות, **טאטי,** די גמרא זאגט **תשבו כעין תדורו** מען דארף וואוינען אין די סוכה אזוי מען וואוינט אין הויז א גאנץ יאהר אין הויז....

☆☆

## הישן חוץ לסוכה

א יוד איז אמאהל געזאגט פאר **הרה"ק ר' איציק'ל מ'סקווירא זצ"ל,** רבי, עס איז מיר **שווער צו שלאפן אין די סוכה,** ווייל עס איז זייער **קאלט** אינדרויסן.

האט ר' איציק'ל געענטפערט, **אינטערסאנט,** עס איז נישט דא עפעס **קעלטערס** פון דיין **שמונה עשרה,** און מיט דעם אלעם **שלאפסטו עס פיין אדורך.......**

☆☆

## הישן תחת המיטה

אין **חב"ד** איז דא א קפידה עפ"י **חסידות** (סוכה היא אימא עילאי) **נישט צו שלאפן אין די סוכה,** ווערט דערציילט אז א **חבד'סקער** איז געווארן א **איידעם** ביי א ליטוואק א **חזון איש'ניק,** דער שווער האט **אנגעזאגט דעם נייעם איידעם,** ער זאל דווקא **יא שלאפן ביי איהם אין די סוכה.**

איז געגאנגען דער **איידעם,** ער האט זיך געלייגט שלאפן אין די סוכה **אינטער א בעט,** וואס די בעט האט געהאט דעם שיעור פון **10 טפחים לויטן שיטה פונעם אלטן רבי דער 'בעל התניא',** עס האט אבער **נישט געהאט** קיין שיעור פון **10 טפחים לויטן שיעור חזון איש......**

☆☆

## דופן עקומה

א **עלטערער בחור** האט אלס א סגולה צו **טרעפן א שידוך** זיך פארגענומען, אז ער וועט **40 טעג רצופות** יעדן טאג זאגן

**שיר השירים**, איין מאהל האט ער **אויסגעלאזט צוויי טעג** וואס ער האט נישט געזאגט דעם **שיר השירים**, האבן די חברים איהם געזאגט דאס **הייסט נישט רצופות**, האט ער גענטפערט, **איך פארלאז מיך אויף 'לבוד'**, אזוי ווי ביי די סוכה, ביז **דריי טעג** הייסט נאך אלץ רצופות.

דערנאך האט דער בחור **אויסגעלאזט א גאנצע וואך** וואס ער האט נישט געזאגט **שיר השירים**, ער האט געזאגט פאר זיינע חברים אז עס הייסט נאך **אלטס רצופות**, אלס די הלכה פון **גוד אסיק, וגיד אחית**, אזוי ווי ביי די **ווענט פון א סוכה** איז דאס כשר, האבן איהם די חברים געזאגט, אונז האף מיר אז דו וועסט **נישט טרעפן א שידוך א 'דופן עקומה'**......

☆☆

## מצטער פטור מן הסוכה

א **גרופע בחורים** זענען געקומען **חול המועד סוכות** באזוכן זייער **ראש ישיבה אין די סוכה**, מען האט אריינגעברענגט א **טאץ מזונות**, און דאס אראפגעלייגט פארענט פונעם ראש ישיבה, א **יונג בחור'ל** האט געגעבן א **כאפ ארויס** פונעם טאץ א **שטיקל מזונות**, און ער האט דאס געגעסן.

איינער פון די **עלטערע בחורים**, האבן פארגעהאלטן דעם יונגערן בחור'ל, **'עס פאסט נישט'** צו עסן איידער דער **ראש ישיבה** נעמט פאר זיך צום **ערשט א שטיקל מזונות**, האט דער בחור'ל געגטפערט, **איך בין זייער הינגעריג**, צו זיצן אין די סוכה און **נישט צו עסן**, איז פאר מיר א **גרויסער צער**, און איינער וואס איז א **מצטער** און ער זיצט אין די סוכה **ווערט אנגערופן א 'הדיוט'**, און ווען איינער **כאפט צום ערשט** א שטיקל מזונות **ווערט אויך אנגערופן א 'הדיוט'**.

האב איך מיר געמאכט א **חשבון**, אז ענדערש זאל איך ווערן אנגערופן א **הדיוט**, מיט א **שטיקל מזונות אין מיינע הענט**, ווי איידער צו ווערן אנגערופן א **הדיוט**, און איך וועל **בלייבן הינגעריג**....

☆☆

## כי יצפננו בסוכו

א **בריסקער** האט געבויט א סוכה וואס האט געהאט פול מיט **אפענע לעכער** אין די ווענט דורך **לבוד**, די ערשטע נאכט יו"ט אינמיטן די סעודה איז א **קאץ אריינגעקומען אין די סוכה**, האט דער בריסקער אנגעהויבן צו **שרייען אויפן קאץ**, דער סוכה איז דאך **געבויט געווארן דורך 'לבוד'**, וויאזוי איז מעגליך אז **דו ביסט דא אריינגעקומען**....

☆☆

## בסוכות תשבו שבעת ימים

א גוי א **גרויסער רשע און אן אנטיסעמיט** האט ערב סוכות אריינגעגעבן **קלאגע אין געריכט** אקעגן די זיין **יודישע שכן**, אז ער האט **געבויט א סוכה**, און עס שטערט אים שטארק, דער **שופט** האט ארויסגעגעבן א פסק, אז **ביז 8 טעג דארף דער יוד צונעמען די סוכה.......**

☆☆

## סוכה תחת הסוכה

א יוד אין **מאה שערים** האט געבויט א סוכה אין א **הויף פון** **די אונגערישע הייזער**, אינמיטן סוכות האט זיך פאר אלע זיינע שכנים **אראפגעלאזט א שלאקס רעגן**, אלע סוכות זענען **נאס געווארן**, זיין סוכה איז אבער געווען דער איינציגסטער סוכה וואס עס **האט נישט אריינגערעגנט**, ער האט זיך זייער געפריידט **צום גרויסן נס**, נאך סוכות האט ער **באמערקט**, ווי איינע פון די איינוואוינער האט **געבויט א סוכה העכער זיין סוכה.....**

☆☆

## מצטער פטור מן הסוכה

א **פריילער יודל** האט געזאגט, א טעם אויף די **קמצנים** פארוואס זיי ברענגען אריין **א גאסט אין די סוכה**, ווייל ווען עס קומען געסט איז ער דאך **דער קמצן א מצטער**, קען ער דארט איבערלאזן דעם גאסט אין **אריינגיין צו זיך אין שטוב**.

☆☆

## ופרוס עלינו סוכת רחמים

א **פריילער יוד'ל** האט געזאגט, יארן ארום וועט **יעדער איינער וועט האבן א ראול אפ** (roll up) **סוכה**, וואס מיט איין שלעפ **ווערט געמאכט די סוכה** אין עטליכע סעקונדעס, וועלן די **בחורים נישט האבן וואס צו טון** אין די טעג פון בין הזמנים, **וועלן זיי גיין צו טעראפי**, דער טעראפיסט וועט מאכן מיט זיי **'פלעי טעראפי'** (play therapy), ער וועט **בויען מיט זיי א סוכה, פאר 250$ א שעה.....**

☆☆

## תצפנם בסוכה מריב לשונות

עס ווערט געברענגט אין די **ספה"ק** אז די **מצות סוכה** איז א **תיקון אויפן חטא פון רעדן לשון הרע**, אזוי ווי די פסוק זאגט אין תהילים **'תצפנם בסוכה מריב לשונות'....**

א **בעל מוסר** האט אמאהל געזאגט, **דו זאלסט קיינמאהל נישט זיצן** מיט א חברה מענטשן, וואס **זיי בַארעדן אנדערע מענטשן**, ווייל ווען דו וועסט זיך **אויפשטעלן פון דיין פלאץ**, און דו וועסט אוועק גיין פון דארט, **'וועסטו זיין דער נעקסטער מענטש' אין די רייע, וועמען זיי וועלן בארעדן....**

☆☆

## כי יצפננו בסוכה ביום רעה

א **פריילער יוד'ל** האט געזאגט, ביים **יו"ט סוכות** זעהט מען בחוש דעם **כלל** וואס מיר יודן האבן, **'מען דארף טון, און מען דארף נישט אויפטון'**, מען זעהט ווי יעדעס יאר **מאכט מען פון פריש א שלאק** פאר די סוכה.....

☆☆

## כי מציון תצא תורה

א **טאטע** האט חול המועד סוכות **פרובירט אויפציוועקן זיינע בחורים** וואס זענען **געשלאפן אין די סוכה**, אז זיי זאלן **גיין לערנען** מיט זייערע חברותות, אבער די בחורים זענען **געשלאפן זייער טיף**, זיי האבן זיך נישט דערוועקט, **בלית ברירה** האט די טאטע **אראפגעצויגן פון זיי די דאכענע** אזוי ארום האבן זיי זיך **דערוועקט**, און זיי זענען געגאנגן צום לערנען.

האט דער טאטע געזאגט **בדרך הלצה,** ביי מיינע קינדער ווערט מקוים דעם פסוק **'כי מציון תצא תורה',** דורך **ציען די דאכענעס** זענען מיינע בחורים געגאנגען **לערנען די הייליגע תורה.**

☆☆

## זכור כי עפר אנחנו

א **טאטע** וואס האט געהאט א **פוילער בחור,** דער בחור האט נישט געהאלטן ביים **אויפשטיין אינדערפרי** און גיין אין ביהמ"ד האט זיך דער טאטע **אויסגערעדט צום אייבירשטן,** רבש"ע דו האסט באשאפן דעם מענטש פון די פיר יסודות **אש, רוח, מים, עפר,** באשעפער איך בעט דיך **'זכור כי עפר אנחנו'** מיין זכר דער בחור איז זייער **פויל און טריקן** ער האט אין זיך **צופיל פונעם 'יסוד עפר',** געב איהם מער דעם כח פון **אש, מים, רוח** ער זאל האבן אין זיך **לחלוחית,** און א **ברען** און חשק צו יודישקייט, **ער זאל לויפן אין ביהמ"ד....**

☆☆

## חייב אדם לשמח את אשתו ברגל

איינער וואס טוט אין **שלום בית** האט געפרעגט, **ווער איז וויניגער קלוג,** די מענער אדער די פרויען, **בפשטת די פרויען,** ווייל מען קען זיי **אינטערקויפן מיט א טשאקלאד** וואס קאסט נישט מער ווי **2 דאללער.....,** אבער די אמת איז אז די **מענער האבן נאך וויניגער שכל, ווייל זיי טוען עס נישט.....**

☆☆

## ברוך אתה בבואך ברוך אתה בצאתך

א **גוט זאגער** האט געזאגט, דער זעלבער **טאטע** וואס ער **באמערקט נישט** ווי זיין יונגל **'שווערצט אריין' א לשנה טובה בריוו'ל ראש השנה בייגאכט** אינטערן חלה דעקל, דער זעלבער **טאטע** באמערקט אויך נישט זיין יונגל **'שווערצט ארויס' פסח בייגאכט דעם אפיקומן** ביים היסב בעט פון אינטערן קישן...

☆☆

## ושם נעלה ונראה

ביי **רוב מקומות** איז איינגעפירט, אז אום **ראש השנה און יום כפור,** אז דער בעל תפילה פון שחרית **נאך שטייענדיג אויף זיין אייגענעם פלאץ שרייט ער אויס דעם 'המלך',** דערנאך גייט ער **צום עמוד** און ער זאגט ווייטער די ווערטער **יושב על כסא רם ונשא.**

פארציילט מען, עס איז אמאהל געווען א **בעל תפילה** וואס ער איז ער **צוגעגאנגען צום עמוד,** און ער האט דארטן ביים עמוד **אויסגעשריגן דעם המלך,** נאכן דאווענען האט מען איהם געפרעגט פארוואס **האסטו נישט געזאגט המלך אויף דיין פלאץ,** האט דער בעל תפילה געענטפערט, **איך האב מורא געהאט** ווען דער עולם וועט **הערן מיין 'המלך',** וועט מען מיר זאגן **'יושב על כסא',** בלייב זיצן אויף דיין פלאץ, וועגן דעם בין איך **שוין צוגאנגען צום עמוד** נאך איידער איך האב **אנגעהויבן זאגן דעם 'המלך'.......**

☆☆

## שבת ויו"ט - שבת יו"ט

א יאהר וואס די **ימים טובים** פון ראש השנה און די **ערשטע טעג סוכות** געפאלן אינמיטן די וואך איז כסדר **יו"ט, שבת, יו"ט, שבת.**

מען גייט פון **יו"ט צו שבת** און פון **שבת צו יו"ט,** די **בעל הבית'סטעס** רופן דאס אָן **א קוגל א העמד,** מען מאכט א **קוגל לכבוד שבת,** און מען דארף זיך שוין ווידער טוישן דעם **העמד לכבוד יו"ט.**

**בדרך צחות** איז דאס מרומז אין פסוק **מערב ועד ערב תשבתו שבתכם** אזוי

**מער"ב וע"ד ער"ב** צווישן איין ערב יו"ט און דעם אנדערן ערב יו"ט, **תשבת"ו שבתכ"ם** זאלט איר רועהן אין אייערע שבתים.

☆☆

## מצטער פטור מן הסוכה

דעם **ערשטן טאג סוכות** אינדערפרי האט א **טאטע אויפגעוועקט זיין בחור** וואס ער איז געשלאפן אין די סוכה, דער טאטע האט געזאגט פארן בחור **מען דארף שוין גיין דאווענען,** ווייל עס איז שוין שפעט.

דער בחור האט נישט געהאלטן ביים ארויסקומען פון בעט האט ער געזאגט **טאטי, שלאפען אין די סוכה איז א מצוה** און די הלכה איז אז **העוסק במצווה פטור מן המצווה,** אויב אזוי דארף איך נישט גיין דאווענען.

דער טאטע האט **אראפגעלאזט פאר זיין בחור צוויי קלינגעדיגע פעטש** פון ביידע זייטען און ער האט געזאגט פאר זיין בחור, **המצטער פטור מן הסוכה,** זיי מוחל לויף שוין אין ביהמ"ד דאווענען......

☆☆

## ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ

דער פסוק זאגט **ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ** ווען **משיח** וועט קומען וועט **בטל ווערן די טומאה** פון די גאנצע וועלט.

א **מגיד** האט אמאהל געזאגט, **וויאזוי וועט טאקע בטל ווערן ווען משיח וועט קומען** דער אבי אבות הטומאה **דער אינטערנעט.**

די גמרא זאגט אז ווען משיח וועט קומען וועלן די גוים זאגן **"תנה לנו מראש"** געב אונז די תורה פון דאס ניי, **השי"ת וועט זיי געבן די מצות סוכה,** און ווען עס וועט ווערן הייס וועלן **די גוים בועט זיין דערין,** זיי וועלן צושטויסן זייערע סוכות און ארויסלויפן דערפון.

האט דער **מגיד** געזאגט, שטעלט אייך פאהר ווען השי"ת וועט געבן די מצות סוכה פאר ביליאנען גוים **וועלן זיי אלע באשטעלן זייערע סוכות "אנליין"** אויפן אינטערנעט.

דער סיסטעם וועט נישט קענען דערהייבן אזויפיל ביליאנער ארדערס אויף איינמאהל און דער **גאנצער "אינטערנעט" סיסטעם וועט אי"ה קראכן** און אינטערגיין, עס וועט מקוים ווערן **מלוך על כל העולם כלו "כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ".**

☆☆

## והיית אך שמח

פאַרוואס ווען מען זינגט דעם ניגון **ושמחת בחגיך** זינגט מען **"אך אך שמח"** מען זאגט **2 מאהל** דעם ווארט **"אך"**.

האט א פריילעך יוד'ל געזאגט, ווייל דער ווארט **"אך"** איז א **מיעוט** עס קומט צו פאַרווייניגערן, מיר ווילן ח"ו **נישט פאַרווייניגערן די שמחה,** אדרבא יו"ט סוכות ווילן מיר האבן **ווי מעהר שמחה אין שטוב.**

זינגט מען איבער דעם ווארט **"אך"** 2 מאהל, חז"ל זאגן אז **ואין מיעוט אחר מיעוט אלא לרבות,** דורכן איבערזאגן דעם ווארט **"אך"** עטליכע מאהל ווערט דער שמחת יום טוב **פאַרמערט** מער און מער.

☆☆

## וחג האסיף לתקופת השנה

**צוויי מענטשן** האבן זיך געקריגט אויף א לוח, **זה אומר כולו שלי וזה אומר כולו שלי,** זיי זענען געקומען צו א **שופט.**

דער **דזשאַדזש** האט געגעבן **6 חדשים** פאר דעם, און **6 חדשים** פאר דעם אנדערן.....

☆☆

## והראינו בבנינו ושמחינו בתיקונו

א **גביר** איז אמאהל געקומען באזוכן א ישיבה, פון זיינע **אויגן** האבן **גערינען טרערן,** ער האט געזאגט, די ישיבה דערמאנט מיר פונעם **בית המקדש** שיבנה במהרה בימינו.

דער **היכל הישיבה** איז אקעגן דעם **היכל המקדש,** דער **באַלעמער** איז אקעגן די **מזבח,** דער **סינק** איז אקעגן דעם **כיור,** די **מגידי שעור** זענען די **כהנים,** דער **ראש ישיבה** איז דער **כהן גדול.**

לפני ולפנים אינעם **חדר הפרטי** פונעם ראש ישיבה איז אקעגן דעם **קדשי קדשים,** דער **קאוט ראָם** איז אקעגן דעם **לשכת פנחס המלביש,** די **קומזיצן** איז אקעגן די **לויים,** און דער **משגיח** נעמט זיך יעדן טאג א **קרבן תמיד של שחרית, ותמיד של בין הערביים......**

☆☆

## אם אתה משמח את שלי אני משמח את שלך

א **ארימאן** האט פאר סוכות, זיך **געוואנדן נאך הילף** פאר הוצאות החג צו זיין **שוואגער א גרויסער קמצן,** ער האט איהם אראפגעלייגט דעם שווערן מצב אין שטוב, איך האב **נישט קיין געלט איינצוקויפן די אלע נויטיגע זאכן** וואס איך דארף האבן לכבוד יו"ט, **לעכט, וויין, חלות, פיש, פלייש, קליידונג, און די ד' מינים....**

האט זיין שוואגער געפרעגט, **וויפיל געלט דארפסטו** פאר די אלע זאכן וואס דו האסט דא אויסגערעכנט, האט ער געענטפערט **ארום 5 אלפים,** האט דער קארגער שוואגער געזאגט, געב א קוק ווי **סאך איך האב דיר יעצט געהאלפן,** ביז יעצט האסטו זיך **געדארפט זארגן פאר '7 זאכן',** יעצט דארפסטו זיך זארגן נאר אויף **'איין זאך אליינס', פון ווי נעמט מען 5 אלפים....**

☆☆

## אזמין לסעודתא אושפיזין עילאין

דער הייליגער **באַרדיטשובער רב זי"ע** פלעגט איינלייידענען צו זיך אין די סוכה די גאר **פשוטע יודן,** די סארט **אורחי פורחי** וואס קיינער האט זיי נישט געוואלט **אריינעמען צו זיך אין די סוכה** האט דער באַרדיטשובער רב **אריינגענומען** צו זיך אין די סוכה.

האט דער קדושת לוי ברוב **ענוותנותו** געזאגט, ווען **משיח** וועט קומען וועלן די **צדיקים** זיצן אינעם **סוכה** וואס איז געמאכט געווארן פונעם **עורו של לויתן,** איך לוי יצחק וועט קומען און איך וועל אויך וועלן אריינגיין און די סוכה, אבער מען וועט מיר נישט געבן קיין **רשות** אריינצוגיין דארט, ווייל וואס בין איך דען איך ווערט אז **איך זאל זיצן** צווישן אזעלעכע גרויסע צדיקים.

וועל איך דאן טענה'נן, פונקט ווי איך האב **אריינגענומען** אין מיין סוכה גאר **פשוטע מענטשן** וואס קיינער האט **זיי נישט געוואלט אריינעמען** אזוי אויך **מדה כנגד מדה** זאל מען מיך אריינלאזן אין די סוכה צו זיין איינאיינעם מיט די צדיקים.

☆☆

## לחסות מזרם וממטר

אין ספר **זכות אבות פשעווארסק** ווערט דערציילט א **מעשה פלא.**

**הרה"צ ר' יענקעלע מ'פשעווארסק זי"ע** פלעגט אריינוואַרפן אסאך געלט אינעם פישקע פון **ר' מאיר בעל הנס,** ער האט דערביי מתפלל געווען אז א גאנצן יו"ט סוכות **זאל נישט רעגענען,** וואס דאס איז געווען א **זעלטענהייט** אין אנטווערפן.

איינמאהל **חול המועד** איז געקומען אויף א באזוך דער שטאטס רב **הרה"ג ר' חיים קרייזווירטה זצ"ל,** אינמיטן שמועס האט דער אנטווערפענער רב געזאגט **בדרך צחות,** איך הער אז דער רבי איז **מתפלל,** און די רבי געט צדקה אז עס זאל נישט רעגענען סוכות, איך בין **אויך מתפלל** און איך געב צדקה אז עס זאל נישט רעגענען, פון ווי קען מען וויסן **וועמענס פעולות האט טאקע אויפגעטון,** עס זאל נישט רעגענען.

האט דער רב אויסגעפירט, איך האב א **מבחן** עומד צו זיין דערויף, דער רבי איז זיך נוהג **נישט צו עסן שמיני עצרת אין די סוכה** כמנהג החסידים, איך בין מיך נוהג **יא צו עסן שמיני עצרת אין די סוכה** כמנהג האשכנזים, לויט דעם וועט מען קענען זעהן **וועמענס תפילות** האבן געווירקט.

אויב וועט **נישט רעגענען שמיני עצרת,** איז דאס א ראיה אז **מיינע תפילות האבן האבן פועל געווען,**אויב אבער וועט **יא רעגענען שמיני עצרת,** וועט דאס זיין א סימן אז גאנץ יו"ט האט נישט גערעכענט א דאנק דעם **רבי'ס פעולות,** הרה"ק ר' יענקעל'ע האט מסכים געווען צום מבחן.

ויהי לפלא, **הושענא רבא** פארנאכטס איז געווארן שטארק פארוואלקענט, און שמיני עצרת ביינאכט האט זיך אראפגעלאזט א **שטארקע רעגן,** און עס האט גערעגענט גאנץ שמיני יצאת, דעמאלטס האט מען **קלאר געזעהן דעם כח פונעם צדיק בשמי מעל.....**

☆☆

## מסכת סוכה

דער הייליגער **טריסקער מגיד זי"ע** האט באפוילן פאר זיינע קינדער אז זיי זאלן לערנען **מסכת סוכה** פאר סוכות, ווען זיי האבן **מסיים** געווען זיי האבן גענדיגט די מסכת האט ער זיי באפוילן **נאכאמאהל צו לערנען די מסכת** אזוי איז געווען עטליכע מאהל.

ווען זיי האבן שוין געקענט די גאנצע מסכת פון אויסעגווייניג **בעל פה** האט זיי דער דער טריסקער מגיד געפרעגט, וויפיל **כשר'ע** און **פסול'ע סוכות** ווערן דערמאנט אין די **גאנצע מסכת,** די קינדער האבן נישט געוויסט וואס צו ענטפערן.

האט זיי דער טריסקער מגיד געזאגט אין די גאנץ מסכת סוכה איז דא **66 כשר'ע סוכות** און **25 פסול'ע סוכות** אזוי ווי עס באטרעפט דאס ווארט **סוכ"ה "ס"ו" "כ"ה".**

☆☆

## בצילא דמהימנותא

עס ווערט דערציילט דער גבאי פונעם **רבין פון לובלין זי"ע** איז אריין געקומען אין שטוב ערב סוכות, און געזאגט, רבי, **די סוכה איז שוין אינגאנצן גרייט,** דער רבי קען שוין אריינקומען אין די סוכה, מען דארף נאר געבען א **דריי דעם שטריק פון אינטן,** און די דאך (דער שלאַק) **וועט זיך עפענען פון אויבן.**

דער רבי פון לובלין זי"ע האט געשמייכעלט און געזאגט, יא, דאס וויל איך אייביג טוהן, **אז איך זאל דרייען פון אינטען** (מיט מיינע תפילות און בקשות) און די **שערי שמים זאלן זיך אויפמאכען פון אויבען....**

☆☆

## אל תבואינו רגל גאוה

דער הייליגער **שינאווער רב זי"ע** האט אמאהל סוכות ביינאכט ביים טיש געלויבט דעם אייבערשטן אז עס איז איהם ב"ה אויסגעקומען צו האבן דאס יאהר **גאר א שיינער אתרוג,** איינע פון די חסידים האט זיך אנגערופען, **מיין אתרוג איז נאך פוהל שענער פון דעם רב'ס אתרוג,** און פון אלע איינוואוינערס פון שטאט, האט איהם דער שינאווער רב זי"ע געענטפערט **"דיין אתרוג איז פסול".**

איז יענער חסיד שנעל אהיים געלאפען און **געברענגט זיין אתרוג צו ווייזען פאר אלעמען,** ווען דער שינאווער רב זי"ע האט גענומען דעם אתרוג אין האנט אריין, האט ער באלד **אראפ גענומען דעם פיטום,** און געוויזען אז דער פיטום איז **בכלל נישט געווען באהאפטן,** נאר עס איז געווען **אריין געשטעקט מיט א נאדעל.**

יענער חסיד האט זיך שטארק געוואונדערט, **פון ווי דער רב האט געוואוסט אז דער אתרוג איז פסול,** האט דער שינאווער רב געענטפערט **"אתרוג איז מרמז אויף "ענוה",** אזוי ווי דער פסוק זאגט **'א'ל ת'בואינו ר'גל ג'אוה,** וואס דאס איז נוטריקון **אתר"ג,** און ווען איך האב געזעהן די **שטאלצקייט וואס דער אתרוג**

## שמחת יו"ט

א טאטע האט געזעהן יום טוב ווי זיין **זון דאוענט נישט קיין איין ווארט,** האט איהם די טאטע **געגעבן א ציפ** ער זאל דאווענען, אזוי ווי דאס קינד האט **געשפירט דעם ציפ,** האט דער קינד **אנגעהויבן צו וויינען,** האט דער טאטע איהם **דערלאנג א גיטן פראסק** פארן וויינען, **וואס איז מיט שמחת יום טוב?......**

☆☆

## זמן שמחתינו

אין ספר **טל שמים** ווערט געברענגט א שיינעם טעם **פארוואס סוכות איז א 'זמן שמחתינו',** דער מדרש זאגט אז אום **יום כפור גייען אריין צום דין** סיי די **יודן,** און להבדיל סיי די **גוים,** מען ווייסט נישט **ווער עס זענען ארויס די זיגערס,** אבער ווען די **יודן קומען סוכות אין ביהמ"ד מיט די ד' מינים אין זייערע הענט,** וואס דאס זעהט אויס ווי סאלדאטן קומען צוריק פון א מלחמה **מיט אויפגעהויבענע שפיזן אין זייערע הענט,** איז דאס א צייכן אז **'דידן נצח'** אז אונז **יודן האבן געזיגט ביים משפט,** ע"כ.

דער **רמב"ם** שרייבט **'אין שמחה כהתרת הספיקות'** עס איז נישט א **גרעסערע שמחה,** אזוי ווי ווען א **ספק ווערט אויסגעקלארט,** ע"כ, קומט דאך אויס אז **ביז סוכות איז מען נאך מיטן ספק** ווער האט **געזיגט ביים משפט,** ווען עס קומט אבער **סוכות** און די יודן נעמן אין די הענט די ד' מינים, **ווערט א גרויסע שמחה,** ווייל דער **ספק** ווערט דאן אויסגעקלארט אז **'דידן נצח'** אונז יודן האבן געזיגט ביים משפט, **וועגן דעם איז סוכות א 'זמן שמחתינו'...**

☆☆

## ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר

חז"ל זאגן אז **פרי עץ הדר** מיינט א **אתרוג,** ווייל א אתרוג איז **עצו ופריו שוה** דער בוים האט דעם **זעלבן טעם** ווי דער פרי.

מען זאגט נאך פון צדיקים (תולדות ועוד) די אתרוג איז א באווייז אויפן ווילכטיגקייט **צו געבן א גוטן חינוך פאר די קינדער,** אז זיי די קינדער (די פירות) זאלן זיין **אזוי ווי די בוים פון וועלעכע זיי שטאמען,** זיי זאלן רעדן די זעלבע שפראך פון זייערע עלטערן, **זיי זאלן זיך פירן מיטן זעלבן הנהגה** אזוי ווי די עלטערן.

זאגט דער פסוק **'ולקחתם לכם ביום הראשון',** אינעם זעלבן טאג וואס דאס קינד גייט ארויס פון שטוב צו פירן א אייגענעם לעבן, **ער גייט אויפשטעלן א אייגענעם שטוב,** זאלט איר זעהן אז **'פרי עץ הדר',** די פרי זאל האבן דעם **זעלבן טעם** פון וועלעכע ער איז ארויסגעוואקסן.....

☆☆

## ולקחתם לכם ביום הראשון וכו' וכפות תמרים

א **פריילעך יודל** האט געזאגט, די **יודישע ימים טובים** דרייען זיך ארום **גרינס....**

פסח **עסט מען גרינס,** שבועות **הענגט מען גרינס,** ראש השנה און יום כפור איז מען **מתפלל אויף גרינס,** סוכות **שאקעלט מען מיט גרינס,** חנוכה און פורים **טיילט מען גרינס....**

☆☆

## ובנענוע אותם תשפיע ברכות

א **איבערוואגיגער יוד** האט געמאכט די **נענועים**, ווען ער איז אנגעקומען צו מאכן די **נענועים אויף מטה** (אראפ) איז איהם זייער שווער אנגעקומען **זיך צו בייגן אראפ צו די ערד**, האט ער געגעבן א קרעכץ, און **ער האט געזאגט בזה בלשון:**

**רבש"ע, גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות רצונך ומי מעכב שאו"ר שבעיס"ה מעכב.....**

☆☆

## ובנענוע אותם

איינער האט אמאהל געזעהן ווי **תמימות'דיגער** יוד מאכט די **נענועים** מיט זיינע **ד' מינים** מיט גרויס כונה, נאך די נענועים איז ער צוגעגאנגען און ער האט געפרעגט דעם עם הארץ **וואס פאר א כוונת האט איר מכוון געווען** ביי אייערע נענועים.

האט דער יוד געגטפערט **איך האב אינזינען געהאט אזוי**, ווען איך האב געשאקעלט צו **מזרח, מערב, דרום, צפון, למעלה, ולמטה** האב איך אינזינען געהאט, אז די אלע פעלקער די **שונאי ישראל** פון מזרח, פון מערב, פון דרום, און פון צפון, זאל דער אייגציגסטער באשעפער פון **אויבען**, זיי אלע לייגן **טיף אין די ערד.**

☆☆

## פרי עץ הדר

עס איז געווען איינער וואס האט געהאט אן **איידעם** וואס ער האט זיך **געגעסן מיט אים דאס געזינט**, דער איידעם האט ליב געהאט די אכילה, ער איז געווען זייער **מגושמ'דיג** און **פעש**, אויך איז ער געווען א גרויסער **לא יצלח**, ער האט **איינגעשטעקט** זיין גאנצע געלט אין א ביזנעס און ער האט אלעס **אנגעוואוירן**, ועל כולם דער שווער געווען א גרויסער קנאי **און צו זיין ביטער מזל** האט נאך דער איידעם געלערנט דעם **"דף היומי"**.

איז דער שווער ארימגעגאנגען זאגן, מיין איידעם איז ממש א **פרי עץ הדר**, ער האט א **"גידול"** ווי אן אתרוג, און נאך פיין **מפוטם** אויך, א **"נקי מכל וכל"**, און ועל כולם האט ער נאך א גרויסען **"בלאט" פלעק.....**

☆☆

## כפות תמרים

**הרה"ק ר' איציק מ'פשעווארסק זצ"ל** פלעגט צו דערציילן אז אין די **שווערע יארן** ווען מען האט מיטגעמאכט אין די מלחמה, האט ער זיך **איינמאהל פארשאפט א לולב** אויף יו"ט סוכות.

אזוי ווי ער האט נישט געוואלט אז **די רשעים זאלן דאס באמערקן** זיי זאלן דאס נישט צונעמן פון איהם, **האט ער ארום געבינדן דעם לולב** און ער איז געגאנגען מיט דעם, ווי גלייך דאס **וואלט געווען א שטעקן.**

ווען די רשעים האבן דאס געזעהן האבן זיי חוזק געמאכט און איהם נאכגעשריגן **"דער יודע האט מאזעס שטעקן"** (דער יוד האט משה רבינו'ס שטעקן).

האט ר' איציק'ל געזאגט, עס זעהט אויס אז מיט **זייער** האט דיך צוגעברענגט, האב איך פארשטאנען אז דער אתרוג איז **זיכער פסול...**

☆☆

## כמה חביבות מצות עליהם

די גמרא דערציילט אז דער הייליגער תנא **ר' גמליאל** מיט נאך **עטליכע חכמים** זענען געפארן **סוכות אויף א שיף**, עס איז דארטן צו באקומען **נאר איין לולב**, איז געגאנגען **ר' גמליאל** ער האט אפגעקויפט דעם לולב פאר **טויזענט זוז**, פירט אויס די גמרא **'להודיעך כמה מצות חביבות עליהם'**, דיך צו לאזן וויסן ווי **שטארק געליבט** די מצות זענען געווען אויף די הייליגע חכמים, ע"כ.

אויף דעם ענין פון **חביבות המצות** ווערט דערציילט, אז אין די עלטערע יארן, איז דער ירושלימער רב **הרה"ק ר' משה ארי' פריינד זי"ע** נישט קיין סאך געפארן אפילו אויף שמחות, ווייל עס איז אים זייער **שווער אנגעקומען**, איין טאג האט א איד וואס האט געהאט א **גרויסע משפחה מיט קינדער** און ער איז געווען א **שוואכע בעל פרנסה**, מכבד געווען דעם רב מיט **סנדקאות**, און צוליב דעם כבוד פון דעם איד האט דער רב **אנגענומען דעם כיבוד.**

אפאר טאג בעפאר דעם ברית, איז א **קרוב פון דעם איד** געקומען צו דעם איד און געבעטן, אז **ער זאל אים געבן סנדקאות**, און ער האט אים געזאגט אז ער וועט אים באצאלן **דריי טויזענט דאלער** פארן כיבוד, דער איד האט געזאגט פאר דעם קרוב, אז ער **האט מכבד געווען דעם רב**, און ער וויל נישט אוועק נעמען דעם כיבוד, אבער פון די אנדערע זייט האט ער ביי זיך געקלערט אז **ער קען דאך ניצן דאס געלט.**

דער איד איז אריבער צום רב, און ער האט איהם **דערציילט די גאנצע נושא**, אז דער קרוב וויל אים געבן **דריי טויזענט דאלער** פאר דעם כיבוד פון סנדקאות, האט דער רב האט געזאגט פאר דעם איד, **די מצוה איז שוין מיינס**, און אזוי ווי דו האסט מיך שוין מכבד געווען, **וויל איך נישט אויף געבן אויף די מצוה**, בלית ברירה האט דער איד **מסכים געווען** און דער רב איז געווען סנדק.

דעם קומענדיגן טאג האט דער **גבאי פון רב געקלאפט אויפן טיר** פון דעם איד, און ער האט אים איבערגעגעבן א **קאנווערט וואס דער רב האט אים געשיקט**, ווען דער איד האט אויפגעמאכט אויף דעם קאנווערט האט ער געזעהן אז עס דארט ליגן **פינעף טויזענט דאלער**, איז דער איד גלייך אריבער צום רב און ער האט געזאגט פארן רב, ממילא אז דער רב **וויל מיר געבן דריי טויזענט דאלער** דאס קען איך נאך פארשטיין, ווייל דער רב האט נישט געוואלט אז איך זאל **שאדן האבן די געלט** וואס דער קרוב האט מיר געוואלט געבן, אבער פארוואס האט דער רב מיר געגעבן **פינף טויזענט דאלער.**

האט דער רב מיט זיין חכמה און פשטות געזאגט פאר דעם איד, דער קרוב האט דיר געוואלט געבן **דריי טויזענט דאלער**, כדי דו זאלסט אים מכבד זיין מיט סנדקאות, אבער מיך וואס דו האסט מיר געגעבן דעם כבוד פון מכבד זיין מיט סנדקאות **אן בעטן געלט אפילו**, קומט דיר דען נישט

נאך **צוויי טויזענט דאלער** עקסטער, דאס איז געווען די געוואלדיגע **חביבות צו א מצוה** פונעם הייליגען רב.

☆☆

## רות אברהם

די וועלט זאגט א **מימרא** ווען דער באשעפער וויל שטראפן אן עם הארץ שיקט ער אים אריין א **לשון קודש ווארט אין מויל** דער עם הארץ זאגט עס נעבעך איבער **גרייזיגערהייט** און מענטשן לאכן פון אים.

אן עם הארץ האט אמאהל געוואלט נאכזאגן די אויבענדערמאנטע מימרא האט ער געזאגט אז ווען דער באשעפער וויל **שטראפן אן עם הארץ** שיקט ער אים אריין אן **ארונקודש** אין מויל.

דער ערשטער **טאהשער רבי זי"ע** פלעגט יעדעס יאהר דעם ערשטן נאכט סוכות דערציילן דעם פאלגענדע מעשה.

עס איז געווען א יוד א **עם הארץ** וואס ער האט געהאט אן **איידעם** א **תלמיד חכם,** דער איידעם פלעגט אויסלערנען פארן שווער פארשידענע **לשון קודש ווערטער** וואס מענטשן ניצן כדי זאלן די שווער זאל האבן א פנים ווי א **תלמיד חכם.**

איינמאהל פרייטיג צונאכטס איז דער שווער מיטן איידעם געגאנגען צום **טיש פון א צדיק** און אויפן וועג האט געבלאזן א **שטורעם ווינט,** האט דער איידעם געזאגט פארן שווער ווען מען קומט אן צום טיש זאל דער שווער זאגן אז עס איז געווען א **שווערע וועג,** ווייל עס בלאזט אין גאס **א רוח סערה.**

דער שווער האט פארשטאנען אז דער איידעם זאגט א **רוח שרה** א ווינט פון **שרה אמינו.**

אזוי גייענדיג ווייטער אין וועג איז דער ווינט געווארן **שטערקער און שטערקער,** האט זיך דער שווער געמאכט א **חשבון** אז פריער ווען די ווינט איז נאכנישט געווען אזוי שטארק האט דער ווינט געהייסן **"רוח שרה"** יעצט אז עס בלאזט שוין גאר א **שטארקע ווינט,** מוז דאס זיין א ווינט וואס עס איז **שטערקער פון שרה.**

ווען זיי זענען אנגעקומען צום רבין רופט זיך אן דער שווער הויעך אינדרויסן בלאזט א **רוח אברהם,** דער עם הארץ האט געטראכט **אברהם** איז געווען שרה'ס מאן איז ער דאך **שטערקער פון איר.**

דער טאהשער רבי האט געוואלט מיט דעם מעשה ממשיך זיין די ערשטע נאכט סוכות דעם **מדה פון אברהם,** עס זאל אריינבלאזן די רוח פון אברהם **די מדה פון חסד.**

☆☆

## למען ידעו דורותיכם

ווען **הרה"ק מסאטמאר זי"ע** איז געווען רב אין **קראלע** איז ער ארויס געגאנגען סוכות אינדרויסן פון שטוב צו **זיצן אין זיין סוכה,** וואס די סוכה איז געווען אין גאס, האט ער געהערט דורך וואנט קינדער שפילן זיך און זיי **רעדן צווישן זיך מיטן שפת המדינה** זיי רעדן דעם **אונגערישען** שפראך, עס האט שטארק פארדראסן פארן רבין **אז יודישע קינדער זאלן רעדן צווישן זיך** מיטן גוי'אישן שפראך.

האט דער רבי דעמאלטס געזאגט **בדרך צחות,** ווילאנג **טומאה** האבן זיי געפילט אז דאס איז א **הייליגע זאך.......**

☆☆

## יבואו אלו ויאגדו עם אלו

עס זענען אמאהל געווען **צוויי בחורים פון ישיבה** וואס זיי זענען געקומען צום **פיס דאקטער,** זיי האבן זיך אפגערעדט איבער **גרויסע פיס קראצענישן,** נאכן פראבירן אלע מיני **שמירעכצער,** האט דער דאקטער זיך געכאפט אז ער **האט דא צו טון מיט ישיבה בחורים,** ווער ווייסט צו זיי **טוישן זיך זאקן יעדן טאג,** האט ער זיי געהייסן טוישן יעדן טאג, נאך א וואך **אן קיין הצלחה,** האט דער דאקטער זיי איבערגעפרעגט, **עטץ האטץ געטוישט זאקן יעדן איינציגן טאג?,** האבן זיי געגטפערט אוודאי, איך האב גענומען **זיינע זאקן,** און ער האט גענומען **מיינע זאקן,** און צו מארגנס פארקערט, אזוי יעדן איינציגן טאג...

☆☆

## על נטילת לולב

א **יונגערמאן** האט געזאגט, די נעקסטע מאהל וואס מיין **פרוי וועט זיך מיר אויפטון** אז זי קען זיך **ספראוועגנען מיט עטליכע זאכן אויף איינמאהל,** וועל איך איר מאכן א **פראבע.**

איך וועל איר הייסן האלטן א **לולב און אתרוג** אין איין האנט, א **מחזור** אינעם צווייטן האנט, א **טלית** אויפן קאפ, און לאמיר זעהן **צו זי וועט זיך קענען אן עצה געבן.....**

☆☆

## פרי עץ הדר

איינער האט געשיקט זיין **גוי'אישן משרת** ער זאל גיין אין מארק און **קויפן אן אתרוג,** ער האט איהם אנגעזאגט ער זאל **שטארק אכט געבן אויפן פיטום,** ווייל א אתרוג **אָן קיין פיטום** איז גארנישט ווערד.

דער גוי איז צוריק געקומען פון מארק מיט **אן אתרוג אָן א פיטום,** האט איהם זיין בעה"ב געפרעגט, **וואס האסטו געטון,** האט דער גוי געגנפערט, **איך בין נישט קיין נאר אזוי ווי עטס מיינטס,** גלייך נאכן קויפן דעם אתרוג האט איך **אראפגעבראכן דעם פיטום,** איך האב דאס **אפגעהיטן אין מיין טאש,** און דא האט עטס דעם פיטום...........

☆☆

## אתרוג מאראקא ותימני

א **שדכן** האט געזאגט, צו טרעפן א **פאסיגן שידוך,** איז אזוי ווי **קלויבן און טרעפן א אתרוג,** דער חילוק איז נאר אז ביי אן **אתרוג איז אביסל גרינגער צו טרעפן** א פאסיגן אתרוג, ווייל דארט איז גוט אפילו א **מָארָאקָא און א תימנ'ער** אתרוג.....

☆☆

## שמחת בית השואבה

### ומתקנים שם תיקון גדול

א **יונגערמאן** האט געברענגט **לחיים** אין ביהמ"ד לכבוד זיין **שלום בית**, האבן זיינע **חברים** איהם געפרעגט מיט **קנאה**, אזוי גוט איז דיין **שלום בית**, אז דו געסט לחיים.

האט דער יונגערמאן געענטפערט, **לאו דוקא**, מען האט מיר געזאגט אז **מיין שלום בית דארף א תיקון**, האב איך **געברענגט תיקון אין ביהמ"ד....**

האבן זיינע חברים געזאגט, צו פארעכטן דעם **שלום בית** קען מען נישט **יוצא זיין** מיט סתם אזוי **ברענגען תיקון** אין ביהמ"ד, ווייל ביי די **עזרת נשים** זאגט די משנה **'ומתקנים שם תיקון גדול'** מען דארף דארט האבן א **גרויסן תיקון**, מען דארף האבן א ריזיגן **תיקון המידות....**

☆☆

### לא ראינו שינה בעינינו

א **יונגערמאן** וואס האט א געבענטשטע שטוב מיט **קינדער** האט געזאגט, ביי מיר אינדערהיים **טיילט מען זיך איין.**

א האלבע נאכט **שלאף איך**, און מיין **ווייב וואטשט די בעבי**, און די אנדערע האלב נאכט **וואטשט מיין ווייב די בעבי**, און איך שלאף......

☆☆

### כן יתן לידידו שנא

די **פילעזאפן** זענען אויפגעקומען מיט א **טעאריע**, נעמליך די איינציגסטע סיבה פארוואס **מענטשן שלאפן ביינאכט**, איז כדי צו קענען **טשארדזשן די טעלעפאונען.......**

☆☆

### הלל אומר אם אני כאן הכל כאן

א **מחותן** האט געזאגט פארן **בדחן**, מיט יעדן **שבח** וואס דו זאגסט אויף מיר **ביסטו מיך מצער**, אויב דו וועסט זאגן שבחים אויף מיר, **וועל איך דיר נישט באצאלן**, די קינדער זיינע האבן אבער געוואונקן פארן בדחן, **ער זאל זאגן ווי מעהר שבחים** אויפן טאטן, און אזוי האט טאקע דער בדחן געטון.

ווען עס געקומען צום באצאלן **האט דער מחותן שיין באצאלט**, און נאכדערצו מיט א שיינעם הוספה (טיפ), ווען דער מחותן האט געזעהן ווי **דער בדחן שטייט פארווונדערט**, האט ער איהם געזאגט, **"לפום צערא אגרא".....**

☆☆

### על חמש עשרה מעלות היורדות מעזרת נשים לעזרת ישראל

א **ראש הקהל** האט ארומגעטראגן א **צייטונגס שרייבער** (דזשורנאליסט) ער האט איהם געוויזן **בניני הקהילה.**

זיי זענען אדורכגעגאנגען א **גרויסן סטאָרעדזש** האט ער געפרעגט וואס איז דאס, האט דער ראש הקהל

איך בין **גוזעצן אינדערהיים ביי מיר אין שטוב**, האב נישט געהערט און איך האב נישט געוויסט וואס פאר א **שפראך** די קינדער רעדן צווישן זיך אויפן גאס, ווייל אין **ביהמ"ד רעדט מען יודיש**, אין ביי מיר אינדערהיים רעדט מען אויך מיטן יודישן שפראך.

יעצט ווען איך בין ארויס אין גאס **האב איך געהערט די קינדער רעדן אויפן גוי'אישן שפראך** וואס דאס שאדט זייער פארן יודישן חינוך.

האט דער רבי דעמאלטס געטייטשט **בדרך צחות** דעם פסוק **בסוכות תשבו שבעת ימים למען ידעו דורותיכם.**

**בסוכות תשבו שבעת ימים** איר זאלט זיצן אין א סוכה זיבן טעג.

**למען ידעו דורותיכם** דורך דעם וועט איר קענען וויסן **וואס מעורר צו זיין פאר די דורות** אז די קינדער זאלן נאר רעדן אויפן **יודישן שפראך**, וועט איר דורך דעם משפיע זיין **דעת** פאר די **שפעטעריגע דורות.**

**אבותינו יצאו ממצרים בזכות שלא שינוי את שמם ולשונם ומלבושם.**

☆☆

### צהר תעשה לתיבה

איינמאהל סוכות האט זיך געמאכט ביים **רבין זי"ע** נאך אינדערהיים, אז עס זענען געקומען **אסאך אורחים**

האט דער גבאי **ר' פייוויש אשכנזי ע"ה** (אביו של ר' יוסף אשכנזי ע"ה) געפרעגט דעם רבין, צו מען מעג אריינברענגען אין די סוכה **טעפ מיט עסן צו טיילן עסן פאר די אורחים** ווייל עס איז געווען א ווייטע מרחק פון די קאך ביז די סוכה **עס איז געווען זייער שווער צו ברענגן** א יעדע פארציע עקסטער.

האט דער רבי געזאגט, אין שלחן ערוך שטייט טאקע אז עס איז **אסור אריינצוברענגן א טאפ אין די סוכה** ווייל עס איז מאוס'ע זאך, אבער אויב מען וועט נישט קענען געבן געהעריג צו עסן פאר די אורחים **איז עס נאך אסאך מעהר א מאוס'ערע זאך**, איז אין דעם פאל **יא מותר אריינצוברענגן דעם טאפ אין די סוכה**, כדי די אורחים זאלן האבן צו עסן

האט דער רבי מוסיף געווען **בדרך צחות**, אז ער האט אמאהל געהערט עס איז געווען איינער וואס האט געטייטשט דעם פסוק **צהר תעשה לתבה** אזוי

**צה"ר** א קוליטש (א חלה), **תעש"ה לתיב"ה** זאלסטו מאכן פארן טיש

האט מען איהם געפרעגט זייט ווען איז דאס ווארט **צהר** טייטש א **קוליטש**, האט יענער געענטפערט באמת איז דאס ווארט **צהר** טייטש **ליכטיגקייט**, ביי מיר ווען איך האב א קוליטש, איז מיר **ליכטיג**

האט דער רבי געזאגט ביי מיר ווען די **אורחים האבן וואס צו עסן, איז מיר ליכטיג**

☆☆

### טוב אשר לא תידור

נאך סוכות האט א **שוכר בית** (א טענענט) **אויפגעהערט**

**צו באצאלן דירה געלט** (רענט), האט דער **משכיר בית** (לענדלארד) גערופן דעם שוכר בית צו א דין תורה צו **רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל** (בעל מטה אפרים) פון שטאט בראד.

האט ר' אפרים זלמן געפרעגט דעם שוכר, פארוואס האסטו פונקט יעצט **אויפגעהערט צו צאלן דירה געלט**, האט דער שוכר בית (טענענט) געענטפערט, דעם סוכות **האב איך גע'גזל'ט א סוכה** און דער דין איז **סוכה גזולה איז פסול** מען קען נישט זיין יוצא זיין דערמיט די מצוה פון ישיבת סוכה

האב איך אויפגעהערט צו צאלן דירה געלט אזוי וועט די **דירה אויך זיין געגזל'ט**, וועל איך למפרע יוצא זיין דעם מצות ישיבת סוכה **אלס תשבו כעין תדורו**, פונקט ווי איך וואוין אין א די **דירה וואס איז גע'גזל'ט**, אזוי האב איך אויך האב איך געוואוינט אין א **סוכה וואס איז געגעזל'ט**

האט ר' אפרים זלמן געזאגט פארן שוכר **פאר אזעלעכע שווינדלערס און גנבים ווי דו** איז דא א אנדערע פסוק, **עליך הכתוב אומר** וועגן דיר זאגט די פסוק (קהלת) **טוב אשר לא תידור משתדור ולא תשלם.**

**טו"ב אש"ר ל"א תידו"ר** זאלסט נישט מקיים זיין סוכות דעם מצוה פון סוכה דורך דרש פון **תשבו כעין "תדורו"**

**משתדו"ר ול"א תשל"ם**, ווי איידער יא צו וואוינען סוכות אין די סוכה און דערנאך וועסטו נישט **באצאלן קיין דירה געלט**, גיי שוין און באצאהל פארן **משכיר בית** די גאנצע דירה געלט

☆☆

## אלה מועדי ה' אשר תקראו אותם במועדם

ביי **חסידים** פלעגט זיין די מנהג ווען א צדיק פלעגט אנקומען צו גאסט אין א שטאט, **איז געווען גערעכנט ווי א יום טוב**, און יענע פאהר טאג האט מען נישט געזאגט קיין תחנון ביים דאווענען.

איז געווען א מעשה אז דער הייליגער **שינאווא רב זי"ע** איז אנגעקומען צו גאסט אין שטאט **מיליץ**, דער עולם האט **נישט געזאגט קיין תחנון די גאנצע צייט**, וואס דער שינאוואר רב איז דארט איינגעשטאנען.

האט דער שינאוואר רב געזאגט די טעם פארוואס חסידים זאגן נישט קיין תחנון ווען א רב קומט צו פארן אין שטאט ווייל אין זוהר הקדוש שטייט **אז א תלמיד חכם איז בבחינת שבת**, און אין שבת ויו"ט זאגט מען נישט קיין תחנון.

האט דער שינאוואר רב געזאגט דער טעם איז נאר אויסגעהאלטן פאר די חסידים וואס זיי האלטן מיך פאר א תלמיד חכם **אבער איך ביי מיר ווייס איך יא דעם אמת ווי ווייניג לערנען איך קען** איך בין בכלל נישט אינעם גדר פון א תלמיד חכם, וואלט איך לכאורה יא געדארפט זאגן תחנון.

אבער פונעם פסוק **אלה מועדי ה' אשר תקראו אתם במועדם** דרשענען חז"ל פונעם ווארט אתם **את"ם אפילו שוגגן את"ם אפילו מזידין**, ממילא אפילו איר זענט זיך טאקע טועה אין מיר בין איך נאך אלטס בבחינת שבת ויו"ט וועגן דעם טעם דארף איך **אויך נישט זאגן קיין תחנון.**

☆☆

גענטפערט, דאס איז א **סטארעדזש** פאר די **15 שטאקעדיגע פארענטשעס.....**

אדורך גייענדיג דעם **נעקסטן בנין** האט דער צייטונגס שרייבער געפרעגט וואס איז דער **גרויסער בילדינג**, האט דער ראש הקהל געענטפערט, צווישן איין מאורע און דעם אנדערן מאורע, **סטארעדזשט** מען דא די **בחורים**, וואס מיט זיי **פילט** מען אָן די **פארענטשעס......**

☆☆

## עלה על הכבש לקרן מזרחית צפונית

איינער האט פארציילט, ער האט א **פעטער** וואס איז **פונקטליכער יעקער**, יעדן צופרי ביים דאווענען **ביים זאגן פארענט**, מיטשעט ער זיך מיטן זאגן די ווערטער **'עלה לכבש ופנה לסובב ובא לו לקרן דרומית מזרחית, מזרחית צפונית, צפונית מערבית, מערבית דרומית'**, דאס איז **צו געדרייט** פאר אזא גראדער יעקער.....

☆☆

## מקיפין פעם אחת את התיבה בכל יום

דער **האליסער רב זצ"ל** האט אמאהל געזאגט, איך האב א ראי' פון חז"ל אז **מען טאר נישט ארײנלייגן א קאץ אינעם ארון הקודש**, ווייל צווישן די **י"ח דבר** האבן חז"ל גוזר געווען **'כתבי הקודש מטמאים את הידים'**, די ספרי תורה און די ספרי נ"ך זענען מטמא די הענט ווען **מען רירט זיין אָן**, דער טעם פון איז ווייל די **עמי הארצים** פלעגן אלס שמירה האלטן זייערע **תבואה** נעבן די **כתבי הקודש**, וואס דאס האט גורם געווען אז **עכברים** די מייז זאלן **עסן פון די תבואה**, אינאיינוועגס פלעגן די מייז **אויפעסן די ספרי הקודש**, האבן וועגן דעם חז"ל גוזר געווען אז די **ספרי הקודש זענען מטמא די הענט**, אזוי ארום וועלן די עמי הארצים **נישט באהאלטן זייער תבואה** נעבן די ספרי הקודש.

האט דער האליסער רב געזאגט, פון דא איז א ראי' אז **מען טאר נישט האלטן א קאץ אין ארון הקודש**, ווייל אויב וואלט **מותר געווען צו האלטן א קאץ אין ארון הקודש**, וואלטן חז"ל נישט געדארפט מורא האבן אז די **מייז וועלן אויפעסן די כתבי הקודש**, ווייל די **קאץ וואלט אויפגעגעסן די מייז**, אלא מאי מוז זיין אז מען **טאר נישט האלטן א קאץ אין ארון הקודש** אדער אין ספרים שאנק.....

☆☆

## הושענא רבא

## הושענא למען גדלך

א נידריגער **בחור'ל** וואס עס איז איהם שווער געגאנגען א שידוך וועגן זיין **נידריגן געוויקס** האט זיך מזכיר געווען הושענא רבה **ביי הרה"ק מסאטמאר זי"ע** אויף א זוויג הגון.

האט דער רבי געפרעגט פונעם בחור **ווי זאל איך דיך אינזין האבן**, האט דער בחור געענטפערט דער רבי זאל מיך אינזין האבן ביי **הושענה "למען גדלך"**, דער רבי האט זיך זייער צישמייכעלט.

☆☆

## כדרך גדולתן

מענין לענין א יוד איז אמאהל געקומען צום רבי'ן זיך שואל עצה זיין אז מען טראגט אן א **געוויסע שידוך פאר זיין בחור** אבער די מדוברת איז א נידריגע, האט דער רבי געזאגט מיט א שמייכל אין א **קליינע סידור**, שטייט די זעלבע ווי אין א **גרויסע סידור.**

א צווייטער יוד וואס האט זיך שואל עצה געווען אז דעם שידוך וואס מען טראגט איהם אן איז **נאך זייער יונג**, האט דער רבי געענטפערט **בדרך צחות** דאס איז אזא מין פעלער וואס מען **וואקסט דאס אויס יעדן טאג**, מעהר און מעהר.

☆☆

## כוונה בהושענות

מען האט געפרעגט פונעם הייליגן **חפץ חיים זצ"ל** וואס פאר א כוונה דארף מען אינזינען האבן **הושענא רבה** בשעת מען גייט ארום **זיבן מאהל** דעם בימה.

האט דער חפץ חיים געענטפערט מען זאל אינזינען אז מען זאל נישט **צוטרעטן אויף יענעמס פיס** בשעת מען גייט צוזאמען געשטיפט איינער נעבן דעם.

האט דער חפץ חיים געזאגט, אויב **גערט מען נישט אכטונג דערויף**, וועט מען דערנאך נישט וויסן וועמען מען **דארף מפייס זיין....**

☆☆

## אינו מיוחס בפני עצמו

פארוואס **קלאפט מען דעם ערבה** הושענא רבא אויף די ערד.

ווייל דער ערבה איז באמת **אין בו טעם וריח**, מען האט איהם א גאנצן סוכות מכבד געווען ווייל ער איז געווען **ציזאמען מיט די אנדערע דריי מינים**, האט זיך שוין דער ערבה איינגערעדט אז ער איז שוין אליין געווארן א **גאנצער יחסן.**

ווען עס קומט הושענא רבא וואס איז דעם לעצטן טאג **חול המועד סוכות** נעמט מען דעם ערבה עקסטער און מען **קלאפט איהם אויף דער ערד**, איהם צו ווייזן אז פאר זיך אליין **האט ער נישט קיין שום חשובות**, ער האט זיך גארנישט פארבעסערט פון פארן יום טוב, דער ערבה איז נאך געבליבן דער זעלבע ווי פון פאר סוכות, ער איז נאך אלטס א **אין בו טעם ואין בו ריח...**

☆☆

## ומגביה שפלים עדי מרום

א **גדול** האט געזאגט, פארוואס איז דער מנהג אז מען לייגט די הושענות נאכן קלאפן **העכערן ארון הקודש**, וויבאלד מען האט גענומען דעם הושענא און מען האט גוט ציקלאפט אויף דער ערד.

וויל מען איהם דערנאך **מפייס זיין**, לייגט מען איהם אויפן העכסטן און **חשוב'סטן פלאץ אין ביהמ"ד, מען** לייגט דעם ערבה העכערן **ארון הקודש** אליין.

☆☆

## ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר

אין ספר **אוצר ישראל** ווערט געברענגט אז **הרה"ק ר' מרדכי מנאדבורנא זי"ע** האט זיך אויסגעדריקט מורא'דיגע ווערטער פאר זיין הסתלקות.

דער אייבישטער איז דאך מקיים אלע מצוות שבתורה, **וויאזוי איז דער אייבישטער מקיים מצות אתרוג.**

נאר, ווען דער אייבישטער **נעמט צו זיך דעם צדיק און ער שמעקט איהם**, איז ער מקיים מצוות אתרוג.

☆☆

## פרי עץ הדר

ווען מען האט אנגעטראגן א רבנות פאסטן פון בענדין פאר **ר' חנוך צבי ז"ל** דער איידעם פונעם **שפת אמת זי"ע** האט זיין מאמע וואס זי איז געווען א טאכטער פון **הרה"ק ר' הירש טאמאשער זי"ע** זיך שטארק מתנגד געווען דערצו.

זי האט געזאגט פאר איר זון געב א קוק, א **אתרוג** אפילו עס זאל זיין א **הדר שבהדר**, ווען קהל נעמט דאס איז די הענט אריין צו בענטשן אתרוג דערויף **ווערט דער אתרוג איינגאנצן פארשווארצט.....**

☆☆

## פרי עץ הדר

**הרה"ג רבי אייזיל חריף זצ"ל**אבדק"ק סלונים האט מקפיד געווען אויף זיין קהלה, **איידער מען קויפט אן אתרוג**, זאל מען דאס איהם ווייזן.

איין יאהר איז געווען צו באקומען נאר **שוואכע אתרוגים**, אויף יעדן אתרוג וואס מען האט איהם געוויזן האט ר' אייזיל געזאגט **"דער אתרוג איז נישט שיין".**

דער **אתרוג סוחר** איז אריין צום רב מיט א **ויצעקו**, ער האט געזאגט מיט דעם וואס דער רב **פסל'ט** אלע אתרוגים, מאכט דער רב **קאליע** זיין געשעפט.

האט ר' אייזיל געזאגט, וואס קען איך טון אז **דיינע אתרוגים זענען נישט שיין**, איך וועל דיר אבער געבן א גוטע **עצה**, יעדע בעל הבית וואס קומט קויפן אן אתרוג **זאלסטו איהם געבן צוויי אתרוגים** אז ער זאל מיר דאס ווייזן, ווען ער וועט קומען, וועל איך איהם זאגן **"דער אתרוג איז שענער פון אנדערן אתרוג"**, אזוי ארום וועט ער כאטש קויפן **איינס** פון די צוויי **אתרוגים.**

☆☆

## פרי עץ הדר - הדר באילן משנה לשנה

דער הייליגער **תפארת שלמה זי"ע**האט געזאגט, עס זענען פאראן פירות וואס **קענען נאר זיין ווינטער אויפן בוים** זיי וואקסן נאר אין די קעלט, זיי שטארבן אָפּ פון די היץ, און עס זענען פאראן פירות וואס **קענען נאר וואקסן אין די היץ**, זיי ווערן פארפרוירען פון די קעלט, א אתרוג איז די איינציגסטער פירי וואס **הדר באילן משנה לשנה**, עס וואקסט אויפן בוים פון איין יאהר צום צווייטן יאהר, **זיי זענען אויפן בוים א גאנץ יאר** סיי אין די קעלט, און סיי אין די היץ.

האט דער תפארת שלמה געזאגט, די **פעלקער פון די**

**וועלט זענען פונקט ווי די פירות**, יעדער פאלק האט זיך זיין קלימאט און זיינע באדינגונגן **וויאזוי ער קען זיך אנטוויקלען**, אויב זיי האבן דאס נישט ווערט דער פאלק בטל, בלויז דאס **יודישע פאלק** דער אתרוג, **לעבט אין יעדע צייט**, אינטער אלע אומשטענדן.....

☆☆

## אנא ה׳ הושיעה נא

א **יוד** איז אמאהל געקומען צום קובנער רב **הרה״ג ר׳ יצחק אלחנן ספעקטאר זצ״ל**, ער האט איהם געפרעגט צו ער מעג **פארן אויף אמעריקא לצורך פרנסה**, וואס בימים ההם איז די מצב פון **יודישקייט** אין אמעריקא געווען **בשפל המצב.**

האט איהם דער קובנער רב געפרעגט, **דאהי האט איר בכלל נישט קיין פרנסה**, האט דער יוד געענטפערט, דא האב איך **פרנסה**אבער זייער **בצומצום**, אויב וועל איך **פארן קיין אמעריקא**, קען איך אויפגעראכטן ווערן מיט א **גרויסע עשירות.**

האט דער קובנער רב געזאגט פאר דעם יוד, **הער זיך איין**, סוכות מאכט מען די **נענועים**, ווען מען זאגט **׳אנא ה׳ הושיעא נא׳**, מען שאקעלט דעם לולב אויף אלע זייטן, **מזרח, מערב צפון, דרום, מעלה, מטה**, אבער מען **מאכט נישט קיין נענועים** ווען מען זאגט **׳אנא ה׳ הצליחה נא׳**, פארוואס מאכט מען נישט קיין נענועים ביי **׳אנא ה׳ הצליחה נא׳.**

האט דער קובנער רב געזאגט, דאס קומט צו וויזן, ווען א מענטש **נויטיגט זיך אין א ישועה**, ער האט**בכלל נישט קיין פרנסה**, זאל ער פארן זיכן פרנסה **בארבע כנפות הארץ**, אבער א מענטש וואס ער האט פרנסה, ער זיכט אבער א**גרעסערן הצלחה**, ער זיכט צו ווערן רייך, **זאל ער בלייבן וואוינען** אויף זיין וואוינארט....

☆☆

## כי בסוכות הושבתי

דער הייליגער **ראדאשיצער זי״ע** איז געווען אויף די הייליגע טעג ביי זיין רבי׳ן דער הייליגער חוזה, א גאנץ **עשרת ימי תשובה האט ער געפאסט**, נאך יום הקדוש איז דער ראדאשיצער אהיים געפארן אויפן וועג האט ער **אויך נישט געהאט אסאך וואס צו עסן**, ער איז אנגעקומען אהיים שטארק הינגעריג.

די **רעבעצין** האט געבארגט פון א שכנ׳טע אביסל מעהל **זי זאל קענען אנגרייטן עסן לכבוד סוכות פאר איר הייליגן מאן**, וואס שוין עטליכע וואכן כמעט ווי געפאסט.

ווען דער הייליגער ראדאשיצער איז אריינגעקומען אין די סוכה, **האט ער באמערקט אז צוליב דעם גרויסן הינגער עסט** ער מיט א גרויסן אפעטיט, דער האט צדיק **אוועקגעריקט** דאס עסן פון זיך און ער האט זיך אנגערופן צו זיך אליינס, **בערל, בערל**, דו זיצט דאך נישט אין די סוכה **דו זיצט דאך אינעם שיסל**, און ער האט אויפגעהערט צו עסן.

☆☆

# שמיני עצרת

## כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים

ביים יו״ט פון **שמיני עצרת** איז א **מנהג ישראל** ביים געזעגענען פון די סוכה פירן זיך אסאך רביס ביים געזעגענען טיש **צו ווארפן עפל**, דער עולם שטיפט זיך צו כאפן צו כאפן אן עפל, וויל עס איז **מסוגל פאר ישועות**, ובפרט פאר **עלטערע בחורים**, זיי זאלן ווערן חתנים.

איז געווען אמאהל אן **עלטערער בחור** וואס דער רבי האט אים **געווארפן אן עפל**, אן אנדערע בחור האט געגעבן א שטרעק אויס זיין האנט און ער האט עס געגעבן א כאפ, האט זיך דער רבי אנגערופן פארן כאפער, **נו נו ״דאס איז נישט דיין זיווג״**, געב עס שוין פארן עלטערן בחור וואס שטייט נעבן דיר.

☆☆

## קשה עלי פרידתכם

ביים יו״ט פון **שמיני עצרת** זאגט דער אייבישטער פאר די יודישע קינדער **קשה עלי פרידתכם.**

זאגן די **ספה״ק** דער אייבישטער זאגט **״איך האב פיינט ווען עס איז דא צווישן אייך א פירוד לבבות״**, איך וויל זעהן ווי אזוי מיינע קינדער זענען באחדות זיי לעבן בשלום איינער מיטן צווייטן.

**לא מצא הקב״ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום**

☆☆

## תפילת גשם

עס איז געווען **א חזן** א גרויסער**בעל עבירה** וואס האט געדאווענט **תפלת גשם** פארן עמוד און תיכף נאכן ענדיגן דאווענען האט זיך **אראפגעלאזט א שלאקס רעגן**, נאכן דאווענען איז דער חזן ציגעגאנגען צום רב און ער האט זיך אויפגעטון פארן רב, אז **אין הימל הערט מען זיך צו צו זיינע תפלות.**

האט דער רב געזאגט פארן חזן **כבר הי׳ לעולמים**, אזעלכע מענטשן ווי דו האבן שוין פון לאנג **געבערענגט א מבול אויף די וועלט....**

☆☆

# שמחת תורה

## שמחת תורה

עס ווערט געברענגט אין קונטרס, נועם שיח בשם **הרה״ק מסקולען זי״ע** (בעל נועם אליעזר), יו״ט **שבועות** איז דער יום טוב פון **״קבלת התורה״**, אויב אזוי פארוואס **טאנץ מען נישט שבועות מיט די תורה**, אזוי ווי מען טאנצט מיט די תורה אין **שמחת תורה.**

האט דער סקולענער רבי געזאגט, פון דעם זעהט מען אז **קבלת התורה אליינס איז נאכנישט גענוג**, עס דארף אדורכגיין א גאנצן זומער **מיט אלע אירע נסיונות**, כדי צו זעהן אויב **בפועל האלט מען אין די תורה**, מען איז זיך מתגבר אויף אלע נסיונות.

ווען עס איז אדורך געגאנגען א זומער, און מען זעהט אז

יודישע קינדער **האבן איינגעהאלטן די תורה** אזוי ווי עס דארף צו זיין, דאן קען מען שוין **טאנצן מיט די תורה.....**

☆☆

## אתה סתר לי

עס איז א מנהג ישראל צו מאכן לכבוד שמחת תורה **פלייש איינגעוויקלט אין קרויט** הנקרא האלאפצע.

איינער איז אמאהל אריין חול המועד סוכות צום **ראש הקהל** אין שטוב כדיצו בארגן א גמרא,דער ראש הקהל איז נישט געווען אינדערהיים האט די יודענע געזאגט,איר קענט **אליין אריין גיין אין ספרים שטוב,** און ארויסנעמן פונעם ספרים שאפע די גמרא וואס איר זיכט .

ער איז אריין אין ספרים שטוב און האט ארויסגענומען די גמרא וואס ער האט געדאפט האט ער געזעהן אז אינעם **ספרים שאנק אינטער אלע גמרות** ליגן באהאלטן די **האלאפצעס** פאר שמחת תורה.

האט ער געפרעגט פון די בעל הבית'טע **פארוואס האט איר באהאלטן די האלאפצעס,** האט זי גענטפערט מיין מאן דער ראש הקהל האט זייער ליב האלאפצעס, אלטס ווען איך מאך די **האלאפצעס מיז איך עס באהאלטן פון אים,** ווייל אויב נישט עסט ער דאס אלעס אויף.

באט דער יוד געפרעגט **פארוואס באהאלט איר דאס** פונקט אין די ספרים שאפע, האט די יודענע געענטפערט, ווייל איך ווייס אז דארט **וועט עס מיין מאן זיכער נישט טרעפן,** די ספרים שטוב איז א פלאץ וואס ער **ניצט קיינמאהל נישט,** נאר איין מאהל א יאהר ווען ער מאכט פסח'דיג די ספרים.

☆☆

## על חטא שחטאנו לפניך בכפת שחד.

ביים יו"ט פון **שמחת תורה** האט דער רב געזעהן ווי דער **עם הארץ** פון שטאט **טאנצט די הקפות** מיט א גרויסן ברען און התלהבות.

איז דער רב צוגעגאנגן צום עם הארץ און ער האט איהם געפרעגט **פארוואס פרייסטו זיך אזוי שטארק היינט** וואס האסטו מיט די תורה.

האט דער עם הארץ געענטפערט, דער רב זאלן מיר **אנטשולדיגן,** יום כיפור ווען איך האב געקלאפט **על חטא שחטאנו לפניך "בכפת שחד",** איך פסקן נישט קיין שאלות אז איך זאל נעמען שחד געלט, **נאר וואס דען** איך האב געקלאפט על חטא איופן רב'ס עבירות.

איז פונקט ווי איך האב געקלאפט יום כיפור על חטא **אויף די רב'ס עבירות,** אזוי אויך מעג איך מיך שמחת תורה פרייען **מיטן רב'ס תורה לערנען.**

☆☆

## ערליכער חתן

אינעם שטאט **סאטמאר** האט איינמאהל אן **עם הארץ** געקויפט די עלייה פון **חתן תורה,** פאר זיך אליין.

ווען מען האט איהם אויפגערופן עולה צו זיין צו **חתן תורה** האט דער רבי זי"ע געזאגט פאר די מקורבים ער איז א **ערליכער חתן,** ער קוקט נישט אָן די **כלה** א גאנץ יאהר.

☆☆

## אלו ואלו ואומרים אשרי מי שלא חטא

**הרה"ק ר' איציק'ל מ'פשעווארסק זי"ע** האט פארציילט, ווען עס איז ארויסגעקומען דער עלעקטראנישע באן דער **שנעל צוג,** וואס א וועג פלעגט דויערן **צו פארן א וואך,** האט דער שנעל צוג געמאכט אין **צוויי טעג,** האט דער הייליגער **קאלשיצער רב זי"ע** דעמאלטס געזאגט, **דאס אונז א לימוד** אז א תשובה וואס אמאליגע דורות האט **געדויערט א לאנגע צייט אז די תשובה זאל נתקבל ווערן** אין הימל, ווערט אין די היינטיגע דורות **אסאך שנעלער נתקבל אין הימל....**

האט ר' איציק'ל מוסיף געווען, בימינו אלה **ווען עס איז ארויסגעקומען די עראפלאן** (פליגער) וואס פארט נאך **אסאך שנעלער** איז דאס א לימוד פאר אונז אז די תשובה ווערט **נאך שנעלער נתקבל אין הימל...**

☆☆

## ביום השמיני עצרת תהי' לכם

דער גאון **ר' מאיר מרגליות זי"ע** (בעמ"ח ספר מאיר נתיבים) פלעגט זיך פירן **שמחת תורה** ביינאכט, צו גיין דאווענען אין די **בית המדרש** פון די פשוטע **שניידערס,** וואס איז געווען ווייט פון זיין הויז, און דערנאך פלעגט ער **טאנצן הקפות** מיט זיי.

רבי מאיר האט געזאגט פאר זיינע מקורבים פארוואס זיך איך דווקא צו זיין **שמחת תורה,** ביי די פשוטן **המון עם,** ווייל די תלמידי חכמים וואס זיי פרייען זיך א גאנץ יאר מיט די תורה וואס זיי לערנען אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **"פקודי ה' ישרים משמחי לב"** ווען עס קומט שמחת תורה איז נישט מעהר ווי רעכט אז זיי זאלן טאנצן מיט די תורה ווייל אז די תורה איז זיי **כסדר משמח** דארפן זיי זיך צוריק **משמח מיט די תורה.**

אבער די פשוטע שניידערס וואס א גאנץ יאהר **הארעווען זיי שווער אויף פרנסה** זיי שפירן נישט דעם זיסן טעם אין די תורה, און דאך **פרייען זיי זיך שמחת תורה מיט די תורה,** איז דאך זייער שמחה א **שמחה לשמה** זיי פרייען זיך מיט די תורה ווייל אזוי האט דער אייבישטער געהייסן, מיט אזעלכע מענטשן וואס טאנצן לשמה מיט די תורה וויל איך מיך משתתף זיין מיט זייער טאנצן.

☆☆

## עשר תעשר - וזאת הברכה

דער באקאנטער ירושלימער בעל תפלה **ר' יעקב פעסטער ע"ה** איז איינמאהל געווען אין אמעריקע האט ער געדאווענט **ביים רבין שמיני עצרת,** פארן ליינען האט דער רבי געפרעגט פון ר' יעקב זאגט נאר ר' יעקב **וואס ליינט מען היינט,** האט ר' יעקב געענטפערט **מען ליינט "עשר תעשר"**

האט די רבי ווייטער געפרעגט **און וואס ליינט מען היינט אין ארץ ישראל,** האט ר' יעקב געענטפערט אין **ארץ ישראל** ליינט מען **וזאת הברכה.**

האט דער רבי געפרעגט וויאזוי קען זיין אז דא ליינט מען **עשר תעשר** און אין ארץ ישראל ליינט מען **וזאת**

**הברכה,** ר' יעקב האט געזעהן אז די רבי **וויל עפעס זאגן,** האט ער גארנישט געענטפערט

האט דער רבי געזאגט, אז מען וויל אז אין **ארץ ישראל** זאל זיין **"וזאת הברכה",** דארף מען זיך זארגן און משפיע זיין אויף די **אמעריקאנער יודן** אז זיי זאלן מקיים זיין דעם **"עשר תעשר"**

☆☆

## שמיני רגל בפני עצמו

איין יאהר אין די הייליגע טעג **האט דער רבי געהאט א שווערן רויז** (די רבי פלעגט אסאך ליידן פון א רויז) ער האט געהאט שטארקע יסורים אויף די פיס, דער **דאקטער** האט געווארענט אז דער רבי זאל זיך **נישט איבער שטרענגן ביים טאנצן די הקפות**

ווען עס איז געקומען צום טאנצן די הקפות, האט דער רבי געטאנצן מיט א **אש קודש** כדרכו בקודש, מען האט נישט געקענט אנמערקן אז די רבי **ליידט יסורים אויף זיינע פיס**

נאכן טאנצן האט די רבי געזאגט **בדרך צחות** חז"ל זאגן **שמיני רגל בפני עצמו,** שמיני עצרת געט מען פון הימל **עקסטערע פיס** מען זאל קענען **פראווענען די הקפות"**

☆☆

## אתה הראת לדעת

עס ווערט **דערציילט,** ווען דער הייליגער **קדושת לוי זי"ע** איז געווארן א איידעם ביי א **גרויסן גביר,** האט מען אין יענעם שטעטל מכבד געווען **שמחת תורה,** דעם נייעם **עילוי'שן יונגערמאן,** מיטן כיבוד פון זאגן **'אתה הראת'** פארן עמוד.

דער **הייליגער קדושת לוי** האט גענומען דעם **טלית,** ער האט זיך **פארקלערט פאר א קליינע וויילע,** און ער האט **אראפגעלייגט** דעם טלית פון זיינע הענט, דערנאך האט ער **נאכאמאהל גענומען דעם טלית** אין זיינע הענט, און דאס ווידער **אראפגעלייגט,** אזוי איז געווען **עטליכע מאהל,** ביז דער קדושת לוי האט זיך אנגערופן הויעך, **'אז דו ביסט א למדן און א חסיד, זאג דו אתה הראת',** ער האט **אראפגעלייגט דעם טלית** אויפן עמוד, און ער איז **אוועקגעגאנגען** פון דארט.

דער **גאנצער עולם** האט מיט **פארווינדערונג** געקוקט אויפן קדושת לוי, קיינער האט **נישט פארשטאנען זיין אויפירונג,** דער שווער זיינער האט זיך **נישט געפונען דאס פלאץ,** פון גרויס בושה.

ביים **יו"ט'דיגן סעודה** האט דער שווער געזעהן ווי דער איידעם איז**פריילעך און גוט אויפגעלייגט,** האט ער איהם פארגעהאלטן, **פארוואס האסטו מיך אפגעטון אזא בושה** היינט אין ביהמ"ד, האט דער קדושת לוי געענטפערט, שווער לעבן, **איך וועל דיר פארציילן די מעשה,** וואס עס איז דא פארגעקומען.

ווען איך האב גענומען דעם טלית צו זאגן **אתה הראת,** האב איך געזעהן אז דער **יצר הרע** האט זיך געשטעלט ביים עמוד, ממש **נעבן מיר,** האב איך

## הפוך בה והפוך בה דכולא בה

א **עלטערער יוד** איז געגאנגען הגבה שמחת תורה מיט א **שווערע ספר תורה,** דער עולם האט זיך געווינדערט **וויאזוי וועט דער זקן וועט קענען גיין הגבה,** בשעתן גיין הגבה האט **ער אנגעלאנט דעם ספר תורה** אויף זיין קאפ, ער האט געזאגט דאס איז א שווערע תורה **'מען דארף צולייגן קאפ'....**

☆☆

## ברכת כהנים

דער מנהג איז אז שמחת תורה **דוכנ'ן נישט די כהנים ביי מוסף,** זיי דוכנ'ן ביי שחרית, ווייבאלד ביי מוסף איז **האט שוין דער עולם קידוש געמאכט,** און א כהן טאר נישט דוכנ'ן ווען ער **האט געטרינקן א רביעית ווין.**

אין ספר **דברי שלום** (קאיידאנוב) ווערט געברענגט נאך א שיינעם טעם **פארוואס די כהנים דוכנ'ן נישט** שמחת תורה ביי מוסף, ווייבאלד דער גאנצער עולם איז עולה פרשת **וזאת הברכה,** וואס משה רבינו האט **געבענטשט אלע יודישע קינדער,** און נאכדעם וואס דער גאנצער עולם איז געבענטשט געווארן דורך **משה רבינו אליינס,** פעלט שוין מעהר נישט אויס די ברכת כהנים, ווייל די ברכה פון **משה רבינו** איז א **גרעסערע ברכה** פון ברכת כהנים....

☆☆

## חלום חלמתי ואינו יודע

ביים נוסח פונעם **רבש"ע** וואס מען זאגט ביי ברכת כהנים זאגט מען, **רבש"ע חלום חלמתי ואינו יודע מה הוא,** רבש"ע, **איך האב גע'חלומ'ט א חלום,** און איך ווייס נישט וואס דאס איז, **יהי רצון וכו', בין שחלמתי על עצמי, בין שחלמתי על אחרים, ובין שחלמו אחרים עלי וכו'...**

לכאורה דארף מען צו פארשטיין, אויב מען הייבט אן מיט די ווערטער **חלום חלמתי ואינו יודע מה הוא,** איך האב גע'חלומ'ט א חלום איך ווייס נישט וואס דאס איז, פארוואס זאגט מען דערנאך **'ובין שחלמו אחרים עלי',** סיי דאס וואס **אנדערע האבן גע'חלומ'ט** אויף מיר, דאס זענען דאך נישט מיינע חלומות וואס **איך האב גע'חלומ'ט,** דאס איז דאך א **צווייטענס חלומות.**

מען קען ענטפערן **בדרך צחות,** אז די די ווערטער **ובין שחלמו אחרים עלי** גייט אויך ארויף אויף **די אייגענע חלומות,** די כוונה פון **ובין שחלמו אחרים עלי** מיינט צו זאגן **איך האב גע'חלומ'ט** (איך רעד מיך איין) **אז יענער חלומ'ט אויף מיר.....**

☆☆

## ובין שחלמו אחרים על אחרים

ביים נוסח פונעם רבש"ע פון דוכענען זאגט מען **בין שחלמתי על עצמי, בין שחלמתי על אחרים, ובין שחלמו אחרים עלי וכו',** לכאורה פעלט א **פערדע פאל,** מען וואלט אויך געדארפט זאגן **ובין שחלמו אחרים על אחרים** סיי די חלומות וואס מענטשן **האבן גע'חלומ'ט איינער אויפן אנדערן.**

זאגט די וועלט, וועגן דעם זאגט מען נישט **ובין שחלמו אחרים על אחרים,**ווייל א מענטש **האט זיך נישט וואס אריינצומישן,** ווען צוויי מענטשן חלומ'ן זיך איינער אויפן צווייטן.....

☆☆

## רבש"ע אני שלך וחלומותי שלך

ביי אסאך **קהילות** איז איינגעפירט אז **שבת חול המועד** דוכנ'ט מען אבער מען זאגט נישט דעם **רבש"ע אני שלך וחלומותי שלך וכו'.**

**הרה"ח ר' בערעלע קליין נ"י** האט געזאגט אויף דעם א טעם **בדרך צחות,** געוועהנדליך ווען די כהנים דוכנ'ן זינגן זיי **אהאהא אהאהא** וואס דאס זינגן אהאהא אהאהא **שלעפט איין דעם עולם** (אזוי ווי מען שלעפט איין א קליינע בעיבי), און דער עולם **הייבט אָן צו חלומ'ן,** זאגט מען דעם **רבש"ע אני שלך וחלומותי שלך וכו'**

אבער **שבת חול המועד** ווען די כהנים זינגן נישט דעם **אהאהא אהאהא** בלייבט דער עולם **וואַך** דער עולם **חלומ'ט נישט,** זאגט מען **נישט** וועגן דעם די **רבש"ע אני שלך וחלומותי שלך וכו'......**

☆☆

## ישר כח כהנים

די וועלט זאגט **בדרך צחות,** פארוואס געוו מען א **ישר כח** פאר די כהנים נאכן **ענדיגן דוכנ'ן.**

זאגט די וועלט, מען געט זיי א ישר כח, אז זיי האבען **אוועקגעריקט די "שיינע" יודען פון מזרח וואנט,** אויף עטליכע מינוט....

☆☆

## שלש רגלים

אין די **ליטא** פלעגט מען זאגן **בדרך צחות,** וואס איז די **צד השוה** פון די **שלש רגלים,** פסח שבועות און סוכות.

אין **מוצאי סוכות** באהאלט מען די **סכך** אויפן בוידעם, אין **מוצאי פסח** לייגט מען אוועק די **פסח'יגע געשיר** אויפן בוידעם, אין **מוצאי שבועות** איז דא אזעלעכע וואס זיי **לייגן אוועק די תורה** אינעם בוידעם, ביז **ראש חודש אלול** צום אנפאנג פונעם נייעם זמן....

☆☆

## ובזכות צאתי מביתי החוצה

נאך **סוכות** האט איינער האט באגעגענט א **משפחה,** וואס זיי שטייען אין גאס **איינגעבויגן** מיט א גרויס **געוויין,** האט ער זיי געפרעגט **"ווער איז נעבעך אוועק",** אז איר וויינט אזוי.

האבען זיי געענטפערט, מיר האבן **צונומען די סוכה,** און אינמיטן **אראפטראגן** די סוכה אינעם **בעיסמענט,** האמיר זיך דערמאנט אז מיר **האבן פארגעסן זיך צו געזעגענען.........**

☆☆

## וזאת הברכה

א **גוט זאגער** האט געזאגט, די פיר סדרות **נצבים, וילך, האזינו, וזאת הברכה,** געפאלן אייביג אין די טעג פון די **ימים נוראים,** קען מען זאגן א **שיינעם רמז** אויף דעם, **'נצבים, וילך'** ווי דו **שטייסט** און ווי דו **גייסט, 'האזינו וזאת הברכה'** וועסטו כסדר **הערן** ווי יודן געבן זיך **ברכות** איינער פארן צווייטן, מען וואונטש זיך אָן איינעם דעם צווייטן, מען זאל האבן **א גוט געבענטשט זיס לעכטיג יאר...., אמן.**

☆☆

**א פרייליכן לעכטיגן ליסטיגען סוכות פאר אלע אונזערע לייִנער און פאר גאנץ כלל ישראל.**

איהם געפרעגט **ווער ביסטו?,** האט ער מיך צוריק געפרעגט, **און ווער ביסטו??**

האב איך איהם געזאגט, **איך בין א למדן,** האט דער יצר הרע גענטפערט, **איך בין אויך א למדן,**האב איך געפרעגט, **ווי האסטו געלערענט תורה?,** האט ער מיך צוריק געפרעגט, און **ווי האסטו געלערענט תורה?,** האט איך איהם גענטפערט, **איך האב געלערענט תורה ביי יענעם גאון,** האט דער יצר הרע געזאגט, צוזאמען מיט דיר **האב איך אויך געלערענט תורה** ביי יענעם גאון.

האב איך איהם געזאגט, **איך בין אויך א חסיד,** האט דער יצר הרע גענטפערט, **איך בין אויך חסיד,**האב איך איהם געפרעגט, **ווי האסטו געלערענט חסידות ?,** האט ער מיך צוריק געפרעגט, און**ווי האסטו געלערענט חסידות?,** האט איך איהם גענטפערט, איך האב דאס געלערענט אין די **ספרי חסידות,** האט דער יצר הרע געזאגט, צוזאמען מיט דיר **האבן מיר ביידע געלערנט** אין די ספרי חסידות.

האב איך געזעהן אז דער **יצר הרע לאזט מיך נישט אָפּ,** האב איך אראפגעלייגט דעם טלית און איך האב איהם דאן געזאגט **'אז דו ביסט א למדן און א חסיד, זאג דו אתה הראת'......**

☆☆

## ששו ושמחו בשמחת התורה

אין די **ליטא** איז איינגעפירט אז די **תלמידי הישיבות** קומען צוריק **שמחת תורה** אין ישיבה, **טאנצן די הקפות אינאיינעם מיטן ראש ישיבה,** מען געט אָפּ פארן ראש ישיבה דעם ריכטיגן **כבוד התורה.**

ווערט דערציילט, אז אינעם שטאט **קאמעניץ** האבן די תלמידי הישיבה איינמאהל מחליט געווען **נישט אריינצולאזן די נשים** אז זיי זאלן קענען מיטהאלטן די הקפות, מיטן טענה אז די **נשים האבן נישט וואס אריינצוקומען** אין א בנין הישיבה פון בחורים, האבן זיי **אפגעשפארט דעם עזרת נשים** פון די ישיבה.

ווען דער ראש ישיבה **הרה"ג ר' בער לייבאוויץ זצ"ל** איז געוואר געווארן פון דעם, האט ער געלאזט באפעלן פאר די בחורים, אז ער**קומט נישט אריין טאנצן די הקפות,** ביז מען עפענט צוריק אויף דעם **עזרת נשים,** כדי די פרויען זאלן **מיטהאלטן די הקפות.**

ר' ברוך בער האט געזאגט פאר די בחורים, איר ווילט דאך אלע **חתונה האבן צו פרויען וואס זאלן מחשיב זיין אייער תורה,** די איינציגסטע מאהל וואס נשים קענען מיטהאלטן דעם **אמת'דיגן כבוד התורה,** איז שמחת תורה ביי די **לעבעדיגע טענץ פון די הקפות,** אז איר וועט דאס צוריק האלטן פון זיי, **וועט דאס זיין אייער אייגענעם שאדן...**

☆☆

# יארצייט פון די וואך



קומענדיגן אסרו חג, כ"ד תשרי, פאלט אויס די יארצייט פון

הרה"ק **רבי חיים זאנוויל אבראמאוויטש** דער ריבניצער רבי זי"ע

דער הייליגער ריבניצער רבי, הרה"ק רבי חיים זאנוויל אבראמאוויטש זי"ע, איז געבוירן אין יאר תרנ"ח אין די שטאט באטושאן אין רומעניא, צו זיין טאטע רבי משה ז"ל און זיין מאמע מרת יוטא צפורה ע"ה.

נאך די ערשטע קינד האט רבי משה יארן לאנג נישט געהאט קיין קינדער, און דורך די ברכה פונעם צדיק הרה"ק רבי אברהם מתתיהו משטיפענעשט זי"ע איז אים געבוירן געווארן דאס קינד חיים זאנוויל פערצן יאר נאך די ערשטע קינד.

בײם רבי'ן אין שטיפענעשט

ווען דאס קינד חיים זאנוויל איז אלט געווען דריי יאר איז זיין טאטע ר' משה נפטר געווארן, און זיין מאמע האט אים געברענגט צום הייליגן שטעפינעשטער רבי און געזאגט, איך לאז אים איבער בײם רבי'ן, דער רבי זאל אים ערציען, דער קינד חיים זאנוויל איז געבליבן בײם רבי'ן אין שטוב און דער הייליגער צדיק האט אים אויפגעצויגן ווי אן אייגן קינד, ער האט אלעס געלערנט מיט אים, אנגעהויבן ביי אל"ף בי"ת, דערנאך חומש און גמרא, ביז ער איז אויסגעוואקסן א גרויסער תלמיד חכם, זייענדיג אכצן יאר אלט האט ער שוין געקענט גאנץ ש"ס אויסנווייניג.

רבי חיים זאנוויל איז געווען זייער באליבט ביי זיין רבי'ן, און אפילו אין געוויסע צייטן ווען קיינער האט נישט געטארט אריינגיין צום רבי'ן למשל בײם דאווענען און בײם סדר נאכט, האט רבי חיים זאנוויל יא געהאט רשות אריינצוגיין.

אין הויז פון זיין רבי'ן איז געווען איין שטוב וואס מען האט אנגערופן משיח'ס שטוב, ב'האט זיך דארט געפינען פארשידענע ירושות וואס ער האט ג'ירש'ענט פון זיין זיידע דער הייליגער רוזשינער זי"ע, דארט האט קיינער נישט געטארט אריינגיין, אבער רבי חיים זאנוויל איז דרייצן יאר געשלאפן אין דעם צימער.

דער הייליגער ריבניצער איז געווען זייער נאנט מיט זיין רבי'ן, דער שטעפינעשטער רבי, ער פלעגט זאגן, וואו איך גיי, גייט דער רבי פאר מיר פאראויס, אויך פלעגט ער זאגן, וואו איך גיי און וואו איך שטיי זעע איך דעם רבי'ן פאר מיינע אויגן.

נאך די חתונה האט רבי חיים זאנוויל געוואוינט אינעם שטעטל ראזינא וואו זיין שווער האט געוואוינט, און אין יאר תרצ"ג ווען זיין רבי דער הייליגער שטעפינעשטער זי"ע איז נישט געזונט געווארן, איז רבי חיים זאנוויל צוריקגעקומען וואוינען קיין שטעפינעשט ווערנדיג באדינען זיין הייליגע רבי.

ממלא מקום פון זיין רבי'ן

דער הייליגער שטעפינעשטער רבי זי"ע האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, פאר זיין פטירה האבן אים די חסידים געפרעגט, אויף וועמען ער לאזט זיי איבער, האט ער געקוקט אויף זיין תלמיד רבי חיים זאנוויל, די חסידים האבן פארשטאנען אז ער וועט זיין דער ממלא מקום, אויך האט זיך דער שטעפינעשטער רבי אמאל אויסגעדרוקט, אז ער גיבט איבער פאר זיין תלמיד רבי חיים זאנוויל, זיין רוח הקודש, זיין צורה, און זיין חן.

דער רבי פון גאנץ רוסלאנד

נאך די צווייטע וועלט מלחמה האט זיך רבי חיים זאנוויל באזעצט אין די שטאט ריבניץ אין רוסלאנד און איז איבעראל באקאנט געווארן אלס "דער ריבניצער רבי".

דער רבי זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט פאר'ן גבאי'ן הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל, אז דער ריבניצער רבי איז נישט נאר רבי אין ריבניץ, נאר איבער גאנץ רוסלאנד.

מסירות נפש פאר תורה ומצוות

די שטאט ריבניץ איז געווען אונטער די פארשאלטענע קאמאניסטישע רעגירונג וועלכע האבן נישט געלאזט היטן קיין אידישקייט, די רשעים האבן געארבעט אויסצורייסן יעדעס ביסל אידישקייט, זיי האבן שטארק געפייניגט וועמען זיי האבן געכאפט היטן תורה און מצוות, ליידער האבן זיי מצליח געווען, זייער אסאך אידן האבן נישט אויסגעהאלטן די שווערע רדיפות און זענען ליידער אראפ פון אידישן וועג, געציילטע אידן אין רוסלאנד זענען געבליבן ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות.

דער גרויסער צדיק דער ריבניצער רבי האט זיך בכלל נישט דערשראקן פון די רשעים, נאר געדינט דעם אייבערשטן און מקיים געווען אלע מצוות מיט גרויס מסירות נפש, און מחזק געווען אלע אידן וועלכע זענען געקומען צופארן צו אים באהאלטענערהייט.

## א מוהל, א שוחט, און א מלמד

דער ריבניצער רבי פלעגט דערציילן, אז די רעגירונג פלעגט זייער נאכקוקן ווער עס היט אפ תורה און מצוות, וועמען זיי האבן געכאפט האבן זיי גע'הרג'עט אדער אריינגעזעצט אין תפיסה פאר לאנגע יארן רח"ל, אויף דריי זאכן - וואס טוט דאס מערסטע פארשפרייטן אידישקייט - האבן זיי זיך גאר שטארק פארלייגט, אז מ'זאל נישט מאכן קיין ברית'ן, נישט שחט'ן קיין פלייש, און נישט צוזאמנעמען קינדער צו לערנען תורה.

די רעגירונג האט געשטעלט באהאלטענע פאליציי (וועמען מ'האט אנגערופן, קעי. דזשי. בי. אכטונג צו געבן אז מ'זאל פאלגן דאס געזעץ.

דער הייליגער ריבניצער האט געזאגט, איך האב געטון אלע דריי, איך בין געווען א מוהל, א שוחט, און א מלמד פאר קינדער, איך האב מיך אויסבאהאלטן אין די טיפע וועלדער און געלערנט מיט קליינע קינדער באהאלטענערהייט, און דארט גע'שחט'ן כשר פלייש, און איך בין געגאנגען דורך וועלדער הונדערטער מיילן צו מאכן ברית'ן פאר ניי געבוירענע קינדער.

עטליכע מאל האבן די פאליציי געכאפט דעם הייליגן ריבניצער אז ער נעמט צוזאם א מנין אידן צום דאווענען, און ער לערנט מיט קינדער, ער שחט כשר פלייש און מאכט ברית'ן, זיי האבן אים געווארנט און געסטראשעט אים צו פארשיקן אין תפיסה קיין סיביר - פון וואו זייער ווייניג מענטשן זענען צוריקגעקומען לעבעדיג - אבער דער הייליגער ריבניצער האט זיך נישט דערשראקן און ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין הייליגע עבודה מיט גרויס מסירות נפש, און מחזק געווען אנדערע אידן צו היטן די הייליגע תורה.

אמאל גייענדיג צו א ברית דורך א געדעכטע וואלד איז אים פלוצלינג קעגן געקומען א גרופע הונגעריגע וועלף, זיי האבן געוואלט חלילה פארציקן דעם רבי'ן, האט דער רבי אויפגעהויבן זיינע צוויי הענט צום הימל, אין איין האנט האט ער געהאלטן דעם מוהל מעסער'ל און אויסגעשריגן, הייליגער באשעפער, איך גיי פאר דיר אליין, ווי נאר ער האט דאס געזאגט האבן זיך די וועלף בארואיגט און זיך אוועקגעזעצט.

## די עבודה פון זיך טובל'ן אין מקוה

איינע פון די געהויבענע עבודות ביים הייליגן ריבניצער רבי'ן - אויף וואס ער האט אלע יארן געהאט גרויס מסירות נפש - איז געווען זיך טובל'ן אין מקוה, אויך אין רוסלאנד וואו ס'איז זייער קאלט און דער טייך איז אינגאנצן פארפרוירן, האט דער ריבניצער רבי יעדן טאג געמאכט א לאָך אין טייך און זיך גע'טובל'ט מיט מסירות נפש.

זיין הייליגע עבודה מיט'ן זיך טובל'ן אין מקוה האט געברענגט פילע ישועות פאר אידישע קינדער, במשך די יארן זענען טויזנטער אידן געהאלפן געווארן א דאנק דעם רבי'נס הייליגע עבודה אין די מקוה.

אסאך מאל ווען דער רבי איז געזעצן אין זיין צימער און אויפגענומען מענטשן און איינער האט געדארפט א גרויסע ישועה, האט ער זיך באלד אויפגעהויבן און געלאפן אין מקוה, אסאך מאל זייענדיג אין מקוה פלעגט ער באפעלן זיינע משמשים אז זיי זאלן אים פאַרזאגן די נעמען פון מענטשן וועלכע האבן זיך גענויטיגט אין א ישועה, און נאך יעדן נאמען האט ער זיך נאכאמאל גע'טובל'ט און גע'פועל'ט א ישועה.

דער ריבניצער רבי פלעגט נישט געבן די האנט פאר איינעם וואס איז יענעם טאג נישט געווען אין מקוה, ווען עס זענען געקומען צו אים מענטשן וואס האבן נישט געוואוסט דערפון און זיי האבן אים געגעבן די הענט, פלעגט ער פרעגן, ביסט שוין געווען אין וואַסער, מענטשן פלעגן קוקן מיט וואונדער ווי צווישן צענדליגער און הונדערטער מענטשן האט דער רבי אלעמאל געשפירט מיט זיין רוח הקודש ווער ס'איז נישט געווען היינט אין מקוה.

## אפרעכטן תיקון חצות

גאר א גרויסע עבודה איז געווען ביים ריבניצער רבי'ן זי"ע, דאס אפרעכטן תיקון חצות יעדע נאכט, אין די צייט וואס דער רבי האט אפגעראכטן תיקון חצות, האט קיינער נישט געטארט זיין אין צימער, ער פלעגט זיך אראפזעצן אויף די ערד און אנצינדן אסאך ליכט און איינטינקען זיין בארד אין אש, און אזוי געקלאגט אויפ'ן חורבן בית המקדש.

ביים אפרעכטן תיקון חצות פלעגט ער נעמען מיט זיך די שווערע קוויטלעך, און אסאך אידן זענען דעמאלט געהאלפן געווארן.

## געקומען קיין אמעריקא

אין יאר תשל"ג האט דער הייליגער ריבניצער רבי פארלאזט רוסלאנד, א קורצע צייט האט ער געוואוינט אין ארץ ישראל, דערנאך איז ער געקומען קיין אמעריקא וואו ער איז געווען פון די לעצט פארבליבענע צדיקים פונעם דור וואו אידן זענען כסדר געקומען נאך ברכות, זייענדיג באוואוסט אלס א גרויסער פועל ישועות.

דער הייליגער ריבניצער רבי זי"ע איז נפטר געווארן אסרו חג סוכות אין יאר תשנ"ו און איז געקומען לקבורה אינעם בית החיים אין די שטאט מאנסי, וואו טויזנטער אידן קומען צו זיין הייליגן ציון און פועל'ן ישועות און רפואות.

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**

**נישט אונטערגעשריבן פאר די בחירות הטמאות**

אין יאר תשל"ג ווען דער ריבניצער רבי איז אוועקגעפארן פון רוסלאנד, נאכדעם וואס די קאמאניסטישע רעגירונג איז צוזאמגעפאלן און מ'האט שוין געקענט ארויספארן פון לאנד, האט ער געפלאנט צו פארן קיין אמעריקא און זיך דארט באזעצן.

ווען די ציוני'סטישע סוכנות (אזוי האט מען אנגערופן די גרופע פון די ציונים וועלכע פלעגן פארכאפן מענטשן קיין ארץ ישראל) האט געהערט אז דער ריבניצער רבי פארט קיין אמעריקא, האט זיי דאס זייער פארדראסן, זיי האבן געוואלט אז ער זאל קומען קיין ארץ ישראל, מיינענדיג אז זיי וועלן קענען פארנארן דעם הייליגן צדיק ער זאל זיי געבן שטיצע און מחזק זיין די ציוני'סטישע מיינונגען, זיי זענען געווען גרייט צו טאן אלעס אויף דער וועלט אז דער ריבניצער רבי זאל אנקומען קיין ארץ ישראל.

**די ציונים צורייסן דעם פאספארט**

ווען דער ריבניצער רבי איז אנגעקומען מיט'ן פליגער קיין בוקארעסט, פון וואו ער האט געדארפט פאָרן ווייטער קיין אמעריקא, זענען די שלוחים פון די ציונים ארויף אויפ'ן פליגער און צוגעגאנגען צום רבי'ן און אים געבעטן זיין פאספארט, ווען דער רבי האט זיי דאס געגעבן, האבן זיי דאס צוריסן כדי ער זאל נישט קענען פאָרן קיין אמעריקא, און אזוי ארום האט ער געמוזט פאָרן קיין ארץ ישראל.




**גייט אייך לחיים ולשלום**

צווישן די גרויסע חסידים פונעם ריבניצער רבי'ן אין רוסלאנד, איז געווען הרה"ח מוה"ר יעקב חיים רוטנער ע"ה פון וויליאמסבורג, ר' יעקב חיים איז שוין ארויסגעקומען פון רוסלאנד נאך פאר'ן ריבניצער רבי, ווען ער האט געהערט אז דער ריבניצער רבי איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל איז ער גלייך אהינגעפארן מקבל פנים זיין דעם רבי'ן.

ר' יעקב חיים האט פארציילט, אז איין טאג ווען ער איז געווען ביים רבי'ן אין שטוב - א קורצע צייט פאר די

טמא'נע בחירות צום כנסת המינים - זענען אהינגעקומען עסקנים פון די אגודת ישראל פארטיי און געבעטן אז זיי ווילן אריינגיין צום רבי'ן, ר' יעקב חיים איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן און געפרעגט אויב ער זאל זיי אריינלאזן, האט דער רבי געענטפערט אז יא.

די עסקנים פון די אגודה האבן געבעטן דעם ריבניצער רבי אז ער זאל אונטערשרייבן אז מ'מוז גיין צו די בחירות, א זאך וואס די ערליכע גדולי ישראל האבן גע'אסר'ט, און דער רבי זי"ע שרייבט אין זיין הייליגער ספר ויואל משה אז דאס איז ביהרג ואל יעבור.

זיי האבן געזאגט פאר'ן ריבניצער רבי'ן, אז אויב ער וועט אונטערשרייבן, וועלן זיי אויפבויען פאר אים אין ירושלים א גרויסער בית המדרש און א מקוה, האט דער הייליגער ריבניצער רבי אויסגעשריגן מיט א פלאם פייער, איך דארף נישט אייער מקוה און אויך נישט אייער בית המדרש, גייט אייך פון דא לחיים ולשלום.

די עסקנים פון די אגודה זענען ארויס מיט בושות, זעענדיג אז דער הייליגער צדיק וועט זיך נישט לאזן אונטערקויפן פאר געלט צו זאגן אנדערש ווי דער אמת'דיגער דעת תורה.

**קומען קיין אמעריקא**

ווען ר' יעקב חיים האט זיך געגרייט צוריקצופארן קיין אמעריקא, האט אים דער ריבניצער רבי געבעטן אז ווען ער קומט אן קיין אמעריקא זאל ער גלייך אריינגיין צום סאטמארער רב זי"ע, און פרעגן זיין מיינונג אויב ער זאל אוועקפארן פון ארץ ישראל און זיך באזעצן אין אמעריקא אדער נישט.

ר' יעקב חיים האט אזוי געטאן, ער איז תיכף אריינגעגאנגען צום רבי'ן און אים געפרעגט, האט דער רבי זי"ע געענטפערט, אויב ער וויל קומען און ער האט די מעגליכקייט צו קומען זאל ער קומען.

ווען דער הייליגער ריבניצער האט באקומען דעם רבי'נס ענטפער, האט ער געטאן וואס ער האט נאר געקענט שנעלער פארלאזן ארץ ישראל און קומען אויף אמעריקא, און אינעם טאג ב' ניסן תשל"ד איז דער הייליגער ריבניצער רבי זי"ע אנגעקומען קיין אמעריקא, וואו ער האט געוואוינט צוויי און צוואנציג יאר ביז צו זיין פטירה, און אפגעראכטן זיין עבודת ה' מיט מסירות נפש, און גע'פועל'ט ישועות פאר אידישע קינדער.

**ביים ל"ג בעומר טיש פון רבי'ן זי"ע**

ל"ג בעומר תשל"ד איז דער ריבניצער רבי זי"ע געקומען צו פאָרן פון בארא פארק - וואו ער האט דעמאלטס געוואוינט - קיין וויליאמסבורג צום רבי'ן זי"ע.

ווען דער ריבניצער רבי איז אנגעקומען, האט דער רבי געהאלטן אינמיטן פירן דעם ל"ג בעומר טיש אין בית המדרש, דער ריבניצער רבי האט געגעבן שלום פאר'ן רבי'ן, און מ'האט אים געזעצט נעבן רבי'ן אויף די רעכטע זייט.

דער רבי האט באפוילן אז מ'זאל אים אריינברענגען א טעלער פיש, ווען דער טעלער פיש איז שוין געווען ביים טיש, איז געווען אינטערעסאנט צו זען וויאזוי דער רבי זי"ע האט זיך אינגאנצן אויסגעדרייט און זיך געזעצט אויפ'ן שפיץ בענקל - אזוי ווי ער פלעגט זיצן ביי שלש סעודות ביי די תורה - און האט געקוקט ווי אזוי דער ריבניצער רבי וואשט זיך און איז טועם פון די פיש.

נאכדעם האט דער רבי זי"ע געזאגט תורה לכבוד דעם חשוב'ן גאסט, אנדערש ווי געווענליך וואס דער רבי האט נישט געזאגט קיין תורה ביי די סעודה פון ל"ג בעומר, ווען מ'האט געענדיגט די סעודה האט דער ריבניצער רבי געבעטן פון רבי'ן ער זאל אים בענטשן, און דער רבי האט אים געבענטשט.

**דורכגעטאפט יעדע אבר**

אויפ'ן וועג צוריק קיין בארא פארק האט דער ריבניצער רבי געזאגט צו זיין משמש ר' יצחק וואלף הערמאן ע"ה, הערסט איציק וואלף, ביים טיש האב איך געפילט ווי דער סאטמארער רב האט מיר דורכגעטאפט יעדע אבר באזונדער.

<><><><>

**<u>בענקט זיך נאך די שמחה של מצוה</u>**

ווי פריער דערמאנט האט דער ריבניצער רבי געוואוינט אין רוסלאנד וואו מ'האט נישט געלאזט היטן אידישקייט, און ער האט זיך ממש מוסר נפש געווען צו מקיים זיין תורה ומצוות.

איינמאל פאר סוכות ווען דער רבי האט שוין געוואוינט דא אין אמעריקא, האט ער געזאגט פאר איינעם פון זיינע חסידים אז ער וואלט געוואלט צוריקפארן קיין רוסלאנד, דער חסיד האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, און געפרעגט דעם רבי'ן, פארוואס, דא קען מען דאך טאן אלע מצוות אומגעשטערט.

האט אים דער רבי געענטפערט, אמת טאקע אז מ'קען דא מקיים זיין מצוות אומגעשטערט, אבער די שמחה של מצוה וואס איך האב געהאט אין רוסלאנד נאכ'ן זיך פלאגן צו מקיים זיין א מצוה, דאס האב איך נישט דא אין אמעריקא.

האט דער רבי דערציילט, אין רוסלאנד בין איך יעדעס יאר פאר סוכות געגאנגען צופוס א וועג פון צוויי טעג כדי צו פארשאפן א כשר'ע אתרוג, און דערנאך נאך צוויי טעג צופוס צוריק

אהיים, ממילא קענט איר זיך נישט פאָרשטעלן די שמחה וואס איך האב געהאט ביים אתרוג בענטשן, די מצוה איז דאך אנגעקומען מיט אזעלכע שוועריגקייטן, אבער דא אין אמעריקא ברענגט מען מיר אהיים עטליכע אתרוגים אויסצוקלויבן דאס שענסטע פון זיי, אלעס קומט מיר אָן אזוי גרינג, פון וואו זאל איך נעמען די שמחה של מצוה.

<><><>

**איך האב הנאה יעדע מינוט אין די סוכה**

איינמאל ווען דער הייליגער ריבניצער רבי זי"ע איז געזעצן אין די סוכה, האט זיך אראפגעלאזט א גאָס רעגן, ס'האט אזוי געדרעגנט אז די גאנצע סוכה איז געווארן דורכגעווייקט פון וואסער, אבער דער רבי האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט, נאר איז ווייטער געזעצן אין די סוכה אזוי ווי ס'וואלט גארנישט פאסירט.

ווען די גבאים האבן געזען אז דער רעגן הערט נישט אויף און דעם רבי'נס קליידער זענען דורכגעווייקט פונעם רעגן, האבן זיי מורא געהאט אז ס'וועט שאטן פאר'ן רבי'נס געזונט, האבן זיי געבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל אריינגיין אין שטוב, אבער דער רבי איז ווייטער געבליבן זיצן אין די סוכה.

האט איינער פון די נאנטע גבאים איידלערהייט געפרעגט דעם רבי'ן, חז"ל זאגן דאך אז איינער וואס האט צער איז פטור פון מצות סוכה.

האט דער רבי געענטפערט, ס'איז ריכטיג אז ווער עס האט צער איז פטור פון זיצן אין די סוכה, אבער איך ווער נישט פאררעכנט ווי איינער וואס האט צער, ווייל יעדע מינוט וואס איך זיץ אין די סוכה איז דאס פאר מיר א געוואלדיגע פארגעניגן.

<><><>

**געווינען דעם משפט דורכ'ן זאגן וידוי**

ס'איז געווען א בחור וועלכער האט זיך ליידער גע'חבר'ט מיט שלעכטע חברים, און האט זיך ליידער אויסגעלערנט פון זיי וויאזוי צו בא'גנב'ענען מענטשן, ווען ער איז אלט געווען אכצן יאר האבן די פאליציי אים געכאפט און אים געזאגט, אז זיי קוקן אים שוין נאך צוויי יאר און זיי ווייסן פון אלע זיינע גניבות און מ'האט אים איינגעשפארט אין תפיסה.

**דער בחור האט חרטה**

זיין משפחה האט ערלעדיגט אז ער זאל קענען ארויסגיין אויף בעיל (מ'לייגט איין א גרויסע סכום געלט) ביז צו זיין משפט, זייענדיג אויף דער פריי ווארטנדיג אויפ'ן משפט האט דער בחור אריינגעטראכט אין זיין מצב און האט שטארק חרטה געהאט אויף זיינע שלעכטע מעשים, אבער ער האט נישט געוואוסט וואס ער קען יעצט טון ווען עס ווארט אים אפ א שווערע משפט.

זייענדיג פארלוירן האט אים איינער גע'עצה'ט אז ער זאל גיין צום הייליגן ריבניצער רבי, און בעטן ער זאל אים פועל'ן א ישועה, דער בחור האט אזוי געטאן, ער איז אריין צום ריבניצער רבי'ן וואו ער האט זיך ביטערליך אויסגעוויינט און געזאגט אז ער האט חרטה אויף אלעס וואס ער האט געטאן, און פון היינט און ווייטער וויל ער זיך פירן ווי אן ערליכער איד, אבער וואס קען ער יעצט טאן ווען עס ווארט אים אפ א שווערע משפט.

**זאגן אשמנו הויעך אויפ'ן קול**

האט דער הייליגער ריבניצער רבי געזאגט פאר'ן בחור, זארג דיך נישט, דו וועסט נישט דארפן זיצן אין תפיסה, דינג א לויער וועלכער זאל זאגן אויף דיר גוטס אין געריכט, איך ווייס אז דער לויער וועט נישט האבן קיין גוטס צו זאגן אויף דיר, אבער איך באפעל דיר אז דו זאלסט אויסלערנען פאר'ן לויער די טייטש פון וידוי, אשמנו, בגדנו, גזלנו, און אזוי ווייטער, לערן אים אויס דעם גאנצן נוסח ביז'ן סוף, און ווען דו וועסט זיין אין געריכט הויז, זאלסטו זיך שטעלן פאר'ן ריכטער, און זאג הויעך אויפ'ן קול אשמנו, בגדנו, גזלנו, ביז'ן סוף.

**אויסגעלערנט דעם לויער אשמנו**

דער בחור האט אזוי געטאן, ער האט געדינגען א לויער א איד וועלכער איז ליידער נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות, און האט אים געזאגט איך וועל דיר אויסלערנען א געוויסע תפלה וואס מיר זאגן יום כיפור, וואו מ'איז זיך מתוודה אויף די עבירות וואס מ'האט געטאן, און איך וויל אז דו זאלסט דאס פארשטיין פון אנהויב ביז'ן סוף, כאטש ס'האט נישט קיין פשט דאס צו טאן, אבער אזוי האט מיך מיין רבי באפוילן צו טאן.

דער בחור האט אויסגעלערנט דעם לויער דעם גאנצן וידוי, און צום באשטימטן טאג איז מען געגאנגען אין געריכט, ביי דער געריכט האבן די אנקלעגער פארגעלייגט אלע עבירות וואס דער בחור האט געטאן די לעצטערע יארן, און זיי האבן אויף אלעם געהאט קלארע באווייזן, און דער ריכטער איז שוין כמעט געווען גרייט צו פסק'ענען פאר'ן בחור תפיסה אויף לאנגע יארן.

**דער בחור זאגט וידוי**

אבער פאר דער ריכטער האט ארויסגעגעבן זיין פסק, האט ער געפרעגט דעם לויער וואס האסטו צו זאגן, האט זיך דער בחור אויפגעשטעלט און געטאן אזוי ווי דער רבי האט אים באפוילן, ער האט אנגעהויבן שטארק צו וויינען און געזאגט מיט א הויעך קול דעם גאנצן נוסח פון אשמנו ביז'ן סוף, יעדעס ווארט איז געווען באגלייט מיט א יאמערליכען געוויין.

כאטש דער ריכטער האט נישט פארשטאנען קיין ווארט וואס דער בחור זאגט, האט ער אים אבער אויסגעהערט, ווען דער בחור האט געענדיגט האט ער געפרעגט דעם לויער וואס דער בחור האט געזאגט, האט דער לויער מסביר געווען פאר'ן ריכטער אז די אידן האבן א הייליגע טאג יום כיפור ווען זיי טוען תשובה אויף אלע זייערע עבירות, און זיי זאגן דעמאלטס די תפלה אויסדרוקנדיג פון טיפן הארצן די חרטה געפילן אויף אלעם וואס זיי האבן געטאן.

**דער ריכטער פארלאזט טרערן**

ווען דער לויער האט פארענדיגט די לאנגע הסברים אויפ'ן אשמנו, איז דער ריכטער געבליבן שטיל און געווארט, מ'האט געזען אז ער איז געווארן שטארק גערירט און עס זענען געריננען טרערן פון זיינע אויגן.

פלוצלינג האט זיך דער ריכטער אויפגעהויבן און איז אריין אין זיין פריוואטן צימער, נאך צען מינוט איז דער ריכטער צוריקגעקומען אין זאַל, און האט גענומען דעם האמערל און געגעבן א קלאפ אויפ'ן טיש און אויסגערופן אז דער בחור איז באפרייט.

די אנקלעגער מיט זייערע עדות זענען געווארן זייער פארוואונדערט און געפרעגט פונעם ריכטער פארוואס ער לאזט פריי דעם בחור נאך וואס מען האט קלאר אויפגעוויזן אז ער האט אפגעטאן אזויפיל פארברעכנס.

האט דער ריכטער געענטפערט, איך בין שוין דרייסיג יאר א ריכטער, און איך ווייס אז יעדער באשולדיגטער מענטש האט חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים, און זאגט צו אז ער וועט דאס קיינמאל מער נישט טאן, עס האט אבער נאך קיינמאל נישט פאסירט אז איינער זאל זיך אזוי שטארק מתוודה זיין פון טיפן הארצן אז ער זאל מיר מאכן וויינען, דעריבער לאז איך אים פריי.

כאטש דער ריכטער האט פרובירט צו פארענטפערן זיין פסק, ווייסן מיר אבער אז דאס איז געווען אינעם זכות פונעם הייליגן ריבניצער רבי'ן וועלכער האט אויסגע'פועל'ט פאר'ן בחור א ישועה למעלה מדרך הטבע.

<><><><>

**<u>דער אמת איז ארויפגעשווימען</u>**

ביי איינע פון די יארצייט סעודות וואס ווערט צוגעשטעלט יערליך דורך די ריבניצער תלמוד תורה אין מאנסי, האט הרה"ח ר' מענדל זיידענפעלד ני"ו דערציילט זיין פערזענליכע געשיכטע וויאזוי ער האט געהאט אן אפענעם מופת ביים הייליגן ריבניצער רבי'ן זי"ע.

ר' מענדל האט געארבעט מיט ריעל עסטעיט (פארקויפן און פארדינגען הייזער), ער האט געהאט א גרויסע בילדונג אין וויליאמסבורג אויף סאוט 8 וואו עס האבן געוואוינט אסאך גוים וועלכע האבן באצאלט רענט פאר ר' מענדל.

**זיידענפעלד איז שולדיג**

איינמאל איז א קינד פון איינע פון די איינוואוינערס קראנק געווארן מיט א לונגען אנטצינדונג און דאס קינד איז געשטארבן, איז געווען איינער - וועלכער האט ליידער געשטאמט מזרע ישראל און האט זייער פיינט געהאט חסיד'ישע אידן - וואס האט באשלאסן צו באשמיצן די אידן, און געזאגט, אז דער חסיד'ישער בעל הבית זיידענפעלד איז שולדיג אינעם טויט פונעם קינד ווייל ער האט נישט געגעבן קיין גוטע הייצונג אין די דירות וואס דאס האט צוגעברענגט אז דאס קינד האט באקומען דעם לונגען אנטצינדונג און געשטארבן.

ר' מענדל האט אבער קלאר אויפגעוויזן אז ער האט רעסיטס פון א נייע בוילער וואס ער האט געקויפט ממש פאר די מעשה האט פאסירט, ממילא זענען יא אלע דירות געווען גוט געהייצט.

אן אנטיסעמיטישער גלח מיט'ן נאמען האט אנגעהויבן א העסליכער קאמפיין קעגן ר' מענדל, און האט אנגעדרייט די גוים וועלכע האבן געוואוינט אין ר' מענדל'ס בילדינג אז זיי זאלן אים אויפהערן צו צאלן רענט, און ר' מענדל האט געהאט גרויס שאדן.

**ר' מענדל ווערט באשולדיגט אין די פייער**

איין נאכט האט אויסגעבראכן א גרויסע פייער פון וואס דער גאנצער בילדונג האט אפגעפלאקערט, ווען ר' מענדל האט געהערט אז דער בילדונג ברענט איז ער שנעל אריבערגעקומען זען וואס מ'קען ראטעווען.

אנקומענדיג דארט האבן די גוי'אישע איינוואוינערס אנגעהויבן צו שרייען אויף אים און אים באשולדיגט אז ער האט אליינס אנגעצינדן די פייער כדי צו באקומען געלט פון די אינשורענס, זיי האבן געזאגט אז ס'איז דא עדות וועלכע האבן אים געזען ארויסקומען פון די בילדונג צוויי שעה פאר די פייער, דאס איז אבער געווען א פשוט'ער שקר, ר' מענדל איז בכלל נישט געווען אין די בילדונג פאר דער פייער האט פאסירט.

די פאליציי האבן אוועקגעפירט ר' מענדל צום פאליציי סטאנציע, מ'האט אים ארויסגעלאזט אויף צייטווייליג אויף בעיל (נאכ'ן איינלייגן א גרויסן סכום געלט), און דער משפט איז באשטימט געווארן אויף נאך פסח.

**דער רבי וועט רעדן צום שר של אש**

תיכף ווען מ'האט ארויסגעלאזט ר' מענדל פון תפיסה איז ער אריבערגעפארן צום הייליגן ריבניצער רבי'ן קיין בארא פארק און זיך מזכיר געווען אויף די שווערע צרה וואס האט אים באטראפן, דער רבי האט אים געזאגט אז ער וועט רעדן צום שר של אש (דער שר וואס איז געשטעלט אויבן אין הימל אויף פייער) און מ'וועט זען וואס מ'קען טאן.

ר' מענדל האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז דער גוי וועלכער קלאגט אים זאגט, אז אויב ער וועט זיך מודה זיין אז ער האט אליינס געמאכט דעם פייער וועט ער אפקומען בלויז מיט פינף יאר תפיסה, אבער דער ריבניצער רבי האט אים געזאגט אז ער זאל בשום אופן נישט איינגיין אויף קיין שום פשרה, ער זאל גארנישט מודה זיין און אלעס וועט אי"ה זיין מסודר.

ר' מענדל האט אויפגענומען א גרויסער לויער, דער לויער האט קודם נישט געוואלט אננעמען דעם קעיס, ער האט גע'טענה'ט אז וויבאלד עס זענען פאראן אזויפיל עדות אז ער האט אליינס אונטערגעצינדען דעם פייער איז נישטא וואס צו טאן, אבער נאך גרויס שתדלנות האט דער לויער יא אנגענומען דעם קעיס.

א נאכט פאר בדיקת חמץ איז ר' מענדל אריין צום רבי'ן, און דער רבי האט אים געזאגט אז ער האט נאכנישט געענדיגט רעדן מיט'ן שר של אש.

נאך פסח, א נאכט פאר'ן משפט, איז ר' מענדל נאכאמאל אריבערגעקומען צום רבי'ן, דער רבי האט זיך וועקגעדרייט פון אים, ס'האט אויסגעזען ווי דער רבי וויל אים נישט אנקוקן, ר' מענדל איז געווארן זייער דערשראקן, די גבאים האבן פרובירט צו רעדן צום רבי'ן אז מארגן איז דער משפט, אבער דער רבי האט זיי געזאגט אז ער וויל נישט רעדן צו אים, ר' מענדל איז אהיימגעגאנגען זייער צובראכן.

ווי נאר ער איז אנגעקומען אהיים, רופט אים דער גבאי אָן אז דער רבי זאגט ער זאל תיכף אריבערקומען, ר' מענדל איז שנעל צוריקגעפארן קיין בארא פארק און איז אריין צום רבי'ן.

**מארגן וועסטו באפרייט ווערן**

דער רבי האט אראפגעלייגט דעם קאפ אויפ'ן טיש און געוויינט א לענגערע צייט, נאכדעם האט דער רבי געזאגט פאר ר'

# מערכת אז תתענג

**טעל: 845-288-3780 · פעקס: 845-492-2857**

בעזהשי"ת

**ערב סוכות שנת תשפ"ה לפ"ק**

## <u>מודעה חשובה</u>

מיר געבן אפ א שבח והודאה להשי"ת אז מיר האבן ב"ה די זכי' ארויסצוגעבן דעם גליון "**אז תתענג**" מידי שבוע בשבוע ומידי מועד במועדו, און מהנה זיין אזויפיל אידן מיט איר רייכער אינהאלט.

באזונדער דאנקען מיר השי"ת אז מיר האבן געהאט די זכי' ארויסצוגעבן די ערשטע **פינף בענדער** פון די **ספרי אז תתענג - סיפורי צדיקים** לויט די יארצייטן, וואס מיר האבן אינוועסטירט גרויסע כוחות ודמים תרתי משמע צו קענען ארויסגעבן די בענדער, כדי צו מזכה זיין דעם רבים וועלכע קוקן שוין אזוי לאנג ארויס אויפ'ן ערשיינונג פון די ספרי אז תתענג, און דא איז טאקע דער פלאץ זיך צו **באדאנקען פאר די חשוב'ע נדבנים** וועלכע זענען אונז אקעגן געקומען מיט א געוואלדיגע ווארעמקייט צו אפקויפן דעם זכות פון די מעשיות פון צדיקים.

גלייכצייטיג זענען מיר מודיע אז מיר גרייטן יעצט צו לדפוס בעז"ה דער **זעקסטער באנד** פון ספר **אז תתענג**, וועלכע וועט אנטהאלטן מעשיות פון די צדיקים וואס זייער יארצייט געפאלט אויס אין **חודש אב-אלול**, און עס וועט זיין די מעגליכקייט אפצוקויפן די זכות פון די מעשיות פון די צדיקים.

די רשימה פון די צדיקים וואס ס'וועט ערשיינען מעשיות פון זיי אינעם נייעם באנד וועט בעז"ה ערשיינען אין אונזער גליון אין די קומענדיגע וואכן, אויב איר ווילט באקומען די רשימה פון פאראויס, כדי מנדב צו זיין דעם זכות פון א צדיק, קענט איר לאזן א מעסידזש אויף די נומבער פון מערכת אז תתענג **845-288-3780**.

אויך קען מען לאזן א מעסידזש אויף דעם נומבער מיט סיי וועלכע הערה איבער די ספרי און גליוני אז תתענג, ווי אויך צו באקומען א גרעסערע קוואנטום ספרים פאר האלסעיל פרייזן.

*

אויך ווילן מיר מעלדן אז אויפ'ן גרויסן פארלאנג פונעם ציבור, האפן מיר - נאכ'ן ענדיגן דעם זעקסטן און לעצטן באנד פון סיפורי צדיקים לויט'ן סדר היארצייטן - ארויסצוגעבן נאך בענדער פון געקליבענע **סיפורי צדיקים** און **ענינים** אויף די **ימים טובים און יומא דפגרא**, און אויף **פרשיות השבוע**, און וויבאלד דאס ציעט אריין אין גאר גרויסע קאסטן, וועט דאס נאר קענען צושטאנד קומען מיט די הילף פון די חשוב'ע נדבנים.

אויב ווילט איר מנדב זיין פאר די קומענדיגע בענדער, אדער פאר סיי וועלכע פארשלאג, קענט איר רופן און לאזן א מעסידזש אויף די אויבנדערמאנטע נומבער. מיר האפן בעז"ה בעתיד צו מעלדן מער פרטים איבער די קומענדיגע בענדער וואס וועלן אי"ה ערשיינען לאור עולם.

*

ויה"ר אז דער זכות הצדיקים זאל מגין זיין אויף אונז אלע, יעדער זאל געבענטשט ווערן מיט א גמר חתימה טובה, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו גיין קעגן משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

בכבוד רב:
**מערכת אז תתענג**

מענדל, איך וועל דיר דערציילן וואס עס גייט מארגן פאָרקומען אין געריכט זאל, דורכאויס דעם טאג וועט דיין מצב אויסזען זייער שמאל, אבער צום סוף וועט זיך אלעס איבערדרייען און נאך מארגן וועסטו אינגאנצן באפרייט ווערן, דערנאך האט דער רבי געהייסן אנצינדן צוויי ליכט און באפוילן אז מ'זאל אויפשרייבן אויף א צעטל דעם גלח'ס נאמען, און דער רבי האט פארברענט דעם צעטל אין די ליכט.

**האלטן די מטבע אין די רעכטע האנט**

נאכדעם האט דער רבי באפוילן אז מ'זאל אים ברענגען די פושקע, ער האט דארט ארויסגענומען א מטבע און דאס געלייגט אויף זיין שטערן און געווײנט פאר עטליכע מינוט, דערנאך האט דער רבי געזאגט פאר ר' מענדל, די מטבע זאלסטו האלטן אין די הייעך אין די רעכטע האנט די גאנצע צייט פון די משפט, און איך גיב דיר אויך מיין רש"י תפילין, דאס זאלסטו האלטן אין די לינקע האנט, אויב מ'וועט דיר פרעגן וואס דאס איז, זאלסטו זאגן אז איר האט דאס באקומען פון חיים זאנוויל, און אזוי וועט ארויסקומען דעם אמת אז דו ביסט נישט שולדיג.

דערנאך האט דער רבי געזאגט פאר ר' מענדל, גיי יעצט אהיים און וואש דיר די הענט און זאג ברכות התורה, דערנאך גיי אין געריכט, און געדענק, דו זאלסט זיך נישט דערשרעקן פאר קיינעם, איך וועל דיך ווארטן בעפאר שחרית, און גלייך נאכ'ן באפרייט ווערן זאלסטו אהערקומען דאווענען און זאלסט מיטברענגען מזונות און בראנפן לכבוד דיין באפרייאונג.

דער רבי האט ארויסבאגלייט ר' מענדל ביז'ן טיר, זייענדיג ביים טיר האט זיך דער רבי אנגערופן צו ר' מענדל, דו דארפסט שוין נישט מיין תפילין, די מטבע וועט זיין גענוג, און ער האט אים צוריקגעגעבעטן די תפילין.

ר' מענדל איז געגאנגען אין געריכט, דער געריכט זאַל איז געווען איבערגעפילט מיט שכנים וועלכע זענען געקומען עדות זאגן קעגן ר' מענדל, ס'איז נישט געווען קיין איין ליידיגע פלאץ אין זאַל, און מ'האט געמוזט אריבערגיין צו א גרעסערע זאַל.

**עס וועט ארויסקומען דער אמת**

דער געריכט האט זיך פארצויגן איבער צוויי שעה, אינמיטן האט די ריכטער געפרעגט ר' מענדל פארוואס ער האלט א גאנצע צייט די הענט אין די הייעך, האט ער געענטפערט מיין ראביי רבי חיים זאנוויל אבראמאוויטש האט מיר געגעבן א מטבע און האט מיך באפוילן דאס צו האלטן אין די הייעך, ווייל אזוי וועט דער אמת ארויפשווימען.

אלע גוים אין זאַל האבן אויסגעשאסן אין א געלעכטער, און דער מצב האט אויסגעזען זייער ביטער, אינצווישן האט געמאכט א הפסק פאר עטליכע מינוט, און ר' מענדל האט באקומען רשות צו מאכן איין טעלעפאן קאָל.

ר' מענדל האט תיכף גערופן צום רבי'ן אין שטוב און דערציילן דעם מצב, דער רבי האט געפרעגט, מענדל שוין גלייבסטו נישט, איך האב דיר דאך פאראויס געזאגט אז קודם וועט דער מצב זיין שמאל, אבער נאכדעם וועסטו באפרייט ווערן.

**עדות קעגן דעם גלח**

נאכ'ן הפסק האט מען געדארפט אויסהערן די עדות, דער ערשטער עדות איז ארויפגעקומען, און ווען דער ריכטער האט אים געהייסן שווערן, האט דער עדות געזאגט אז קודם וויל ער עפעס זאגן, און האט זיך הויעך אנגערופן, איך וויל מיך אנטשולדיגן פאר מיסטער זיידענפעלד, איך האב אים נאך קיינמאל אין מיין לעבן נישט געזען, די סיבה פארוואס איך האב מיר אנגעגעבן אלס עדות איז וויבאלד דער גלח האט מיך איבערגערעדט - אינאיינעם מיט אנדערע עדות - אז אויב מיר וועלן זאגן עדות קעגן מיסטער זיידענפעלד, וועלן מיר באקומען א דירה אין די נייע פראדזשעקס וואס ווערט יעצט געבויעט, אבער מיין געפיל ערלויבט מיר נישט צו טאן אזא אומרעכט קעגן אן אומשולדיגער מענטש.

**מענדל האט זוכה געווען בדין**

אלע מענטשן פונעם זאל זענען געווארן שאקירט, דער גאנצער קעיס איז צופאלן, און דער ריכטער האט געזאגט פאר ר' מענדל אז ער קען יעצט אנקלאגן דעם גלח און אלע עדות, האט ר' מענדל געזאגט אז ער דארף פרעגן זיין ראביי, ער האט אנגערופן דעם רבי'ן, דער גבאי הייבט אויף דעם טעלעפאן און זאגט מזל טוב, דער רבי האט יעצט געזאגט אז מענדל האט זוכה געווען בדין און עס קומט אים א מזל טוב, נאכ'ן פרעגן אויב ער זאל אנקלאגן דעם גלח, האט דער רבי געזאגט אז מ'זאל קיינעם נישט אנקלאגן.

עס איז נישטא קיין ווערטער צו באשרייבן וואס פארא געוואלדיגע קידוש השם די מעשה האט געמאכט, סיי דאס עצם באפרייאונג און סיי דאס וואס ר' מענדל האט געזאגט אז ער וויל נישט אנקלאגן דעם גלח.

ר' מענדל איז תיכף געפארן צום רבי'ן צו דאווענען שחרית, און נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א גרויסער לחיים און מ'האט געלויבט דעם הייליגן באשעפער אויפ'ן גרויסן נס וואס האט פאסירט.

<><><><>

**עס איז נישט ארגער ווי דער לאָך**

ווען דער הייליגער ריבניצער רבי האט געוואוינט אין רוסלאנד, איז נישט געווען קיין מקוה אין די גאנצע געגנט, דעריבער איז ער געגאנגען אין טייך זיך טובל'ן, ווינטער ווען דער טייך איז

געווען א שטיק אייז, האט מען געדארפט אויפהאקן די אייז מיט א האַק כדי צו מאכן א לאָך זיך צו קענען טובל'ן.

יעדן טאג צווישן דריי און פיר אזייגער פארטאגס איז דער הייליגער ריבניצער רבי געגאנגען אין מקוה, די וועג פון זיין הויז ביז צו די טייך האט געדויערט א האלבע שעה, ס'איז געווען פראַסטיג קאלט, און די גאנצע וועג איז געווען פול מיט שניי, ס'האט גענומען כמעט א שעה אויפצוהאקן די אייז, אבער דער הייליגער צדיק האט געהאט גרויס מסירות נפש זיך צו טובל'ן יעדן טאג אין מקוה, וואס דאס ברענגט אויפ'ן מענטש א גרויסע קדושה.

### נישט געטראפן דעם לאָך

איינמאל האט פאסירט אז נאכ'ן אריין אין טייך דורכ'ן לאָך, האבן כוואליעס אוועקגעשלעפט דעם רבי'ן פונעם לאָך וואס ער האט אויסגעהאקט און האט נישט געקענט ארויסגיין פונעם וואסער וואס איז געווען איבערגעדעקט מיט דיקע אייז, ער האט אפילו נישט געקענט דאווענען מיט'ן מויל, נאר ער האט מתפלל געווען במחשבה, און האט געטראכט ווי פאלגענד, רבונו של עולם אויב דו וועסט מיר ארויסנעמען פון דא זאג איך דיר צו אז דו וועסט נישט דערלייגן, דו וועסט האבן פון מיר א גרויסע נחת רוח.

### די כוואליעס שטופן צוריק

גלייך נאכדעם זענען געקומען פארקערטע כוואליעס וועלכע האבן אים צוריקגעשטופט צום לאָך וואו ער איז אריין אינעם וואסער, און אזוי איז ער ארויסגעקומען פון דעם טייך מיט גרויסע נסים.

ווען ער איז ארויסגעקומען האט ער זיך אראפגעזעצט אויף דער ערד און ארויפגעקוקט צום הימל פאר א לענגערע צייט, און ער האט געזאגט, הייליגער באשעפער איך האב דיר צוגעזאגט אז איך וועל דיר ברענגען א נחת רוח, דו וועסט נישט דערלייגן.

### די ריבניצער תנועה

דעמאלטס האט דער רבי מחבר געווען דעם באקאנטן תנועה, וועלכע איז באקאנט אלס די ריבניצער תנועה, מיט די תנועה האט ער אלע יארן געזאגט תהלים און געבעטן פאר אידישע קינדער, ער פלעגט אויך לערנען מיט די תנועה.

### דער רבוש"ע זאל נישט דערלייגן

עטליכע מאל ווען א איד איז געקומען צום הייליגן ריבניצער און זיך אויסגערעדט אויף זיין שווערע מצב זייענדיג אינגאנצן מיואש, האט אים דער רבי מחזק געווען און געזאגט, אז דער מצב וואס מ'זעט נישט קיין וועג ארויס איז דאך נישט ארגער פונעם מצב וואס איך האב געהאט אינעם לאָך, און דער אויבערשטער האט געהאלפן.

דער רבי פלעגט צולייגן, ווען דער אויבערשטער וועט דיר העלפן און דיך ארויסנעמען פון דיין מצב, זעע אז דער אויבערשטער זאל נישט דערלייגן, און דער רבי פלעגט זאגן אויף זיך, דער רבונו של עולם האט נישט דערלייגט פון מיר ארויסנעמען פון דארט.

<><><><>

### דער קריזיס איז אדורך

נאך האט ר' יעקב חיים דערציילט, אז ווען דער רבי זי"ע האט באקומען דעם סטראוק פרייטאג צונאכטס שבת שקלים תשכ"ח, האט מען אים געשיקט א טעלעגראם פאר ר' יעקב חיים אז ער זאל גיין צום ציון פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע אין מעזעבוש צו מתפלל זיין פאר'ן רבי'ן זי"ע.

ער איז טאקע געפארן מיט עטליכע מענטשן קיין מעזעבוש צום ציון פון הייליגן בעש"ט זי"ע, אויך איז ער געפארן צום הייליגער ריבניצער רבי'ן און מזכיר געווען אז רבינו יואל בן חנה זאל האבן א רפואה שלימה.

דער ריבניצער רבי האט שטארק איינגעריסן פאר'ן רבי'ן, נאך עטליכע טעג האט דער ריבניצער רבי געזאגט פאר זיינע שטוב מענטשן, ווי ס'זעט אויס איז דער קריזיס ביים סאטמארער רב שוין אריבער, מיט רוח הקודש האט דער רבי געזען וואס עס טוט זיך פונדערווייטנס, און אזוי איז טאקע געווען, נאך עטליכע טעג האבן מיר באקומען א טעלעגראם אז דער שווערער קריזיס איז אדורך, און דער רבי איז ארויס פון די שווערע סכנה'דיגע מצב.

<><><><>

### <u>א טבילה שאדט נישט</u>

נאך האט ר' יעקב חיים פארציילט, איינמאל ערב שבת בין איך געגאנגען באגלייטן דעם רבי'ן זיך צו טובל'ן אינעם אייז קאלטן וואסער פונעם טייך, דער רבי האט זיך גע'טובל'ט און איז ארויסגעקומען, ווען דער רבי האט באמערקט אז איך האב זיך נישט ג'עטובל'ט, האט מיר דער רבי געפרעגט פארוואס איך גיי מיך נישט טובל'ן לכבוד שבת, האב איך געזאגט אז איך בין פארקילט און איך האב מורא אז מיט'ן זיך טובל'ן אין די אייז קאלטע וואסער קען דאס ווערן ערגער.

האט מיר דער רבי געזאגט, דער גרויסער (דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע) האט צוגעזאגט אז איין טבילה שאדט נישט, אזוי ווי איך האב דאס געהערט בין איך מיר געגאנגען טובל'ן, נאכ'ן טובל'ן זאגט מיר דער רבי, אויף די צווייטע טבילה זאג איך דיר צו אז עס וועט נישט שאטן, האב איך מיר נאכאמאל גע'טובל'ט, און ב"ה ס'האט גארנישט געשאדט.

<><><><>

## להושענא רבא

### הושענא רבה תחילת זמן קבלת הברכות

**בְּיוֹמָא קַדְמָאָה דְּיַרְחָא שֵׁירוּתָא דְּדִינָא הוּא** ביום הראשון של חדש תשרי שהוא ראש השנה אז הוא התחלת הדין, **וְסִיּוּמָא הוּא בְּהַאי יוֹמָא** והסיום הוא בזה היום של הושענא רבא, **וְהָא אִתְּמַר** והרי למדנו ענין הזה כראוי.

**תָּא חֲזֵי, בְּיוֹמָא דָּא שָׁלְמִין וּמְסַיְּימֵי עַמִּין בִּרְכָאן דִּלְהוֹן** בא וראה, כי ביום הזה של הושענא רבא מסיימים האומות את קבלת הברכות שלהם, שקבלו על ידי השבעים פרים שהקריבו עליהם בשבעת ימי חג הסוכות, **וְשָׁרָאן בְּדִינָא** ומעתה הם מתחילים בהנהגת הדין, **וְיִשְׂרָאֵל בְּיוֹמָא דָּא מְסַיְּימֵי דִּינִין דִּלְהוֹן** אבל ישראל ביום הזה מסיימים את המשכת ונתינת הדינים למלכות, **וְשָׁרָאן בְּבִרְכָתָא** ועתה הם מתחילים בקבלת הברכות, **דְּהָא לְיוֹמָא אַחֲרָא** כי ליום האחר שהוא שמיני עצרת, **זְמִינִין לְאִשְׁתַּעְשְׁעָא בְּמַלְכָּא** הם מזומנים להשתעשע עם המלך ב"ה, ביחוד העליון הנעשה ביום הזה בתפלת המוסף, **לְנָטְלָא מִינֵּיהּ בִּרְכָאן לְכָל שַׁתָּא** כדי לקבל ממנו ברכות לכל ימות השנה, **וּבְהַהוּא חֶדְוָותָא לָא מִשְׁתַּכְּחֵי בְּמַלְכָּא אֶלָּא יִשְׂרָאֵל בִּלְחוֹדַיְיהוּ** ובאותה השמחה לא נמצאים עם המלך אלא ישראל בלבדם, **וּמַאן דְּיָתִיב עִם מַלְכָּא, וְנָטַל לֵיהּ בִּלְחוֹדֵיהּ** ומי שיושב עם המלך, והמלך לוקח אותו לבדו לשבת עמו, **כָּל מַה דְּבָעֵי שָׁאִיל וְיָהִיב לֵיהּ** כל מה שהוא רוצה שואל ומבקש, וניתן לו מבית המלך, **וְעַל דָּא יִשְׂרָאֵל שָׁרָאן** ועל כן ישראל

אידיש

### הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אִיז דֶער אָנְהֵייבּ פוּן דִי צַייט פוּן בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת

**אִינֶעם** עֶרְשְׁטְן טָאג פוּן חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי וָואס דָאס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער אָנְהֵייבּ פוּנֶעם דִין, אוּן דִי עֶנְדֶע אִיז אִין דֶער טָאג פוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, אוּן מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם עִנְיָן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**קוּם** אוּן זֶע, אַז אִין דֶעם טָאג פוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה עֶנְדִיגְן דִי פֶעלְקֶער צוּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶרע בְּרָכוֹת, וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דִי זִיבֶּעצִיג אָקְסְן וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר זֵייעֶרְטְוֶועגְן אִין דִי זִיבְּן טֶעג פוּן דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אוּן פוּן יֶעצְט הֵייבְּן זֵיי אָן מִיטְן הַנְהָגָה פוּן דִין, אָבֶער דִי אִידְן עֶנְדִיגְן אִין דֶעם טָאג דָאס צִיעֶן אוּן גֶעבְּן דִי דִינִים פַארְן בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת, אוּן יֶעצְט הֵייבְּן זֵיי אָן מִיטְן בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת, וַוייל אִינֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג וָואס דָאס אִיז שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, זֶענֶען זֵיי אַייְנְגֶעלַאדְנְט צוּ הָאבְּן פַארְגֶענִיגְן מִיטְן קֶענִיג גֶעלוֹיבְּט אִיז עֶר, מִיטְן יִחוּד הָעֶלְיוֹן וָואס וֶוערְט גֶעמַאכְט אִין דֶעם טָאג בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן מוּסָף, כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אִים בְּרָכוֹת פַאר אַלֶע טֶעג פוּנֶעם יָאר, אוּן אִין דִי שִׂמְחָה גֶעפִינֶען זִיךְ נִישְׁט מִיטְן קֶענִיג, נָאר דִי אִידְן אַלֵיין, אוּן וֶוער עֶס זִיצְט מִיטְן קֶענִיג, אוּן דֶער קֶענִיג נֶעמְט אִים אַלֵיין צוּ זִיצְן מִיט אִים, אִיז אַלֶעם וָואס עֶר וִויל בֶּעט עֶר אוּן עֶר פַארְלַאנְגְט, אוּן עֶס וֶוערְט אִים גֶעגֶעבְּן פוּנֶעם הוֹיז פוּן דֶער קֶענִיג, אוּן דֶערְפַאר הֵייבְּן דִי אִידְן יֶעצְט אָן דָאס בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת, אוּן דִי פֶעלְקֶער עֶנְדִיגְן אוּן בַּאקוּמֶען מֶער נִישְׁט

מתחילים עתה את קבלת הברכות, **וְעַמִּין מְסַיְּימֵי** והעמים מסיימים ולא מקבלים עוד ברכות, **וְעַל דָּא כְּתִיב** ועל זה נאמר **אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר יהו"ה וְגוֹ'** ואת עשו שנאתי ואשים את הריו שממה.

(צו דף לב ע"א, ובביאורינו כרך י עמ' שצא-שצב)

# לשמחת תורה

## שמחת הקב"ה עם ישראל

**מִכָּאן וּלְהָלְאָה** אחר שבעת ימי הסוכות, **יוֹמָא חַד דְּמַלְכָּא עִלָּאָה דְּחָדֵי בְּהוּ בְּיִשְׂרָאֵל** יש יום אחד של המלך העליון ב"ה ששמח בהם בישראל **דִּכְתִיב בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת תִּהְיֶה לָכֶם, דְּהָא יוֹמָא דָא מִן מַלְכָּא בִּלְחוֹדוֹי** כי יום זה הוא מן המלך לבדו, **חֶדְוָותָא דִילֵיהּ בְּיִשְׂרָאֵל** ושמחתו היא רק עם ישראל, **לְמַלְכָּא דְּזַמִּין אוּשְׁפִּיזִין וְכוּ'** משל למלך שהזמין אורחים לסעודתו וכו', סיום המאמר הוא בפרשת אמור דף קד ע"ב.

(ויחי דף רכא ע"א, ובביאורינו כרך ד עמ' תמא)

## בשמיני עצרת מתייחדים ישראל עם הקב"ה

**כְּתִיב בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת תִּהְיֶה לָכֶם** היינו **דְּהָא יוֹמָא דָא מִמַּלְכָּא הוּא בִּלְחוֹדוֹי** כי היום הזה של המלך הוא לבדו, כי בשמיני עצרת יש יחודא עלאה של קוב"ה ושכינתיה דאצילות, **חֶדְוְותָא דִּילֵיהּ בְּהוּ בְּיִשְׂרָאֵל** והשמחה שלו עם ישראל, כי גם נשמות ישראל יש להם חלק בהיחוד.

**מְתַל לְמַלְכָּא דְּזַמִּין אוּשְׁפִּיזִין** משל למלך שהזמין אורחים, **אִשְׁתְּדָלוּ בְּהוּ כָּל בְּנֵי הֵיכְלֵיהּ** עסקו עמהם כל בני ההיכל, **לְבָתַר אָמַר מַלְכָּא** אח"כ אמר המלך לבני היכלו, **עַד כָּאן אֲנָא וְאַתּוּן אִשְׁתַּדַּלְנָא כֻּלְּהוּ בְּאוּשְׁפִּיזִין** עד כאן אני ואתם עסקנו כולנו עם האורחים, **וּקְרַבְתּוּן קָרְבָּנִין עַל שְׁאָר עַמִּין בְּכָל יוֹמָא** והקרבתם קרבנות, דהיינו שבעים פרים, על שאר העמים, כל יום משבעת ימי הסוכות, **מִכָּאן וּלְהָלְאָה אֲנָא וְאַתּוּן נֶחֱדֵי יוֹמָא חַד** מכאן

## אידיש

קיין בְּרָכוֹת, און דערויף איז געזאָגט געוואָרן אין פָּסוּק "אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה' וְגוֹ' וְאֶת עֵשָׂו שָׂנֵאתִי וָאָשִׂים אֶת הָרָיו שְׁמָמָה", איך האָב ענק ליב, אַזוֹי זאָגט דער אויבערשטער, און דעם עֵשָׂו האָב איך פַיינט און איך וועל מאַכן זיינע בערג פאַר אַ ווּיסטעניש.

### דאָס פְרייד פוּנעם אויבערשטן מיט די אידן

**נָאך** די זיבן טעג פון סוכּוֹת, איז דאָ איין טאָג פוּנעם מֶלֶךְ הָעֶלְיוֹן געלויבט איז ער וואָס ער פְרייט זיך מיט זיי מיט די אידן, אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק "בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת תִּהְיֶה לָכֶם", אינעם אַכטן טאָג זאָלט איר זיך אָפְּהאַלטן פון אַרבעט, ווייל דער טאָג איז פון דעם קעניג אַליין, און זיין פְרייד איז נאָר מיט די אידן, דאָס איז אַ מָשָׁל צו אַ קעניג וואָס האָט אײַנגעלאַדנט געסט צו זיין סְעוּדָה וְכוּ'. (די ענדע פון דעם מַאֲמָר געפינט זיך אין פָּרָשַׁת אֱמוֹר דף קד ע"ב.)

### אום שְׁמִינִי עֲצֶרֶת פאַראייניגן זיך די אידן מיטן אויבערשטן

**עֶס** שטייט אין פָּסוּק "בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת תִּהְיֶה לָכֶם", דאָס הייסט אַז דער טאָג פוּנעם קעניג איז פון איהם אַליין, ווייל אין שְׁמִינִי עֲצֶרֶת איז דאָ אַ יִחוּד עֶלְיוֹן פון קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ פון די בְּחִינָה פון עוֹלַם הָאֲצִילוּת, און זיין פְרייד איז מיט די אידן, ווייל אויך די נְשָׁמוֹת פון די אידן האָבן אַ טייל אינעם יִחוּד.

**דָאס** איז אַ מָשָׁל צו אַ קעניג וואָס האָט אײַנגעלאַדנט געסט, האָבן אַלע מענטשן פוּנעם קעניג'ס פּאַלאַץ זיך באַשעפטיגט מיט זיי, דערנאָך האָט דער קעניג געזאָגט צו די מענטשן פון זיין פּאַלאַץ, ביז יעצט האָב איך און אייך אַלע זיך באַשעפטיגט מיט די געסט, און איר האָט געבּרענגט קָרְבָּנוֹת, דאָס הייסט די זיבעציג אָקסן, פאַר די אַנדערע פעלקער, יעדן טאָג פון די זיבן טעג פון סוכּוֹת,

ולהלאה אני ואתם נשמח יחד יום אחד, **הָדָא הוּא דִכְתִיב בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת תִּהְיֶה לָכֶם**, הנה מלת **לָכֶם** היינו **לְקָרְבָא קֻרְבָּנִין עֲלַיְיכוּ** להקריב קרבנות בשבילכם. [וכו']

**וְהַאי יוֹמָא יַעֲקֹב הוּא רֵישָׁא לְחֶדְוָותָא** ובזה היום של שמיני עצרת יעקב דהיינו סוד התפארת הוא הראש אל השמחה והוא העיקר, **וְכָל אִינוּן אוּשְׁפִּיזֵי חָדָאן עִמֵּיהּ** וכל אותם האושפיזין שמחים עמו, **וְעַל דָּא כְתִיב** ועל זה נאמר **אַשְׁרֶיךָ יִשְׂרָאֵל מִי כָמוֹךָ** עם נושע בה', כי בני ישראל מתייחדים בשמיני עצרת עם ה', ועל ידי זה הם נושעים בכל מיני ישועות, **וּכְתִיב** ועוד כתוב **וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר.** (אמור דף קד ע"ב, ובביאורינו כרך יא עמ' תריז-תריח)

## ענין קריאת היום שמחת תורה

**וְנוֹהֲגִין לְמֶעְבַּד יִשְׂרָאֵל עִמָּהּ חֶדְוָה** בשמיני עצרת נוהגים ישראל לעשות עם השכינה שמחה, **וְאִתְקְרִיאַת שִׂמְחַת תּוֹרָה** ונקרא יום זה שמחת תורה, על שם יחוד קוב"ה ושכינתיה הנעשה בזה היום, לכן **וּמְעַטְּרָן לְסֵפֶר תּוֹרָה בְּכֶתֶר דִּילֵיהּ** מעטרים את הספר תורה בכתר שלו, ומפרש **רֶמֶז סֵפֶר תּוֹרָה לַתִּפְאֶרֶת** הספר תורה הוא רומז על התפארת שהוא סוד התורה שבכתב, **שְׁכִינְתָּא עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת** והשכינה היא עטרת תפארת, בסוד הכתוב (משלי יב ד) אשת חיל עטרת בעלה. (פנחס דף רנו ע"ב ברעיא מהימנא, ובביאורינו כרך יד עמ' תרלח-תרלט)

### אידיש

פוּן יֶעצְט און ווייטֶער וֶועלְן אִיךְ און עֶנְק זִיךְ פְּרֵייעֶן צוזאמֶען אֵיין טָאג. דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת תִּהְיֶה לָכֶם", דָאס וָוארְט "לָכֶם" הֵייסְט, צוּ מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת פַאר אֵייעֶרְטְווֶעגְן. [וְכוּ']

**און** אִין דֶעם טָאג פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, אִיז יַעֲקֹב וָואס דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן בְּחִינַת הַתִּפְאֶרֶת, דֶער הוֹיפְּט צוּ דִי שִׂמְחָה און עֶר אִיז דֶער עִיקָר, און אַלֶע אוּשְׁפִּיזִין פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אִים, און אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק "אַשְׁרֶיךָ יִשְׂרָאֵל מִי כָמוֹךָ עַם נוֹשַׁע בַּה'", ווייל אִיז אַיִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוער אִיז אַזוֹי וִוי דִיר, אַ פָאלְק וָואס אִיז גֶעהָאלְפְן אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, ווייל דִי אִידְן פַארְאֵיינִיגְן זִיךְ אִין שְׁמִינִי עֲצֶרֶת מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, און דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זֵיי גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת, און נָאךְ אַ פָּסוּק שְׁטֵייט "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", און עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ מִיר, דוּ בִּיסְט מַיין קְנֶעכְט, דוּ יִשְׂרָאֵל, וָואס מִיט דִיר טוּ אִיךְ מִיר בַּארִימֶען.

### דָאס עִנְיָן פַארְוָואס דֶער טָאג וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שִׂמְחַת תּוֹרָה

**אוּם** שְׁמִינִי עֲצֶרֶת פִירְן זִיךְ אִידְן צוּ מַאכְן אַ שִׂמְחָה מִיט דִי שְׁכִינָה, און דֶער טָאג וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוֹיפְן נָאמֶען פוּנֶעם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ וָואס וֶוערְט גֶעטוּן אִין דֶעם טָאג, דֶערִיבֶּער בַּאקְרוֹינְט מֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה מִיט זַיין קְרוֹין, און דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן בְּחִינָה פוּן תִּפְאֶרֶת וָואס דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב, און דִי שְׁכִינָה אִיז עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת, אִינֶעם סוֹד פוּנֶעם פָּסוּק "אֵשֶׁת חַיִל עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ", אַ פְּרוֹי פוּן שְׁטַארְקַייט דֶער קְרוֹין פוּן אִיר מַאן.

### שבח דא שירתא

**בהקדמת דרך הקודש** (בתחילת ספר **דמשק אליעזר** על הזוהר, אות יב) כתב: כי מה שמתחיל **ספר הזוהר** במאמר "**כְּשׁוֹשַׁנָּה בֵּין הַחוֹחִים**", הוא **להורות שיתחזק כל בר ישראל ללמוד בזוהר הקדוש אף שיעבור עליו כמה נסיונות להפריד אותו חלילה**, והוא לשון חיזוק שאף על פי שהאדם יושב בין החוחים שהם ליצני הדור, עם כל זאת יהיה כשושנה **ולא יניח את מקומו מלעסוק בזהר הקדוש**, עיין בפנים דבריו וינעם לך. (**שערי זהר**, שער שמיני, פרק יא)



הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ ע"פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


"ובלכתך בדרך" פארמאט 70 ברכים מהדורת ר' יוסף צבי בערגער (6.5/4.5 In)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)


קלענערע סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער [In 7/5]

פאר דעליווערי 845 664 5168

בס"ד

גליון

# קוראי עונג

שמיני עצרת
שמחת תורה

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת תִּהְיֶה לָכֶם.** (במדבר כט, לה)

דאס ווארט 'עצרת' איז א לשון פון איינהאלטן, מען דארף איינהאלטן אין זיך די אלע קדושות און ליכטיגקייט וואס מען האט זיך צו דעם באהאפטן אין די הייליגע טעג.

(דער הייליגער 'ישמח ישראל' פון אלכסנדר זי"ע)

"עס איז א גרויסער חסד פון אייבערשטער וואס ער האט אונז געגעבן דעם יום טוב שמיני עצרת און שמחת תורה באלד נאך דעם יום טוב סוכות, ווייל אָן דעם וואלטן מיר נישט געקענט צוריק אריין גיין אין שטוב, נאך דעם וואס מיר האבן שוין געפילט די הייליגע ליכטיגקייט פון די סוכה, יעצט אבער וואס מיר האבן באקומען א יום טוב וואס מיר פייערן אין שטוב, איז דאס אַן אריבערגאנג פון די סוכה צו דערהיים!"

(דער הייליגער רבי אורי פון סטרעליסק זי"ע)

**וְהִקְרַבְתֶּם אִשֶּׁה לַה' עֲצֶרֶת הִוא.** (ויקרא כג, לו)

קָשָׁה עָלַי פְּרִידַתְכֶם. (רש"י)

רש"י ברענגט דעם מאמר חז"ל אויף דער יום טוב שמיני עצרת, אז דאס איז א משל צו א קעניג, וואס האט געמאכט א סעודה פאר זיינע פריינד זיבן טעג.

דער אכטע טאג זאגט ער צו זיי: "קשה עלי פרידתכם, עס איז מיר שווער אייער אוועק גיין פון מיר, דעריבער בעט איך פון אייך, בלייבט דא נאך א ביסל, און איך וועל נאך מאכן צוליב אייך א קליינע סעודה".

די ווערטער וואס דער אייבערשטער זאגט צו די אידן קען מען טייטשן אזוי, 'קשה עלי', עס איז מיר זייער שווער, 'פרידתכם', אייער פירוד, אייער אפטיילונג, דאס מיינט מען די מחלוקת, וואס אידן קריגן זיך שטענדיג ארום, דעריבער זאל מען זיך צוזאמען זעצן אינאיינעם ביי א סעודה, און דאס וועט ברענגען ליבשאפט צווישן אייך.

(ספר 'צרור החיים')

אין דעם יו"ט שמע"צ און שמח"ת קומען זיך צוזאמען אלע סארטן אידן און פרייען זיך צוזאמען מיט'ן תורה, דאס איז ווייל די גמרא זאגט (סוכה נה:) אז נאך די זיבן טעג פון סוכות זאגט דער אייבערשטער פון די אידן 'קשה עלי פרידתכם', בלייבט מיט מיר נאך איין טאג.

דער פשט דערין איז, 'פרידתכם' איז א לשון פון 'פירוד' און מחלוקת, דער אייבערשטער בעט זיך ביי זיין פאלק אידן: "'קשה עלי', עס איז מיר זייער שווער, 'פרידתכם', ווען איר זענט צוטיילט און צוקריגט ח"ו, דעריבער בעט איך ביי אייך, האלט נאך איין טאג יום טוב, וואו איר וועט זיך פרייען איינער מיט'ן אנדערן".

דאס איז דער פשט אין די גמרא (שבת לא.) וועלכע דערציילט איבער דער גוי וועלכער איז געקומען צו הלל הזקן, ער זאל עם מגייר זיין און אויסלערנען דעם גאנצן תורה 'על רגל אחת' - אויף איין פוס.

דער גר האט פארלאנגט פון הלל, ער זאל עם לערנען די תורה, און ספעציעל זאל ער עם ערקלערן די טעמים פון די שלש רגלים, פסח, שבועות און סוכות.

האט עם הלל געוויזן אז די טעמים פון די שלש רגלים זענען קלאר אראפ געשריבן אין די תורה. אבער 'על רגל אחת', אויף איין יום טוב, דאס איז 'שמיני עצרת' איז אין די תורה נישט פארהאנען קיין טעם דערויף.

האט דער גר פארלאנגט פון הלל, ער זאל דאס עם ערקלערן, זאגנ'דיג: "אלע ימים טובים ווייס איך שוין דער טעם פון די תורה, וואס איז אבער דער טעם פון דער 'רגל אחת', פון 'שמיני עצרת'?"

דערויף האט הלל גע'ענטפערט: "מאן דסני לך לחברך לא תעביד', דאס וואס דו האסט פיינד אז מען זאל טוהן פאר דיר, זאלסט דו נישט טוהן פאר דיין פריינד".

דאס מיינט אז דער טעם פון דער 'רגל אחת' - 'שמיני עצרת', איז, דער 'לכם', פאר אייך אידן, אויב די אידן וועלן זיין באחדות, עס וועט הערשן צווישן זיי אהבה מיט ריעות, וועט דאס זיין פאר זיי א יום טוב.

(דער הייליגער רבי ישראל פון רוזשין זי"ע)

**וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ.** (דברים טז, טו)

די גמרא (סוכה מח.) זאגט, אז דער פסוק גייט ארויף אויף דעם יום טוב פון שמיני עצרת.

עס קען זיין א טעם, ווייל דער ערשטע טאג פון סוכות זענען דא מן התורה דריי מצות, 1) די מצוה פון נעמען די ארבעה מינים, 2) די מצוה פון זיצן אין סוכה, 3) די מצוה פון שמחת יום טוב.

אבער די איבריגע טעג פון סוכות זענען נאר דא מן התורה צוויי מצות, 1) די מצוה פון זיצן אין סוכה, 2) די מצוה פון שמחת יום טוב. שמיני עצרת איז נאר איין מצוה מן התורה, דאס איז די מצוה פון שמחת יום טוב.

דעריבער שטייט דוקא ביי שמיני עצרת דעם פסוק 'והיית אך שמח', דו זאלסט זיין 'נאר' פריילאך.

(דער הייליגער 'חתם סופר' זי"ע)

**שמיני רגל בפני עצמו הוא.** (יומא ב:)

אין די הייליגע טעג ראש השנה און יום כיפור זענען מיר מתפלל פאר עניני רוחניות, שמיני עצרת איז דער ערשטע טאג וואס מען איז מתפלל פאר עניני גשמיות, ווייל מיר בעטן פאר 'גשם'.

דאס זאגט די גמרא, 'שמיני רגל בפני עצמו הוא', שמיני עצרת איז דער יום טוב וואס מען בעט 'בפני עצמו', פאר די אייגענע באדערפענישן.

(דער הייליגער רבי משה לייב פון סאסוב זי"ע)

די הייליגע צדיקים וועלכע האבן א גאנץ יאר ווייטאג אויף זייער פיס, ווען עס קומט שמיני עצרת און שמחת תורה טאנצן זיי מיט אזא התלהבות, אז מען דערקענט גארנישט אז זיי האבן ווייטאג אויף די פיס.

דאס איז מרומז אין די ווערטער 'שמיני רגל בפני עצמו', שמיני עצרת און שמחת תורה באקומען די הייליגע צדיקים באזונדערע פיס, אז זיי זאלן קענען טאנצן מיט די הייליגע תורה.

(דער הייליגער רבי שמחה בונם פון אטוואצק זי"ע)

**מנהג הקפות.**

"וואס די ריקודים פון שמחת תורה זענען, דאס קען איך נישט זאגן, אבער דאס זאג איך יא, אז אלע תפילות וועלכע קענען נישט דערהויבן ווערן א גאנץ יאר, ווערן היינט דערהויבן דורכ'ן טאנצן".

"און דאס איז פשט פון די רמז אין די גמרא אויף שמיני עצרת 'פז"ר קש"ב', אז דער אייבערשטער איז 'מקשיב', ער הערט צי, צו די תפלות וואס זענען 'נתפזר', אויסגעשפרייט געווארן א גאנץ יאר!".

(דער הייליגער רבי שלום פון בעלזא זי"ע)

**אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת וגו'.** (דברים ד, לה)

"די גאנצע עבודה וועלכע ווערט געטוהן דורך כלל ישראל אין די טעג פון חודש אלול, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום כיפור, סוכות, און הושענא רבה, זענען אלעס נאר א צוגרייטונג צו די געהויבענע מינוטן פון שמחת תורה ווען מען זאגט דעם 'אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו'!"

(דער הייליגער רבי משה פון קאברין זי"ע)



כל הזכויות שמורות © נאכדרוקן פארבאטן • צו באקומען דעם גליון אדער צו שרייבן הארות און הערות ביטע שיקט צו koreioneg@gmail.com

**אויב דו ביסט א 'למדן', זאג דו 'אתה הראת'!**

מיט גרויס פרייד איז געפראוועט געווארן די גרויסארטיגע חתונה פון דעם עילוי מיט'ן טאכטער פון א גרויסן עושר. דער יונגערמאן איז שפעטער באוואוסט געווארן אלס דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע. און דאן, זייענ'דיג נאך גאר יונג, האט זיך שוין אנגעזען אויף עם זיין גרויס קדושה. זיין שווער איז געווען זייער שטאלץ מיט עם, און אלע שטאט-מענטשן האבן עם זייער מכבד געווען.

אין זיין שווער'ס בית המדרש האט מען זיך געפירט צו מכבד זיין א חשוב'ער איד צו זאגן 'אתה הראת לדעת' פאר'ן עמוד. יענעם יאר, האט מען מכבד געווען דעם עושר'ס נייע איידעם, דער עילוי. רבי לוי יצחק איז צוגעגאנגען צום עמוד און האט זיך דארט אוועקגעשטעלט, אויפ'ן עמוד איז געליגן א טלית גרייט פאר עם צו אנטוהן.

ער האט אויפגעהויבן דעם טלית און עס געוואלט אנטוהן, אבער ער האט עס באלד צוריק אראפגעלייגט אויפ'ן עמוד.

אלע פארזאמלטע זענען געשטאנען שטיל און געווארט, ער הייבט עס ווידער אויף, און לייגט עס נאכאמאל באלד אראפ, אזוי האט ער דאס עטליכע מאל אויפגעהויבן און באלד צוריק אראפגעלייגט אויפ'ן עמוד.

דער עולם קוקט עם אָן, מען ווייסט נישט וואס צו טראכטן. יעדע וואַרט ער זאל שוין אנטון דעם טלית און אנפאנגען צו זאגן 'אתה הראת', אבער ער שטייט פארקלערט און רירט זיך נישט. מען וואונדערט זיך וואס עס האט מיט עם פאסירט.

ווען דער שמש האט געזען אז עס נעמט נישט קיין ענדע איז ער צוגעגאנגען צום יונגערמאן און זיך אנגערופן: "די ראשי קהילה בעטן אז איר זאלט נישט אויפהאלטן דעם עולם. חז"ל האבן זייער געווארנט מען זאל חלילה נישט מטריח זיין א ציבור!"

רבי לוי יצחק דרייט זיך אויס צו עם און ענטפערט: "חלילה! איך וועל נישט אויפהאלטן!"

ער שטרעקט אויס זיין האנט נאכאמאל צו נעמען דעם טלית און וויל עם אנטוהן. ער האט עס שוין כמעט אנגעטוהן, דער עולם האט שוין אפגעאטעמט, אבער אויך דאס מאל האט ער עס צוריקגעלייגט אויפ'ן עמוד, און נישט געוואלט זאגן 'אתה הראת'.

דער גביר, דער שווער פון רבי לוי יצחק, האט געוואוסט אז ער האט זוכה געווען צו גאר א חשוב'ער איידעם, אבער שטייענ'דיג צווישן דער פארוואונדערטע עולם, ווען מענטשן ווארפן אנגעצויגענע בליקן אויף זיין נייע איידעם, און עטליכע קוקן אפילו אויף עם מיט רחמנות, איז ער געווארן זייער אומבאקוועם.

ווען דער זייגער האט זיך גערוקט און עס האט זיך נאך אלס נישט געהערט דעם 'אתה הראת', איז ער שוין געווארן גאר פארשעמט, און די בושה איז שנעל פארוואנדלט געווארן אין א ברענענדיגע כעס אויף זיין איידעם וועלכער פארשעמט עם אזוי ביטערליך.

"וואס וועלן מענטשן יעצט זאגן אויף מיין גרויסע עילוי? אז א רוח שטות איז עם אריין אין קאפ?!" זענען עם געפלויגן מחשבות אין קאפ.

ער האט באשלאסן צוצושיקן נאכאמאל דעם שמש זאל עם זאגן אז, אדער זאל ער שוין אנהויבן זאגן, אדער זאל ער גראד צוריקגיין צו זיין פלאץ.

אבער נאך פאר דער שמש האט עס געקענט אויספירן, האט זיך געהערט דער קול פונעם יונגן רבי לוי יצחק אויסרופן הויך: "אויב דו ביסט א 'למדן', און דו ביסט א 'חסיד', דאן זאג דו דעם 'אתה הראת'!!"

און רבי לוי יצחק האט באלד אפגעלאזט דעם עמוד און זיך צוריקגעקערט צו זיין פלאץ.

זיין שווער האט געמיינט ער פאלט אוועק פאר בושה: "אזוי זיך צו נַאר צו מאכן! וואס וועלן מענטשן יעצט רעדן אויף עם? וואס באדייטן זיינע מאדנע רייד?!"

דא האט ער געמיינט אז ער וועט קענען שטיין און שעפן נחת פון זיין איידעם בשעת ער זאגט דעם 'אתה הראת', און אנשטאט דעם לײדט ער זיך אָן חרפות און בושות!

טראץ זיין גרויס צארן האט ער זיך איינגעהאלטן און האט גארנישט געזאגט פאר זיין איידעם בשעת די הקפות. ערשט אינדערהיים האט ער אפירגעהאלטן זיין איידעם מיט'ן גאנצע שטארקייט.

דאן האט דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב גע'ענטפערט פאר זיין שווער: "איך וועל זאגן דעם אמת, דער מינוט וואס איך האב זיך אוועקגעשטעלט ביים עמוד, און געוואלט אנהייבן זאגן דעם 'אתה הראת', האט זיך דער שטן אוועקגעשטעלט נעבן מיר און האט געוואלט מיטזאגן מיט מיר.

האב איך עם געפרעגט: "ווער מיינסט דו, דו ביסט אז דו זאלסט זיין ראוי צו דעם?"

האט ער מיר צוריק געפרעגט דעם זעלבן שאלה.

האב איך עם גע'ענטפערט: "איך בין א 'למדן'!"

האט ער מיר גע'ענטפערט: "איך בין אויך א 'למדן'!"

האב איך עם ווידער געפרעגט: "אזוי?! מיט וועמען האסט דו געלערנט הלכות, ש"ס, און פוסקים?"

האט ער מיר צוריק געשאסן: "און מיט וועמען האסט דו געלערנט?"

האב איך עם געזאגט דעם נאמען פונעם גאון מיט וועמען איך פלעג לערנען.

האט ער מיר געזאגט: "ווען דו האסט ביי עם געלערנט, בין איך אויך געווען דארט מיט דיר, ממילא קומט אויס אז איך האב געלערנט ביי דער זעלבע גאון ווי דו האסט געלערנט".

האב איך זיך ווייטער גע'טענה'ט מיט עם: "אבער איך בין אויך א 'חסיד'!"

און ער ענטפערט צוריק: "איך בין אויך א 'חסיד'!"

האב איך עם געפרעגט: "טאקע?! זאג מיר, צו וועמען ביסט דו געפארן זיך מקבל צו זיין 'חסידות'?"

האט ער מיר גראד צוריק געפרעגט: "און צו וועמען ביסט דו געפארן זיך צו לערנען דעם 'דרך החסידות'?"

האב איך עם געזאגט: "איך בין געפארן צום הייליגער 'מגיד' פון מעזריטש".

און ער זאגט מיר: "איך בין אויך געווען דארט מיט דיר... דעריבער וויל איך זאגן צוזאמען מיט דיר דעם 'אתה הראת'!"

ווען איך האב געזען אז איך קען זיך נישט בשום אופן אפשאקלען פונעם שטן, האב איך אראפגעלייגט דעם טלית און אויסגערופן צו עם: "אויב דו ביסט א 'למדן', און דו ביסט א 'חסיד', דאן זאג דו דעם 'אתה הראת'!!"...

און דאן האט זיך דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב געקערט צו זיין שווער וועלכע האט זיך צוגעהערט צו זיין ערקלערונג מיט אַן אפענעם מויל און געפרעגט: "איז וואס וויל דער שווער האבן פון מיר, האב איך דען נישט ריכטיג געטוהן?!"...

❋ ❋ ❋

**פארוואס קומט ער נישט אריין צו 'אתה הראת'?**

אין דער גרויסע בית המדרש פונעם הייליגער רבי מנחם מענדל פון וויטעבסק זי"ע האט געהערשט א שטילקייט, דער עולם האט געווארט אז דער רבי זאל שוין אריינקומען צו זאגן 'אתה הראת', אבער דער רבי שטייט אין זיין שטוב פארקלערט און ווארט.

מיט גרויס יראת הכבוד האט דער עולם געווארט, און געווארט, און געווארט. קיינער האט זיך נישט געוואגט צו שטערן די הייליגע געדאנקען פונעם צדיק, מען איז געשטאנען און געווארט מיט גרויסע וואונדער.

ווען די חסידים האבן געזען אז עס איז שוין אריבער א לאנגע צייט, זענען עטליכע חסידים אריין צום רבי'ן פרעגן: "פארוואס דער רבי קומט נישט ארויס צו די הקפות?"

צו זייער שטוינונג, האט זיי דער רבי געמאלדן: "איך זאג נישט היינט דעם 'אתה הראת'! עס איז מיר אנטפלעקט געווארן הונדערט פירושים אויף 'אתה הראת', און איך בין נאכנישט אנגעקומען צו די מדריגות אין מיין עבודה! דערפאר קען איך נאך נישט זאגן 'אתה הראת'!"

די חסידים האבן ווייטער געווארט, א לאנגע שעה איז אריבער און זיי ווארטן נאך אלס. די חסידים זענען ווידער אריין צום רבי'ן, אבער דער ענטפער איז געבליבן דער זעלבע.

צווישן דער עולם איז אויך געווען דער הייליגער 'בעל התניא' זי"ע, וועלכע איז געקומען צו פארן קיין וויטעבסק אינאיינעם מיט זיין גאנצע משפחה צו ווײלן דארט גאנץ חודש תשרי, איידער דער רבי פארט אפ קיין ארץ ישראל. ער איז געווען פארטיפט אין זיינע אייגענע געדאנקען און האט אפילו נישט באמערקט וואס עס טוט זיך ארום עם.

זעה'ענדיג אז עס נעמט נישט קיין עק, זענען צוגעקומען צו עם עטליכע חסידים און מיט גרויס יראת הכבוד געפרעגט, וואס דער עולם זאל טוהן.

האט ער זיי גע'עצה'ט צו טוהן אזוי: "גייט נאכאמאל אריין צום רבי'ן, און אויב ער ענטפערט די זעלבע זאך, זאגט עם אזוי: "וויבאלד מיר האבן אויפגענומען דעם רבי'ן אלס אונזער רבי, האט דער רבי א חיוב צו זאגן די פסוקים פון 'אתה הראת'!" און אויב וויל ער נאך אלס נישט, דאן זאגט עם אז איר ווילט עם רופן צו דין תורה צו מיר, און איך וועל פסק'ענען".

א ציטער האט ארומגענומען די חסידים צו טוהן אזא שריט, אבער זיי האבן זיך פארלאזט אויפ'ן הייליגן 'בעל התניא', און מיט ציטער'דיגע הערצער, ווען זייערע קניען קלאפן איינס אין צווייטן פאר שרעק, האבן זיי איבערגעזאגט פאר'ן הייליגער רבי'ן די ווערטער וואס דער 'בעל התניא' האט זיי געזאגט, אז זיי האבן אויפגענומען דעם צדיק פאר א רבי און דעריבער איז ער מחויב צו זאגן דעם 'אתה הראת'.

און דאן האט זיי דער רבי געזאגט אז ער קען נישט זאגן אתה הראת ווילאנג ער דערגרייכט נישט די הונדערט פירושים וואס מען האט עם אנטפלעקט אויף אתה הראת.

האבן זיי עם מיט א ציטער געמאלדן אז דער 'בעל התניא' רופט דעם רבי'ן צום דין תורה.

"אוודאי!" - האט דער רבי אויסגערופן. און איז באלד געגאנגען צוזאמען מיט זיי צום 'בעל התניא' זאגנ'דיג: "רבי זלמנ'לע, איך וויל זיך שטעלן פאר דיר צו פסק'ענען".

האט זיך דער 'בעל התניא' געקערט צום רבי'ן און פייער'ליך אויסגערופן: "דער רבי פארלירט דעם דין תורה! דאס איז צוליב צוויי סיבות, איינס איז א 'סברא' און די צווייטע וועל איך ערקלערן מיט א מעשה.

"די סברא איז אזוי: ווען א מענטש שטייט אויף איין פלאץ און ער קוקט וואס עס טוט זיך ארום זיך, קען ער זעהן אסאך מער ווי דאס קליין פלאץ ארום זיך, ער זעט פיל ווייטער פון וואו ער שטייט, און ווען ער וועט דערגרייכן צו די ווייטע פלאץ וואס ער זעט, וועט ער דאן קענען זען נאך ווייטער, עס איז נישט דא קיין סוף צו וואו מען קען אלס זעהן.

דאס זעלבע איז דא, אז דער רבי וועט דערגרייכן די הונדערט פירושים, וועט דאך דער רבי קענען זעהן נאכמער מדריגות צו וועלכע דער רבי איז נאכנישט אנגעקומען, דעריבער האט נישט קיין פשט זיך צו צוריקהאלטן פון זאגן צוליב דעם.

צווייט'נס וויל איך דערציילן א מעשה: אין א געוויסע שטאט האבן געוואוינט א מאן און זיין פרוי. ביים עק פון שטאט, אקעגן זייער הייזקע, איז געווען א הויכע בארג, יעדעס מאל וואס עס האט גערעגנט, וואס דאס פלעגט זיין דער מצב רוב צייט פון יאר, פלעגט אראפ רינען בלאטע און שמוץ ביז זייער הויז אריין. זיי האבן זיך זייער פאר'מיאוס'ט פון זייער שמוציגע הייזקע און האבן באשלאסן אז מען מוז זיך דא אַן עצה געבן. זיי האבן באשלאסן זיך ארויפצוציען העכער אויף די בארג.

צוביסלעך, צוביסלעך האבן זיי זיך געהאלטן אין איין ארויפרוקן העכער און העכער אויפ'ן בארג, און וואס העכער זיי זענען געווען, אלס ווייניגער פלעגט די בלאטע און שמוץ זיך אפשטעלן ביי זיי אין אריינקומען צו זיי אין הויז.

איין טאג, דער מאן שטייט זיך אינדרויסן פון זיין הייזקע און קוקט ארויף צום שפיץ בארג. פלוצלינג ברעכט ער אויס אין א געוויין, זיין דערשראקענע אידענע קומט צו לויפן און פרובירט צו פארשטיין פארוואס ער וויינט אזוי ביטערליך. האט ער ערקלערט די פשט פון זיין געוויין: "שוין אזא לאנגע צייט וואס אונז האלטן זיך אין איין ארויפרוקן העכער און העכער אויפ'ן בארג, און קוק! די שפיץ איז נאך אזוי ווייט פון אונז! קוים וואס מען קען עס אפילו זעהן פון דא!"

די אידענע קוקט אַן איר מאן און רופט אויס מיט וואונדער: "איך פארשטיי דיר נישט, זוכן דען מיר אנצוקומען צום שפיץ בארג?! מיר זענען ארויס פון די בלאטע! וואס וויינסט דו?!"

דאן האט דער הייליגער 'בעל התניא' אויסגעפירט: "פון בלאטע זענען מיר ארויס, אין ראש השנה און אין יום כיפור, זיי זענען ב"ה אריבער געגאנגען, און וואס איז אז מען איז נאך נישט צוגעקומען צום שפיץ בארג? מען איז כאטש ארויס פון די בלאטע!"

❋ ❋ ❋

**דער נפטר איז שוין צוריק צו די הקפות.**

איין יאר האט זיך פארשפרייט א ביטערע מחלה אין דער געגנט פונעם שטאט טריסק, פונקט אין די צייט פון יו"ט סוכות.

עס איז דאן געווען הושענא רבה, ווען דער הייליגער 'מגיד' רבי אברהם פון טריסק זי"ע האט געמאכט די נענועים פאר א משך פון עטליכע שעה נאכאנאנד, אזוי ווי זיין הייליגער שטייגער.

פלוצלינג איז איינע פון די יונגעלייט קראנק געווארן מיט די ביטערע מחלה ר"ל, די חסידים האבן געוואלט צולויפן צום רבי'ן עם מזכיר זיין אינמיטן די נענועים, אבער דער יונגערמאן וועלכער איז געווען קראנק האט בשום-אופן נישט געלאזט אז מען זאל שטערן דעם רבי'ן אינמיטן די הייליגע עבודה צוליב עם.

די מחלה האט זיך ליידער געשטארקט, און נאך איידער דער טריסק'ער מגיד האט גע'ענדיגט זיין עבודה, האט דער יונגערמאן ליידער אויסגעהויכט די נשמה ל"ע.

ווען מען האט דאס דערציילט פאר'ן טריסק'ער מגיד, האט ער זיך אנגערופן מיט פארדרוס אויף דעם וואס דער יונגערמאן האט נישט געלאזט מזכיר זיין אינמיטן די נענועים, ווייל אויב וואלט מען מזכיר געווען וואלט ער עם זיכער אויסגעהיילט.

דער טריסק'ער מגיד האט דאן באפוילן אז ביים לוי' זאל מען אריבערפירן דעם ארון פארנט פון ביהמ"ד און מען זאל עם רופן, מען האט אזוי געטון, און דער טריסק'ער מגיד איז ארויס און ארויפגעלייגט א שמירה-מטבע אויפ'ן ארון, זיך אנגערופנ'דיג: "האב נישט קיין מורא, גיי גלייך מיט די שמירה צו מיין הייליגער פאטער און צו מיין הייליגער זיידע".

עס איז געקומען 'שמיני עצרת' ביינאכט, דער טריסק'ער מגיד האט אפגעראכטן די הקפות מיט גרויס דערהויבנקייט.

ווען מען איז אנגעקומען נאכ'ן דריטן הקפה האט זיך דער מגיד אראפגעזעצט און זיך אפגערוט אביסל פון די הייליגע עבודה, וועלכע האט זיך פארצויגן פאר עטליכע שעות.

דאן האט ער גערופן צו זיך זיין זוהן דער הייליגער רבי מרדכי פון קאזמיר זי"ע, און עם געזאגט: "זעה נאר מיין קינד ווי שנעל דער יונגערמאן האט עס געמאכט, ער איז שוין געווען ביי מיין הייליגער פאטער, ביי מיין הייליגער זיידע, און ער איז שוין צוריק אין ביהמ"ד טאנצן מיט אונז די הקפות!"

❋ ❋ ❋

**זיך פרייען מיט די תורה איז א סגולה צו קינדער.**

דער הייליגער 'ישמח ישראל' פון אלכסנדר זי"ע האט אמאל געזעהן א איד זיך פרייען אין שמחת תורה גאר שטארק, ער האט געמאכט אלע סארטן תנועות ביים טאנצן, אז עס האט אויסגעקוקט ווי ער איז נישט מיט אלעם רח"ל.

דער איד איז ליידער געווען קינדער-לאז, האט זיך דער 'ישמח ישראל' אנגערופן צו עם: "מיכל בת שאול, וועלכער האט געלאכט פון דוד המלך, וואס האט אזוי שטארק געטאנצן פאר די תורה און זיך מבזה געווען פאר'ן כבוד פון די תורה, האט באקומען אַן עונש אז זי האט נישט געהאט קיין קינדער ל"ע.

עס איז דאך 'מדה טובה מרובה', ווען א איד איז זיך יא מבזה פאר'ן כבוד פון די תורה, איז ער זיכער ווערד אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער".

די ווערטער פונעם הייליגן צדיק האבן געמאכט א רושם און אין יענע יאר איז דער יונגערמאן געהאלפן געווארן מיט קינדער.

❋ ❋ ❋

**טאנצט מיט די רוחניות'דיגע תורה.**

איינמאל שמחת תורה ביינאכט, בשעת דער הייליגער 'בעל שם טוב' זי"ע איז געטאנצן מיט זיינע תלמידים, האט ער גענומען דעם ספר תורה אין האנט און איז געטאנצן דערמיט. דערנאך איז ער געטאנצן אַן דעם ספר תורה.

איינע פון די תלמידים מיט'ן נאמען רבי אייזיק, האט זיך אנגערופן צו די אנדערע תלמידים: "אונזער הייליגער רבי האט יעצט אראפגעלייגט פון זיין האנט דעם גשמיות'דיגן תורה, און האט גענומען דעם רוחניות'דיגן תורה, דערמיט טאנצט ער יעצט!"

ווען דער הייליגער 'בעל שם טוב' האט דאס געהערט, האט ער באלד רעאגירט: "עס איז א וואונדער אז רבי אייזיק האט דאס געזעהן!"...

❋ ❋ ❋

**׳ויהי בנסוע הארון ויאמר משה׳.**

די דערהויבענע ערשטע טעג פון סוכות זענען געפראוועט געווארן אין לובלין מיט גרויס שמחה. מוצאי די ערשטע טעג האט זיך דער הייליגער ׳חוזה׳ זי״ע אנגערופן צו זיינע תלמידים: "לאמיר פארן קיין קאזניץ אויף שמחת תורה, צו מאכן דארט א ליכטיגן יו"ט!"

די חסידים האבן נישט פארשטאנען דעם רבי׳נס ווערטער, אבער א רבי פרעגט מען נישט, מען פאלגט. דער עולם האט זיך געפאקט פעק און אינאיינעם מיט׳ן ׳חוזה׳ האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אין וועג צום שטאט קאזניץ וואו דער הייליגער מגיד האט געוואוינט.

דער וואגן איז געפארן אויפ׳ן וועג, און דער הייליגער ׳חוזה׳ איז געווען פארטיפט אין א פלפול מיט זיינע חסידים. זיי האבן נישט אפילו געשפירט ווי דער וואגן האט זיך פלוצלינג אפגעשטעלט, אבער ווען דער בעל עגלה האט זיך אויסגעדרייט צו זיי און זיין פנים האט נישט אנגעזאגט קיין גוט׳ס, האבן זיי שוין יא באמערקט.

מיט א שוואכע שטימע, האט זיי דער בעל עגלה איבערגעגעבן די ביטערע בשורה וואס ער האט יעצט געהערט פון א צווייטן בעל עגלה וואס איז געפארן אין די פארקערטע ריכטונג: "דער הייליגער קאזניצ׳ער מגיד, צו וועמען איר פארט יעצט, איז שוין ליידער נישט בין החיים, ערב יו"ט איז זיין הייליגע נשמה ארויף לגנזי מרומים".

די חסידים זענען געווען אויסער זיך. מיט גרויס צוטראגנ׳קייט האבן זיי געקוקט צום ׳חוזה׳ פאר אַן הדרכה. וואס זאל מען יעצט טוהן, זיך אויסדרייען און אהיימפארן צוריק? אבער דער פנים פונעם ׳חוזה׳ האט זיך נישט געטוישט, עס האט נישט אויסגעזען ווי דער צדיק האט געהערט. ער האט געוויזן פאר׳ן בעל עגלה צו פארזעצן זייער נסיעה.

דער שטאט קאזניץ איז געווען איינגעהילט אין טרויער, די אידן האבן זיך געפילט ווי עלנדע יתומים אָן זייער רבי׳ן. דער זוהן פונעם הייליגער קאזניצ׳ער מגיד, דער הייליגער רבי משה אליקים בריעה זי"ע, האט זיך אפגעזאגט פון צו זיין דער ממלא מקום, פילנ׳דיג אז ער איז נישט גענוג חשוב צו נעמען דעם פלאץ פון זיין גרויסן טאטן.

די חסידים האבן עם נישט געצווינגען דערצו, אבער זיי האבן געוואלט אויף עפעס אַן אופן כאטש שטיצן רבי משה.

חול המועד האבן זיך די ראשי קהילה צוזאמען גענומען פאר אַן אסיפה צו אויסטרעפן וועלכע זאך מען קען געבן פאר רבי משה צו טוהן, אז ער זאל האבן פרנסה אויף א בכבוד׳יגע אופן. פיל געדאנקען זענען אויפגעברענגט געווארן אויפ׳ן טיש, אבער פאר יעדע איינפאל זענען געווען קעגנער.

דער האט געהאלטן אז עס איז נישט גענוג בכבוד׳יג, און א צווייטער האט געהאלטן פארקערט. ביז ענדליך האבן זיי אלע מסכים געווען אז עס וואלט געווען א גוטע פלאן עם צו באשטימען אלס דער ׳חזן׳ פון קהלה, ווייל ער האט דאך זייער שיין געקענט זינגען.

בשעת די אסיפה איז פארגעקומען, האט זיך רבי משה אויף עפעס אַן אופן דערוואוסט וועגן די אסיפה. ער האט זיך נישט פארזוימט און איז תיכף אריבער צו דער ראש הקהל אין שטוב וואו די אסיפה איז פארגעקומען. די ראשי קהילה האבן געהאלטן אינמיטן רעדן ווי אזוי מען קען עם לאזן וויסן פון זיין נייע פאסטן, ווען דער טיר האט זיך גע׳עפנט און רבי משה האט ארײנשפאצירט, זיי זענען אלע געווען ערשטוינט, נישט קענענ׳דיג זאגן א ווארט.

טאקע אין דעם שוויגעניש, האט רבי משה אויסגענוצט די געלעגנהייט צו זאגן זיין מיינונג: "א גרויסן יישר כח פאר׳ן מיר אינזינען האבן, אבער זארגט אייך נישט פאר ׳משה דער מגיד׳ס׳!" ער האט אפגעזאגט זיינ׳ס און האט פארלאזט דעם צימער.

די ראשי קהלה האבן זיך צוזאמען געבליקט מיט ערשטוינונג געמישט מיט שווערע געפילן. פלוצלינג האט א רעש און א געפילדער אויסגעבראכן, ווען אלע האבן זיך גענומען רעדן אויף איינמאל: "וואס איז פשט?!" - האט איינער אויסגערופן. ווען א צווייטער שרייט: "אונז ווילן עם נאר העלפן! פארוואס לאזט ער זיך נישט!" די מענטשן זענען געווען צוטראגן און ברוגז, און די אסיפה האט זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט.

אינצווישן איז די גאנצע גרופע פון חסידים, אין שפיץ פונעם הייליגער ׳חוזה׳ פון לובלין, אנגעקומען צום שטאט קאזניץ אויף די צווייטע טעג יו"ט. זיי האבן זיך איינגערישט אין אכסניות און זיך גרייט געמאכט צו פראוועען די פרייליכע טעג פון שמחת תורה.

עס איז שמיני עצרת ביינאכט, דער בית המדרש איז פול מיט חסידים וואס גרייטן זיך צו טאנצן און זיך פרייען מיט די הייליגע תורה. אינמיטן דאס זאגן דעם ׳אתה הראת׳, ווען מען איז אנגעקומען צום פסוק ׳ויהי בנסוע הארון׳, האט זיך דער הייליגער ׳חוזה׳ אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און מיט א גרויסע קאך האט ער אנגעהויבן צו זאגן עפעס.

א שטילקייט האט זיך אראפגעלאזט אין ביהמ"ד, אלע האבן זיך צוגעהערט מיט אַן איינגעהאלטענעם אטעם וואס דער צדיק גייט יעצט זאגן.

אפשר וועט ער יעצט ערקלערן פארוואס ער האט געזען פאר וויכטיג צו קומען צו פארן אהער אויף די צווייטע טעג יום טוב אנשטאט צו פירן ווייטער אין זיין אייגענע הויף.

און אט רופט דער צדיק הויך אויס: "׳הארון׳ איז מרמז אויף א צדיק, ׳ויהי בנסוע הארון׳, ווען דער צדיק פארט אוועק, דאן ׳ויאמר משה׳, זאגט מען אין הימל ׳משה׳!"...

עס איז שוין מער נישט געווען קיין ספק פאר קיינעם פון די חסידים, פארוואס דער הייליגער ׳חוזה׳ האט געזען פאר וויכטיג צו קומען צו פארן ביז קיין קאזניץ אויף שמחת תורה, כדי ער זאל ממלא זיין דער נייע ממלא מקום אין קאזניץ.

מער האט דער הייליגער רבי משה אליקים בריעה נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט געמוזט אנ׳נעמען דעם כסא הרבנות פונעם שטאט קאזניץ, וואו ער האט געפירט דעם עדה יארן לאנג, וואו ער האט אויך פארפאסט זיין הייליגער ספר ׳דעת משה׳.

✵ ✵ ✵

**צוגעזאגט א קינד אויף נייע שיך פאר די הקפות.**

איינמאל שמחת תורה, זענען די תלמידים פונעם הייליגער ׳בעל שם טוב׳ זי"ע געטאנצן מיט גרויס פרייד. אינמיטן טאנצן איז פאר איינע פון די תלמידים צוריסן געווארן דער שוך.

דעם תלמיד, וועלכע איז געווען א גרויסע ארימאן, האט זייער וויי געטוהן אז זיין שוך האט זיך צוריסן, און ער קען נישט ווייטער פארזעצן צו טאנצן צוזאמען מיט זיינע הייליגע חברים.

די צדיקת אדל, די טאכטער פון הייליגן ׳בעל שם טוב׳, וועלכע האט פארמאגט א געשעפט פון שיך, איז דאן געשטאנען אין די זייט פון שוהל, האט זי געשיקט זאגן צו דעם תלמיד:

"אויב איר וועט מיר צוזאגן א קינד דעם יאר, וועל איך אייך שוין ברענגען א נייע פאר שיך".

דער תלמיד האט איר באלד צוגעזאגט א קינד. און טאקע יענע יאר איז צו איר געבוירן געווארן דער הייליגער רבי ברוך פון מעזיבוז׳ זי"ע.

✵ ✵ ✵

**דעם אייבערשטער דארף מען דינען אויך ביינאכט.**

דער הייליגער רבי חנוך העניך פון אלעסק זי"ע פלעגט אפרעכטן די הקפות מיט מסירות נפש אפילו אין זיינע עלטערע יארן. איין יאר שמחת תורה ביינאכט איז געקומען דער גובערנאטאר פון שטאט צום שוהל צו זעהן מיט די אייגענע אויגן די דערהויבענע עבודה פון הקפות, ווייל ער האט נישט געקענט גלייבן אז אזא עלטערע מענטש זאל קענען טאנצן, איז ער דארט געשטאנען ביים ׳לב שמח׳ פארוואונדערט ביז נאך די הקפות.

דערנאך האט ער געזאגט פאר׳ן צדיק: "ווען איך זעה דאס נישט, וואלט איך דאס נישט געקענט גלייבן. און איך טראכט אַן עצה, אזוי ווי איר זענט שוין אזוי אלט, אפשר וואלט געווען כדאי אז איר זאלט טאנצן נאר בייטאג, און אייערע קינדער זאלן טאנצן ביינאכט".

האט זיך דער צדיק אנגערופן מיט א פלאם-פייער: "דעם אייבערשטער דארף מען דינען בייטאג און ביינאכט, אין די יונגע יארן און אין די אלטע יארן!"

ווען דער צדיק האט דאס געזאגט, האט דעם גובערנאטאר אנגעכאפט אזא פחד, אז דער גלעזל משקה וואס ער האט געהאלטן אין האנט איז אראפגעפאלן אויפ׳ן ערד, און דער גובערנאטאר אליין איז פון שרעק אראפגעפאלן פון בענקל....

✵ ✵ ✵

### געבליבן טאנצן ביי דער זיבעטע הקפה.

עס איז נאך געווען איידער דער הייליגער רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע איז באקאנט געווארן. אין יענע צייט איז ער געווען א מלמד אין ליזענסק. אין די שטאט ליזענסק פלעגט מען זיך פירן שמחת תורה אז ווען מען האט מכבד געווען איינעם מיט א ספר תורה פאר א הקפה, האט מען יענעם ערלויבט עס צו האלטן פאר בלויז די איין הקפה וואס מען האט עם מכבד געווען.

די גרויסע בית מדרש איז געווען געפאקט מיט מענטשן. מען האט שוין געהאלטן ביי די זעקסטע הקפה, ביי עוזר דלים, ווען מען האט מכבד געווען דעם רבי'ן ר' אלימלך, דער מלמד, צו האלטן א ספר תורה. ער איז צוגעגאנגען און האט איבערגענומען די הייליגע ספר תורה מיט א געוואלדיגע שמחה. טרערן פון פרייד האבן זיך עם געשטעלט אין די אויגן און זיין הארץ האט עם געפילט ווי עס וועט איבערגיין די געפילן וואס האבן געדרישט אין עם. מיט גרויס ברען איז ער ארום די בימה, אינגאנצן פארקאכט און פארטון אין זיינע הייליגע מחשבות. ער האט נישט אפילו באמערקט אז די הקפה האט זיך שוין געענדיגט און מען האלט שוין ביי די זיבעטע הקפה. אינגאנצן פארקאכט איז ער ווידער ארומגעגאנגען די בימה מיט די ספר תורה. און דאן האט ער זיך אויפגעוועקט פון זיין התלהבות, און האט זיך ארומגעקוקט ווי ער וואלט געקומען פון אן אנדערן וועלט.

פלוצלינג האט ער באמערקט וואו מען האלט שוין. ער האט זיך ערשט דאן געכאפט אז ער איז געגאנגען קעגן די פעסטע תקנה פון זייער קהילה, אז מען קען נאר האלטן א ספר תורה פאר איין הקפה. א שרעק האט עם אנגעכאפט. די ראשי קהילה וועלן מן הסתם צוקומען צו עם און עם אנשרייען און פארטרייבן פון שוהל. געוויס וועט מען עם נאך אויך באשטראפן פאר די עוולה. ער האט איבערגעגעבן די ספר תורה פאר די נאנטסטע מענטש און, מיט א קלאפעדיגע הארץ האט ער זיך ארויסגעשארט פון שוהל. ער איז געלאפן אין די ליידיגע גאסן, ווען ער קוקט אלס צוריק צו זען טאמער מען לויפט עם שוין נאך.

ער לויפט אריין אין זיין הויז און מיט אן אפגעהאקטע אטעם און בעט זיך ביי זיין רעבעצין, "באהאלט מיר ווייל מען וועט מיר געוויס קומען זוכן!" זי האט געעפנט אירע אויגן גרויס און האט עם אויסגעפרעגט וועלכע שרעקליכע עוולה ער האט געטון.

בלית ברירה האט ער איר דערציילט ווי ער האט זיך אזוי פאר'דביקות'ט אז ער האט נישט געכאפט אז ער האט געהאלטן די ספר תורה ביי צוויי הקפות. "גוט, איך וועל דיר באהאלטן. אבער איך בין גאר הונגעריג! מאך קידוש, אונז וועלן מיר שנעל עסן די סעודה, און דערנאך וועל איך דיר שוין ערגעץ פארשטעקן."

אין גרויס איילעניש האבן זיי אפגעראכטן די סעודה, און דערנאך האט ער זיך אנידערגעלייגט אונטערן בעט. די רעבעצין האט געמאכט זיכער אז מען זעט עם נישט ארויס, און זי האט זיך געזעצט ביים טיש מיט איר מחזור.

עס גייט נישט אדורך אפאר מינוט, און מען הערט ווילדע קלאפערייען אויף די פענסטער און די טיהר. רואיגערהייט גייט זיך די רעבעצין צו צום טיר און רופט אויס: "ווער קלאפט עס דארט אינדרויסן, מיין מאן איז נישט אינדערהיים?"

די ענטפער אויף וועלכע זיי האבן זיך גערעכנט האט נישט געשפעטיגט צו קומען. "עס איז נישט אמת! מיר ווייסן אז ער איז יא אינדערהיים! מאכט אויף דעם טיר, ווייל אויב נישט וועלן מיר עס אויפברעכן!" ווען זי האט דאס געהערט האט זי געעפנט די טיהר און האט זיי אריינגערופן. "אדרבה, קוקט. מיין מאן איז נישט דא!" זיי זענען אריינגעקומען און האבן זיך ארומגעקוקט. אונטערן בעט האט ר' אלימלך געציטערט.

זיי האבן געזען אז ער איז טאקע נישט דארט און זיין רעבעצין האט זיך דערוואגט צו פרעגן: "וואס ווילט איר פון מיין מאן?" האבן זיי איר געענטפערט, "די גבעים פון בית מדרש האבן מכבד געווען אייער מאן מיט א הקפה, אבער ער איז געווען אזוי פארקאכט אז ער איז אויך געגאנגען ביי די זיבעטע הקפה. דאס האט זייער געפאָלן פאר די קהל, און דעריבער זענען מיר עם געקומען ברענגען א פלאש פון גאר גוטע ווין לכבוד יום טוב."

זיי האבן אראפגעלייגט די פלאש אויפ'ן טיש און האבן פארלאזט די הויז. ווי נאר די טיהר האט זיך פארמאכט הינטער זיי, איז דער רבי ר' אלימלך ארויסגעקראכן פון אונטער'ן בעט. ער איז צוגעגאנגען צום טיש און האט אויפגעהויבן די פלאש ווין, און ער מיט זיין רעבעצין האבן זיך ביידע צושמייכלט...

✵ ✵ ✵

### הקפות מיט מסירות נפש.

עס איז געווען אין שנת תרמ"א, דער הייליגער שינאווער רב זי"ע איז געווען זייער קראנק ל"ע, און נאך זיין הייליגע עבודה פון די הושענות איז עס נישט געווען מעגליך צו פירן טיש, ער האט געדאווענט מנחה ביי זיך אין שטוב מיט א קארגע מנין, און אלע חסידים וועלכע זענען געקומען צו פארן אויף יום טוב זענען געווען גאר שטארק באזארגט, יעדער האט מתפלל געווען אויפ'ן רבי'נס רפואה.

דער עולם איז געווען פארזאמעלט אין ביהמ"ד, ווען פלוצלינג ערשיינט דער רבי אין ביהמ"ד צו יעדנ'ס וואונדער. פון מויל צו אויער איז דאן ארום וואס עס האט פאסירט ביים רבי'ן אין שטוב. עס איז געווען צען אזייגער ביינאכט, דער שינאווער רבי איז געליגן אין בעט, און מען האט געזען ווי עפעס קאכט אין עם. ער האט צוגערופן די אנוועזנדע און זיך אנגערופן: "דער רבי, רבי הערשעל'ע זידיטשויבער זי"ע איז איין מאל זייער שלאַף געווען שמיני עצרת ביינאכט און איז געליגען אין בעטל, ביינאכט ווען דער זייגער האט געוויזן אויף צען אזייגער, האט ער זיך אנגערופן מיט גרויס התלהבות צו זיינע מקורבים: מלאכים און שרפים זענען יעצט לוסטיג בשמחת תורה און מיר ליגן אין בעט?! ער איז תיכף אויפגעשטאנען און האט געמאכט די הקפות מיט גרויס התלהבות, און האט נאך נאכדעם מאריך ימים געווען. היינט וועלן מיר דאס אויך פראבירן!"

די תפילה פון מעריב איז אפגעראכטן געווארן מיט א געוואלדיגע דערהויבנקייט אין ביהמ"ד פון דעם שינאווער רב, דער שינאווער רב האט באלד נאכדעם אנגעהויבן טאנצן הקפות מיט מסירות נפש, ער איז נאר געטאנצן איין הקפה, און דערנאך האט ער איבערגעגעבן דעם ספר תורה פאר זיין זון הרה"ק רבי משה'לע זי"ע.

ווען מען האט געענדיגט פראווען די הקפות, זענען די חסידים נאך אלץ געווען אונטער דעם דערהויבענעם איינדרוק, אזוינס האבן זיי נאך קיינמאל נישט מיטגעלעבט.

באלד דערנאך איז דער שינאווער רב אריינגעקומען צום טיש, ער האט געמאכט קידוש און אנגעהויבן עסן די סעודה, דאן האט ער אנגעהויבן דערציילן: "הפלא ופלא, דער רבי ר' אלימלך האט אמאל געזען נאך די ערשטע הקפה אז דער בנין בית המקדש איז פארטיג נאר איין קליינגקייט פעלט נאך, האט ער זיך איינגעשפארט מ'זאל נאכגעבן דעם קליינגקייט, אבער מען האט עס נישט געוואלט נאכגעבן, האט דער רבי ר' אלימלך נישט געוואלט מאכן די איבריגע הקפות, און האט געלאזט מאכן די הקפות מיט זיין זון רבי אלעזר ז"ל, הפלא ופלא עס איז שוין דא מער פון הונדערט יאר און מ'וויל נישט נאכגעבן דעם קליינגקייט".

✵ ✵ ✵

### די אבות הקדושים קומען אראפ צו די הקפות.

דער הייליגער רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע פלעגט נישט אריינקומען צו הקפות איידער ער האט געזען זיין רבי'ן, דער הייליגער 'חוזה' פון לובלין זי"ע.

איין יאר האט זיך דער ראפשיצער פארזוימט און איז נישט אריינגעקומען צו הקפות. עטליכע חסידים זענען געגאנגען פרעגן פארוואס ער קומט נאך נישט אריין צו הקפות, האט ער געזאגט: "פונקט די רגע האב איך געוואלט אריינקומען, יעצט האב איך עם געזעהן!' און ער איז באלד אריינגעקומען צו הקפות.

דער הייליגער רבי חיים פון צאנז זי"ע פלעגט זאגן: "אויב מיין רבי, דער ראפשיצ'ער רב זי"ע אנטפלעקט זיך צו מיר בשעת 'הקפות', ווייס איך אז די תפלות פון ימים נוראים זענען נתקבל געווארן לרצון".

אמאל ביים אריינקומען צו הקפות האט ער זיך אפגעשטעלט ביים טיר, און דארט געזאגט 'אתה הראת'.

נאך די הקפות האט ער ערקלערט, אז דער ראפשיצ'ער רב זי"ע איז היינט געקומען צו הקפות, און מיטגעברענגט מיט זיך א הייליגע חברייא, איך האב זיך פשוט געשעמט אריבערצוגיין פאר זיי...

✵ ✵ ✵

**זיין ברודער מאכט א שמחה.**

דער הייליגער רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע, האט אמאל געזעהן א פשוט'ע עם הארץ ווי ער טאנצט זייער שטארק מיט די תורה, האט ער יענעם געפרעגט: "וואס עפעס איז די שמחה פון די תורה ביי דיר אזוי גרויס, האסט דו דען געלערנט די תורה די גאנצע יאר?"

האט דער עם הארץ גע'ענטפערט: "און ווען מיין ברודער מאכט א שמחה, זאל איך דען זיך נישט מיט פרייען מיט עם?!"...

❋ ❋ ❋

**דו לערנסט תורה און איך פריי זיך דערמיט.**

א געוויסע 'דיין' האט אמאל געזעהן ווי א 'שניידער' פריידט זיך זייער שטארק מיט די תורה אין שמחת תורה, פרעגט דער 'דיין' פונעם 'שניידער': "פארוואס טוסט דו זיך אזוי פרייען מיט'ן תורה, אין די צייט וואס דו לערנסט דאס בכלל נישט א גאנץ יאר?"

האט עם דער 'שניידער' גע'ענטפערט: "אין יום כיפור ווען אלע אידן האבן געזאגט וידוי, האבן מיר דאן געזאגט, 'על חטא שחטאנו לפניך בכפת שוחד'. פרעג איך דיר 'דיין', זייט ווען האב איך 'שניידער' גענומען פון א 'בעל דין' שוחד? קיינמאל נישט! נאר, דו 'דיין' נעמסט שוחד, און איך 'שניידער' דארף קלאפן דערויף 'על חטא'... דאס זעלבע איז יעצט אויך, דו 'דיין' לערנסט די תורה א גאנץ יאר, און איך 'שניידער' פריי זיך יעצט דערמיט!"....

❋ ❋ ❋

**וואס לערנט די תורה פאר דיר?**

דער הייליגער קאצק'ער רבי זי"ע האט אמאל געזעהן ווי א 'למדן' איז זיך שטארק משמח מיט די תורה, איז צו עם צוגעגאנגען דער קאצק'ער און געפרעגט: "וואס פרייסט דו זיך אזוי מיט די תורה?"

"ווייל איך לערן די תורה א גאנץ יאר" - האט עם דער 'למדן' גע'ענטפערט.

פרעגט עם צוריק דער קאצק'ער: "זייער גוט אז דו לערנסט תורה, אבער וואס לערנט די תורה דיר?!"...

❋ ❋ ❋

**דער 'של"ה' הקדוש אויסגעדרייט מיט'ן רוקן.**

דער הייליגער 'חוזה' רבי יעקב יצחק פון לובלין זי"ע, האט אמאל געזאגט אויף זיין תלמיד, דער הייליגער רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע, אז ער האט געהאט גאר פיינע הקפות, ווייל ווי באוואוסט קומען אראפ נשמות פון די פריער'דיגע צדיקים צו די הקפות, און ביים ראפשיצ'ער רב איז אראפגעקומען זיין זיידע דער הייליגער של"ה זי"ע.

ווען דער ראפשיצ'ער רב איז נאך יו"ט געקומען קיין לובלין, פרעגט עם דער 'חוזה': "ראפשיצ'ער רב, וואס פאר א שמחת תורה האט איר געהאט?"

"גאר א פיינעם יו"ט האבן מיר געהאט" - ענטפערט דער ראפשיצ'ער רב - "מיר האבן ב"ה געהאט זייער גוטע וויין, פעטע עופות און געשמאקע מאכלים".

"נישט דאס מיין איך" - פרעגט צוריק דער 'חוזה' - "איז דען נישט אייער זיידע דער 'של"ה הקדוש' געווען ביי אייער הקפות?"

"יא" - האט דער ראפשיצ'ער רב גע'ענטפערט - "אבער ער איז געווען זייער ברוגז אויף מיר, ווייל ער איז געשטאנען אויסגעדרייט צו מיר מיט'ן רוקן און האט גארנישט גערעדט!"

"וואס מיינט איר צו זאגן?" - פרעגט דער 'חוזה'.

"גאנץ פשוט" - ענטפערט ער מיט א שמייכל - "ער איז געשטאנען אין ספרים שאנק!"...

❋ ❋ ❋

**מתיר אסורים ומקיים אמונתו לישני עפר.**

דער הייליגער גארליצ'ער רב זי"ע האט אמאל אין שמיני עצרת באמערקט ווי אידן 'פורקי עול' קומען אין ביהמ"ד צו 'יזכור'. האט ער זיך אנגערופן בדרך צחות: "'מתיר אסורים', זיי זענען 'מתיר' אלע 'איסורים' פון די תורה, אבער 'ומקיים אמונתו', ווען באקומען זיי 'אמונה', 'לישני עפר', ווען זיי קומען אין ביהמ"ד צו 'יזכור', צו דערמאנען די 'ישני עפר'!"....

❋ ❋ ❋

**אם על הפתיחה חייב על הקריאה לא כל שכן.**

א איד פלעגט שטענדיג קויפן דעם כיבוד פון 'פתיחת הארון'. אמאל האט ער געשוואוירן ביים 'גאון' רבי יוסף שאול נאטנזאהן זי"ע אויף פאלש, האט עם דער 'גאון' גע'קנס'ט אז ער קען מער נישט קויפן דעם 'פתיחת הארון' אין ביהמ"ד.

אמאל האט מען אין שוהל געזוכט א 'בעל קורא', קיינער האט נישט געקענט ליינען, אויסער יענער איד וועלכע פלעגט צו קויפן דעם 'פתיחת הארון', האט מען עם געוואלט צושיקן צו ליינען, ווען דער 'גאון' האט דאס באמערקט, האט ער זיך אנגערופן: "אם על 'הפתיחה' חייב, על 'הקריאה' לא כל שכן?!"...

❋ ❋ ❋

**ווען איז א יו"ט אין ארץ ישראל?**

יעדע יאר ווען עס איז אין 'ארץ ישראל' איין טאג יו"ט 'שמחת תורה', איז דאס דער ערשטע טאג פון יו"ט וועלכע מען רופט 'שמיני עצרת' פאר די חוץ לארץ'דיגע אידן, וואו מען ליינט דאן אין די תורה די פרשה פון 'עשר תעשר'.

האט דער הייליגער סאטמאר רב זי"ע דערויף געזאגט: "ווען אין 'חוץ לארץ' ליינט מען 'עשר תעשר' (מען זאל געבן מעשר פון די געלט), איז דאן פאר די ארץ ישראל'דיגע אידן א יום טוב 'שמחת תורה'!"...

❋ ❋ ❋

**דער 'חתן' קען נאך אלס נישט די 'כלה'.**

ווען דער הייליגער 'גאון' רבי עקיבא אייגר זי"ע איז אמאל אראפ פון די בימה, נאכ'ן עולה זיין צו חתן תורה, האט ער זיך אנגערופן: "ווי איז מיר, עס איז שוין גאנצע פערציג יאר וואס איך בין דער 'חתן' תורה, און איך קען נאך נישט די 'כלה' - די תורה!"...

❋ ❋ ❋

**דער 'חתן' זעהט קיינמאל נישט די 'כלה'.**

אין שטעטל סאטמאר, האט אמאל א גביר, אַן עם הארץ, געקויפט דער עלי' 'חתן תורה'.

ווען דער סאטמאר רב זי"ע האט באמערקט ווער עס איז דער 'חתן תורה', האט ער געזאגט מיט א שמייכל: "ער איז אַן ערליכער חתן, ער זעהט נישט די 'כלה' א גאנץ יאר!"....

❋ ❋ ❋

**אין אזא הייליגן טאג וואונטשן 'אריכות ימים'?**

איין יאר אין שמיני עצרת. צווישן די הונדערטע חסידים וועלכע האבן זיך געשטופט צו געבן 'לחיים' פאר דער הייליגער רבי מרדכי דוב פון הארנאסטייפל זי"ע, איז געווען א חסיד וואס דאס ליבשאפט צום רבי'ן איז ביי עם אריבער די גבולים.

דעריבער, ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער האט אויסגערופן גערירט: "דער אייבערשטער זאל געבן פאר'ן רבי'ן 'אריכות ימים ושנים'!"...

צו זיין שטוינונג, האט דער הייליגער הארנאסטייפל'ער רבי בכלל נישט גע'ענטפערט דערויף 'אמן', און ניטאמאל רעאגירט.

די חסידים וועלכע זענען געשטאנען נאנט, זענען געווארן באזארגט, עס איז טאקע נישט געווען דער פלאץ אז דער חסיד זאל דא בענטשן דעם רבי'ן, אבער וואס איז פשט אז דער רבי ענטפערט אפילו נישט קיין 'אמן'?

זיי האבן פארשטעקט זייער זארג טיף אין הארץ, און זיך נישט געוואגט צו פרעגן דעם רבי'ן.

ערשט נאך יו"ט האבן זיי זיך גענומען די דרייסט און געפרעגט דעם רבי'ן איבער דאס נישט רעאגירן צו דעם חסיד'ס ברכה אויף אריכות ימים.

האט דער הייליגער הארנאסטייפל'ער זיך אנגערופן צו זיי ליבליך מיט א שמייכל: "חס ושלום, איר זאלט גארנישט טראכטן, עס וועט בעזהשי"ת זיין א גוטע יאר, מיט אלעם גוטס! איך האב פשוט נישט רעאגירט און נישט גע'ענטפערט קיין 'אמן', ווייל איך האב עם אנגעקוקט ווי א 'שוטה', אין אזא הייליגע טאג זאל ער מיר אנוואונטשן אריכות ימים אויף 'דער וועלט'?!"...

❋ ❋ ❋

**דער 'אתה חוננתנו' מיט'ן 'אתה בחרתנו'.**

דער הייליגער רבי משה לייב פון סאסוב זי"ע פלעגט טרייסטן די אידן מוצאי שמחת תורה, זאגנ'דיג: "זייט נישט צובראכן טייערע אידן אז דער יו"ט איז שוין פארביי געגאנגען, דער רבונו של עולם פון 'אתה חוננתנו' איז דער זעלבע רבונו של עולם פון 'אתה בחרתנו'!"...

❋ ❋ ❋

**נישט קאליע מאכן צווישן די ימים טובים.**

דער הייליגער 'אהבת ישראל' פון וויז'ניץ זי"ע פלעגט זאגן: "די ימים טובים זענען ווי רעצעפטן פאר רפואות, מיט דארף זיך היטן אז צווישן איין רעצעפט צו דער אנדערע, זאל מען זיך נישט קראנק מאכן"...

❋ ❋ ❋

# למען בן הנזרק בלהב אש

## ערציילונג לכבוד דער יום-טוב פון שמיני עצרת

מאסן האבן געשטראמט צום הויף פון דער הייליגער צדיק רבי ישראל פון רוזשין זי"ע, פראווען דעם יום-טוב פון 'שמיני עצרת' אין זיין מחיצה. דער צדיק האט געהאט אין זיין באזיץ דעם ספר-תורה פון דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, וואס איז אנגעקומען צו אים בירושה, און יעדער האט געוואלט זוכה זיין צו געבן כאטש איין קוש פאר'ן ספר, אדער כאטש עס גלעטן צי אפילו א בליק געבן דערויף...

אום סוכות יענעם יאר איז געגאנגען א שווערע רעגן, אבער די מאסן האבן זיך נישט צוריקגעהאלטן צוליב דעם. מען האט אנגעלאדנט די קינדערלעך אויף די אקסלען, און זיך געלאזט אין וועג קיין רוז'ין.

דער יום-טוב פון שמחת-תורה איז אנגעקומען, און אין דעם רוזשינער בית-המדרש איז דער התרגשות גאר גרויס. די ספרי-תורה זענען שוין ארויסגענומען געווארן פון דעם ארון-הקודש, דער ציבור איז געשטאנען געשפאנט, אויך דער הייליגער ספר-תורה פונעם בעל-שם-טוב געפונט זיך אין די הענט פון דעם צדיק, און דער שטילקייט זעצט פאר. דער צדיק שטייט אויף זיין פלאץ און זיינע אויגן זענען געווענדן צום טיר פון בית-המדרש.

עס גייט אריבער א שעה, נאך א שעה, דער ענגשאפט איז גרויס און דער לופט שטיקט, אבער דער רבי נעמט נישט אראפ זיינע אויגן פונעם פארמאכטן טיר פון בית-המדרש, ווי ער וואלט געווארט אויף עפעס א חשוב'ער פערזענליכקייט, און אן אים ווען זיך די הקפות נישט אנהייבן.

פלוצלינג עפנט זיך די טיר, אין בית-המדרש קומט אריין א דארפישער איד, זיינע קליידער זענען נאס פונעם רעגן, און ער טראגט אויף זיינע ארעמעס א קליין קינד איינגעהילט אין קליידער וועלכע טראגן פון זיך א גערוך פון פייער. אין די קליינע הענט פון דעם קינד זענען אויפגעהויפנט אפגעברענטע בלעטער, און ער קוקט זיך איין אין זיי און אויף די מענטשן אין בית-המדרש.

"מאכט פלאץ, מאכט פלאץ!" באפעלט דער צדיק ווען זיי זענען אריבער דעם שוועל פונעם טיר. א שמאלע וועגל האט זיך געשאפן אין בית-המדרש, וואו דער איד איז אריבער ביז צום רבינ'ס ארט, נישט וויסנדיג פארוואס דער רבי איז אים אזוי מכבד.

"אתה הראית לדעת," דונערט דעם רבינ'ס שטימע, ווען דער דארפס-איד דערנענטערט זיך צום רבי'ן, און נעמט איבער דעם ספר-תורה פונעם בעל-שם-טוב. אינעם רעכטן האנט האלט דער דארפס-איד דעם ספר, ווען דער רבי העלפט אים צו, און אין זיין לינקע האנט - זיין קליין קינד.

נאך די הקפות, ווען דער צדיק איז געזעסן אויבנאן, האט ער זיך געווענדן צו יענעם איד וואס האט אים אוועקגעזעצט נעבן זיך, אז ער זאל אים דערציילן וואס מיט אים האט פאסירט, און דער דארפס-איד האט דערציילט:

"איך פארמאג אן איינציג קינד, וועלכער איז ערצויגן געווארן אין אונזער דערפל צווישן גויים, און ער האט נישט געוואוסט און נישט געקענט אפילו איין אות פון לשון-הקודש. אויך דער פריוואטער מלמד וואס איך האב פאר אים געדינגען, האט נישט באוויזן אים צו אויסלערנען עפעס. דאס קינד האט גארנישט אויפגעכאפט. איך בין געקומען צום צדיק אינאיינעם מיט מיין קינד, און זיך אויסגעגאסן פאר אים מיין ביטער הארץ. דער רבי האט מיר באפוילן צו קויפן פאר'ן קינד א קליינעם תהלימ'ל, און אזוי האב איך געטון. דאס קינד האט באקומען דעם תהלים און פונעם ערשטן מינוט האט ער עס מורא'דיג ליב געהאט. ער האט עס איידל ארויסגענומען פונעם שאפע, געהאלזט און געקושט ווי עס וואלט געווען זיין טייערסטער חפץ.

"איין טאג," זעצט דער דארפסאיד פאר, "בין איך אין פעלד מיט מיין זון, ווי געווענליך, און צו מיין שאקירונג באמערקט איך פלוצלינג א געדעכטער רויעך ארויסקומען פונעם דארף. עס האט אויסגעזען ווי עס האט אויסגעבראכן א שריפה אין איינע פון די הייזער, אבער כ'האב נישט פארשטאנען פארוואס ס'הערן זיך נישט די קירכע-גלעקער וועלכע קלינגען יעדעס מאל ווען א פייער ברעכט אויס אין דארף? פלוצלינג איז מיר אריבערגעלאפן אין מח א מאדנע מחשבה: אפשר איז עס מיין הויז וואס גייט אויף אין פלאמען, און דעריבער קלינגען נישט די גלעקער?

"מיר ביידע האבן זיך געאיילט און געלאפן אין דארף, ביז מיר האבן זיך דערנענטערט צו אונזער הויז, און אט האב איך זיך איבערצייגט אז מיין השערה איז טאקע אן אמת'ער. אונזער קליינער, ארעמער הייזקע איז געווארן א בארג אש, און די גוי'אישע שכנים זענען געשטאנען ארום אונז מיט פארלייגטע הענט און אויף זייערע געזיכטער איז געווען א זיג פון פרייד, אויף דער הויז פון א איד וואס נאכאביסל וועט צוזאמפאלן.

"ווען איך האב געזען אז איך האב נישט קיין האפענונג צו ראטעווען עפעס פון דעם הויז, האב איך זיך געאיילט צו דעם שטאל, אפשר וועט מיר געלונגען צו ראטעווען כאטש די בעלי חיים, אבער אזוי שטייענדיג נעבן דעם שטאל, האב איך געהערט קולות פון ציטער געמישט מיט פרייד. איך האב זיך שנעל צוריקגעאיילט צו מיין שטוב, און פאר מיר האט זיך אנטפלעקט א שרעקליכע סצענע. מיין קליינער זון איז אריינגעשפרינגען אין דעם ברענעדיגע הויז, ווען די גויים שפעטן נאך אפ דעם קליינעם אידעלע וואס איז געגאנגען ראטעווען זיין געלט וואס איז אים מער ווערד ווי זיין לעבן.

"איך בין געשטאנען דארט ערשטוינט און נישט געוואוסט וואס צו טון, און פלוצלינג האט זיך דאס קינד אומגעקערט מיט א שפרינג ארויס, און אין זיין האנט איז געווען א קליינע, אפגעברענטע תהלימ'ל. ווען די גויים האבן געזען דעם יונגל'ס העלדישקייט, וועלכער איז נאר אריינגעגאנגען כדי צו ראטעווען דעם קליינעם ספר, זענען זייערע הערצער ווייעך געווארן און זיי האבן זיך ארויפגעווארפן אויף דעם פייער וואס האט געבוזשעוועט און עס אויסגעלאשן. און איך? איך האב זיך געאיילט איינצוהילן מיין זון און געלאפן מיט אים אין שטאט, קיין רוזשין, כדי נישט צו פארפאסן חלילה די הקפות פונעם צדיק..."

דער דארפסמאן האט פארענדיגט דעם מעשה, און דער רבי האט זיך אנגערופן: "יעצט וועט איר פארשטיין פארוואס איך האב געווארט מיט די הקפות. וויאזוי זאל איך נישטווארטן, ווען דער גאנצער פמליא של מעלה האט געווארט אויף דעם קינד, וואס האט זיך איינגעשטעלט זיין לעבן צו ראטעווען זיין תהלימ'ל!"

# סיפורי החג

### א געקליבענער אוצר פון
## סיפורי צדיקים על שמחת תורה

## כאטש זענען מיר שוין ארויס פונעם בלאטע

אין דעם גרויסן בית המדרש פונעם צדיק הרה"ק רבי מענדל'ע וויטעבסקער זי"ע האט געהערשט א שטילקייט. דער עולם האט געוואוסט אז דער רבי זאל שוין אנהייבן 'אתה הראת', אבער דער רבי איז פארמאכט ביי זיך אין שטוב.

מיט גרויס יראת הכבוד האט דער עולם געווארט און געווארט, קיינער האט זיך נישט געוואגט צו שטערן די הייליגע געדאנקען פונעם צדיק. אבער ווען זיי האבן געזען אז עס נעמט נישט קיין עק, זענען עטליכע דערהויבענע מקורבים אריין צום רבי'ן פרעגן פארוואס דער רבי קומט נישט ארויס צו די הקפות.

צו זייער שטוינונג, האט דער רבי זיך אנגערופן: "איך זאג נישט היינט דעם אתה הראת!"

יעדער האט זיך געוואונדערט אויף דעם פלא'דיגן החלטה, דאן האט דער רבי פארגעזעצט און ערקלערט: "עס איז מיר היינט אנטפלעקט געווארן פיל פארבארגענע סודות פון אתה הראת, און איך האב נאך אסאך ארבעט צו קענען אנקומען צו די אלע הויכע מדריגות אין מיין עבודה! דערפאר קען איך בשום אופן נישט זאגן אתה הראת!"

מיט יראת הכבוד האבן די חסידים פארלאזט דעם שטוב, און ווייטער געווארט אין היכל הביהמ"ד. א לאנגע שעה איז אדורך און זיי ווארטן נאכאלץ. זענען זיי ווידער אריין צום רבי'ן, אבער דער ענטפער האט זיך נישט געטוישט.

צווישן דעם עולם איז אויך געווען דער הייליגער רַב, הרה"ק רבי שניאור זלמן פון ליאדי זי"ע, וועלכער איז געקומען צו פארן קיין וויטעבסק אויף חודש תשרי. דער רַב פלעגט אלץ קומען צו פארן צום צדיק, אבער היי-יאר האט ער געוואלט זיין גאנץ חודש תשרי ביי הרה"ק רבי מענדל'ע, ווייל דאס יאר גייט דאך דער רבי ר' מענדעלע ארויפפארן קיין ארץ ישראל.

דער רַב איז דאן געשטאנען אין ביהמ"ד, פארטיפט אין זיינע הייליגע געדאנקען און האט אפילו נישט באמערקט וואס טוט זיך ארום. אבער ווען די חסידים האבן אים געפרעגט וואס מען קען טון, האט ער זיי גע'עצה'ט ווי פאלגנד:

"גייטס נאכאמאל אריין צום רבי'ן און אויב דער רבי ענטפערט די זעלבע ווי פריער, דאן זאגט אים אזוי: 'מיר זענען דאך געקומען צום רבי'ן, האט דער רבי א חיוב צו פארזאגן די פסוקים פאר אונז!' און אויב דער רבי וויל נאכאלץ נישט, דאן זאגט אים אז איר ווילט אים רופן צו דין תורה ביי מיר, און איך וועל שוין פסק'נען וואס מען זאל טון".

א ציטער האט ארומגענומען די חסידים צו טון אזא שריט, קיינער האט זיך נישט געוואגט צו רעדן אזעלכע ווערטער צום רבי'ן, אבער עטליכע האבן געשפירט, אז אויב דער רַב זאגט אזוי, געוויס קען מען זיך פארלאזן אויף זיינע הייליגע ווערטער. ער איז דאך געווען גוט באקאנט מיט זיין גדלות און צדקות, און ער איז געווען פון די נאנטסטע תלמידים פון רבי'ן.

מיט פלאטערדיגע הערצער, ווען זייערע קניען קלאפן איינס אין צווייטן פאר שרעק, האבן זיי איבערגעזאגט די ווערטער פארן הייליגן רבי מענדל'ע פון וויטעבסק.

"אוודאי", האט דער רבי ר' מנחם מענדל אויסגערופן מיט א שיינענדע געזיכט, און איז באלד געגאנגען צוזאמען מיט זיי צום רַב. "רבי זעלמעלע, איך וויל זיך שטעלן פאר דיר צו פסק'נען".

די חסידים זענען געשטאנען פארציטערט און געזאגט זייער טענה מיט די ווערטער וואס דער רב האט זיי נארוואס געזאגט, אז זיי האבן אויפגענומען דעם צדיק פאר א רבי און דעריבער איז ער מחוייב צו זאגן אתה הראת. און דאן האט דער רבי ר' מענדל'ע געזאגט זיין זייט, אז ער קען נישט זאגן אתה הראת ווילאנג ער דערגרייכט נישט די הונדערט פירושים און סודות וואס מען האט אים אנטפלעקט אויף אתה הראת.

האט זיך דער רַב געקערט צום רבי'ן און פייערליך אויסגערופן: "די חסידים זענען גערעכט! צוליב צוויי סיבות: איינס איז א סברא און די צווייטע וועל איך ערקלערן מיט א מעשה שהיה.

"די סברא איז אזוי: יעדער ווייסט אז ווען א מענטש שטייט אויף איין פלאץ און ער קוקט וואס עס טוט זיך ארום זיך, קען ער זען אסאך מער ווי דאס קליינע פלאץ הארט נעבן זיך; ער זעט פיל ווייטער פון וואו ער שטייט.

"וואס וועט זיין אויב ער וועט זען א ווייטער פלאץ, און ער וועט וועלן אהינגיין? אויב גייט ער גיין אויף יענעם פלאץ, וועט ער נישט בלייבן ביים זען נאר יענער פלאץ, נאר פון דארט גייט ער קענען זען נאך פיל ווייטער. און אזוי איז עס ווייטער און ווייטער, עס איז נישט דא קיין סוף ביז וואו מען קען זען, ווי ווייטער מען גייט אלס מער און ווייטער קען מען זען!

"די זעלבע איז דא. אז דער רבי וועט דערגרייכן און משיג זיין די הונדערט פירושים, וועט דאך דער רבי קענען זען און משיג זיין נאך פיל מער מדריגות צו וועלכע דער רבי איז נאכנישט אנגעקומען ביז היינט. דעריבער האט נישט קיין פשט זיך צו צוריקהאלטן פון זאגן צוליב דעם.

"דערנאך וויל איך דערציילן א מעשה פארן רבי'ן: אין א געוויסע שטאט האט געוואוינט א פאראפאלק. ביים עק פון שטאט, אקעגן זייער הייזקע, איז געווען א הויכע בארג. יעדעס מאל וואס עס האט גערעגנט - וואס דאס איז אייגענטליך געווען דער וועטער רוב צייט פון יאר - פלעגט אראפרינען בלאטע און וואסער ביז זייער הויז אריין, זיי האבן זיך זייער פאר'מיאוס'ט פון וואוינען אין אזא אומריינע הייזקע, האבן זיי באשלאסן אז מען מוז זיך דא אן עצה געבן. האבן זיי באשלאסן זיך ארויפצוציען העכער אויף דער בארג.

"צוביסלעך צוביסלעך האבן זיי זיך געהאלטן אין איין ארויפרוקן העכער און העכער אויפן בארג, און וואס העכער זיי זענען געווען, אלס ווייניגער פלעגט די בלאטע און שמוץ זיך אפשטעלן ביי זיי אין אריינקומען צו זיי אין הויז.

"ויהי היום. דער מענטש שטייט זיך אינדרויסן פון זיין הייזקע און קוקט ארויף צום שפיץ בארג. פלוצלונג ברעכט ער אויס אין א געוויין. זיין דערשראקענע אידענע קומט צו לויפן און פרובירט צו פארשטיין פארוואס ער וויינט אזוי ביטערליך. האט ער ערקלערט די פשט פון זיין געוויין: "שוין אזא לאנגע צייט וואס אונז האלטן זיך אין ארויפרוקן העכער און העכער אויפן בארג, און קוק! די שפיץ איז נאך אזוי ווייט פון אונז! קוים וואס מען קען עס אפילו זען פון דא!" די אידענע קוקט אן איר מאן און זי רופט אויס מיט וואונדער: "איך פארשטיי דיר נישט! אפילו מיר זענען נאכנישט אנגעקומען צום שפיץ בארג, אבער מיר זענען דאך ארויס פון די בלאטע, דארפסטו טאנצן פאר שמחה!"

מדור זה נתנדב לע"נ הרה"ח ר' **אברהם משה** בהרה"ח ר' **יעקב** ע"ה **זילבערמאן** מראשי עסקנים בקהילתנו הק'
לרגל ה'יארצייט' שחל ביום א' הבעל"ט - כ"ה תשרי
זכות הפצת תורה וחסידות יעלה לטובת נשמתו בג"ע ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים
וימליץ יושר בעד כל בני משפחתו החשובה המוקירים זכרו להתברך בכל מילי דמיטב

האט דער הייליגער רַב אויסגעפירט: "פון בלאטע איז מען ארויס, ראש השנה און יום כיפור זענען ברוך השם אדורכגעגאנגען, אפילו מיר זענען נאכנישט צוגעקומען צום שפיץ בארג, איז מען אבער ארויס ב"ה פון דער בלאטע!"

**מגדל עז, עמ' קנח**

## ויהיו נא אמרינו לרצון

דער בית המדרש אינעם שטאט סקווירא איז געווען פיל מיט רוזינע חסידים און אויך סתם מענטשן איינוואוינער פון שטאט, עס זענען דארט כמעט נישט געווען קיין טשערנאבילע חסידים, און עס זענען נישט געווען אזעלכע וואס האבן געוואוסט צו שעצן זייער נייעם גאסט דער נייער איידעם פון הרה"ק רבי הערשעלע סקווירער זי"ע מרן הרה"ק רבי איציקל מסקווירא זי"ע.

מען האט זיך דאן געגרייט צו די הקפות, און ווי זייער סדר האבן די גבאים פארקויפט די פסוקים פון אתה הראת געבנדיג דערמיט די געלעגנהייט פאר יעדעם צו קויפן א פסוק פארצוזאגן פארן גאנצן עולם.

דער גבאי איז צוגעקומען צו רבי איציקל סקווירער און אים געזאגט אז אזוויי ער איז אן איידעם ביי רבי הערשעלע סקווירא געבט מען אים דעם כבוד אז ער קען זיך אליינס אויסוועלן וועלכער פסוק ער וויל פארזאגן, און רבי איציקל סקווירא האט איבערגעגעבן פאר די גבאים אז ער וויל זאגן דעם פסוק פון "ויהיו נא אמרינו לרצון לפני אדון כל". דער גבאי האט מסכים געווען און מען האט אנגעפאנגען מיט אתה הראת.

דער ערשטער האט אנגעפאנגען מיט אתה הראת און דאן איז צוגעגאנגען דער צווייטער, יעדער האט זיך פארגעזאגט זיין פסוק, ביז ווען מען האט שוין געהאלטן ביי דער רייע פון רבי איציקל סקווירער, רבי איציקל האט זיך געשטעלט ביים עמוד און מיט גרויס התעוררות האט ער פארגעזאגט דעם פסוק "ויהיו נא אמרינו לרצון לפני אדון כל", אין יענע מינוטן איז געווארן אזא התעוררות אין בית המדרש, יעדער איז געווארן איבערגענומען פון דעם וויאזוי רבי איציקל סקווירער האט פארגעזאגט דעם פסוק.

ווען עס איז געקומען צו זאגן ווייטער האט דער וואס האט געקויפט דעם פסוק פון 'ויהי בנסוע' נישט געוואלט צוגיין און ער האט געוויזן אז רבי איציקל זאל ווייטער זאגן, און אזוי איז עס אויך געווען מיטן צווייטן און אזוי מיטן דריטן ביזן סוף האט שוין רבי איציקל סקווירער געזאגט די גאנצע.

**נתיבות קודש לשמח"ת**

## מיט פרישע כוחות

עס איז שוין געווען אין די עלטערע יארן פון מרן הרה"ק רבי איציקל מסקווירא זי"ע, ער האט דעמאלטס שטארק געליטן אויף די פיס, און ער האט ממש נישט געקענט גיין ל"ע אז מען האט אים געדארפט האלטן אויף א בענקל, עס איז געווען יענעם יאר ביי די הקפות ווען מען האט אריינגעברענגט רבי איציקל מיט זיין בענקל, די חסידים זענען געשטאנען ארום און געווארט צו זען וואס עס וועט זיין, זיי זענען געווען צוגעוואוינט ווי דער רבי ר' איציקל טאנצט מיט גרויס קאך אלע יארן מיט א פייער ארומגענומען מיט זיינע פיר קינדער, און אצינד דארף מען אים נעמען מיט א בענקל, דער עולם האט נישט געוואוסט וואס צו טראכטן וויאזוי וועט די הקפות אויסזען דאס יאר, צו וועלן די קינדער טאנצן נעבן דעם טאטן, אדער וואס.

מען האט אנגעפאנגען די הקפות, און מען האט גענומען זינגען שטערקער און שטערקער, די התעוררות איז געווארן גרעסער, ביז ווען דאס איבערראשענדע האט פאסירט, אלע אויגן זענען געווען צוגענאגעלט צום ארט וואו דער רבי ר' איציקל איז געזיצן פארקאכט, אבער פלוצלונג האט ער געגעבן א שטיפ ארויס דעם בענקל אויף אונטן, און ער האט זיך געגעבן א שטעל אויף אויף זיינע נישט געזונטע פיס און ער איז געבליבן טאנצן פארקאכט, די חסידים האבן עס געזען און נישט געוואוסט צי זיי זאלן עס גלייבן, דער צדיק ווערט שוין געפירט אינעם בענקל פאר א שטיק צייט נישט קענענדיג שטיין אויף די פיס און דא שטייט ער און ער טאנצט אויף די אייגענע פיס. דאס התעוררות האט זיך פיל פאכיג פארשטערקערט.

אין יענעם יאר, איז רבי איציקל געווען נאך די הקפות גאר שטארק בשמחה, און דעמאלטס האט ער אין שטוב גענומען דערציילן פאר די אוועזנדע: אמאל ווען הרה"ק דער מאור עינים זי"ע איז געווען ביים בעל שם טוב הק' זי"ע, האט ער אין איינע פון די טעג געעפנט דעם טיר און ער האט געזען אז דער בעל שם הייבט זיך מיט די שטול און ער שוועבט אין די לופטן, און ער האט געטון דארט וואס ער האט געטון. דער מאור עינים איז שטארק דערשראקן געווארן און נשתומם געווארן. און דער בעל שם טוב הק' האט זיך אנגערופן צו אים: "וואס ביסטו אזוי דערשראקן? קוק זיך גוט צו, וועסטו אויך קענען טון אזוי!"

האט רבי איציקל סקווערער דערציילט אז די זעלבע זאך איז געווען אמאל ווען דער טשערנאבילער מגיד זי"ע איז אריין צום מאור עינים זי"ע. ער איז אריין און ער האט אויך געזען ווי דער מאור עינים הייבט זיך מיט דעם שטול, און ער איז אויך שטארק נשתומם געווארן. האט אים דער מאור עינים געזאגט די זעלבע זאך: "וואס ביסטו אזוי דערשראקן? קוק זיך גוט צו, וועסטו דאס אויך קענען טון!"

ווען רבי איציקל סקווערער האט דאס דערציילט, האט ער מסיים געווען אז בשעת דער מאור עינים איז דעמאלטס געווען ביים בעל שם און ער האט געזען ווי ער האט זיך געהויבן מיט די שטול, זענען דארט געווען נשמות וואס האבן א שייכות צו משיח - האט דער מאור עינים גענומען א חלק פון די נשמות פאר זיך. און רבי איציקל סקווערער האט אויסגעפירט און געזאגט: "א חלק פון דעם איז אויך צו מיר אנגעקומען!"

**נתיבות קודש לשמחת תורה**

## ורבים השיב מעון

א גלענצנדע איינפאל איז איינגעפאלן אין יענעם שמחת תורה פארן גרויסן טיאטער-שפילער, זייענדיג אין רייץ צו אויפקומען מיט עפעס גאר גוט אויפצושפילן פאר די מאסן, איז אים איינגעפאלן אז ער וועט פארן קיין סקווירא, און זיך גוט איינקוקן וויאזוי עס זעט אויס דארט די הקפות, און ער וועט דאס נאכשפילן און ער האט געשפירט אז דאס וועט זיין איינס אין דער וועלט.

דאס איז געווען הרה"ח ר' שלמה היל ע"ה וואס אין יענע יארן איידער ער איז געווארן א בעל תשובה איז ער געווען פון די גרעסטע טיאטער-שפילערס, אז עס איז כמעט נישט געווען קיין מענטש אין אמעריקא וואס האט נישט געוואוסט פון אים... ער איז געווען גאר גאר פון די מפורסמים, און ער האט פארדינט מיליאנען א יאר.

דעם שמחת תורה ביינאכט ווען עס איז איינגעפאלן דעם פלאן, האט ער זיך אריינגעזעצט ליידער אין זיין קאר, און ער האט גארנישט געוואוסט אז ער לאזט זיך יעצט ארויס אויף א נסיעה אוועק פון זיין ביז יעצטיגן לעבן און ער קומט אן צו א נייער תקופה.

ווען ער איז אנגעקומען קיין סקווירא, האט ער איבערגעלאזט דעם קאר אויבן דעם שטעטל נישט ווילנדיג אריינפארן מיט א קאר אין א אידישע פלאץ אין יום טוב. ער איז אנגעקומען צו די הקפות, און ער האט עס גענומען באטראכטן, פון אנהייב האט ער נאר פשוט געקוקט, אבער וואס א מינוט עס איז אריבער האט ער גענומען ווערן מער און מער איבערגענומען, ביז ער איז געווארן אזוי נתעורר, אז אויפן פלאץ האט ער אפגעמאכט אז ער ווערט אן ערליכער איד, און פון דארט איז ער שוין נישט אהיימגעפארן מיט זיין קאר.

ווען ער איז אהיימגעקומען צו זיין משפחה און חברים, איז ער ממש געווען איבערגענומען און אויסער זיך, און ווען זיי האבן אים געפרעגט וואס ער האט דארט געזען האט ער געענטפערט: "איך האב שוין פילע מאל געזען מענטשן טאנצן מיט זייער גוף, אבער יעצט האב איך געזען גאר עפעס אנדערש איך האב געזען א נשמה טאנצט, בלויז א נשמה אן קיין שום שפור פונעם גוף!"

שפעטער האבן זיינע חברים אים געבעטן, דו ביסט דאך א געלונגענער שפילער איינס אין דער וועלט, שפיל פאר אונז אן מאך נאך וויאזוי דער סקווירער רבי טאנצט ביי די הקפות, האט ער זיי געזאגט: "איך קען דאס נישט נאכמאכן, דאס איז צו הייליג - און ער האט צוגעלייגט - איך בין א גוטער שפילער, און איך פארשטיי גוט דערצו, און איך קען גאר שנעל אויפכאפן אויף תנועות אז זיי זענען געפעלשטע מעשיות, איך האב נישט געזען ביי אים קיין שום פאלשע תנועה.

ר' שלמה איז דאן געווארן א פולקאמער בעל תשובה, ער האט אפילו איבערגעלאזט זיין פרוי און קינדער [דער עלטסטער זון איז שפעטער יא מיטגעגאנגען מיט אים], און ער האט חתונה געהאט נאכאמאל מיט הגה"צ ר' יוסף חיים זאנענפעלד'ס אן אייניקל, און אויפגעשטעלט א פרישע שטוב מיט חסיד'ישע קינדער.

אמאל ווען ער האט דערציילט איבער זיין עבר און ער האט געשולדערט וויאזוי עס האט אויסגעזען די הקפות וואס האט אים מחזיר בתשובה געווען, האט ער זיך אויסגעדריקט: "די זעקסטע הקפה איז געווען עפעס מער ווי אלע, ממש אויסערגעוועינלך, מיט א זעץ מיט די שטיוול האט מיר דער רבי ארויסגענומען פון די נ' שערי טומאה!"

**מפי בעל המעשה**

## ארעם געווארן און צוריק רייך געווארן דורך 'עוזר דלים'

הרה"ק דער זלאטשובער מגיד זי"ע האט געהאט א מנהג יעדן שמחת-תורה צו פארטיילן די הקפות. די ערשטע פינעף הקפות האט ער געגעבן פאר זיינע פינעף הייליגע זין, הרה"ק רבי וועלוול זבאריזער, הרה"ק רבי איציקל ראדווילער, הרה"ק רבי משה'לע זוועהילער, הרה"ק רבי מרדכי קרעמניצער, הרה"ק רבי יוסף יאמפולער זי"ע, און דער לעצטער הקפה "קדוש ונורא" האט ער גענומען פאר זיך.

מיט דער הקפה "עוזר דלים" פלעגט ער מכבד זיין אן ארעמאן, און דער וואס האט זוכה געווען צו באקומען די הקפה איז גאר גליקליך געווען וואוסנדיג אז דעם יאר וועט ער גאר רייך ווערן.

די פינעף הייליג קינדער פונעם מגיד וועלכע זענען געווען אקעגן די חמשה חומשי תורה האט מען אויסגערופן ביים נאמען און אזוי אויך דער ארעמאן וועלכער האט זוכה געווען צום הקפה פון "עוזר דלים" האט אים דער מגיד גערופן ביים נאמען. די איבריגע ספרי-תורה וואס זענען געווען אין שול האט מען צעטיילט פאר אנדערע מענטשן אן זיי אויסצורופן ביים נאמען.

ווי באוואוסט און פארשטענדליך אז אלע ארעמעלייט פון סיי-וואו זענען געקומען צום מגיד אויף שמחת-תורה און יעדער האט געהאפט אז אים וועט דער מגיד מכבד זיין מיטן הקפה "עוזר דלים". אין שול האבן זיך אלע געשטופט

ווי מער ארויף צו מזרח זייט דארט נעבן וואו עס איז געווען דער פלאץ פונעם מגיד און יעדער האט געוואלט אז דער מגיד זאל 'אים' זען.

דער הייליגער מגיד האט געזען די שטופעריי און ער האט זיך אמאל אנגערופן: "אידן! פארוואס דארפט איר זיך שטופן נעבן מיר? איר זענט דאך אלע איינגעקריצט ביי מיר אין זכרון, איר אלע אינאיינעם חברים, איך זע אלע אידן פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערן, און בפרט ארעמעלייט וואס זיי זענען אין דער בחינה פון 'חביבין ישראל שנקראו בנים למקום', פארוואס זאלט איר זיך אזוי שטופן, ווילט איר טאקע פארלירן דעם 'חביבין' צו פארדינען געלט, רייך צו ווערן?!"

די עשירים האבן גוט געהערט די ווערטער פונעם מגיד, צווישן זיי אויך חיים דער נגיד, וועלכער איז געווען א געוואלדיגער תקיף, האט ער אמאל געפרעגט דעם מגיד: "ווייל מיר זענען עשירים האבן מיר דערפאר פארלוירן דעם טיטל 'חביבין' און מיר ווערן מער נישט אנגערופן 'קינדער'? ווען דער זון ווערט רייך איז ער מער נישט דאס באליבטע קינד פון זיין טאטן? איז אויב אזוי, ווען דער מגיד איז עמיצן מנדב מיט'ן הקפה פון 'עוזר דלים' און דערמיט העלפט אים דער מגיד ער זאל רייך ווערן, נעמט אים דאך דער מגיד ארויס פון דער בחינה פון 'חביבין'?!"

האט אים דער מגיד געענטפערט מיט א לעכטיג פנים: "דו האסט זיך טועה געווען! ווייל די אמת איז אזוי, אז ווען א טאטע האט א צעבראכענער ארעמער קינד איז זיין ליבשאפט מער צו אים ווי צו זיין רייכן קינד, און ער גלוסט אז דער ארעמער קינד זאל אויך זיין רייך!"

די עשירים אין שטאט זענען בכלל נישט געווען צופרידן דערפון, זיי האבן זיך גאר ארומגעדרייט מיט תרעומות אויפן הייליגן מגיד, אבער ווי פארשטענדליך האבן זיי גארנישט ארויסגעוויזן אלס דרך ארץ פארן הייליגן רבי'ן.

אנדערש איז אבער געווען אברהם שלמה, אדער ווי מ'האט אים גערופן "אברהם שלמה דער גוי". ער איז געווען א גרויסער עושר און האט געוואוינט אין זלאטשוב. כאטש וואס ער האט גארנישט געהאט אין זיך אויסער זיין געלט, סיי וואס ער האט נישט געקענט לערנען און סיי וואס ער האט נישט געהאט קיין דרך ארץ, איז ער אבער פונדעסטוועגן געווען דער איינציגסטער וואס האט געהאט א דעה אין שטאט, ווייל ער פלעגט אויסהאלטן פון זיין פארמעגן רוב איינוואוינער אין שטאט.

געווענליך פלעגט דער מגיד מכבד זיין ערליכע תלמידי חכמים און פון יאר צו יאר איז די שטאט זלאטשוב געווארן מער און מער פול מיט ניי אויפגעקומענע עשירים, דורכדעם וואס זיי האבן באקומען דעם כיבוד פון עוזר דלים. אברהם שלמה האט זיך ארומגעדרייט מיט א שווער הארץ אויפן מגיד וועלכער האט גורם געווען דערצו אז די אלע זאלן רייך ווערן און דאס האט געברענגט אז ער זאל צוביסלעך פארלירן זיין השפעה אויפן שטאט, ווייל נישט נאר וואס מען האט מער נישט צוגעהערט זיין דעה, נאר יעדער וואס פלעגט נאר רעדן מיט אים האט געלאכט פון זיינע נארישע ווערטער און ער איז געווארן צו שפאט אינעם גאנצן שטאט.

אברהם שלמה האט זיך ארומגעדרייט מיט א גרויסע שנאה אויף אלע אמאליגע ארעמעלייט אין שטאט וועלכע ער פלעגט אנרופן מיט'ן נאמען "אויפגעקומענע". איינמאל ווען ער איז זיך געזיצן און געטראכט וואס ער קען טון צו ווערן גרעסער פון אלע אויפגעקומענע עשירים און ווייטער קענען זיין דער בעל הבית און דער איינציגסטער דעה-זאגער אין שטאט, איז אים איינגעפאלן א המצאה, אז דעם קומענדיגן שמחת תורה ווען מען וועט אויסרופן די כיבודים און אזוי אויך דער כיבוד פון "עוזר דלים", וועט ער שנעל גיין און זיך שטעלן אקעגן דעם ארון הקודש און ווען מען וועט עמיצן מכבד זיין וועט ער צוגיין און ארויסכאפן דעם ספר-תורה פון זיין האנט און דערמיט מאכן די הקפה, אזוי ארום וועט ער רייך ווערן אסאך מער ווי פריער.

דאס זעלבע וועט ער אויך טון צופרי, ער וועט נאכאמאל נעמען די הקפה "עוזר דלים" און ווידעראמאל מאכן די הקפה ארום די בימה און דעמאלטס וועט ער נאכמער רייך ווערן, אזוי אז ער וועט צוקומען צו דער עשירות פון באראן ראטשילד, דעמאלטס וועט ער ווייטער קענען זיין דער איינציגסטער דעה-זאגער אין שטאט, און נאכמער, ער וועט נאך אויך באקומען די דעה איבער דעם גאנצן אומגעגנט.

אברהם שלמה האט זיך געריבן די הענט מיט זיין איינפאל. שמחת תורה פאר דער הקפה "עוזר דלים" איז ער שוין געשטאנען גרייט נעבן דעם ארון-הקודש ציטערדיגערהייט. ווען ער האט געהערט אויסרופן "יעמוד הרב פלוני בן פלוני יתן כבוד לתורה פאר דער הקפה עוזר דלים" איז ער באלד צוגעלאפן און געכאפט די תורה און דערמיט געמאכט די הקפה ארום די בימה.

דער מגיד האט גארנישט געזאגט נאר געקוקט אויף אים מיט שארפע אויגן און האט געקרעכצט און שטיל געזאגט: "א רחמנות." אברהם שלמה האט אבער נישט געהערט דעם מגיד'ס ווערטער נאר ער איז אהיימגעלאפן מיט גרויס פרייד און איבערגעגעבן אין שטוב אז דאס יאר וועט ער גאר רייך ווערן, מער ווי ביז דאן, ווייל ער האט געכאפט דעם הקפה "עוזר דלים", ער האט זיך נאך באריםט אז צופרי וועט ער ווידעראמאל אזוי טון.

אינדערפרי ווען מען האט אויפגערופן דעם ארעמאן צום הקפה פון "עוזר דלים" איז אברהם שלמה ווייטער צוגעלאפן, געכאפט די תורה און איז דערמיט ארום די בימה. דער מגיד האט ווידער געקרעכצט: "אוי א רחמנות!" אברהם שלמה איז מיט פרייד אהיימגעלאפן און געזאגט אז יעצט וועט ער נאכמער רייך ווערן ווייל ער האט שוין צוויי מאל געכאפט די הקפה פון "עוזר דלים".

באלד נאך שמחת תורה האט זיך ביי אברהם שלמה דאס רעדל א דריי געטון. ווי ער האט נאר אריינגעשטעקט זיין קאפ איז דער גאנצער געשעפט געגאנגען מיט'ן פיטום אראפ און ער האט באלד שאדן געהאט א גרויס פארמעגן און ביז א קורצער צייט איז ער געווארן א גרויסער ארעמאן.

ער איז שנעל געגאנגען צום מגיד מיט זיינע טענות און מיט א געוויין: "רבי, עס איז דאך שטענדיג אזוי אז דער וואס באקומט דעם כיבוד פון דער הקפה "עוזר דלים" ווערט רייך, און דאס יאר האב איך צוויי מאל געהאט די הקפה און צום סוף בין איך גאר אזוי פארארעמט געווארן?!"

האט אים דער מגיד געענטפערט: "איך וועל דיר ערקלערן, יעדעס יאר ווען איך זאג דעם חרוז פון עוזר דלים מיט גרויס כוונה און איך האב אינזין דעם וואס האט די הקפה, הערט דער אויבערשטער צו מיין געבעט און טוט מיין ווילן דערפאר מאכט ער יענעם רייך. אבער דאס יאר ווען דו האסט געכאפט די הקפה און דער ספר-תורה און איך האב געזאגט נאך דיר עוזר דלים, דאס מיינט אז דער בורא איז זיך מרחם אויף די ארעמעלייט און ער העלפט זיי, האט מען געזען אז דו ביסט נישט ארעם, האט מען דעריבער געמוזט צונעמען די עשירות פון דיר אז מיין תפלה זאל ערפולט ווערן, יעצט, אינעם קומענדיגן יאר אז איך וועל דיר מכבד זיין מיט דער הקפה "עוזר דלים" וועסטו קענען צוריק רייך ווערן ווי פארדעם".

א גאנץ יאר איז אברהם שלמה ארום ביי די טירן צו בעטן עסן ביי די בעלי-בתים פון שטאט פאר זיך און זיין משפחה.

קיינער האט אים גארנישט געזאגט, ווי דער מגיד האט פון פאראויס באפולן. ענדליך איז אנגעקומען דעם קומענדיגן שמחת-תורה ווען דער מגיד האט אים מכבד געווען מיטן כיבוד "עוזר דלים".

אברהם שלמה איז דערפון צוריק רייך געווארן ווי פריער, און זיין שווער הארץ אויף די עשירים אין שטאט איז פארשוואונדן געווארן, אויך דער געדאנק צו זיין דער דעה-זאגער איבער'ן שטאט און אומגעגנט האט ער מער נישט געהאט, און שמחת תורה איז ער שוין געשטאנען פונדערוויטנס און זיך מער נישט דערוויגט צו לויפן און כאפן די הקפה פון "עוזר דלים".

**מלכי בקודש חלק ב' עמ' קסה**

## אפגעקומען מיט בושות

אינעם בית המדרש פון הרה"ק דער רבי ר' אלימלך זי"ע האט מען געהאלטן נאך די הקפות איידער קריאת התורה, פון אלעמענ'ס געזיכטער האט נאך געטראפט די שווייס און מען איז נאך געווען איבערגענומען פון די געהויבענע הקפות וואס מען האט נארוואס מיטגעלעבט און מען האט געשפירט ווי מען קומט אראפ פון אן אנדערע וועלט, און אצינד האט מען געטראגן דעם ספר תורה צום בימה אויפן וועג צום ליינען.

אין יענע מינוטן האט דער רבי ר' אלימלך געוויסן פארן געהויבענעם תלמיד הרה"ק רבי משה פשעווארסקער זי"ע אז ער זאל זינגען 'על הכל' וואס עס איז דאן די מנהג צו זינגען.

רבי משה איז געווען א קנאפע בעל מנגן ער האט בכלל נישט געקענט שטעלן א טאן און האט זייער שווער געזינגען. אבער דער צדיק האט אים געהייסן זינגען האט ער געוואלט פאלגן, און ער האט פרובירט צו אנהייבן א ניגון, ער האט געקראצט מיט זיין שטימע אהין און אהער, אבער עס איז נישט געגאנגען, ער האט נישט געוואוסט וויאזוי מען הייבט אן, און עס איז נישט ארויסגעקומען פון זיינע שטימבענדער קיין שום תנועה.

עס איז אריבער א ווייל פון שטילקייט און דער רבי ר' אלימלך האט נאך עטליכע מאל געוויזן אז ער זאל נעמען זינגען, אבער עס איז אים בשום אופן נישט געלונגען. האט דער רבי ר' אלימלך אים געוויזן א פנים ווי ער וואלט געווארן ברוגז אויף אים און ער האט מכבד געווען א צווייטן.

מוצאי שמחת תורה האט זיך רבי משה געשעמט זיך צו געזעגענען פון זיין רבי'ן און ער איז אהיימגעפארן אן זיך געזעגענען, אבער ער האט געפאסט און זיך מסגף געווען אויף דעם וואס ער האט נישט געקענט אויספאלגן זיין רבי'נס באפעל ביז ווען עס איז געקומען חנוכה. דאן האט ער געהערט פון הימל אז עס איז אים שוין ערלויבט זיך צו באווייזן פאר זיין רבי'ן, און ער איז געפארן אויף חנוכה קיין ליזענסק.

אנקומענדיג אין ליזענסק האט אים דער רבי ר' אלימלך אויפגענומען בסבר פנים יפות און האט אים געזאגט: "שלום עליכם רבי משה, איך האב אינזין געהאט דיין טובה, איך האב געזען אויף דיר נישט גוטס האב איך געזוכט אן עצה אז דו זאלסט פטור ווערן דערפון, און איך האב געקלערט אז דו וועסט זינגען און עס וועט ווערן דערפון א געלעכטער פארן עולם וועסטו אפקומען מיט דער בושה און עס וועט דיר גוט ווערן, אבער אז דו האסט זיך נישט געקענט נעמען זינגען האב איך דיר געמאכט א ברוגז פנים, און אזוי זאל דאס אראפנעמען דאס נישט גוטס, און אצינד זע איך אז איר זענט שוין געהאלפן.

**שארית ברוך**



# מנהג ההקפות

באלד נאך סוכות קומט די הייליגע יו"ט "שמחת תורה", ווען כלל ישראל גייט זיך פרייען מיט די הייליגע תורה הקדושה, און מיר גייען טאנצן די הייליגע "הקפות". דער מעמד פון הקפות איז וואונדערבאר, ווי איז נאך דא א שענערע מעמד ווי שמחת תורה ווען כלל ישראל פרייד זיך אזוי מיט די תורה וואס דער הייליגע באשעפער האט אונז געגעבן? עלטערע ווי אינגערע טאנצן מיט אזא שמחה של מצוה פאר שעות לאנג. די שמחה קען מען שפירן אין לופט, יעדער לויט זיין דרגה אין תורה פריידט זיך שטארק בשמחה של תורה. לאמיר אלזא באטראכטן וואס דאס איז, פון וואנעט שטאמט דאס, און פארשידנארטיגע זאכן ארום איר.

## פון וואו שטאמט די הקפות?

דער מנהג פון טאנצן מיטן הייליגן תורה שמחת תורה איז נישט געווען באקאנט אין די גאר פריעדיגע דורות. די ערשטע פלאץ ווי עס ווערט דערמאנט דעם מנהג איז ביים אר"י הקדוש, און פון דארט איז עס געווארן צושפרייט אין כלל ישראל.

אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד איז קודם געווען דעם מנהג ארויסצונעמען אלע ספרי תורה פונעם ארון הקודש קודם נאר שמחת תורה ביטאג, און שפעטער איז שוין געווארן איינגעפירט אז מ'נעמט ארויס די ספרי תורה שמחת תורה ביינאכט אויך.

## צוויי ערליי מנהגים

דעם מנהג פון הקפות דארף מען צוטיילן אין צוויי: א - ארויסנעמען די ספרי תורה פונעם ארון הקודש. ב - ארומנעמען די ספר תורה ארום די בימה. יעצט דארף מען נאכקוקן יעדע פון די צוויי פון וואו זי שטאמט.

דעם מנהג פון **ארויסנעמען די ספרי תורה** ווערט שוין דערמאנט ביי די ראשונים, דאס ערשטע פלאץ ווי עס ווערט דערמאנט איז פון דעם מהר"ם מראטענבערג, וואס אין ספר תשובת פסקים ומנהגים (פון מהר"ם מראטאנבערג- ח"א סי' תקצ"ה) שטייט אזוי: "און מען זאגט 'אתה הראת' פסוק ביי פסוק מיט א שיינע ניגון, און מען נעמט ארויס אלע ספרי תורה וואס איז אינעם ארון הקודש". און אזוי אויך שטייט אין טור (או"ח סי' תרס"ט): "און עס איז דא פלעצער וואס מען פירט זיך ארויסצונעמען אלע ספרי תורה און מען זאגט אויף יעדע ספר תורה א פיוט, יעדער איינער לויט זיין מנהג".

דעם מנהג פון **זאגן אתה הראת** און ארויסצונעמען די ספרי תורה ווערט שוין דערמאנט נאך פריער, אין מחזור ויטרי (מהדורת הארוויץ ח"ב עמוד 654).

אבער דעם מנהג פון **הקפות ארום דאס באלעמער** ווערט נאר דערמאנט ארום 100 יאר שפעטער אין ספר המנהגים פון רי"א טירנא (מהדורת מכון ירושלים עמוד קל"ח): "שמחת תורה ביינאכט נעמט מען ארויס אלע ספרי תורה פונעם ארון הקודש, און דער שליח ציבור נעמט איין ספר תורה און ער הייבט אן 'אנא ה' הושיעא נא, אלקי הרוחות וכו'', און מען גייט ארום דאס באלעמער (מגדל רופט ער דאס אן), און דער גאנצער עולם גייט אים נאך מיט די ספרי תורה. אבער שמחת תורה אינדערפרי נעמט מען ארויס די ספרי תורה, אבער מען שטעלט דאס ביים באלעמער און מען זאגט דאס זעלבע פון נעכטן (אנא ה' וכו') אבער מען גייט נישט ארום דאס באלעמער". אין ספר מהרי"ל (סדר תפילות סוכות, סעי' י"ד) ווערט בכלל נישט דערמאנט דעם מנהג פון הקפות, נאר דאס זאגן אתה הראת שמחת תורה בייטאג.

אין ספר המנהגים לקהילת ווארמייזא שטייט אזוי: שמחת תורה ביינאכט איז געווען דאס דאווענען פונקט ווי דאס דאווענען פון שמיני עצרת, אן די הקפות אדער אתה הראת. אבער משא"כ בייטאג איז געווען דער מנהג אז דער שליח ציבור זאגט פאר און דער עולם זאגט נאך אתה הראת פסוק ביי פסוק ביז כי מציון תצא תורה, דאן נעמט מען ארויס אלע ספרי תורה פונעם ארון הקודש, און מען לייגט א ברענדיגע לעכטל אינעם ארון הקודש, און יעדער וואס האט געוואלט האט גענומען איין ספר תורה און ער האט דאס אויפגעמישט און געליינט דערפון, און דערנאך האט ער דאס צוריקגעלייגט אינעם ארון הקודש.

## ווען האט דער אר"י הקדוש געפראוועט די הקפות?

פארשידענע מנהגים טרעפן מיר ווען איז געווען די צייט פון הקפות. אפילו וואס איז געווען דעם מנהג פונעם אר"י הקדוש איז דא א מחלוקה. **רבי חיים וויטאל זי"ע** שרייבט (שער הכוונות שער שישי) אז דער אר"י הקדוש האט זיך געפירט צו פראווענען הקפות שמחת תורה בייטאג. אבער **רבי יעקב צמח** שרייבט (נגיד ומצוה דף ע"ב) אז דער אר"י הקדוש פלעגט פראווענען הקפות שמחת תורה ביינאכט.

ווי מיר האבן געזען איז א מחלוקת ווען דער אריה"ק האט געפראוועט די הקפות. דער בעל חמדת הימים שרייבט אז ער מאכט פון ביינאכט הקפות די עיקר (ווערט נאכגעברענגט אין ספר מועדים לשמחה ח"א עמוד תע"ג הערה 66): "און איך האב דיר שוין געזאגט אז דער עיקר הקפות ספר תורה דארף זיין ביינאכט אזוי ווי דעם מנהג פונעם רבי'ן ז"ל (אר"י הקדוש) איז געווען, און אויב מען מאכט דאס נאר בייטאג האט מען גארנישט אויפגעטוהן".

## ווען איז טאקע די זמן ההקפות?

דער חיד"א (לדוד אמת סימן כ"ו סעי' ו) ברענגט פארשידענע מנהגים בענין הקפות.

דעם מנהג אין טערקיי איז געווען ארומצונעמען דאס באלעמער **נאכן דאווענען**, אין ירושלים עיה"ק איז געווען די מנהג פון הקפות **בשעת מ'האט צוריקגעלייגט די ספר תורה נאכן ליינען פאר מוסף**, פירט אויס דער חיד"א אז דאס איז א ריכטיגע מנהג.

ווייטער אין חברון איז געווען דעם מנהג צו מאכן די הקפות **מוצאי יום טוב**, און דאס איז שוין אן אלטע מנהג אין חברון, און די זקני חברון האבן זיך זייער געמוטשעט פון וואו שטאמט אט דעם מנהג? ביז זיי האבן געטראפן אין ספר הכוונות פון מהר"ש וויטאל, וועלכע האט מעיד געווען פון רבי חיים וויטאל, אז דער הייליגער אר"י האט זייער מקפיד געווען צו מאכן מוצאי יום טוב 7 גאנצע הקפות, חוץ פון די הקפות פון שמחת תורה בייטאג.

דער בעל ספר הכוונות שרייבט אז ער האט געזעהן ווי דער הייליגער רש"ש (רבי שלום שרעבי) גייט ארום מיט'ן ספר תורה מיט די גאנצע עולם **שמחת תורה ביינאכט נאך מעריב, שמחת תורה בייטאג פאר מוסף, און אזוי אויך מוצאי יום טוב**, און ער האט געזאגט אז עס ליגט אין דעם גרויסע סודות.

לכאורה אז מען איז מדייק אין די ווערטער פון די ראשונים און פונעם חיד"א, זעהט עפעס אויס אז דעמאלט האט מען נאך נישט געטאנצן מיט די תורה ווי היינט, נאר עס געווען צוויי מנהגים, אדער **ליינען** אזוי ווי ווארמייזא, אדער **ארומגיין דעם באלעמער** (זיין לשון איז להקיף את הבימה). אבער טאנצן איז געווארן שפעטער. אבער שפעטער אינעם ארטיקל וועלן מיר זעהן אז עס איז נישט אזוי געווען, נאר די שמחה איז שוין געווען דעמאלט אויך ואשרי עין ראתה

עס איז געווען וואס האבן זיך געפירט (שו"ת מהר"י אלגאזי סוף פון קונטרס הספקות) צו דאווענען פריער מוסף, אז די קראנקע אידן וועלכע קענען נישט ווארטן ביז מען וועט ענדיגן דאס טאנצן און די הקפות, זאלן קענען דאווענען פריער מוסף און אהיימגיין.

אין סידור רב סעדיה גאון (עמוד רנ"ג) שטייט אז דעם מנהג איז געווען צו מאכן הקפות נאר **ביי מנחה**. אין ספר מועדים לשמחה (ח"א עמוד תע"ז) שטייט אז אזוי אויך איז געווען דעם מנהג ביי די אידן אין איטאליע, מצרים, באגדאד און נאך ספרדישע קהילות.

## די צאל הקפות

ארומגיין דאס באלעמער **איין מאל** ווערט דערמאנט אין רמ"א אין זיין הגהות אויפן שו"ע. און אזוי אויך שטייט אין לבוש (סימן תרס"ט). אינטערסאנט איז אז אזוי פלעגט מען זיך פירן און צפון אפריקא (אזוי ווערט דערמאנט אין ספר מסע ישראל (שנת תרי"ב).

עס איז דא פלעצער וואס מען פירט זיך ארומצוגיין **3 מאל**, אזוי שטייט אין אליה רבה

(סימן תרס"ט סק"ז) און אזוי אויך אין פרי מגדים (בא"א סי' תרס"ט): "מען פירט זיך ארומצוגיין דעם אלמבר"א (באלעמער) מיט'ן ספר תורה, עס איז דא וואס פירן זיך **3 מאל**, און עס איז דא וואס פירן זיך **7 מאל**". אין ספר לקוטי הלוי שטייט אז מען פירט זיך ארומצוגיין 3 מאל כנגד תורה נביאים כתובים. און חב"ד פירט מען זיך ביינאכט 7 מאל און בייטאג 3 און א האלב מאל.

רבי חיים וויטאל שרייבט (שער הכוונות-שער שישי) אז דער אר"י הקדוש האט דער ערשטער איינגעפירט צו טאנצן **7 מאל**. און די יודעי ח"ן האבן געזאגט אז דאס איז אנטקעגן די 7 הקפות פון הושענא רבא און אנטקעגן די 7 רועים, אברהם, יצחק,יעקב, משה, אהרן, יוסף, און דוד. ביים גר"א איז אויך געווען די מנהג צו טאנצן לכל הפחות 7 הקפות, אזוי ווי עס שטייט אין מעשה רב און ענליך שטייט שוין אין חיי אדם (כלל קנ"ג סע' ז'), אז מען טאנצט 7, נישט ווייניגער אבער מ'מעג צולייגן.

## קינות אינמיטן די הקפות

אינטערסאנט איז צוצוברענגען וואס עס שטייט אין ספר חגים מועדים, אז אינעם אלטן שוהל אין קראקא פלעגט מען זיך פירן אז מען גייט ארום די בימה 3 און א האלב מאל צוליב א מעשה וואס האט פאסירט. און די מעשה גייט ווי פאלגענד:

פאר ארום 9 הונדערט יאר צוריק שמחת תורה ביינאכט בשעת דער עולם האט געהאלטן אינמיטן אפרעכטן די 4'טע הקפה, האבן זיך אריינגעבראכן אינעם שוהל א גאנצע גרופע גלחים מיט זייערע תלמידים און אפגערעכטן א שרעקליכע פאגראם און א מורא'דיגע שחיטה, הונדערטער אידן זענען נעבעך אומגעקומען דארט אין ביהמ"ד על קידוש השם הי"ד.

פון דעמאלט ביז די צווייטע וועלט מלחמה פלעגט מען זיך אפשטעלן ביי די 4'טע הקפה, מ'האט צוריקגעלייגט די ספרי תורה אינעם ארון הקודש, יעדער האט זיך אראפגעזעצט אויף דער ערד און צוזאמען האט מען געזינגען די פיוט פון יגדל אלקים חי וישתבח מיט די ניגון פון איכה אלס א זכר פאר די קדושים וועלכע זענען אומגעקומען דארט. פון די מעשה קען מען זעהן נאך אן אונטערעסאנטע זאך אז שוין דעמאלט ביי די צייטן פון די ראשונים (9 הונדערט יאר צוריק) האט מען שוין געמאכט הקפות מיט טענצעריי שמחת תורה ביינאכט מער פון 3 הקפות.

אין ספר נמוקי חיים פונעם מונקאטשער רב זי"ע (סי' תרס"ט) שטייט אז דאס וואס מען האט זיך געפירט צו מאכן אין קראקא 3 און א האלב הקפות, שטאמט פון דעם וואס מען האט זיך דארט געפירט לכתחילה צו מאכן 3 הקפות, און די לעצטע האלב איז געווען ווען מ'האט צוריקגעלייגט די ספרי תורה אינעם ארון הקודש. און אין די לעצטע דור האבן אפאר מענטשן געוואלט טוישן די מנהג אינעם אלטן שוהל אין קראקא און טאנצן 7 הקפות, אבער קהל האט זיי נישט געוואלט ערלויבן דאס צו טוהן, און דער מונקאטשער רב זי"ע גיבט גערעכט פאר קהל און ער שרייבט, ווער קען זיך דערוואגן צו טוישן פונעם מנהג וואס דער מרא דאתרא דער הייליגער רמ"א זי"ע האט דארט איינגעפירט?!

## א שמחה און א טענצל

ושמחת בחגיך והיית אך שמח - דרש'נען אונזערע הייליגע חכמים (חולין פג.), אז דאס גייט ארויף אויף די לעצטע טאג פון יום טוב סוכות. רש"י הקדוש אויפן פלאץ איז מסביר אז אינעם לעצטן טאג פון יום טוב פלעגט מען פארמערן מיט שמחה, ווייל דאס איז אן עקסטערע יום טוב פאר זיך און עס איז זייער באליבט פאר'ן אויבערשטער.

פארוואס איז דער לעצטן טאג פון סוכות אזוי ספעציעל שטייט נישט אין גמרא, אזוי אויך שטייט נישט אין גמרא די נאמען פונעם יום טוב. לכאורה דער ערשטער וואס דערמאנט דאס נאמען 'שמחת תורה' איז רבי סעדיה גאון. רב האי גאון לייגט צו אז אפילו אלטע אידן פלעגן טאנצן בשעת מען האט געלויבט די תורה שמחת תורה. (דער רי"ץ גיאות ברענגט דאס צוה אין זיין ספר מאה שערים סוף הל' לולב). רבי חיים וויטאל זאגט עדות אויף זיין גרויסער רבי דער הייליגער אר"י, אז ער פלעגט טאנצן פאר'ן הייליגע ספר תורה, און ער פלעגט זיך ארומדרייען און טאנצן לויט וויפיל ער האט געקענט.

דער ר"י אלגאזי (ראש הישיבה פון די מקובלים בית א-ל) שרייבט אין זיין ספר שלמי חגיגה אויף די גרויסקייט פון זיך פרייען און טאנצן מיט די הייליגע תורה שמחת תורה: וואויל איז פאר א מענטש וועלכע גייט דאס טוהן, און פאר א מענטש וואס גייט דאס אנהאלטן זיך צו פרייען מיט די שמחה פון די הייליגע תורה, מתקן צו זיין וואס זיין נשמה האט פוגם געווען אין די הייליגע תורה, און ער קען דערמיט אפקומען אסאך. און דאס איז שוין חוץ פון וואס אונזערע הייליגע חכמים האבן געזאגט אז דער וואס פריידט זיך מיט די הייליגע תורה אין די היינטיגע טעג, איז זיכער אז די תורה גייט זיך נישט אפהאקן פון זיינע אייניקלעך. און ליכא דבר שאינו רמוזא בתורה, דער הייליגער מאור ושמש שרייבט אין זיין ספר (רמזי שמיני עצרת) אז עצרת איז ר"ת עושים צדיקים ריקודי תורה.



קרעדיט:
שבת בלעטל

# ששון ושמחה בשמחת התורה



## א שטוינענדע ערציילונג מיט א גע'גנב'טע ספר תורה לכבוד דער הייליגער יום טוב שמחת תורה

געוועז איז 'חכם ששון', איינער פון די אנגעזעענע חשוב'ע אידן פון **באגדאד-איראק** אין יענע צייטן, אין וועלכע די אידישע קהילה איז דארט געווען אין איר פולע בליאונג. עס האבן זיך פאראייניגט ביי אים ביידע טישן: **'תורה וגדולה במקום אחד'.**

צו איין וויכטיגע זאך אין לעבן האט ער אבער נישט זוכה געווען: צו **קינדער**. און וויבאלד די יארן לויפן, און ער מיט זיין פרוי ווערן נישט יונגער, האט דאס עלטערע פארפאלק באשלאסן, אז אויסער דאס אויסצאהלן שוין פון יעצט, פאר א מנין **תלמידי-חכמים** וואס זאלן זאגן **קדיש** נאך זייער פטירה א גאנץ יאר, איז ווערד, אז זיי זאלן לאזן נאך זיך נאך א גרויסן זכות און דערמאנונג: א **ספר-תורה**.

יעדע ברכה וואס מען וועט מאכן ליינענדיג פון די ספר-תורה, וועט דאך פארעכנט ווערן פאר זייער זכות, אויך ווען עס וועט זיין יארן לאנג נאך זייער פטירה. און דורכן ספר-תורה, וועט בלייבן פאר זיי אן אייביגן **אנדענק** אויף דער וועלט.

געטראכט און געטון. צומארגנס, קלאפט שוין אן חכם ששון אויפן טיר פונעם **סופר-**



**מומחה סעדי' נורי**, און לייגט אראפ אויפן טיש א דיקן פעקל פון **באנקנאטן**. "דא האט איר, סעדי', **300** דינער וואס איך צאל אייך פון פאראויס, כדי איר זאלט שוין אנהייבן צו שרייבן א **מהודר'דיגע** ספר-תורה, אין וועלכן מ'זאל ליינען יעדן שבת אין שול אלס אנדענק פאר מיר, און פאר מיין פרוי."

סעדי' פירט זיינע בליקן פונעם גאסט'ס געזיכט צום דיקן בינטל באנקנאטן וואס ליגט אויפן טיש, און קען נישט באשליסן ביי זיך צו זאגן דעם אמת, אז אויסער די ספר-תורה וואס ער האלט **אינמיטן** שרייבן, האט ער זיך שוין אונטערגענומען צו שרייבן נאך **צוויי** ספרי-תורה, אזוי, אז עס וועט נאך דויערן זייער לאנג ביז ער וועט זיך קענען נעמען צו חכם ששון'ס ספר תורה.

פון די אנדערע זייט אבער, צאלט אים דא חכם ששון א **דאפלטן** פרייז ווי ער נעמט געווענליך פארן שרייבן א ספר-תורה, און נאך דערצו באצאלט ער די גאנצע פון **פאראויס**. ווי קען ער דען אפזאגן אזא פארמעגן מיט געלט?...

"אויף ווען דארפט איר די ספר-תורה?" פרעגט ער ענדליך. ביי חכם ששון גלאנצן די אויגן: "איך דארף עס וואס **פריער**... דו זעסט דאך אליין אז איך בין נישט יונג, און איך וויל נאך דערלעבן צו פייערן א **'הכנסת ספר-תורה'**, און אז מען זאל נאך ליינען אביסל אין די תורה ביי מיין לעבן."

"נו, נו," קלאפט דער סופר מיטן צונג, "איר זענט נאכנישט אזוי אלט, חכם ששון... איר און אייער פרוי וועלן נאך זוכה זיין צו לאנגע און גליקליכע יארן..."

חכם ששון לאזט אים אבער נישט אויסרעדן: "עס קען זיין, אז דו ביסט גערעכט, אבער קיינער קען עס מיר דאך נישט גאראנטירן. לאמיר זיך אלזא מאכן גרייט, און דאנקען דעם באשעפער אויף יעדן טאג וואס ער שענקט אונז מיט זיין גרויס גענאד."

אויף אזעלכע לאגישע רייד, האט שוין דער סופר גארנישט געקענט ענטפערן. ער האט נאך געקווענקלט א מינוט, צי ער זאל זאגן דעם חשוב'ן גאסט דעם אמת, אז בעפאר **צוויי/דריי** יאר ארום איז נישטא קיין אויסזיכטן ער זאל קענען בכלל אנהייבן זיין ספר-תורה. ענדע האט אבער באזיגט דאס בינטל געלט, און צוזאגנדיג פאר זיין קליענט אז די ספר-תורה וועט פארטיג ווערן ביז א יאר צייט, האט ער אים אפגעזעגנט מיט א ווארימען האנט-דרוק און מיט הארציגע ברכות, און א ברכה פון א לאנגע און געזונטע לעבן.

א יאר איז פארביי, חכם ששון באוויזט זיך נאכאמאל ביים סופר'ס שטוב. ער איז גאנץ זיכער אין הארץ אז די ספר-תורה איז **נאכנישט** פארטיג. אזוי איז דאך דער שטייגער פון פאכלייט, צו ענדיגן זייער מלאכה עפעס **שפעטער** פון וואס זיי האבן צוגעזאגט... ער האט זיך פארגעשטעלט, אז די ספר תורה האלט ערגעץ ביי חומש **במדבר** אדער אמווייניגסטנס ביי חומש **ויקרא**. ער האט זיך אבער ווייט נישט גערעכנט צו הערן, אז דער סופר האט נאך אפילו דעם ערשטן **'ב'** פון **בראשית** נישט געשריבן.

דער סופר האט זיך געשעמט צו דערציילן, אז ער האט שוין די גאנצע געצאלטע געלט אויסגענוצט, און ס'איז שוין קיין פרוטה נישט פארבליבן דערפון. ער האט דאך א גרויסע פאמיליע, און ביי אזא שטוב ווערט דאך געלט אויסגערינען פון צווישן די פינגערס.

חכם ששון האט זיך געפילט שטארק באליידיגט. "מיינסטו דען אז איך ווייס נישט אז איך האב דיר באצאלט **דאפלט** ווי דער פרייז פון א ספר-תורה איז?!" האט ער אויפגעהויבן זיין שטימע מיט אויפברויז, "און דו האסט נאך אפילו נישט אנגעהויבן צו שרייבן... וואו איז דיין ארנטליכקייט???"

דער סופר האט פרובירט זיך צו פארענטפערן מיט פארשידענע אויסריידן, אבער חכם ששון האט פון גארנישט געוואלט הערן. "עס גייט מיר גארנישט אן! פון היינט נעמסטו זיך שרייבן נאר **מיין** ספר-תורה! פארשטאנען?"

דער סופר האט צוגעזאגט, אבער ווי חכם ששון האט פארלאזט זיין שטוב, האט ער זיך געזעצט שרייבן די ספר-תורה וואס מ'האט באשטעלט ביי אים שוין מיט איבער צוויי יאר צוריק. יענער באשטעלער איז שוין נישט געווען אזוי איידל ווי חכם ששון, און ער איז שוין ממש געשטאנען אויף זיין קאפ קומענדיג טאג-טעגליך זען, וואו האלט עס מיט זיין ספר-תורה. דערפאר איז נישט מעגליך געווען עס אוועק צו לייגן אין א זייט.

נאך זעקס חדשים זענען פארביי, און ווידער באווייזט זיך חכם ששון ביים סופר אין שטוב. "איך וועל דיר רופן צום רב פון באגדאד - רבי **משה חיים** (דאס איז געווען דער זיידע פונעם **בן איש חי** זצ"ל) פאר א דין-תורה!" האט ער געשריגן.

זעענדיג אז חכם ששון איז אזוי שטארק דערצערנט, שטעלט אן דער סופר א באליידיגטן געזיכט. "אנטשולדיגט מיר, חכם ששון," זאגט ער שטיל, "אבער איך פארשטיי נישט פארוואס איר זענט אזוי בייז אויף מיר... איך האלט דאך שוין ממש ביים **ענדיגן** אייער

ספר-תורה... נאך צוויי דריי יריעות, און איר קענט אריין טראגן די ספר-תורה אין בית המדרש מיט גרויס פאראד... איך האב אייך שוין אפילו אליין געוואלט פארשטענדיגן, אז ביז דריי טעג איז די ספר-תורה גרייט, און אז איר זאלט זיך שוין צוגרייטן צו די '**הכנסת ספר תורה**'.״

״אזוי?!״ האבן זיך באוויזן טרערן פון פרייד און איבערראשונג אויף ששונ'ס אויגן. ״אנטשולדיגט אז איך האב אייך אומזיסט פארדעכטיגט... איך לויף שוין זאגן פאר מיין ווייב זי זאל צוגרייטן א גרויסארטיגע **סעודה** ווי עס פאסט אויף אזא גרויסן יום-טוב... א דאנק דיר נאכאמאל פאר די גוטע נייעס, און ביטע, זייט מיר מוחל...״

ששון קושט די הענט פונעם סופר, און יענער שעמט זיך פון זיך אליין, נישט נאר וואס ער האט נישט אויף וואס מוחל צו זיין, נאר ער האט דא געזאגט דעם גרעסטן און ערגסטן ליגנט וואס ער האט נאר געזאגט ביי זיין לעבן. א ליגנט וואס איז אויך א גרויסע נארישקייט, ווייל אין דריי טעג איז דאך נישט שייך צו ענדיגן שרייבן א ספר-תורה וואס מ'האט נאכנישט אנגעהויבן צו שרייבן, און זיין שאנד וועט דא זייער אפן און מיאוס אנטפלעקט ווערן...

אין יענע נאכט האט דער סופר שוין נישט געקענט פארמאכן אן אויג. די גאנצע שטאט גרייט זיך שוין צו די גרויסארטיגע '**הכנסת ספר תורה**' וואס דארף פארקומען אין דריי טעג ארום, און ער... ער האט נאך אפילו נישט געקויפט די פארמעט דערפון... פלוצלינג פאלט אים עפעס איין. טאקע א נידערטרעכטיגער פלאן, אבער דאס איז זיין איינציגסטער רעטונגס מיטל... און, אז מען טראכט אריין טיפער, ארבעט שוין דער יצר-הרע איבערשטונדן; ווייל ווען חכם ששון זאל געוואויר ווערן דעם אמת, קען עס אים אזוי אויפרעגן, און ווער ווייסט צי זיין שוואכע הארץ וועט איבערטראגן אזא צארן...

צומארגנס אין די פינסטערניש פון די נאכט, ווען די גאנצע שטאט איז פארטיפט אינעם שלאָף - איז דער סופר געגאנגען צום בית המדרש. זייענדיג דער **סופר מומחה** צו וועמען עס ווערט געברענגט יעדע שאלה אין א ספר-תורה, האלט ער ביי זיך שטענדיג די שליסלען פון שול און פונעם ארון הקודש. אין שול צינדט ער נישט אן קיין ליכט, נאר ער ריכטעט זיינע טריט צום **ארון-הקודש**. ער ווייסט שוין אויף אויסנווייניג דעם סדר ווי אזוי די ספרי-תורה זענען אויסגעשטעלט.



דארט ביים ווינקל ליגט א ספר-תורה וואס ער האט געענדיגט שרייבן מיט דריי יאר צוריק, פאר חכם **מנשה זכאי**. אויך חכם מנשה האט נעבעך קיין קינדער נישט געהאט. ער האט באשטעלט די ספר-תורה נאך די פטירה פון זיין פרוי. דעם ספר האט מען בשעתו אריינגעטראגן אין בית המדרש מיט גרויס פראכט, און אין די ערשטע צייט האט מען געליינט דערין יעדן שבת. דער סופר נעמט ארויס די ספר תורה פונעם שיידל (וואס איז געווען ווי די ספרד'ישע שיידלעך וועלכע איז ארומגענומען ארום דעם גאנצן ספר), קושט עס מיט גרויס ליבשאפט, און וויקלט עס איין אינעם גרויסן האנטוך וואס ער האט געברענגט מיט זיך. דערנאך, פארשליסט ער צוריק דעם ארון הקודש און די שול, און גייט צוריק אהיים בדחילו ורחימו.

אין שטוב שטייט שוין גרייט דער פרעכטיגער זילבערנער שיידל וואס חכם **ששון** האט צוגעגרייט פאר זיין ספר-תורה. אינעם שיידל ווערט אריינגעשטעלט די ספר-תורה פון חכם מנשה. ערשט יעצט לאזט דער סופר ארויס א ברייטן אפאטעמונג זיפץ. די ארבעט איז פארטיג געווארן אן קיין שום שטערונג. קיינער וועט נישט באמערקן אינעם שווינדל, און חכם ששון וועט קענען מארגן אריינפירן 'זיין' ספר תורה אין שול מיט גרויס פרייד...

די הכנסת ספר תורה איז טאקע געפייערט געווארן מיט גרויס פראכט און פרייד, חדשים לאנג האט מען נאך גערעדט אין באגדאד פון די גרויסארטיגע פייערונג

פארזעצונג אויף זייט 68

וואס חכם ששון און זיין ווייב האבן געפראוועט. די פרייד איז געווען אזוי גרויס, אז אפילו די **גוים** זענען געקומען קוקן און געשטוינט אויף דעם פאראד מיט וועלכן אידן זענען מכבד זייער **תורה**.

מיט פרייליכע געמיטער האט זיך די באגדאדער קהילה געלייגט שלאפן אין יענע נאכט. אויך דער סופר וואס איז שטארק אויסגעלויבט געווארן אין די היינטיגע נאכט, איז ארויף אויף זיין בעט מיט גרויס צופרידנהייט, כאטש ער איז דער איינציגסטער וואס האט געוואוסט, אז דארט אין די טונקלקייט פונעם ארון-הקודש, ליגט איין פארשעמטע ספר-תורה שיידעלע...

צוויי יאר זענען פארביי. צוויי יאר אין וועלכע חכם ששון האט זיך געפריידט מיט **'זיין'** ספר-תורה אין וועלכע מ'האט געליינט יעדן שבת. אין די ענדע פון די צוויי יאר איז חכם ששון קראנק און שוואך געווארן, און איז אריבער לעולם שכולו טוב.

דער סופר האט למעשה שוין אינגאנצן פארגעסן פון די ליידיגע שיידל וואס ליגט אין ארון-הקודש. ווען צום רב - רבי **משה חיים** - איז געקומען צו לויפן דער פלימעניק פון חכם ששון, בלאס ווי די וואנט, און דערציילט דעם חלום וואס האט זיך אים גע'חלומ'ט ביינאכט, און וואס האט אויסגעזען אזוי אמת'דיג ווי די ווירקליכקייט.

אינעם חלום זעט ער זיך שטיין אין **בית-המדרש**. דער ארון-הקודש איז אפן און זיין פעטער שטייט דארט, נעמט ארויס **'זיין'** ספר תורה, עפענט די שיידל, און גלעט די יריעות מיט גרויס ליבשאפט. און אט קומט צו צום ארון הקודש חכם **מנשה זכאי**, און וויל צונעמען די ספר תורה פון זיין פעטער.

"**אנטשולדיגט מיר!** חכם מנשה," שרייט אויף אים דער פעטער, "עס איז **מיין** ספר-תורה, אויב איר ווילט עס נעמען דארפט איר בעטן פון מיר **ערלויבעניש**!"

"וואס הייסט?" האט זיך צושריגן חכם מנשה, "די ספר תורה איז מיינע!"

און אזוי האבן זיךביידע נפטרים געקריגט איבער די ספר תורה, ווען יעדער שרייט **'דער ספר-תורה איז מיינס'**!! זייער געשריי האט דערגרייכט ביזן הימל, און א שטימע האט אויסגערופן: **'לא בשמים היא'** - די תורה איז נישט אין **הימל**! דער בית דין של מעלה קען נישט פסק'ענען אין דעם ענין. אזא **דין-תורה** דארף געשטעלט ווערן נאר פאר'ן **בית דין של מטה**! און דעמאלט, אינמיטן חלום, האט זיך חכם ששון געווענדעט צו זיין פלימעניק און געבעטן אז ער זאל ברענגען דעם ענין פארן בית-דין פון **באגדאדער** רב - רבי **משה חיים**.

רבי משה חיים הערט זיך צו צום חלום מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. ער האט א געפיל אז די ווערטער זענען נישט פון א געווענליכע חלום פול מיט נארישקייטן, נאר עס ליגט אין דעם **ווירקליכקייט**. רופט ער צו דעם בית-דין **'שמש'** און באפעלט אים צו גיין זען צי ביידע ספרי-תורה, סיי פון חכם **ששון** און סיי פון חכם **מנשה זכאי**, געפינען זיך אינעם ארון הקודש.

גייט דער בית דין שמש צום בית המדרש, און צוזאמען מיטן גבאי פון שול עפענען זיי דעם ארון-הקודש, און יא: ביידע שיידלעך פון ביידע ספרי-תורה שטייען דארט איינע נעבן די אנדערע!

"האסטו געעפנט **ביידע** שיידלעך?" פרעגט דער רב דעם שמש. "**ניין**!" ענטפערט ער. דאס איז אים נישט בייגעפאלן אז עס קען זיין אז איין שיידל איז גאר **ליידיג**...

גייט דער שמש צוריק צום בית המדרש, די ספר-תורה פון חכם ששון ליגט פון פארנט, און באלד ווי ער עפנט עס אויף, זעט ער אז עס איז אנגעפולט. ער עפנט די שיידל און זעט



דארט די ספר תורה אויפגעמישט ביי די פרשה פון די לעצטע שבת.

דערנאך נעמט ער ארויס די צווייטע שיידל, אבער ווי ער הייבט עס אויף, רייסט זיך ארויס א געשריי פון זיין האלדז, - די שיידל איז צו **גרינג**!... עס איז **ליידיג**... א נידערטרעכטיגע **גניבה** איז פארגעקומען אין שול: א ספר-תורה איז **גע'גנב'עט** געווארן!...

רבי משה חיים וואונדערט זיך נישט צו הערן פון די שטורעמישע נייעס. צו אלעמענס וואונדער לאזט ער רופן דעם סופר **סעדי' נורי**.

"מיר האבן געטראפן א ליידיגע שיידל אינעם ארון הקודש," זאגט באלד דער רב צום סופר, "די ספר תורה וואס חכם **מנשה זכאי** האט מנדב געווען צום בית המדרש איז נישטא! האט איר אן אנונג וואו ס'איז אהין געקומען?"

סעדי', אויף וועמען די פראגע איז געפאלן ווי א **'באמבע'**, איז שטארק בלאס געווארן. עס איז אים שווארץ געווארן פאר די אויגן און האט זיך אנגעכאפט אינעם טיש כדי ער זאל נישט אומפאלן... ער איז נישט אומשטאנד געווען צו עפענען זיין מויל. האט דער רב גלייך געשריגן, "זאג שוין וואו עס ליגט די ספר-תורה וואס דו האסט ארויסגענומען פונעם שיידל!!"

דער סופר פרובירט זיך ארויס צו דרייען מיט א ליגנט: "איך האב גענומען צו מיר די ספר-תורה עס צו **מגיה** זיין," איז ער ענדליך מצליח צו זאגן.

"זייער גוט," הייבט זיך דער רב אויף פון זיין בענקל, "אויב אזוי, לאמיר שוין גיין צו דיין שטוב און זען די ספר-תורה..."

דא האט שוין דער סופר געזען, אז ער מוז זיך מודה זיין. ער האט אויסגעפלאצט אין א געוויין, און דערציילט דעם גאנצן אמת, פון אנהייב ביזן סוף. אלע אנוועזנדע זענען ערשיטערט געווארן. צו אזא **נידערטרעכטיגקייט** האט זיך קיינער נישט געקענט ריכטן אויף אזא מכובד'יגן סופר...

מיט שטרענגע רייד האט דער רב מוסר געזאגט פארן סופר אויף די גניבה וואס האט פאראורזאכט א **קריגעריי** צווישן צוויי הייליגע און ריינע נשמות. דער סופר איז שטארק דערציטערט געווארן, און ער איז געפאַלן צו דער ערד מיט גרויס געוויין. א לאנגע צייט האט ער געוויינט, און געבעטן

ביים רב א דרך תשובה.

ווען דער רב האט געזען, אז זיין חרטה איז אן אמת'דיגע, האט ער גע'פסק'נט ווי פאלגנד: - ער זאל זיך שוין **יעצט** נעמען שרייבן די ספר-תורה פון חכם **ששון**. ער זאל שרייבן טאג און נאכט, און זען עס צו ענדיגן וואס פריער. ווען ער וועט עס ענדיגן, וועט מען ארייננעמען די ספר תורה אין בית המדרש באהאלטענ-ערהייט, און עס אוועקשטעלן אין חכם ששון'ס שיידל. און דאן, וועט מען אויך צוריקלייגן די ספר תורה פון חכם מנשה אין איר שיידל.

און צווישןביידע נשמות האט דער רב גע'פסק'נט, אז אלע **ברכות**, **נדרים** און **נדבות** וואס מען האט מנדב געווען און געגעבן ביי די **'הכנסת ספר תורה'** וואס חכם ששון האט געפראוועט, וועלן זיין צום זכות פון חכם **ששון**, ווייל אלע האבן דאך געמיינט פאר **זיין** כבוד, אבער דער זכות פון אלע אנדערע **ברכות**, **נדרים** און **נדבות** וואס מ'האט מנדב געווען אין די צייט וואס מ'האט **געליינט** פונעם ספר תורה, זאלן זיין צום זכות פון חכם **מנשה**, ווייל געליינט האט מען דאך אין דעם ספר תורה וואס ער האט מנדב געווען. און טאקע ביז וויינינגער ווי א יאר זענען שוין ביידע ספרי תורה שיידלעך געלעגן אנגעפולט אין ארון הקודש איינע נעבן די אנדערע.

עטליכע טעג שפעטער איז חכם ששון'ס פלימעניק געקומען צום רב מיט א שמייכל אויפן געזיכט, און געמאלדן אז ער האט זיך געחלומ'ט ווי ער שטייט נעבן דעם ארון-הקודש, און ביידע, חכם **ששון** און חכם **מנשה** שטייען פארנט פונעם ארון-הקודש און **שמייכלען** איינער צום צווייטן מיט **צופרידנהייט**. ◘

# הביאני המלך חדריו נגילה ונשמחה בך:

## די שמחה פון סוכות און שמיני עצרת – מען לעבט אין ביהמ"ק

### א. אור צדיקים ישמח: סוכות איז מען מגלה דעם 'אור הגנוז' פון יעדן פשוט'ן טאג

יעדער טאג האט באהאלטן א 'טוב' | **דאס איז דער 'אור הגנוז'** | דאס איז דער 'בית המקדש' פון דעם טאג | **בלויז דער 'צדיק שבכל אחד' קען דאס מגלה זיין** | ער מוז אריינברענגען 'דעת' אינעם ביהמ"ק | **דער לולב איז דער צדיק וועלכער ברענגט אריין דעת** | מען ברענגט עס אריין אויף א גאנץ יאר | **די סוכה איז א בחינה פון ביהמ"ק**

### ב. תקופת השנה: זיך אָנזאפן מיט 'תקיפות' אויף א גאנץ יאר

די וועלט שרייט בלויז חיצוניות | **דער וועלכער וויל זיין דבוק אין אן ענין פנימי – ווערט פארשריגן** | דער טאג שרייט 'איך בין ליידיג פון אור' | **דער צדיק האט אן 'עזות דקדושה'** | ער דערשרעקט זיך נישט פון אלע 'קולות מים רבים' | **ער ווערט קיינמאל נישט קיין עבד אונטער זיינע הארן** | דער לולב האט אט דעם כח | **דמתה לתמר – ער האלט זיך גלייך און פאלט נישט פאר קיינעם**

### ג. תחת כנפי השכינה: סוכות שוועבט מען אין די ענני הכבוד

אין הימל זעט מען קלאר מציאות ה' | **אויף דער וועלט איז עס פארשטעלט** | דער מלאך זעט עס טאקע נישט | **בלויז דער אדם האט דעם כח צו אנטדעקן דעם מציאות ה' דא למטה** | דאס איז א כח פון א 'פנימי' | **דאס איז א כח פון א לייטער פון הימל צו ערד** | א מלאך האט נישט דעם לייטער | **דערפאר איז ער געווארן די 'נפילים'** | אין סוכה זענען מיר נאך ווי מלאכים | **מיר זענען נאכנישט ריכטיג מגלה דעם רבוש"ע אין דער גשמיות'דיגער היים פון א גאנץ יאר** | סוכה איז 'חיצוניות' כלפי שמע"צ

### ד. עם מלכא בלחודוהי: שמע"צ איז מען דבוק אינעם 'עצם' - נישט אין אונזערע הרגשים

כנפי השכינה – אהבה ויראה | **כלל ישראל איז על כנפי השכינה – העכער פון אהבה ויראה** | ער איז דבוק אין עצם המצוה | **דער 'עצם' איז אסאך העכער ווי דער געפיל וואס דער מענטש שפירט** | די גרים און בעלי תשובה זענען אלעמאל פארנומען בלויז מיט וואס זיי שפירן | **סוכות איז א זמן מקרב צו זיין גרים** | דערפאר גייט מען 'תחת כנפי השכינה' | **מען איז אינדרויסן פון וועלט** | די שמחה איז צוליב די אהבה ויראה וואס שפירט זיך סוכות | **אבער שמע"צ איז אסאך העכער** | דעמאלט גייט מען צוריק אהיים | **א בחינה פון 'בית עולמים'** | דעמאלט איז מען 'בדד ינחנו' – אָן קיין גרים | **דעמאלט איז דער 'יחוד השלם' צווישן 'שמים' מיט 'ארץ'** | דעמאלט איז מען דבוק אינעם 'עצם' | **דעמאלט איז מען פרייליך מיט די תורה – נישט מיט אונזערע געפילן** | דעמאלט ברענגט מען אריין א 'רשימו של קיימא' אויף א גאנץ יאר

א.

## אור צדיקים ישמח: סוכות איז מען מגלה דעם 'אור הגנוז' פון יעדן פשוט'ן טאג

**מאי סוכות - וואס איז דער חילוק צווישן סוכות און שמיני עצרת?**

מען וועט אביסל מסביר זיין דעם ענין פון יום טוב סוכות בכלל, וואס איז די עבודה דעמאלט? אויך וועט מען מסביר זיין דעם ענין פון דער מצוה פון 'ישיבה בסוכה', און דעם ענין פון 'נטילת לולב'. אזוי אויך וועט מען אביסל מחדד זיין דעם חילוק צווישן 'סוכות' און 'שמיני עצרת'.

**וואס מיינט 'נטילת לולב' אין אונזער טאג טעגליכער לעבן?**

מען זעט א גרויסן שייכות צווישן יום טוב סוכות מיטן ענין פון 'בית המקדש'; ווי עס שטייט (תהלים עו, ג): "וַיְהִי בְשָׁלֵם סֻכּוֹ" - דעם רבונו של עולם'ס סוכה איז געווען אין ירושלים, דאס מיינט, אז דער בית המקדש ווערט אנגערופן 'סוכת שלם'. אויך ביים 'יהי רצון' פון נטילת לולב - זאגט מען: "וּבְנַעֲנוּעִי אוֹתָם תַּשְׁפִּיעַ שֶׁפַע בְּרָכוֹת מִדַּעַת עֶלְיוֹן לִנְוֵה אַפִּרְיוֹן לִמְכוֹן בֵּית אֱלֹקֵינוּ" - דאס גייט ארויף אויפן בית המקדש וועלכע ווערט אנגערופן 'מכון בית אלקינו', אז דורכן 'לולב' זאל אראפקומען א 'דעת' צום בית המקדש. און דאס איז דער ענין פון 'צדיק' - וואס על פי פנימיות התורה איז ער דער צינור וועלכער איז ממשיך דעם 'דעת' פון אויבן, ביז אונטן צו דער 'מלכות' - וועלכע איז אן ענין פון 'בית המקדש'. און דערפאר איז דער לולב פון א 'תמר', וואס דאס איז דער ענין פון 'צדיק'; ווי עס שטייט (שם צב, יג): "צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח". דארף מען פארשטיין על דרך העבודה, וויאזוי טייטשט מען עס אפ אין אונזער לעבן דעם ענין פון 'בית המקדש' און דער ענין פון 'צדיק'? און וויאזוי טייטשט מען אפ דעם ענין פון אריינברענגען 'דעת' אינעם בית המקדש? און פארוואס איז דאס גורם צו א 'שמחה' פון 'זמן שמחתינו'?

**אויב איז שמע"צ גרעסער - פארוואס זיצט מען נישט דעמאלט אין דער סוכה?**

אויך דארף מען פארשטיין, אויב איז 'סוכה' דער ענין פון בית המקדש, ווי קען זיין אז שמיני עצרת - וועלכע איז א העכערע בחינה פון סוכות - גייט מען גאר ארויס פון דער סוכה? און אויב וועט מען זאגן, אז דעמאלט איז מען ממשיך דעם ענין פון בית המקדש - אפילו אינדערהיים - נו, צו וואס האט אויסגעפעלט צו זיצן קודם זיבן טעג אין דער סוכה - כדי ממשיך צו זיין די בחינה פון בית המקדש אינדערהיים?

**פארוואס איז די סוכה 'תחת' כנפי השכינה און נישט 'על' כנפי השכינה**

ביי נעילה זאגט מען דעם פיוט: "**יחביאנו צל ידו תחת כנפי השכינה**". ברענגט דער בני יששכר (תשרי ט, ח) א קושיא אין נאמען פון רבי הערשעלע זידיטשובער: דער זוהר זאגט דאך (ח"א יג:), אז דער מקום פון כלל ישראל איז 'על כנפי השכינה' און דער מקום פון די גרים זענען נידריגער, בלויז 'תחת כנפי השכינה'. נו, פארוואס בעט מען דא אז מיר זאלן זיין 'תחת כנפי השכינה'? ענטפערט דער רבי הערשעלע זידיטשויבער, אז דאס גייט ארויף אויף די סוכה וועלכע איז א בחינה פון 'תחת כנפי השכינה'. אבער לכאורה, דער תירוץ גייט דאך נישט ביזן סוף, ווייל עס איז נאכאלץ שווער הא גופא: פארוואס איז טאקע די סוכה א בחינה פון 'תחת כנפי השכינה'? סוכות זענען מיר דען געווארן ווי גרים וועלכע זיצן בלויז 'תחת כנפי השכינה'? די סוכה איז דען א 'ירידה' - לעומת די מדרגה פון א גאנץ יאר ווען מיר זיצן 'על כנפי השכינה'?

**סוכות און שמע"צ - מען גייט אריין אינעם 'פנימיות' פון אלע טעג פון יאר**

מען וועט קודם אראפלייגן דעם יסוד הדברים אין איין ווארט: סתם א פשוט'ער טאג אינמיטן יאר איז 'חיצוניות'. **סוכות ארבעט מען אריינצוגיין אינעם 'פנימיות' פון די טעג. און שמיני עצרת קומט מען אָן צו נאך א גרעסערן 'פנימיות' - וואס דארט איז אויך דער 'חיצוניות' א שטיק 'פנימיות'.** מען וועט

**נקודות:**

אין די זיבן טעג פון סוכות, וואוינט מען אין דער סוכה – וועלכע איז א בחינה פון 'בית המקדש', און דורכדעם הייבט מען אויף די טעג, אז עס זאל זיין ליכטיגע טעג! טעג וואס דער 'טוב' איז אפן און אנטפלעקט! און נישט בלויז אויף די זיבן טעג ארבעט מען, נאר אויף א גאנץ יאר

**נקודות:**

ווען דער 'אור הגנוז' ווערט נתגלה, ווערט פרייליך און לוסטיג. און דערפאר זענען די ימי הסוכות פרייליכע טעג, 'זמן שמחתנו', ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע שמחה ווי די שמחה פונעם 'אור הגנוז'! ווען עס עפנט זיך אויף דער אור ה' וואס איז באהאלטן אינעם טאג

~

אפילו אויב איינער האט שוין זוכה געווען צו שפירן דעם ליכטיגקייט פונעם אויבערשטן – וועלכער ליגט באהאלטן אונטער די פשוט'קייט פונעם פשוט'ן וואכנטאג – שטייט ער נאך אבער אויס נסיונות, אז דער 'עולם החיצוני' פארקויפט אים פאר אן עבד! מען מאכט אוועק זיין גאנצן 'אור הגנוז'! און דא האט ער א ספעציעלע 'בחירה', צו זיין א 'תקיף בדעתו' און וויסן אז דאס איז עס!

דאס אויסברייטערן און מסביר זיין על דרך העבודה אויף עטליכע אופנים:

### יעדער פשוט'ער טאג - איז א 'יום טוב'

דער זוהר הק' זאגט (ח"ג קכב:): "לא תשכח יום דלית ביה טוב, וכל יומא אית ליה גדר מלבר, דלא ייעול כל בר נש לההוא טוב, כגון חשך דכסי לנהורא" - יעדער טאג האט אין זיך באהאלטן א מורא'דיגער 'טוב', נאר עס איז באהאלטן און ארומגענומען מיט א גדר פון 'חושך' וועלכער פארדעקט דעם 'אור'. דאס הייסט, בעצם איז נישטא קיין טאג אין די ששת ימי המעשה וועלכע איז סתם א טאג, נאר יעדער איינציגסטער טאג האט אין זיך אן 'אור הגנוז'! עס האט אין זיך כוחות פון התעלות אין עבודת ה' - וואס עס איז א בחינה פון 'יום טוב'! מען קען דעמאלט נתעלה ווערן - פונקט ווי מען קען נתעלה ווערן אין א יום טוב! און בעצם איז דאס א בפירוש'ער פסוק; ווי עס שטייט (בראשית א, ה): "וַיִּקְרָא אֱלֹקִים לָאוֹר יוֹם" - דער אויבערשטער האט גערופן דעם 'אור' - 'יום'. **דאס הייסט, אז אויב איז דאס א טאג - איז דאס אן 'אור'! עס טיילט זיך נישט אפ איינס פונעם אנדערן.** און אויב האט דער אויבערשטער באשאפן זיבן טעג, איז פשט, אז בכלליות האט ער באשאפן זיבן ערליי 'אורות' - וואס דאס רופט זיך 'אור שבעת הימים'.

### דער 'טוב' איז 'גנוז' פאר צדיקים

די גמרא זאגט (חגיגה יב.), אז דער רבונו של עולם האט באהאלטן דעם 'אור שבעת הימים' פאר די צדיקים. דאס הייסט, עס זענען פארהאן פארשידענע מתנות און מדרגות וואס דער אויבערשטער גיבט אמאל פאר א איד במתנת חנם - אפילו אויב דער איד האט זיך עס נישט פארדינט מצד זיינע מעשים. אבער דער 'אור הגנוז' איז א 'יוצא מן הכלל', אז דאס איז נישט שייך בשום אופן צו באקומען אויב מען איז נישט ראוי דערצו! אויב מען איז נישט קיין צדיק - איז נישט שייך זוכה צו זיין דערצו! עס איז נישטא אזא זאך, אז איינער וועלכער איז נישט קיין צדיק זאל זוכה זיין צו דעם 'אור הגנוז'!

### יעדער איד איז א צדיק און קען מגלה זיין דעם 'אור הגנוז'

יעדער איד האט א בחינת צדיק. דער ענין פון צדיק מיינט נישט אז ער איז בלויז אן ערליכער איד און טוט אלץ וואס מען דארף צו טון, נאר דער ענין פון צדיק איז, אז ער ברענגט אריין 'דעת' אין בית המקדש. ווייל יעדער טאג דארף בעצם זיין א 'בית המקדש' וואו די שכינה רוהט; ווי מען זאגט: "ובנה אותה בקרוב בימינו" - מען בויעט דעם בית המקדש מיט אונזערע טעג, ווייל יעדער טאג האט אין זיך אן 'אור הגנוז' - וואס דאס איז די 'השראת השכינה' פון דעם טאג. אבער כדי צו מגלה זיין אט דעם 'אור' פון בית המקדש, מוז מען האבן א 'בחינת דעת'; ווי די גמרא זאגט (ברכות לג.): "כל מי שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו" - דער וועלכער האט 'דעת', בויעט דעם בית המקדש מיט זיינע טעג! ווייל דער גאנצער ענין פון בית המקדש איז, אן ענין פון 'פנימיות'; ווי מען זעט אז עס געפונט זיך פונקט 'באמצע העולם' - וואס דער 'אמצע' ווייזט אלעמאל אויף 'פנימיות' וואס מען זעט נישט פונדרויסן. און פונקט ווי אין 'קומת עולם' איז פארהאן א 'מקום פנימי' - וואס דאס איז דער בית המקדש, אזוי אויך, אינעם 'קומת שנה' פון יעדן איינציגסטן טאג, איז פארהאן א 'נקודה פנימית' וואס דאס איז דער קדושת בית המקדש פון יענעם טאג.

### מען מוז אריינקומען אינעם טאג מיט 'דעת' - צו עפענען דעם 'טוב' פונעם טאג

אָן דעם וואס א מענטש זאל האבן 'דעת' - זעט ער נישט קיין שום 'אור' און 'טוב' אינעם פשוט'ן טאג, נאר דורכדעם וואס מען קומט אריין אינעם טאג מיט 'גדלות המוחין', **מען ווייסט און מען גלייבט אז דא איז זיכער פארהאן עפעס אן 'אור', און מען איז זיך מקשר און מחבר צו דעם טאג - ביז ווען דער אור און דער טוב אנטפלעקט זיך - דורכדעם איז מען זוכה צו בויען דעם בית המקדש פונעם טאג!** דאס רופט זיך אין פשוט'ע ווערטער 'שפע ברכות מדעת עליון לנוה אפריון', און דאס איז דוקא מיטן 'לולב' וועלכער איז דער ענין פון 'צדיק כתמר יפרח', וואס ער האט דעם כח פון אריינברענגען 'דעת' אין בית המקדש. און דערפאר איז 'לולב' גימטריא 'חיים', ווייל ווען דער 'אור הגנוז' עפנט זיך אויף אינעם טאג - איז דער גאנצער לעבן א העכערער סארט 'חיים', עס איז א 'חיים טובים בספרן של צדיקים'!

### סוכה איז א ביהמ"ק וועלכע שיינט אריין אין אלע זיבן טעג פון א גאנץ יאר זייער נקודת ביהמ"ק

אין די זיבן טעג פון סוכות, וואוינט מען אין דער סוכה - וועלכע איז א בחינה פון 'בית המקדש', און דורכדעם הייבט מען אויף די טעג, אז עס זאל זיין ליכטיגע טעג! גוטע טעג! עס זאל זיין 'ימים טובים' - טעג וואס דער 'טוב' איז אפן און אנטפלעקט! און נישט בלויז אויף די זיבן טעג ארבעט מען יעצט, נאר מען ארבעט אויף א גאנץ יאר, אז יעדן טאג אינעם יאר - זאל זיין א בית המקדש'דיגער טאג! ווי עס שטייט אין שפת אמת (סוכות תרל"ד ד"ה שמחת בית השואבה), אז ביי קיין שום אנדערער יום טוב אויסער סוכות, שטייט נישט דער לשון: "שבעת ימים בשנה תחוגו אותו", ווייל סוכות איז זיבן מיוחד'יגע טעג וועלכע זענען כולל די גאנצע יאר. און אזוי שטייט אויך אין פסוק (שמות לד, כב): "וְחַג הָאָסִיף תְּקוּפַת הַשָּׁנָה" - **דער גאנצער יאר ליגט אין די זיבן טעג! ווייל דורך די זיבן טעג פון 'בשלם סוכו' - האט מען דעם כח א גאנץ יאר, אז אלע טעג זאלן זיין בית המקדש'דיגע טעג, טעג פון 'ויהי בשלם סוכו'.**

### דער 'אור הגנוז' מאכט פרייליך

דער גמרא זאגט (חגיגה יב.): "כיון שראה אור שגנזן לצדיקים, מיד שמח שנאמר אור צדיקים ישמח" - ווען דער 'אור הגנוז' ווערט נתגלה, ווערט פרייליך און לוסטיג. **און דערפאר זענען די ימי הסוכות פרייליכע טעג, 'זמן שמחתנו', ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע שמחה ווי די שמחה פונעם 'אור הגנוז'!** ווען עס עפנט זיך אויף דער אור ה' וואס איז באהאלטן אינעם טאג.

ב.

## תקופת השנה: זיך אנזאפן מיט 'תקיפות' אויף א גאַנץ יאר

### דער צדיק ווערט נישט נכנע צום רע

איינע פון די גרויסע ענינים וואס האט א שייכות מיט דער מדריגה פון א צדיק, איז דער ענין פון 'עזות' און 'תקיפות'; ווי מען טרעפט אין דער תורה: יעדער בוקט זיך צו יוסף'ן, אבער יוסף בוקט זיך נישט! יוסף בלייבט שטיין גלייך! ווי דער פסוק זאגט דעם לשון (בראשית לז, ז): "קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה" - מיין בינטל שטייט גראד, און אלע בוקן זיך צו מיר. די זעלבע זאך טרעפט מען ביי מרדכי הצדיק (אסתר ג, ב): "וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה" - ער בוקט זיך נישט! ער האט א 'תקיפות' בנפש זיך נישט צו דערשרעקן פון קיינעם. און דערפאר זאגט דער פסוק אויפן צדיק (שיר השירים ז, ח): "זֹאת קוֹמָתֵךְ דָּמְתָה לְתָמָר" - דיין קומה איז דומה צו א 'תמר' וועלכע שטייט 'זקוף ועומד', ער איז אויסגעצויגן אין דער הייעך און בייגט זיך נישט אויף די זייטן.

### יוסף הצדיק איז דבוק אינעם אור הגנוז - דערפאר איז ער קיינמאל נישט אונטערגעפאלן אונטערן מצב

דערפאר טרעפט מען טאקע ביי יוסף, אז ער איז אלעמאל געווען א 'בן חורין'! אפילו ווען מען האט אים פארקויפט צו פוטיפר פאר אן עבד - איז ער אבער געווען א בן חורין! ווי דער פסוק זאגט (בראשית לט, ב): "וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף" - יוסף איז אלעמאל געווען דבוק צו א פנימיות'דיגער אור! ער האט זיך קיינמאל נישט געבויגן צו קיין 'עבדות', נאר ער איז אלעמאל געווען 'זקוף ועומד'! און די זעלבע זאך איז געווען אין 'בית האסורים', איז יוסף אלעמאל געווען א 'בן חורין'. ער איז געווען דבוק אין א פנימיות'דיגער אור, וואס קיינער האט נישט פארשטאנען דערצו; ווי דער פסוק זאגט (שם פסוק כג): "אֵין שַׂר בֵּית הַסֹּהַר רֹאֶה אֶת כָּל מְאוּמָה בְּיָדוֹ" - דער בית הסוהר ווייסט גארנישט מיט וואס איז יוסף אזוי מצליח, ער זעט אז ער איז מצליח, אבער ער ווייסט נישט וואס איז דער סוד! ווייל יוסף איז דבוק אין 'אור הגנוז', וואס קיינער איז נישט קיין מבין דערויף.

### מען קען נישט זוכה זיין צום 'אור הגנוז' - אָן זיין שטארק דערמיט

אינעם חלק העבודה טייטשט זיך דאס אזוי: מיר לעבן דאך אין א חיצוניות'דיגע וועלט - וואו אלעס ווערט געשאצט לויט נארישע און

חיצוניות'דיגע מושגים פון אויסערליכע הצלחות. דערפאר, ווען א בחור זוכט צו מגלה זיין דעם פנימיות'דיגן וועלט - וואו אלעס ווערט געשאצט מיט פנימיות'דיגע הצלחות - מוז ער זיין א גרויסער 'תקיף'! ווייל די גאנצע וועלט פרעגט אים אפ! און ער מוז זיין א גרויסער 'תקיף בדעתו' נישט צו כאפן קיין התפעלות און זיך נישט בייגן צו קיין שום ענין חיצוני! ביי אים זאל נישט 'תופס מקום' זיין דער הוּ-האַ פון וועלט! און דאס איז אן עקסטערע עבודה, **ווייל אפילו אויב איינער האט שוין זוכה געווען צו שפירן דעם ליכטיגקייט פונעם אויבערשטן - וועלכער ליגט באהאלטן אונטער די פשוט'קייט פונעם פשוט'ן וואכנטאג - שטייט ער נאך אבער אויס נסיונות, אז דער 'עולם החיצוני' פארקויפט אים פאר אן עבד! מען מאכט אוועק זיין גאנצן 'אור הגנוז'!** און דא האט ער א ספעציעלע 'בחירה', צו זיין א 'תקיף בדעתו' און וויסן אז דאס איז עס! זהו! מען בייגט זיך נישט צו קיין שום ענין חיצוני.

### מנענע לארבע רוחות העולם - אריינברענגען דעם 'עזות דקדושה' אין אלע זייטן און מצבים

דאס איז מרומז אינעם לשון הפסוק: **"חג האסיף תקופת השנה"** - עס איז א יום טוב וואס מען זאמלט זיך איין 'תקיפות' אויף א גאנץ יאר! **ווייל אין די טעג גיבט דער רבונו של עולם א געוואלדיגע סייעתא דשמיא, אז מען זאל האבן די ריכטיגע הכרה וואס מיינט דאס 'אור הגנוז', און מען זאל קענען האבן א תקיפות אויף א גאנץ יאר, זיך נישט צו בייגן צו קיין שום 'ענין חיצוני'.** דערפאר שאקלט מען מיטן לולב - וועלכע איז דער 'כפות תמרים' - כדי צו משפיע זיין אויף אלע ד' רוחות העולם, דאס הייסט, אויף יעדן מצב וואס עס וועט זיך נאר מאכן דורכאויס דאס יאר, וואס די וועלט וועט מיר אוועקמאכן - זאל איך דעמאלט זיין 'דמתה לתמר', איך זאל זיין 'זקוף ועומד' און זיך נישט בייגן צו דער חיצוניות'דיגער וועלט.

**נקודות:**

אין די טעג גיבט דער רבונו של עולם א געוואלדיגע סייעתא דשמיא, אז מען זאל האבן די ריכטיגע הכרה וואס מיינט דאס 'אור הגנוז', און מען זאל קענען האבן א תקיפות אויף א גאנץ יאר, זיך נישט צו בייגן צו קיין שום 'ענין חיצוני'. דערפאר שאקלט מען מיטן לולב – וועלכע איז דער 'כפות תמרים' – כדי צו משפיע זיין אויף אלע ד' רוחות העולם, דאס הייסט, אויף יעדן מצב וואס עס וועט זיך נאר מאכן דורכאויס דאס יאר, וואס די וועלט וועט מיר אוועקמאכן – זאל איך דעמאלט זיין 'דמתה לתמר', איך זאל זיין 'זקוף ועומד' און זיך נישט בייגן צו דער חיצוניות'דיגער וועלט

ג.

# תחת כנפי השכינה: סוכות שוועבט מען אין די ענני הכבוד

### די סוכה איז א בחינה פון 'משכן שעשה משה' - מען לעבט אין מדבר בדרך עראי

מען וועט אריינגיין א טריט טיפער אינעם חילוק צווישן 'חיצוניות' און 'פנימיות' - וועלכע איז פארהאן אין עבודת ה' גופא. וויפיל מען האט פריער געזאגט, אז די סוכה איז א בחינה פון 'בית המקדש', איז עס אבער פארט נאכנישט דער שלימות פונעם בית המקדש. ווייל דער עיקר סוכה איז דאך א זכר צו די 'ענני כבוד' פון מדבר, וואס דארט איז נאכנישט געווען קיין 'בית עולמים', נאר בלויז א 'משכן' - וועלכע איז נאך געווען א בחינה פון 'דירת עראי'. ווייל די גאנצע פערציג יאר וואס אידן זענען געווען אין מדבר - איז געווען א בחינה פון 'חיצוניות' - זייענדיג אין 'חוץ לארץ' - כלפי דאס אריינקומען אין 'ארץ ישראל' - וועלכע רופט זיך 'בפנים'.

### דוקא ארץ ישראל און דוקא דער אדם - ווערן אנגערופן 'פנימי'

לכאורה דארף דאס א ביאור, ווי קען מען זאגן, אז דאס זיין אין 'מדבר' איז 'חיצוניות', דארט האט מען דאך אסאך מער עוסק געווען אין עבודת ה' - ווי אין ארץ ישראל, וואו יעדער איז געווארן פארנומען מיט 'חרישה' און 'זריעה'? אויך שטייט אין ספרים, אז 'סוכה' איז בגימטריא 'מלאך'. און עס איז באקאנט, אז 'אדם' איז א 'פנימי' און 'מלאך' איז א 'חיצוני'. זעט מען דא נאכאמאל די נקודה, אז דוקא דער וועלכער איז מער מופשט פון וועלט - ווערט אנגערופן דער 'חיצוני'. און דאס פאדערט א ביאור, פארוואס טאקע ארבעט עס אויף דעם אופן?

### ווי מער 'פנימי' - אלץ מער קען ער מגלה זיין אז גשמיות איז נישט מער ווי אחיזת עינים

דער פסוק זאגט (תהלים קטו, טז): "הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה' וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם" - דער פשט איז, דער 'שמים' דאס איז 'רוחניות' - דארט איז זייער קלאר אז דארט רוהט דער אויבערשטער. אבער דער 'ארץ' - דאס איז דער 'גשמיות' וועלכע זעט אויס ווי א סתירה צו געטליכקייט, "נתן לבני אדם" - דאס האט דער רבונו של עולם געגעבן צום 'אדם', אז ער זאל מגלה זיין דעם סוד אז דאס איז אויך לה'! **בלויז דער 'אדם' - וועלכער האט אין זיך א נקודה פון 'צדיק', ער איז א 'פנימי' - קען דאס מגלה זיין! ווייל דער 'מלאך' וועלכער איז א 'חיצוני' - זעט דא א סתירה צו 'אלוקות'!** ער קוקט בלויז אויפן אויסערליכן אויסזען, וואס עס קוקט אויס ווי דאס איז חס ושלום נישט לה'! אבער דער 'אדם' - וואס ער פארשטייט וויאזוי מען איז תופס אלוקות אויף א פנימיות'דיגן אופן - זעט, אז דער גשמיות איז נישט מער ווי אן אויג פארבלענדעניש! עס איז בלויז ווי א לבוש וועלכע פארשטעלט אויפן אמת'ן 'אור הגנוז'! דאס הייסט, אז דער גאנצער חילוק צווישן 'שמים' און 'ארץ', צווישן 'רוחניות' און 'גשמיות' - איז בלויז א חיצוניות'דיגער חילוק, און דעריבער ווענדט זיך עס אינעם בליק פונעם מענטש, טאמער איז ער א 'מלאך' וועלכער איז א 'חיצוני' - ווערט ער נתפעל פונעם 'חיצוניות'. אבער טאמער איז ער א 'פנימי' - זעט ער עס דורך און ער ווערט נישט נתפעל פונעם אויסערליכן אויסזען; ווי דער פסוק זאגט (דברי הימים-א כט, יא): "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", זאגט דער תרגום "דאחיד בשמיא וארעא" - דאס גייט ארויף אויף 'מדת היסוד', **אז דער צדיק איז 'מאחד' און פאראייניגט 'שמים' מיט 'ארץ'. און דערפאר איז דער 'אור הגנוז', נאר פאר צדיקים, וויבאלד נאר זיי זענען 'פנימיים'.**

### מיט א לייטער קען מען רואיג גיין פון הימל צו ערד

**על דרך משל:** טאמער וועט א מענטש ארויפגיין אויף א לייטער און גיין פון דער ערד ביז צום הימל - וועט ער נישט אראפפאלן, נאר ער וועט מצליח זיין אנצוקומען ביז אויבן אין הימל! אזוי אויך פארקערט, טאמער וועט ער אראפגיין פון הימל ביז צו דער ערד מיטן לייטער - וועט ער אויך נישט אראפפאלן און ער וועט אנקומען אונטן בשלום! אבער אויב האט מען נישט קיין לייטער, און מען גייט אראפ פונעם הימל צו דער ערד - פאלט מען אראפ און מען צוזעצט זיך!

### בלויז דער מענטש פארמאגט דעם לייטער - דער מלאך קען נישט אראפקומען דא

**דער נמשל:** דער 'קשר' - וואס דער אדם איז מקשר דעם 'שמים' צום 'ארץ' - איז ווי א לייטער וועלכע איז 'מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה'. דאס הייסט, דער פנימיות'דיגער קוק וואס דער מענטש האט אויף יעדע זאך - אז אלעס איז באמת בלויז געטליכקייט - דאס גייט פון אויבן ביז אונטן! און וויבאלד א מלאך פארמאגט נישט אט דעם לייטער, ער קען נישט דורכזען א זאך ריכטיג פון אינעווייניג - דערפאר קען ער נישט אראפגיין אויף דער ערד! **און טאמער וועט א מלאך אראפקומען אויף דער וועלט - וועט ער זיך צוקלאפן אלע זיינע ביינער, וואס דאס מיינט, ער וועט אראפפאלן פון זיין גאנצע יראת שמים! און דאס איז דער סוד פון די 'נפילים', וואס זיי זענען די מלאכים וועלכע האבן נישט געזען די מעלה פונעם 'אדם' און האבן מקטרג געווען אויף אים, און דעריבער האט מען זיי אראפגעשיקט צו דער גשמיות'דיגער וועלט**, און וויבאלד זיי האבן נישט געהאט דעם לייטער פון 'אחיד בשמיא וארעא' - זענען זיי אראפגעפאלן און געווארן די גרעסטע רשעים!

### די 'מלאכי השלום' - האבן א תיקון דורכן מענטש

אין הימל זענען פארהאן צוויי סארט מלאכים: 'מיימינים' און 'משמאילים'. די 'מיימינים' זענען גוטע מלאכים; ווי מען רופט זיי פרייטאג צונאכט 'מלאכי השלום'. זיי זענען נישט מקנא דעם אדם און זענען נישט מקטרג אויף זיין בריאה, ווייל זיי פארשטייען אז דא ליגט עפעס א סוד פון 'נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים', און כאטש זיי פארשטייען עס נישט - זענען זיי זיך מבטל צום רצון העליון, און זיי ווייסן אז עס איז פארהאן אן אדם וועלכער איז העכער פון זיי, און ער קען זען 'אלוקות' אויך אין דער גשמיות. און דערפאר זענען זיי זיך מחבר צו דעם אדם און זיי העלפן אים צו. און דורכדעם באקומען זיי א געוויסן אור פונעם אדם; ווי אלעמאל איז דער כלל 'בין אדם לחבירו', אז טאמער איז מען נישט מקנא יענעם, קען מען הנאה האבן פון יענעמ'ס מעלות.

### די סטרא אחרא איז מקטרג אויפן מענטש און וויל אויפווייזן אז ער וועט איינזינקען אינעם גשמיות

די 'משמאילים' זענען די 'סטרא אחרא', וואס זיי זענען מקנא פארוואס דער מענטש איז מער פון זיי, און דערפאר זענען זיי מקטרג אויף זיין בריאה. און אפילו נאכדעם וואס דער אדם איז שוין באשאפן געווארן - ארבעטן די 'משמאילים' אויף 'נצחון'! ער ארבעט א גאנצן צייט אויפצואווייזן אז ער איז געווען גערעכט! ער וויל ווייזן אז אין 'ארץ' און 'גשמיות' - קען מען נישט טרעפן קיין 'אלוקות'! **און דאס איז די גאנצע מלחמה וואס דער אדם האלט כסדר מיטן**

**נקודות:**

א איד איז באמת אחוז און דבוק אין דער 'גוף המצוה'! ער גלייבט אז מיט זיין גשמיות'דיגן 'עשיית המצוה' – איז ער ממשיך די שכינה דא אונטן 'בתחתונים' – וואס דאס איז דער תכלית הבריאה, און דערפאר מוז ער נישט אלעמאל שוועבן אין 'אהבה ויראה'

~

סוכות לעבן מיר אין א מצב פון 'אהבה ויראה' – מער ווי א גאנץ יאר! מיר גייען אריין אינעם פלאץ וואו די 'גרים' לעבן דארט אלעמאל, און מיר ווייזן זיי די שיינקייט פון אידישקייט – לויט זייער הבנה – און דורכדעם קומען זיי אלע צוריק צום רבונו של עולם. און דערפאר ליינט מען דעמאלט 'מגילת קהלת', וואס דארט האט שלמה המלך מסביר געווען די גאנצע פיליזאפיע פון אידישקייט, אויף אן אופן אז אויך גרים זאלן דאס קענען פארשטיין

---

**יצר הרע און זיינע נסיונות, וואס דאס אלעס איז דער 'קטרוג המלאכים' וועלכע שרייען: "ניין, בלויז אין 'שמים' איז פארהאן 'אלוקות'!** איך וועל דיר ווייזן אז אין 'ארץ' איז נישטא גארנישט! דו וועסט זיך מוזן בייגן און מודה זיין צו מיר!". און דער צדיק שטייט 'זקוף ועומד כתמר', ער בייגט זיך נישט פון די אלע נסיונות פונעם בעל דבר, נאר ער זאגט: **"דו ביסט נישט גערעכט! איך וועל דיר ווייזן, אז עס איז פארהאן 'אלוקות' 'בארץ' פונקט ווי 'בשמים'! און נאך ביתר שאת, אז דער עיקר שכינה איז דוקא בתחתונים!"**.

### אין דער סוכה איז דער מענטש ווי א מלאך - העכער פון דער וועלט

דאס זיצן אין דער סוכה איז אן ענין פון א 'מלאך'. ווייל עס איז אן ענין פון 'דירת עראי', וואס דער מענטש איז נישט געהעריג אין דער ארציות'דיגער וועלט, נאר ער איז אויסגעטון פון אלעמען און וואוינט זיך אין א בודקע. און דערפאר איז דאס א זכר צו די 'ענני הכבוד' פון 'מדבר', וואס דעמאלט זענען נאך אידן געווען אין א מצב פון בלויז 'שמים', זיי זענען געווען ארומגענומען מיט הימלישע וואלקענעס, געגעסן הימלישע ברויט און געטרינקען הימלישע וואסער. אפילו דער 'משכן' - וואו די שכינה רוהט מיט אידן - איז אויך געווען א 'דירת עראי' און עס איז געווען געבויעט אויף א הימלישן אופן, אזויפיל חלקים דערפון זענען 'נעשית מאליה'. ווייל דעמאלט איז נאך כלל ישראל געווען - אין א געוויסן זין - אין א חיצוניות'דיגן מצב, וואס זיי האבן נאך אנגעקוקט ווי דער גשמיות איז אן עכטע מציאות פאר זיך - וואו דארט איז דער אויבערשטער נישטא, און בלויז אין רוחניות קען מען אים געפונען. און דערפאר, איידער מיר קומען אָן צו שמיני עצרת - וועלכע איז דער ריכטיגער 'פנימיות'; ווי מען וועט שפעטער מסביר זיין - מוז מען קודם זיצן אין דער סוכה פאר זיבן טעג און דורכגיין דעם מצב פון כלל ישראל אין מדבר. (מען האט פריער (אות א) מסביר געווען, אז 'סוכה' איז די עבודה פון טרעפן דעם 'אור הגנוז' פון יעדן פשוט'ן טאג. אבער לויט ווי מען זאגט יעצט איז פשט, אז דעמאלט מאכט מען בלויז די הכנה פון 'רצון' און 'תפלה' צו זוכה זיין צו מגלה זיין דעם 'אור הגנוז' פון יעדן טאג, וואס דאס איז דער ענין פון בית המקדש - וועלכע ווערט אנגערופן 'ביתי בית תפלה'. ווייל דער גאנצער זיין אין מדבר פערציג יאר - איז אלעס געווען דער 'דרך לארץ ישראל', דאס הייסט, אפילו ווען א איד איז נאכנישט אין אזא פנימיות'דיגע דרגא, וואס גשמיות שטערט אים שוין נישט - דארף ער כאטש גיין אהין און בענקן און מתפלל זיין אנצוקומען דערצו).

ד.

# עם מלכא בלחודוהי: שמע"צ איז מען דבוק אינעם 'עצם' – נישט אין אונזערע הרגשים

### ה' בדד ינחנו - לעתיד וועט מען נישט מקבל זיין קיין גרים

צו פארשטיין דעם ענין פון שמיני עצרת און שמחת תורה - דארף מען זיך מתבונן זיין אין די פסוקים וואס מען ליינט שמחת תורה (דברים לב, יא): **"כְּנֶשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ עַל גּוֹזָלָיו יְרַחֵף יִפְרֹשׂ כְּנָפָיו יִקָּחֵהוּ יִשָּׂאֵהוּ עַל אֶבְרָתוֹ"** - דער אויבערשטער טראגט אידן אויף זיינע פליגלען, וואס אויף דעם האט מען פריער געברענגט פון זוהר הק', אז דער מקום פון נשמות ישראל איז 'על כנפי השכינה'. דערנאך פירט אויס דער פסוק (שם פסוק יב): **"ה' בָּדָד יַנְחֶנּוּ וְאֵין עִמּוֹ אֵל נֵכָר"** - לעתיד לבוא וועט נישט זיין קיין פרעמדע, וואס אויף דעם זאגט דער זוהר הק' (תיקו"ז לו:), אז דאס מיינט מען די גרים, אז לעתיד לבוא וועט מען נישט אננעמען קיין גרים; ווי די גמרא זאגט (יבמות כד:): "אין מקבלים גרים לימות המשיח". דאס הייסט, אז וויבאלד מען וועט דעמאלט נישט אננעמען קיין גרים מער, דערפאר וועט גאנץ כלל ישראל זיין 'על אברתו' און נישט 'תחת אברתו' - וואו עס איז דער מקום פון די גרים.

### אהבה ויראה זענען ווי פליגל - נישט ווי דער עצם המצוה

צו פארשטיין דעם חילוק צווישן 'תחת כנפי השכינה' און 'על כנפי השכינה' - דארף מען קודם כל מסביר זיין וואס עס מיינט בכלל דער מושג פון 'כנפים'. דער זוהר הק' זאגט אויף א צווייטן פלאץ (תיקו"ז כה:): "מצוה דלא אתעביד בדחילו ורחימו לית ליה גדפין ולא פרחת לעילא" - א מצוה וואס איז נישט געטון געווארן מיט 'אהבה' און 'יראה' האט נישט קיין פליגלען ארויפצופליען אויבן. קומט אויס, אז דער מושג 'כנפים' מיינט 'אהבה' און 'יראה'. ווען מען איז זיך מתבונן, פארשטייט מען אז פונקט ווי ביי א פייגל איז דער פליגל א זייטיגע זאך, און איז נישט דער 'עצם גוף' פונעם פייגל, **אזוי אויך, 'אהבה' און 'יראה' איז נישט די 'עצם המצוה', נאר זיי זענען דער 'טפל' וועלכע העלפן בלויז די מצוה ארויפצופליען.** דאס הייסט, עס איז נישטא בעצם א מצוה פון 'אהבה ויראה' פאר זיך, ווייל מען קען נישט הייסן ליב האבן און מורא האבן. נאר די מצוה איז בלויז אז מען זאל מאכן 'השתדלות' זוכה צו זיין צו אהבה ויראה; ווי די ראשונים זאגן. בפרט לויט רש"י, וואס ער טייטשט אפ דעם 'ואהבת': "עשה דבריו מאהבה" - קומט אויס, אז די גאנצע מצוה פון אהבה איז בלויז צוגעטשעפעט צו אנדערע מצוות, ווי א פליגל וועלכע איז צוגעטשעפעט צום 'גוף' פונעם פייגל.

### דער 'בעל תשובה' איז פארנומען מיט 'אהבה ויראה' - ווייל ער איז נאכנישט דבוק אינעם 'עצם'

דער חילוק צווישן 'על כנפי השכינה' ביז 'תחת כנפי השכינה' איז, אז 'תחת כנפי השכינה' מיינט, אז מען איז אונטער די השפעה פון די 'כנפים', דאס הייסט, דער עיקר עסק דרייט זיך ארום דעם ענין פון אהבה ויראה. ווידעראום, 'על כנפי השכינה' מיינט, אז מען איז מקושר צום 'גוף המצוה' אליינס, און נישט בלויז צו די הרגשים ארום די מצוה. און דאס איז דער חילוק צווישן 'אידן' און 'גרים'; ווי מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך: **די אלע גרים און בעלי תשובה - זענען בעיקר פארנומען מיט 'אהבה ויראה', זייער עיקר עסק אין אידישקייט איז ארום דער 'חלק הרוחני' פון קשר צום אויבערשטן, ליב האבן דעם אויבערשטן, שפירן העכערקייט און 'הפשטה' וכדומה.** ווידעראום, ביי ערליכע אידן וועלכע זענען געווארן אויפגעצויגן פון קינדווייז אָן מיט אן ערליכן חינוך - איז דער עיקר עסק פון אידישקייט די 'מצוות מעשיות', יוצא זיין נאך א שיטה אין הלכה, מהדר זיין אין א מצוה וכדומה. דער היימישער איד וועט זיך אוועקגעבן מיט מסירת נפש צו האבן פון א שיינעם אתרוג, אבער ער וועט זיך נישט פארלייגן מיט מסירות נפש מרגיש צו זיין 'אהבה ויראה' בשעת נטילת לולב. **אודאי, 'אהבה ויראה' איז זייער וויכטיג, און חסידי'שע אידן האבן זיך געגרייט צו יעדע מצוה מיט א דחילו ורחימו, אבער נאך אלעמען זענען מיר מחונך געווארן, אז דאס איז א בלויז א 'טפל' צום קיום המצוה**, און דער עיקר העיקרים איז נישט קיין הרגשים וואס 'איך' שפיר - נאר צו טון רצון ה' כפשוטו.

### אלע מצוות זענען דוקא בגשמיות

אויבנאויף זעט אויס, אז דער וואס זוכט 'הרגשים' איז מער א פנימיות'דיגער און טיפער מענטש. אבער אינ'אמת'ן איז פונקט פארקערט, נאר אלע מצוות התורה זענען אוועקגעשטעלט אויף גשמיות'דיגע 'מעשים'. און אפילו די מער רוחניות'דיגע מצוות; ווי מצות תפילה וכדומה - איז אבער דער עיקר מצוה צו מאכן א גשמיות'דיגע השתדלות ווי גיין אין בית המדרש, זאגן דיבורי התפלה, ארייננקוקן אין סידור, וכדומה - ביז מען קען לפעמים זוכה זיין צו דעם רוחניות'דיגן אור פון תפילה. קומט אויס, אז אלע מצוות זענען בעיקר 'פעולות גשמיות'.

### ביי דעם ערליכער איד דארף מען נישט שוועבן כדי צו זיין דבוק אינעם רבוש"ע

אן ערליכער איד וועלכער איז נזהר אין מצוות, ער איז מהדר במצוות און האט מסירת נפש נישט עובר צו זיין אויף א מצוה - שפירט אונטער דעם א מורא'דיגע השגה און געפיל - וועלכע איז אסאך העכער פון 'אהבה' און 'יראה'! ווייל דא ליגט א טיפע הכרה אין אלוקות - וועלכע איז ממש מלובש אין 'גשמיות'! **ביי דעם איד איז נישט קיין חילוק צווישן די שוועבעדיגע געפילן פון 'אהבה' און 'יראה' - ביז צו דער פשוט'ער זהירות במעשה המצוות, ווייל ער איז מכיר אז עס איז נישטא קיין חילוק צווישן גשמיות און רוחניות!** דער רבונו של עולם רוהט פונקט אזוי אינעם גשמיות ווי אינעם רוחניות! און אט דער השגה איז אזא פנימיות'דיגע דבקות - וועלכע איז העכער פון אהבה ויראה! אט דער השגה רופט זיך דער 'גוף המצוה' - כלפי 'אהבה ויראה' וועלכע זענען בלויז די 'כנפי המצוה'! און דערפאר איז 'כלל ישראל' 'על כנפי השכינה' און 'גרים' זענען 'תחת כנפי השכינה', ווייל די פרעמדע וועלכע קומען צו צום כלל ישראל, זענען נאכנישט מרגיש דעם ריכטיגן חיות וואס א איד איז מרגיש אין א גשמיות'דיגע 'מעשה המצוה', דערפאר מוזן זיי שוועבן אין 'אהבה ויראה' וועלכע זענען די 'כנפים'! די 'מצוה' זעלבסט מיינט נישט אזויפיל - ווי די אהבה און

יראה וואס ער איז זוכה צו שפירן דורך די מצוה! אין אנדערע ווערטער: ער איז מער נוטה צו 'רוחניות' - ווי צו 'שכינה בתחתונים'! **אבער א איד איז באמת אחוז און דבוק אין דער 'גוף המצוה'! ער גלייבט אז מיט זיין גשמיות'דיגן 'עשיית המצוה' - איז ער ממשיך די שכינה דא אונטן 'בתחתונים' - וואס דאס איז דער תכלית הבריאה, און דערפאר מוז ער נישט אלעמאל שוועבן אין 'אהבה ויראה',** נאר ער קען לעבן מיט צוויי פוס אויף דער ערד מיט גאנצן 'קביעות' און 'מיושב'דיגקייט', און עס נעמט אים גארנישט אוועק פונעם אמת'ן דבקות אינעם רבונו של עולם.

### די מלאכים זענען 'חיצונים' - זיי פארשטייען בלויז צו אהבה ויראה

די מלאכים ווערן אנגערופן 'בעלי גדפים'. ווייל ביי זיי איז דער ענין פון 'פליגלען' א גרויסער עסק; ווי מען זאגט ביי אקדמות, אז זיי האבן זעקס פליגלען. און דאס איז טאקע דערפאר וואס זיי זענען 'חיצונים', זיי האבן נישט באקומען די תורה - וועלכע באשטייט פון 'מצות גשמיות', און זיי פארשטייען נישט דערצו בכלל. זיי דינען דעם רבונו של עולם מיט 'עפיפה' - צו שוועבן אין די הימלען! זיי דינען דעם רבונו של עולם מיט אהבה און יראה, און אָן 'אהבה ויראה' - איז דער מלאך קיין מלאך נישט! ווייל זיי זענען בלויז אין 'שמים' - וואס דארט איז נישטא קיין אנדערע זאך אויסער פליען אין רוחניות! דאס הייסט, אז פונקט ווי 'כנפים' איז 'חיצוניות' - און נישט דער 'גוף המצוה' - אזוי זענען די מלאכים 'חיצונים' און אידן זענען 'פנימים'.

### היינטיגע צייטן מוז מען ארײנלייגן 'אהבה ויראה' - כדי די מלאכים זאלן נישט מקטרג זיין דערויף

דאס וואס דער זוהר הק' זאגט, אז אויב טוט מען א מצוה אָן 'אהבה ויראה' פליהט עס נישט ארויף - איז בלויז לויט אונזער מדריגה היינט אין גלות, וואס מיר זענען נאכנישט אינעם מצב פון 'בדד ינחנו', מען איז נאך 'מקבל גרים', דאס הייסט, מיר לעבן נאך אונטערן 'קטרוג המלאכים' וועלכע שרייען אז מען קען נישט מגלה זיין דעם אויבערשטן אין דער גשמיות'דיגער וועלט, און דערפאר ווילן זיי נישט ארויפטראגן קיין שום 'מצוה גשמית' נאר אויב עס האט געהאט 'אהבה ויראה' - וועלכע איז א רוחניות'דיגער ענין וואס מלאכים פארשטייען אויך דערצו. **אבער אליבא דאמת, לויט די אמת'ע מדרגה פון א איד - וועלכע וועט נתגלה ווערן לעתיד - וועט יעדע מצוה וועלכע האט געהאט אין זיך 'אמונה' אינעם 'עצם המצוה' - ארויפגיין למעלה,** ווייל דעמאלט וועט נתגלה ווערן דער אמת, אז דער 'אדם' איז יא גערעכט, און מען קען יא מגלה זיין דעם אויבערשטן אין דער גשמיות'דיגער וועלט כמו שהוא.

### היינט קען מען נתגשם ווערן אָן שפירן 'אהבה ויראה'

נאך א נקודה: ווילאנג עס איז נאכנישט דער 'תיקון השלם' - זענען מיר נאך פאר'גוי'אישט! מיר אליינס האבן נאכנישט די ריכטיגע קלארקייט עד הסוף, אז אט דער גשמיות'דיגער וועלט איז ממש דער היכל פארן רבונו של עולם! און דערפאר, **טאמער וועלן מיר מקיים זיין מצוות - אָן קיין 'אהבה ויראה' - וועלן מיר ווערן א 'מגושם'! מיר זעלבסט וועלן נישט האבן קיין 'כנפים' ארויפצופליען צו א פלאץ וואו עס דערקענט זיך אלוקות!** דערפאר מוזן מיר עס טון מיט 'אהבה ויראה'.

### סוכות גייען מיר אראפ נידריג צו אויפהייבן די גרים

די עבודה פון סוכות איז, מקרב צו זיין 'גרים' - וואס צוליב דעם ברענגט מען ע' פרים - כנגד די ע' אומות. דאס הייסט, מען איז מעלה אלע חלקי הקדושה וועלכע ליגן צוזייט צווישן די אלע אומות העולם. און דערפאר לאזן מיר זיך דעמאלט אראפ צו א מקום וועלכע רופט זיך 'יחבאינו צל ידו תחת כנפי השכינה' - וואס דאס גייט ארויף אויף דער סוכה; ווי רבי הערשעלע זידיטשויבער זאגט. **דאס הייסט, סוכות לעבן מיר אין א מצב פון 'אהבה ויראה' - מער ווי א גאנץ יאר! מיר גייען ארײן אינעם פלאץ וואו די 'גרים' און 'בעלי תשובה' לעבן דארט אלעמאל, און מיר ווייזן זיי די שיינקייט פון אידישקייט - לויט זייער הבנה - און דורכדעם קומען זיי אלע צוריק צום רבונו של עולם.** און דערפאר ליינט מען דעמאלט 'מגילת קהלת', וואס דארט האט שלמה המלך מסביר געווען די גאנצע פילאזאפיע פון אידישקייט, אויף אן אופן אז אויך גרים זאלן דאס קענען פארשטיין.

### מיר לאזן זיך ארײן אין 'עראי' - זיין מופשט פון דער וועלט און שוועבן אין אהבה ויראה

דערפאר איז 'סוכה' א 'דירת ארעי' פונקט ווי דער 'משכן' אין מדבר - וואס דאס שרייט ארויס: "אויב וואוינסטו נישט אין קיין דירה - האסטו זיך נישט קובע געווען אויף דער וועלט! דו ביסט נישט דאהי! דו פליהסט ערגעץ אין דער לופט - אינדרויסן פון דער וועלט!". און דערפאר איז 'סוכה' גימטריא 'מלאך', ווייל סוכות זענען מיר 'בעלי גדפין' ווי די מלאכים! מיר זענען בעיקר פארנומען מיט די הרגשים פון 'אהבה ויראה'; ווי עס שטייט (זוה"ק ח"ג ריד:): "שמאלו תחת לראשי, זה ראש השנה ויום כיפור, וימינו תחבקני, זה סוכות", **אז יעצט נאך די הייליגע טעג, האב מיר ביידע הרגשים אינאיינעם. און פון זיי ביידע צוזאמען ווערט צוזאמגעשטעלט 'שמחה', וואס דאס איז די מצוה פון 'ושמחת בחגך', די שמחה פון חג הסוכות, וואס מען פריידט זיך, אז מיר האבן ליב, אזא פארכטיגן באשעפער - פון וועמען מיר האבן מורא.**

### דער 'בית עולמים' איז געווען ממש דער 'היפוך' פונעם 'משכן'

וויפיל דער 'משכן' במדבר איז געווען א רוחניות'דיגער געביידע, א 'דירת עראי' געבויעט מיט נסים 'מאליו', און דורך די הייליגע 'חכמי לב' - אזויפיל איז דער 'בית המקדש' געבויעט געווארן פונקט פארקערט! עס איז געווען א 'בית קבוע'! מתחלה ועד סוף איז עס געווארן געבויעט דורך גשמיות'דיגע פעולות און תחבולות! נאכמער, שלמה המלך האט גענוצט די ארבייטער פון 'חירם מלך צור' - וועלכער איז געווען א גרויסע קליפה - צו בויען דעם בית המקדש! דאס הייסט, ער האט גענוצט די 'כוחות החיצונים' צו בויען דעם בית המקדש. אויך זעט מען, אז דער בית המקדש האט געהאט אסאך חיצוניות'דיגע מעלות, עס איז געווען גאר א הערליכער און מייעסטעטישער בנין! דאס הייסט, **די מעלה פונעם בית המקדש איז געווען, אז דארט האט זיך ארויסגעוויזן די געטליכקייט וואס ליגט אינעם גשמיות!** ווער עס איז געווען א מבין און געקוקט אויפן חיצוניות'דיגן יופי פונעם בית המקדש האט געזאגט: איך שפיר אז דאס איז א געטליכער בנין!

### שמיני עצרת איז קעגן דעם ביהמ"ק - דעמאלט זענען מיר 'על כנפי השכינה'

שמיני עצרת גייט מען ארויס פונעם 'דירת עראי' - צוריק אריין אינעם 'בית קבע', דאס ווייזט, אז מיר גייען פונעם 'משכן' צום 'בית המקדש'! ווייל שמיני עצרת איז דער 'יחוד השלם' ווען כלל ישראל קומט צוריק צו זייער אריגינאלע מדריגה - וואו עס כאפט נישט קיין חילוק צווישן הימל און ערד, צווישן 'גשמיות' און 'רוחניות', עס איז 'אחיד בשמיא ובארעא'! און דערפאר ליינט מען דעמאלט: **"ה' בָּדָד יַנְחֶנּוּ וְאֵין עִמּוֹ אֵל נֵכָר"** - שמיני עצרת איז שוין א דרגא פון לעתיד, וואס מיר זענען 'בדד', נישטא מער קיין פרעמדע! נישטא מער קיין אומות העולם! מען נעמט נישט אָן קיין גרים! נישטא מער קיין 'קטרוג המלאכים'! אונזער מחיצה איז 'לפנים ממלאכי השרת'! און דעמאלט ווערט מקוים: **"כְּנֶשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ עַל גּוֹזָלָיו יְרַחֵף יִפְרֹשׂ כְּנָפָיו יִקָּחֵהוּ יִשָּׂאֵהוּ עַל אֶבְרָתוֹ"** - דער אויבערשטער טראגט אונז העכער זיינע פליגלען, דאס הייסט, מיר זענען העכער פון 'אהבה ויראה'! מיר זענען דבוק צום אויבערשטן אליינס כביכול! און דעמאלט כאפט שוין נישט קיין שום חילוק צווישן שמים ביז ארץ, מען קען שוין וואוינען אין א 'בית קבוע' אויף דער וועלט - און זיין דבוק אינעם רבונו של עולם מיטן גרעסטן דבקות און יחוד!

### שמחת תורה - מען פריידט זיך מיטן 'עצם'

דערפאר איז דעמאלט 'שמחת תורה' - מיר פרייען זיך נישט מיט 'אהבה ויראה', נאר מיטן עצם התורה! מיר פרייען זיך מיטן 'גוף המצוה' כמו שהוא! און דערפאר הייסט עס 'עצרת', ווייל נאר דער סארט אור - בלייבט 'עצור'! עס האט א קיום אויף אייביג - פונקט ווי א 'בית קבוע' האלט זיך אין די שווערסטע שטורעם ווינטן. דאס הייסט, **בלויז פון שמיני עצרת נעמט מען דעם כח, מגלה צו זיין אינעם גרינעם ווינטערדיגן דינסטאג - ווען עס רעגנט און שנייעט - אז היינט איז א בית המקדש'דיגער טאג וועלכער האט אין זיך אן 'אור הגנוז'!** ווידעראום, אן אור וועלכע איז געבויעט אויף שוועבן אין 'אהבה ויראה' איז נישט קיין 'קביעות', ווייל נישט אלעמאל שפירט מען 'אהבה ויראה', וכדומה.

### דער שמע"צ הייבט אויף די ימי הסוכות צו א העכערן אור

כאטש וואס 'סוכות' איז אן אור פון 'אהבה ויראה' - וואס דאס איז נאכנישט דער שלימות פון א איד, נאר דאס איז מער א מלאך'ישער סארט אור - אבער פונקט ווי עס זענען פארהאן 'מלאכי השלום' וועלכע זענען נישט מקנא און מקטרג אויפן מענטש, נאר פארקערט, זיי העלפן אים צו און ווערן נתעלה דורך אים - אזוי אויך, די סוכה ווערט אנגערופן 'סוכת שלום', ווייל עס איז נישט א געוויסע שיטה וועלכע קריגט זיך און איז חולק אויף שמיני עצרת, נאר פארקערט, **עס איז א הכנה אויף שמיני עצרת, ווייל אין די טעג גייט מען ארײן אין דער עבודה פון די 'גרים', פון שוועבן אין אהבה ויראה, און שפעטער איז זיך דער סוכות מחבר צו שמיני עצרת און עס ווערט 'יתרון האור מן החושך'!** די הארה פון שמיני עצרת שיינט ארײן אין די סוכה, און עס הייבט אויף די גאנצע 'אהבה ויראה', אז אלעס זאל ווערן בטל צום 'נקודת העצם' פונעם 'קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד'.

### נקודות:

שמיני עצרת גייט מען ארויס פונעם 'דירת עראי' – צוריק אריין אינעם 'בית קבע', דאס ווייזט, אז מיר גייען פונעם 'משכן' צום 'בית המקדש'! ווייל שמיני עצרת איז דער 'יחוד השלם' ווען כלל ישראל קומט צוריק צו זייער אריגינאלע מדריגה – וואו עס כאפט נישט קיין חילוק צווישן הימל און ערד, צווישן 'גשמיות' און 'רוחניות', עס איז 'אחיד בשמיא ובארעא'!

~

שמיני עצרת פרייען מיר זיך מיטן 'גוף המצוה' כמו שהוא! און דערפאר הייסט עס 'עצרת', ווייל נאר דער סארט אור – בלייבט 'עצור'! עס האט א קיום אויף אייביג, און פון דעם נעמט מען כח צו מגלה צו זיין אינעם גרינעם ווינטערדיגן דינסטאג – ווען עס רעגנט און שנייעט – אז היינט איז א בית המקדש'דיגער טאג וועלכער האט אין זיך אן 'אור הגנוז'!

## מיד האלטן היינט אינמיטן 'מלחמת גוג ומגוג' – די סט"א קעמפט קעגן 'גילוי שכינה'

היינט הושענא רבה איז דער טאג פון 'מלחמת גוג ומגוג'. דער גאנצע ענין פון מלחמת גוג ומגוג מיינט 'חבלי משיח'. עס איז א גרויסע מלחמה פון די סיטרא אחרא קעגן 'גילוי שכינה'! עס איז ממש א גרויסע מלחמה! חז"ל האבן זייער מורא געהאט פאר דער מלחמה, פאר דער 'חבלי משיח'; ווי חכמינו ז"ל האבן געזאגט (סנהדרין צח:): "ייתי ולא אחמיניה".

## די אידן ביים קריג האבן נאר געוואלט איין זאך: עס זאל איבערבלייבן א כלל ישראל

דער רב זכרונו לברכה פלעגט זאגן, אז אלץ וואס חז"ל רעדן וועגן 'חבלי משיח' – איז אפילו נישט געווען קיין 'מעין' פון דעם לעצטן חורבן! מען האט נעבעך גענומען עדרים עדרים, זקנים ונערים, קליינע קינדער און אלע אידן, אלע זענען געגאנגען צו דער עקידה על קידוש ה'. מען האט געזאגט שמע ישראל, אידן האבן זיך געהאלטן ביי דער אמונה די גאנצע צייט. און דער גאנצע וואונטש זייערער איז געווען, אז עס זאל נאך עפעס בלייבן א שארית הפליטה פון כלל ישראל! אלע זענען געווען פארנומען מיט דעם! אזוי האט מען זיך מוסר נפש געווען.

## די בריאה האט נאך אזוינס נישט געזען קיינמאל

אויף דעם שטייט (איוב טז, יח): "אֶרֶץ אַל תְּכַסִּי דָמִי וְאַל יְהִי מָקוֹם לְזַעֲקָתִי" – טעג און טעג האט זיך דער 'ארץ' געשאקלט פון אידישע בלוט! די בריאה האט נאכנישט געהאט אזא מציאות קיינמאל! קיינמאל איז נאך נישט געווען אזא מצב! אזויפיל אידן מיט אזא מין אכזריות – איז נאך קיינמאל נישט געווען. מען קען אמת'דיג זאגן, אז דער פסוק זאגט נאך צו וויניג, עס איז ממש א מצב פון: "כִּי דִכִּיתָנוּ בִּמְקוֹם תַּנִּים וַתְּכַס עָלֵינוּ בְצַלְמָוֶת" (תהלים מד, כ).

## ליידער איז דאס נאכנישט גענוג געווען – היינט טוט זיך ווידעראמאל חבלי משיח

האט מען דאך זיכער געמיינט, אז נאך אזא חורבן וועט משיח שוין זיכער קומען. וואס נאך קען זיין 'חבלי משיח'?! ביז דערווייל, קומט נאכדעם אזא 'הסתר פנים' בעולם, אזא טיפער הסתר, א רוחניות'דיגע חבלי משיח.

## דער צער פון 'תרבות רעה בביתו' איז פונקט ווי 'מלחמת גוג ומגוג'

חז"ל זאגן דאך (ברכות ז:): "קשה תרבות רעה בביתו של אדם יותר ממלחמת גוג ומגוג". וויפיל אידן ליידן נעבעך פון דעם 'תרבות רעה בתוך ביתו', מען רייסט אוועק אזויפיל נשמות, מען גיבט פאר די סטרא אחרא אזויפיל מיני 'כלי זיין' אויף דעם – נאר כדי אוועקצורייסן אידישע נשמות! און כסדר זוכן זיי נאך נייע תחבולות, מער און מער, אוועקצורייסן אידישע נשמות און גורם זיין א 'הסתר פנים'. זיי ווערן גארנישט פארטיג.

## פיינע בחורים און אינגעלייט – אבער קיין 'מאורות' האבן זיי אין זייער לעבן נישט געזען

עס הערשט היינט אזא 'הסתר פנים בעולם'. עס וואקסט אויף א דור – אפילו דער גוטער דור – וואס 'לא ראו מאורות מימיהם', זיי האבן גארנישט געזען! א ריכטיגער 'דור יתום' בתכלית היתמות! א דור וואס האבן נישט געזען קיין צדיקים, זיי האבן נישט געזען קיין אור אויף די וועלט. מען קען אמת'דיג זאגן (ישעיה ס, ב): "כִּי הִנֵּה הַחֹשֶׁךְ יְכַסֶּה אֶרֶץ" – עס איז א 'חושך כפול ומכופל', א חושך וואס מען האט זיך נישט פארגעשטעלט! אזא 'הסתר בתוך הסתר'.

## די שכינה איז אזוי בצער – אז קיינער ווייסט נישט ווי ווייט דאס גייט

דאס איז נאר דעם חלק וואס מיר ווייסן און וואס מיר זעען. אבער מיר זעען דאך גארנישט וואס עס מיינט 'צער השכינה'! 'צער השכינה' קען מען דאך נישט מסביר זיין! דער אר"י הק' זאגט דאך (שעה"כ ברכת השחר), אז 'חנה' ווייזט אויף די שכינה. און ביי איר שטייט (ש"א א, טו): "וָאֶשְׁפֹּךְ אֶת נַפְשִׁי לִפְנֵי ה'" – די שכינה הקדושה איז שופך נפשו לפני קוב"ה! זי האט אזא צער! און עלי הכהן וואס ער איז דאך געווען א 'גדול הדור' (ברכות לא: תוד"ה מורה) – האט דאס אויך נישט פארשטאנען! און דאס האט אים חנה געזאגט (ש"א א, טו): "לֹא אֲדֹנִי אִשָּׁה קְשַׁת רוּחַ אָנֹכִי" – וואס פארשטייסטו צו 'צער השכינה'! 'כי אשה קשת רוח אנכי ואשפוך את נפשי לפני ה''.

## טאמער וואלטן מיר געוואוסט – וואלטן מיר נישט געקענט זיין פריילעך

עס שטייט דאך אין של"ה הק' (מסכת שבועות אות ח) די מעשה דארטן, אז די שכינה האט געזאגט: "אילו היית מרגיש אחד מאלפי אלפים ורובי רבבות הצער שלי לא היה נכנס שמחה בליבכם מעולם". דער נביא זאגט דאך (איכה ב, יג): "מָה אֲדַמֶּה לָּךְ הַבַּת יְרוּשָׁלַם מָה אַשְׁוֶה לָּךְ וַאֲנַחֲמֵךְ בְּתוּלַת בַּת צִיּוֹן כִּי גָדוֹל כַּיָּם שִׁבְרֵךְ מִי יִרְפָּא לָךְ" – מען האט גארנישט קיין השגה אפילו וואס דאס מיינט 'צער השכינה'.

## דער גרעסטער 'צער השכינה' – דער נחש איז אריינגעקומען אינעם ק"ק מקום היחוד

דער גרעסטער 'צער השכינה' וואס עס איז געווען בשעת חורבן בית המקדש איז – ווי עס שטייט (איכה א, י): "יָדוֹ פָּרַשׂ צָר עַל כָּל מַחֲמַדֶּיהָ כִּי רָאֲתָה גוֹיִם בָּאוּ מִקְדָּשָׁהּ". דאס הייסט, אינעם הייליגן 'מקום היחוד' בבית קודש הקדשים – איז דער נחש אריינגעגאנגען! אין דעם מקום היחוד איז 'רָאֲתָה גוֹיִם בָּאוּ מִקְדָּשָׁהּ'.

## משה רבינו האט נישט געוואלט זען – אבער די שכינה האט יא געזען

די שכינה האט געזען א זאך וואס איז באמת נישט שייך צו זען! א זאך וואס מען קען נישט קוקן דארט! אבער 'ראתה', זי האט אבער

נעבעך יא געזען, אז 'גוים באו מקדשה'. א פלאץ וואס 'לא ניתן לראות' – דאס קען מען נישט זען. ווען משה רבינו האט דאס געזען איז "וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו כִּי יָרֵא מֵהַבִּיט" (שמות ג, ו), ער האט עס נישט געקענט קוקן. ער האט געזען דער "סְנֶה בֹּעֵר בָּאֵשׁ", ער האט געזען גלות השכינה "וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו כִּי יָרֵא מֵהַבִּיט אֶל הָאֱלֹקִים". דאס מיינט 'ייתי ולא אחמיניה', מען קען דארט נישט קוקן.

## היינט פרעגט זיך די שאלה: פארוואס זאל דער יחוד פון שמע"צ נישט זיין אין ביהמ"ק?!

הושענא רבה, דער טאג וואס עס איז בעפארן 'יחודא שלים' – בעפאר דער יחוד פון שמיני עצרת, דעמאלט זענען מיר מרגיש וואס עס איז טאקע דא בפנימיות – אז עס איז דא א 'יחוד'! יעדעס יאר איז דא א 'יחוד' אויף שמיני עצרת! אבער הושענא רבה פרעגט מען: וויאזוי וואלט עס באמת געדארפט זיין? פארוואס איז עס נישט בהתגלות ממש? פארוואס איז עס נישט בשלימות? פארוואס איז עס נישט אין א בית המקדש?

## דייקא אין אזעלכע פרייליכע טעג – שפירט מען מער מיט דעם צער השכינה

אויף דעם שטייט (תהלים קלז, ו): "תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי אִם לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַםִ עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי" – בשעת שמחה דייקא. ווייל בשעת ווען עס איז נישטא קיין שמחה, ווען עס איז דא א 'הסתר פנים', ווען עס איז דא א 'טמטום הלב' – דעמאלט קען מען אפילו נישט מרגיש זיין 'צער ירושלים'. אבער ווען עס קומט אן די טעג וואס עס איז דא א 'יחוד', טעג פון 'שמחה', טעג פון 'שמחת ציון', טעג פון 'שמחת ירושלים' – פילט זיך אסאך מער דער צער פון ירושלים, דערפאר זאגט ער: 'אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי'.

## ווען מען טראכט פון דער גאולה – איז מען מער מרגיש אונזער שפלות

דאס זאגט רבי יהודה הלוי (פיוט ציון הלא תשאלי): "לִבְכּוֹת עֱנוּתֵךְ אֲנִי תַנִּים, וְעֵת אֶחֱלֹם שִׁיבַת שְׁבוּתֵךְ אֲנִי כִּנּוֹר לְשִׁירָיִךְ" – עס גייט צוזאמען, בשעת 'אחלום שיבת שבותך' – שמחת הגאולה, דעמאלט 'אני כנור לשיריך' – ארויסצוגעבן דעם צער השכינה. ווען מען רעדט פון ירושלים, "בְּחַצְרוֹת בֵּית ה' בְּתוֹכֵכִי יְרוּשָׁלָםִ" (תהלים קטז, יט) – דעמאלט שפירט מען אויך שטארק דעם צער; "לבכות ענותך אני תנים". 'צִיּוֹן כְּלִילַת יֹפִי, אַהֲבָה וְחֵן תִּקְשְׁרִי מֵאָז, וּבָךְ נִקְשְׁרוּ נַפְשׁוֹת חֲבֵרַיִךְ הֵם הַשְּׂמֵחִים לְשַׁלְוָתֵךְ וְהַכּוֹאֲבִים עַל שׁוֹמְמוּתֵךְ וּבוֹכִים עַל שִׁבְרָיִךְ' (פיוט הנ"ל). אין די טעג פון שמחה ווערט עס אסאך מער נתעורר, מען פילט עס אסאך מער. היינט בעט מען דעם רבונו של עולם: "עד מתי, עד מתי".

## אפשר איז דאס אונזער לעצטער 'הושענא רבה' אין גלות!

אין די טעג ווערט אויך די שכינה הקדושה נתעורר, און ז' בעט און איז מעורר כלל ישראל צו בעטן, אולי ירחם! אולי ירחם! אולי, וועט שוין זיין דער הושענא רבה וואס מען ווארט! ווען וועט שוין זיין דער סוף לצרותינו?! ווען וועט שוין זיין ריכטיג, אז דער אויבערשטער זאל זיך שוין מתלבש זיין אין די 'בגדי נקם'?! דער אויבערשטער זאל זיך נקמה נעמען אין די אלע אומות העולם! אין די אלע רשעי ארץ וואס האבן געמאכט אזא חורבן ברוחניות ובגשמיות! זיי האבן געמאכט אזא חורבן אויף דער וועלט! דער אויבערשטער וועט זיך שוין שופך חמתו זיין אויף זיי; אזוויי עס שטייט (תהלים עט, ו): "שְׁפֹךְ חֲמָתְךָ אֶל הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא יְדָעוּךָ וְעַל מַמְלָכוֹת אֲשֶׁר בְּשִׁמְךָ לֹא קָרָאוּ". זיי האבן חרוב געמאכט דעם בית המקדש, זיי האבן חרוב געמאכט יעדע קדושה, יעדער דבר קדוש; 'כל מקום שקדוש יותר חרוב יותר' (עי' אגרת הרמב"ן לבנו רבי נחמן ז"ל), אלץ מער חרוב געמאכט.

## אויב מיר קענען שוין נישט פאלן נידריגער – מוז שוין דער רבוש"ע אונז אויפהייבן

עס איז שוין היינט א מצב פון "נָפְלָה לֹא תוֹסִיף" (עמוס ה, ב), מען קען שוין נישט מער פאלן! מען קען שוין נישט מער פאלן! אין אזא זמן האפט מען, אז דער אויבערשטער וועט זיך זיכער מרחם זיין! עס איז דאך 'אין לנו על מי להישען אלא על אבינו שבשמים' (סוטה מט.). אונז קען מיר שוין היינט שוין גארנישט טון. ווי דער זוה"ק זאגט (ח"ג ו.): "נפלה ולא תוסיף – קום בתולת ישראל" – ווען מען וועט זיך שוין נישט קענען אליין אויפהייבן, וועט דער אויבערשטער אונז מוזן אויפהייבן. מען קען זיך שוין נישט אליין אויפהייבן! מען איז שוין בתכלית השפלות און בתכלית החשכות! נאר בלויז דער אויבערשטער אליין וועט אונז מוזן אויפהייבן! דער אויבערשטער אליין וועט זיך מרחם זיין! עס איז היינט נאר דעם רבונו של עולם'ס עסק! עס איז נישט אונזער עסק אפילו! מיר קענען גארנישט טון היינט, עס איז דעם אייבערשטנ'ס עסק.

## דער אויבערשטער מוז זיך אליינס העלפן – ווייל קיינער קען אים שוין נישט צוהעלפן מיט תפלה

בעט מען "הושענא למענך" – דו זאלסט זיך אליין העלפן. דער רב ז"ל האט געזאגט: עס וועט קומען א צייט, וואס עס וועט נישט זיין ווער עס זאל מתפלל זיין אויף דער גאולה! עס וועט נישט זיין ווער זאל מתפלל זיין אויף 'גאולת השכינה'! איז דעמאלט: "הוֹשִׁיעָה לּוֹ יְמִינוֹ וּזְרוֹעַ קָדְשׁוֹ" (תהלים צח, א) – וועט זיך דער אויבערשטער מוזן אליין העלפן! מען מוז זיך אמאל אליין העלפן, 'אין לנו על מי להישען' – זאל דער אויבערשטער העלפן מיט 'הושענא רבה', מיט די גרויסע ישועה, ישועת השכינה, די אמת'ע ישועה! "אַשְׁרֵי מְחַכֶּה וְיַגִּיעַ וְיִרְאֶה עֲלוֹת אוֹרֵךְ" – וואויל איז דער וואס האפט אויף דעם און וואס איז מחכה אויף דעם. "וְיִרְאֶה עֲלוֹת אוֹרֵךְ וְיִבָּקְעוּ עָלָיו שְׁחָרָיִךְ, לִרְאוֹת בְּטוֹבַת בְּחִירַיִךְ וְלַעֲלֹז בְּשִׂמְחָתֵךְ בְּשׁוּבֵךְ אֱלֵי קַדְמַת נְעוּרָיִךְ" (פיוט ציון הלא תשאלי), ברחמים במהרה בימינו, אמן.


חדש

**מודעה משמחת**

לאור בקשת רבים שמחים אנו להודיע
שניתן מהיום לעשות מנוי שבועי עבור גליון 'דעהו'
**הגליון יגיע לבית כל שבוע ע"י הדואר**
**במחיר של 8$ לחודש**
הרשמה בקו מערכת 'דעהו'
**347.662.3229 #2**
ההרשמה בארה"ב בלבד

- פעם היה מעשה אצל הרה"ק מראפשיץ זי"ע בלילה הראשון של חג הסוכות, שירדו גשמים רבים ביותר, ולא היה אפשר לשבת בסוכה, אבל הרה"ק מראפשיץ רצה בכל זאת להיכנס אל הסוכה. פנה אליו בנו הרה"ק הרבי ר' אליעזר'ל מדזיקוב זי"ע ואמר לו כי זה ממש בלתי אפשרי להיכנס עכשיו אל הסוכה, כי הגשם שוטף בחזקה עד מאד. והנה הרה"ק מראפשיץ היה נוהג לייחד בסוכתו כסא לכבוד האושפיזין הבאים אל הסוכה, ואף אחד לא היה יושב על זה הכסא המיוחד. ויהי בשמעו כי ממש אי אפשר להיכנס אל הסוכה מרוב הגשמים, נטל מן הבית את הכסא המיוחד לכבוד האושפיזין ונכנס עמו אל הסוכה, ואמר בנוסח של תקיפות: 'איך וויל זעהן עס זאל רעגענען...'! (אני רוצה לראות אם יֵרדו גשמים...!), כלומר שצריכים הגשמים להתחשב עם כבוד האושפיזין הממתינים להיכנס אל הסוכה. והנה תיכף אחר שאמר את הדברים האלו, ממש בפתע פתאום הפסיק הגשם, ומטר לא ניתך ארצה, וכך ישב הרה"ק מראפשיץ וערך את הסעודה בלי שיפריעו לו הגשמים בכלל. ויהי אחר גמר הסעודה, שב והחזיר את כסא האושפיזין אל ביתו, וממש מיד חזרו הגשמים לרדת בתוקף כבתחילה.

- שנה אחת לפני חג הסוכות לא היו אתרוגים להשגה בכל גלילות ראפשיץ, וכך קיבל הרה"ק מראפשיץ את חג הסוכות בלי שהיו ברשותו ד' מינים. וכאשר סיפר זאת כ"ק מרן רבינו זי"ע, התבטא ואמר כי באותה שנה נכנס הרה"ק מראפשיץ לתפלת שחרית של יו"ט הראשון של חג הסוכות כמו שנכנסים בחג השבועות... דהיינו בלי ארבעת המינים בידיו. וכך גם כבר התכוננו לעמוד ולומר את ההלל בצורה זאת, בלי ארבעת המינים ונענועים. אבל פתאום שמעו איזה קול רעש מבחוץ, והרה"ק מראפשיץ עשה סימן בידיו הק' שיֵצאו לראות מה יש שם, כמי שיודע שבחוץ נמצא זה הדבר שממתינים עליו. יצאו אנשים ואכן ראו כי זה עתה הגיע גוי בנסיעה מעיר 'קראקא', והוא מחפש את ביתו של הרה"ק מראפשיץ. כי אשה עשירה אחת ממשפחת 'פיצעלעס' אשר בקראקא השיגה אתרוג מהודר לפני יום טוב, ומיהרה ושלחה אותו עם שליח נכרי אל הרה"ק מראפשיץ. שמח הרה"ק מראפשיץ מאד על הדבר, ופתח באמירת ההלל עם ארבעת המינים ועבודת הנענועים בהתלהבות גדולה. אחר התפלה אמר הרה"ק מראפשיץ אודות האשה הגבירה ששלחה לו את האתרוג: 'אונז וועלן נאך האבן אייניקלעך בשותפות' (עוד יהיו לנו נכדים משותפים). ואכן הרה"ק בעל 'אמרי נועם' מדזיקוב זי"ע היה חתן אצל משפחה זו, וכל צאצאיו הם נכדים משותפים של הרה"ק מראפשיץ ואותה גבירה.

- לקראת שנת תר"כ היתה התעוררות גדולה בין יראי ה' על ענין הגאולה, כי אמרו שהוא זמן פקידה המסוגל לביאת המשיח, לפי שהיא שנת 'כתר' ועוד כמה רמזים וחשבונות המורים על כך. באותה שנה לפני חג הסוכות הודיע הרה"ק הרר"א מדזיקוב לאנשי שלומו, אשר בעת עריכת השולחן בלילה הראשון של חג הסוכות ידבר על ענין ביאת המשיח, וכמובן כי ציבור גדול התקבץ ובא לשמוע את דבריו. נכנס הרר"א אל הסוכה ואמר לפני הקהל בתוקף גדול: אונז גלייבן מיר באמונה שלימה בביאת המשיח, און 'אחכה לו בכל יום שיבא'! אונז גלייבן יעדן טאג אז משיח וועט קומען. אבער איך שווער אז היי יאר וועט ער נישט קומען'! (אנו מאמינים באמונה שלמה בביאת המשיח, ו'אחכה לו בכל יום שיבא'! אנו מאמינים בכל יום שמשיח יבא. אבל אני נשבע כי בשנה זו לא יבא!). ואמר כ"ק רבינו כי בדבריו אלו התכוין הרר"א להציל הרבה יהודים, שלא יפול לבם ח"ו מן האמונה בביאת המשיח אם לא יבא באותה שנה, ואכן דבריו אלו התפשטו בין הציבור והצילו את האמונה בביאת המשיח.

- הרה"ק רבי זאב נחום מביאלא זי"ע בעל 'אגודת אזוב', אביו של הרה"ק מסאכאטשוב זי"ע בעל 'אבני נזר', היה נוהג בכל מוצאי יום הכיפורים תיכף אחר שסיימו את תפלות היום, ללכת אל סוחר האתרוגים ולקנות ממנו אתרוג לחג הסוכות, ועשה כן עוד לפני שחזר לביתו לסעוד את סעודתו. ונהג תמיד שלא להביט ולבחון כלל איזה אתרוג עולה בידו, ובכל זאת היה תמיד מוציא מן הארגז את האתרוג הנאה ביותר. ואמר ה'אגודת אזוב' בטעם הדבר, כי מי שהוא בעצמו טוב, יבחר תמיד רק בטוב. ולכן תיכף אחר יום הכיפורים, כאשר הוא עדיין נקי לגמרי מעבירות, מוכרח הוא לבחור רק בטוב ולא שייך אחרת, ולכן אין הוא צריך להביט כלל מה הוא לוקח, שהרי הוא מובטח כי יבחר רק אתרוג טוב.

אבל בשנותיו המאוחרות הפסיק האגודת אזוב לנהוג במנהגו הזה, והסביר כי מאחר שהוא כבר בא בשנים, הרי אין הוא יכול לדעת אם ח"ו נגזרה עליו הגזירה שיפטר מן העולם בזו השנה. והרי 'אין מיתה בלא חטא' (שבת נה.) ולכן כדי שיוכל למות, יהיו מוכרחים להשאיר לו עוון אחד שלא יהיה נמחל ביום הכיפורים, ואם כן לא יהיה נקי לגמרי מכל חטא. ואם לא יהיה נקי לגמרי, הרי שוב לא יבחר לו את האתרוג הנאה ביותר. וכאשר ישים לבו לכך שהאתרוג שבידו אינו נאה כל כך, יבין כי עתיד הוא למות בשנה הקרובה, ויתחיל לדאוג על כך. ודאגה זו על העתיד לבא עליו תפריע לו מלעבוד את ה' בשמחה, ולכן הפסיק לגמרי ממנהגו, כדי שיוכל להמשיך לעבוד את השי"ת בשמחה בלי דאגות. כאשר היה בנו הרה"ק בעל 'אבני נזר' מספר דבר זה, היה מפליא את חשבון הנפש הזה של אביו הק'.

- הרה"ק מסאטמאר זי"ע היה ידוע בכוחו המיוחד לעורר את לבותיהם של ישראל, ובכל עת מצוא כאשר היה פותח את פיו בדברי כיבושין או התעוררות רחמים, היו כל השומעים מתעוררים ושופכים דמעות כמים. וכך היה בכל שנה בבית מדרשו בהגיע יום הושענא רבה, אשר בזה היום היה מרבה בתפלות ותחנונים לישועת השכינה הק' מגלותה, ובין ה'הושענות' היה מדבר דברי תורה המעוררים את הלבבות, וכל בית המדרש היה נעשה לחטיבה אחת של בכיות ותחנונים לפני הבורא ית'.

בוויליאמסבורג באותם שנים היה גר רופא יהודי בשם ד"ר בּוּרשְׁטֵין אשר כל היהודים היו באים אצלו, והוא היה חסיד וירא שמים והסתופף הרבה בצלו של הרה"ק מסאטמאר. ומפני שלא היה שם רופא אחר, הזדמן לו כמעט בכל שב"ק צורך לחלל את השבת מפני פיקוח נפש. פעם אחת נכנס הרופא בתלונות אל הרה"ק מסאטמאר, והתאונן לפניו כי הוא כבר נהיה ה'שבת גוי' בוויליאמסבורג... שהרי לא עוברת עליו שבת אחת בלי שיחלל אותה כמה פעמים.

ענה הרה"ק מסאטמאר ואמר לו: 'איר האט געהערט אויף מיינע הושענא רבה'ס'? (שמעת על ההושענא רבה שלי?), ענה הרופא בחיוב, כי ודאי לא רק שמע עליהם, אלא הוא בעצמו נמצא שם, וההתעוררות גדולה כל כך. אמר לו הרה"ק מסאטמאר: 'איך געב דיר אוועק איין הושענא רבה מיינע פאר דיין חילול שבת'! (אני מוסר לך חד ה'הושענא רבה' שלי על החילול שבת שלך!), כלומר שחילולי השבת של הרופא שוים אצלו כמו ההושענא רבה שלו, ובזה אכן נחה דעתו של הרופא.

ויש לציין דבר פלא, איך דבריו של צדיק אינם הולכים לריק. כי אחר כמה שנים מאז אותו מעשה, נפטר ד"ר בּוּרשְׁטֵין בבוקר יום הושענא רבה. ולפני אמירת הדרשה וההושענות בבית מדרשו של הרה"ק מסאטמאר, יצא הרבי עם כל החסידים להשתתף בהלויית הרופא. ובזה נתקיים כפשוטו מה שאמר לו, כי הוא מוסר לו את ההושענא רבה שלו.

- סיפר כ"ק מרן רבינו, כי פעם אחת לעת זקנותו של הרה"ק מצאנז זי"ע, יצא מהיכל בית מדרשו לרקוד את ההקפות בשמחת תורה ב'פָּאליש' (פרוזדור), ואמר: 'דער הייליגער רָב איז דא אין די פָּאליש ביי די הקפות' (הרב הקדוש - כך היה מכנה את רבו הרה"ק מראפשיץ - נמצא כאן בפרוזדור בעת ההקפות), ולכבודו יצא גם הוא לרקוד שם.

- שמעתי מאת הרה"צ רבי יחזקאל וואגשאהל מלאנצהוט ז"ל, מה ששמע בעצמו מיהודי אחד יליד העיר דזיקוב. אשר שנה אחת באמצע ההקפות התבטא הרה"ק הרר"א מדזיקוב ואמר: 'צאנזער רב האלט יעצט ביי די פערטע הקפה, מלאכים ושרפים זענען דארטן און פאטשן צו, דער טאטע איז אויך דארט, אין ביי מיר איז ער היינט נאך נישט געוועהן' (הרה"ק מצאנז אוחז כעת בהקפה הרביעית, מלאכים ושרפים נמצאים שם ומוחאים כפיהם, אבי הק' גם נמצא שם, ואילו אצלי עדיין לא היה היום...).


ישר
718.484.2189





מערכת השיעורים
בארה"ב: 718.536.2347
בארה"ק: 072-3323310

כל הזכויות שמורות
למכון תולדות יהודה סטיטשין
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
לסדר מוקד הפצה, ולתרומות:
gilyondoeihu@gmail.com - Tel. 347.662.3229




# אל נ"א תעבור

## וויאזוי קענען מיר ממשיך זיין די עבודה און השפעה פון די ימים נוראים פאר'ן גאנצן יאר?

די צדיקי הדורות זיע"א פלעגן רעדן קעגן די ביי וועמען די ימים נוראים ענדיגן זיך מוצאי יום-כיפור, און פון דעמאלטס שפירן זיי שוין 'פריי' צו טון אלעס וואס זייער הארץ גלוסט...

דער הייליגער 'אמרי חיים' זיע"א פון וויז'ניץ אין איינע פון זיינע שמועסן האט ערקלערט בדרך רמז דעם פסוק אין פרשת וירא: "ויאמר אדנ"י אם נא מצאתי חן בעיניך, אל נא תעבור מעל עבדך." און דער 'אמרי חיים' האט ערקלערט: "דער שם אדנ"י קודש, ווי רש"י זאגט, אז דער באשעפער זאגט: "אל נא", א רמז צו די 51 טעג פון ראש-חודש אלול ביז הושענא רבה.

"היט אויף די איין-און-פופציג טעג, אז איר זאלט חלילה נישט פאלן פון אייערע מדריגות, און עס זאל נישט זיין 'יגמר נא רע רשעים' (תהלים ז), ווי דער הייליגער קאזשניצער מגיד זיע"א האט ערקלערט, אז די רשעים ענדיגן די 51 טעג שלעכט, וויבאלד זיי קערן זיך אום צו זייער שלעכטן דרך; נאר "יוקח נא מעט מים" (בראשית יח) - איז א רמז צו ענוה, "ורחצו רגליכם" - און דורכדעם וועט איר אפוואשן אייערע געוואוינהייטן אגאנצע יאר." (ימות החמה, עמ' 651).

און אזוי האט דער סבא קדישא פון וויז'ניץ ערקלערט דאס וואס מען זאגט: "יהא רעווא קמיה דתשרי על עמיה" - עס זאל זיין דער ווילן פון באשעפער אז די קדושה פון די טעג אין תשרי, און וואס מיר האבן גענומען אויף זיך צו פארבעסערן אונזערע מעשים, זאל זיין אויפ'ן פאלק אגאנצע יאר, און מיר זאלן זיך נישט אומקערן צו די נארישקייטן ח"ו.

**אפהיטן דעם אוצר**

ענליך צו דעם שרייבט דער 'נתיבות שלום פון סלונים זיע"א, אז אמאל מוצאי יום-כיפור האט דער 'בית אברהם' זיע"א געזאגט: "אנו צאנך ואתה רוענו" איז ראשי-תיבות אוצ"ר. די אידן זענען דער אוצר פונעם באשעפער. אין יעדן פון זיי איז באהאלטן א גרויסער אוצר, און נאר דער הייליגער באשעפער, יודע תעלומות, ווייסט וואס קומט פאר אין יעדנ'ס הארץ.

און נאך די ימים-נוראים ווערט דער אוצר רייכער פון די קרעכצן פון אידישע קינדער און פון די הרהורי תשובה אין די הייליגע טעג, וואס דערפון ווערט די קעניגליכער אוצר רייך.

און דאס איז פשט: "אנו צאנך", א בחינה פון "עשתרות צאנך" וואס מאכן רייך זייערע אייגנטומער, ווי עס ווערט געברענגט (אין זוהר ח"ג ז:): "ישראל מפרנסין לאביהם שבשמים". אזוי אויך קען מען זאגן אויף דער אוצר רוחני וואס דער באשעפער פארמאגט אין יעדן איד, וועלכער איז א חלק אלוק ממעל, און נאך די ימים-טובים ווערט דער אוצר גרעסער. און די עבודה יעצט איז אפצוהיטן דעם אוצר, אז עס זאל זיך האלטן אויך אויף שפעטער, ווייל אויך א גרויסער אוצר גייט פארלוירן און האט נישט קיין ווערד אויב גיבט מען נישט אכטונג דערויף.

"ואתה רוענו." עס איז דא סייעתא דשמיא צו היטן אויף דעם אוצר. א איד דארף היטן אין זיך אלע גוטע מחשבות וואס ער האט געהאט און אלע קבלות וואס ער האט גענומען אויף זיך, און זיי מיטנעמען מיט זיך ווען ער גייט ארויס פון די טעג. "ואתה ד' תשמרם." (נתיבות שלום, ח"ב עמ' רכו).

**עצת היצר-הרע**

דער באוואוסטער מגיד הגה"צ רבי שלום שבדרון זצ"ל פלעגט זאגן:

"אויב וועלן מיר זיך אביסל מתבונן זיין, וועלן מיר פארשטיין אז דער עיקר עבודה פון דעם יצר-הרע איז, אז דער מענטש זאל נאך די ימים-נוראים בלייבן אין דער זעלבער מצב וואס ער איז געווען פריער.

"דעריבער באדערט אים נישט אויב אין אלול ווערט דער מענטש אביסל דערהויבן, פונקט פארקערט, אין אלול קומט ער ווי א 'בעל תשובה' און ער העלפט דעם מענטש תשובה טון, דער עיקר אז ער זאל גארנישט מקיים זיין...

"דער יצר-הרע איז גרייט אויפצוהייבן דעם מענטש אין די אלול-טעג ביז צום הימל, דער עיקר אז ער זאל נישט זיין אויף דער ערד... ווייל דורכדעם וואס ער וועט דערהויבן ווערן אין אלול - וועט ער שפעטער - אין חשון - פארגעסן דערפון! ווייל תשובה מיינט צו זיין אַן אנדערער מענטש אין חשון און אין כסליו, זיך טוישן, און נישט בלייבן דער זעלבער מענטש ווי מ'איז געווען אין תמוז און אין אב.

"לאמיר זיך מתבונן זיין," האט ר' שלום ווייטער געזאגט: די טעג פון אלוול קומען דאך נענטער און דער שופר לאזט הערן זיין קול, באלד דערנאך קומען די ימים-נוראים, 'קול דודי דופק', יעדער איד איז מפשפש במעשיו, אלע ערוועקן זיך פון די הבלי הזמן.

"וואס פאסירט אין די שעה ביי דעם יצר-הרע? עס כאפט אים א שרעק! ווער ווייסט, אפשר וועט אים יעדער אפלאזן...

"באלד קלייבט ער צוזאם זיינע סאלדאטן צו טראכטן אַן עצה וואס צו טון. ווען ער זעט אז ער וועט נישט קענען מאכן פארגעסן די ימים-נוראים פון די אידישע הערצער, קלוגט ער זיך איבער און ער מאכט א פשרה... דעם אלול און די ימים נוראים איז ער גרייט אוועקצוגעבן פאר'ן מענטש פאר תורה ועבודה, און נישט שווערער מאכן אין די טעג זיין עול, כדי דער מענטש זאל שפירן 'זאט' אין רוחניות... אבער דער עיקר כח לייגט דער יצר-הרע אריין דערין וואס נאכדעם וואס מען הערט דעם קול השופר אום מוצאי יום-כיפור, וועלן אלע צוריקגיין צו דעם מצב וואס זיי זענען געווען בעפאר אלול, און זיך פירן אינעם קומענדיגן יאר אזויווי פאריגעס יאר! און דאס איז דער סלאגאן פונעם יצר-הרע: 'אלול - פאר זיי, און חשון - פאר מיר'..."

און אזוי האט דער משגיח פון חברון, הגאון רבי יהודה ליב חסמן זצ"ל, געזאגט ביי א געלעגנהייט, אז דער וואס נעמט זיך גארנישט פאָר ערב יום-כיפור, און זיין הארץ איז צעבראכן יום-כיפור, און מוצאי יום-טוב נעמט ער זיך אונטער א קבלה און ער האלט דאס איין - איז מער ווערד ווי איינער וואס נעמט זיך אונטער אסאך זאכן ערב יום כיפור, און מוצאי יום-כיפור פארגעסט ער שוין אלעס... ווייל אזויווי געזאגט, דער יצר-הרע ערלויבט דעם מענטש טון וואס ער וויל אין די ימי התשובה והרחמים, און זיין מלחמה איז נאר אז נאך יום-כיפור זאל דער מענטש פארגעסן אלע זיינע באשלוסן און צוריקגיין צו זיין פריערדיגער מצב!

און אדרבה, דאס איז פון די סטראטעגיעס פונעם יצר-הרע, אז ער רעדט צו דעם מענטש צו נעמען אויף זיך פילע קבלות ערב יום-כיפור, כדי דער מענטש זאל שפירן 'זאט' אין רוחניות און ער זאל נישט טון תשובה ווי עס דארף צו זיין, און נאך יום-כיפור מאכט ער אים אלעס פארגעסן... (קול דודי, עמ' פ').

# ווען איז דער ספר-תורה געשריבן געווארן

## ערציילונג לכבוד 'שמחת תורה' איבער דער ספר-תורה פון דער גאון און צדיק רבי יעקב יוסף הערמאן זצ"ל

ווען מיר גייען שלאפן, וואס טוען מיר? מיר לייענען קריאת-שמע און מיר גייען אין בעט. אמאל לייענט מען א מעשה, און דאס איז עס.

אבער גרויסע צדיקים פירן זיך אנדערש. זיי זיצן ביים ענדע פון טאג און מאכן א חשבון הנפש. א חשבון הנפש מאכט מען נישט מיט א חשבון-ביכל, נאר אין זייערע געדאנקען: וויאזוי איז אויף מיר אריבער דער טאג? האב איך געטון חסד? האב איך געלערנט? און אפשר חלילה...

אין ירושלים האט געלעבט א גרויסער צדיק, רבי יעקב יוסף הערמאן זצ"ל. הרב הערמאן איז ארויפגעקומען קיין ארץ-ישראל פון אמעריקע, וואו ער האט אויפגעטון גאר גרויסע זאכן און געהאלפן אידן פארבלייבן ערליך, און אויך אין ארץ-ישראל האט ער געטון פילע חסדים.

ווען רבי יעקב יוסף איז געגאנגען שלאפן איז ער, אין ס'רוב פעלער, באלד איינגעשלאפן, און אויב האט ער נישט געקענט באלד איינשלאפן, האט ער פארשטאנען אז ער דארף עפעס מתקן זיין. עפעס איז זיין טאג - וואס איז געווען פול מיט מצוות - איז נישט געווען אין ארדענונג.

אין איינע פון די פעלער האט זיך אים ארויסגעשטעלט אז עפעס האט פאסירט ביי אים אין שטוב במשך דעם טאג. וואס, האט ער נישט געוואוסט, און דעריבער האט ער אויפגעוועקט איינעם פון די שטוב-לייט, און געפרעגט: "האט עפעס פאסירט ווען איך בין נישט געווען אין שטוב?"

און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עפעס האט טאקע פאסירט. עמיצער פון די שטוב-לייט האט עמיצן פארשעמט. דער רב האט יענעם באלד אויפגעוועקט, געהייסן זיך אנטון אוןביידע זענען אינמיטן נאכט געגאנגען צו דעם הויז פון דעם פארשעמטן איבערצובעטן.

דאן האט שוין הרב הערמאן געקענט שלאפן רואיג.

און דאן האט ווידער פאסירט אזא זאך מיטווארך נאכט. דער רב האט נישט געקענט איינשלאפן. אזוויי ער איז געוואוינט געווען, האט ער באלד אנגעהויבן מאכן א חשבון אינ'וואס ער האט זיך טועה געווען במשך דעם טאג. ער איז געזעסן אין זיין בעט און איבערגעטראכט יעדע מינוט פון טאג אין זיין מחשבה, און אוודאי האט ער גארנישט געטראפן וואס איז נישט געווען בסדר. א גאנצע טאג איז דורך, און ער מיינט אז אלעס איז געווען מיט א שלימות.

און דאך האט ער נישט געקענט איינשלאפן. וואס האט הרב הערמאן געטון? ער האט באשלאסן אז אויב קען ער נישט שלאפן, איז בעסער אז ער זאל נאכאמאל איבערליינען די וואכנדיגע פרשה אין זיין ספר-תורה, ווייל ער האט פארמאגט אַן אייגענע ספר-תורה, און ביי זיין מנין איז ער געווען דער בעל-קורא.

און ער האט אזוי געטון.

פלוצלינג האט זיין פליסיגער 'לייענען' זיך אפגעשטעלט. ער האט באמערקט אז עס איז דא א פסול'ער אות אין זיין ספר-תורה! ער האט באלד פארשטאנען אז אין דעם ספר וועט מען נישט קענען לייענען שבת.

דאנערשטאג צופרי האט זיך רבי יעקב יוסף געאיילט צו נעמען דעם הייליגן ספר-תורה און עס ברענגען צו א סופר-סת"ם. דער סופר האט צוגעזאגט צו פאררעכטן דעם אות, אז אין שבת זאל הרב הערמאן קענען לייענען אין דעם ספר-תורה ווי געווענליך.

פרייטאג צופרי איז הרב הערמאן געקומען צו דעם סופר. דער אות איז שוין געווען פארראכטן, און דער סופר, וועלכער האט איבערגעגעבן דעם ספר אין זיינע הענט, האט אים געפרעגט: "איר ווייסט ווען דער ספר-תורה איז געשריבן געווארן?"

"ניין," האט דער רב געזאגט, "איך האב נישט קיין אנונג."

"אבער איך יא," האט דער סופר געזאגט. "איך האב געפונען א צעטיל נעבן דעם ספר-תורה, וואו עס שטייט געשריבן אז דער ספר איז גאר אַן אלטער ספר-תורה. מען האט עס געשריבן אינעם יאר תר"מ.

"וואס?" איז הרב הערמאן נתרגש געווארן, "אין דעם יאר בין איך דאך געבוירן געווארן! דעם ספר האב איך געקויפט ווען איך בין געווען א יונגער בחור, און זינט דאן לייען איך דערין יעדע שבת!"

און דער ספר האט אים געשטערט מיטוואך נאכט, כדי ער זאל לייענען דערין, ער זאל טרעפן דעם פסול'ען אות, עס ברענגען צו פאררעכטן און געוואויר ווערן ווי אלט עס איז...

ווען הרב הערמאן האט דערציילט דעם מעשה פאר זיין טאכטער, האט ער איר געזאגט: "וואס האט שלמה המלך געזאגט אויף די תורה? 'עץ חיים היא'... א ספר תורה איז א לעבעדיגער זאך!"

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

---

**עת לשמוח**

אינעם בית-המדרש פון הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זיע"א האט מען זיך זייער געפריידט אום שמחת-תורה, און דער צדיק רבי מאיר'ל האט ווי געווענליך אנגעפירט מיט די הייליגע טענץ.

אין יענער צייט איז די טאכטער פון רבי מאיר'ל שטערבליך קראנק געווען, און שמחת תורה בשעת איר הייליגער טאטע האט געהאלטן אינמיטן די הקפות איז איר צושטאנד געווארן ערגער און עס האט אויסגעזען ווי אט אט און זי הויכט אויס איר נשמה רח"ל.

זענען די חסידים אריינגעגאנגען צום רבי'ן מיט א געשריי, אז דער מצב איז ביטער און מען קען זיך נישט זוימען - דער רבי מוז שוין אויס'פועל'ן א ישועה פאר איר.

דער צדיק רבי מאיר'ל האט אראפגעלייגט דעם ספר תורה, און איז ארויסגעגאנגען פון בית-המדרש אין ריכטונג פון זיין טאכטער'ס צימער, אבער ער האט זיך באלד צוריקגעדרייט און געזאגט:

"רבונו של עולם, דו האסט געהייסן בלאזן שופר אום ראש השנה - האט מאיר'ל געבלאזן שופר; האסט געהייסן פאסטן יום כיפור - מאיר'ל האט געפאסט; האסט געהייסן זיצן אין סוכה - מאיר'ל איז געזעסן אין סוכה; האסט געהייסן זיך פרייען מיט די תורה - מאיר'ל פריידט זיך מיט די תורה;. האסט געמאכט מאיר'לס טאכטער קראנק - און מאיר'ל וועט עס דארפן אויפנעמען בשמחה, ווי די חז"ל זאגן (ברכות ס:) 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה' און די גמרא זאגט 'לא נצרכה אלא לקבולינהו בשמחה' - מאיר'ל נעמט עס אויף בשמחה! אבער רבונו של עולם, די חז"ל זאגן דאך 'אין מערבין שמחה בשמחה', און היינט דארף מען זיך דאך פרייען מיט די תורה?!

גלייך דערנאך האט זיין טאכטער אנגעהויבן שוויצן, און נאך א קורצע ווייל איז זי אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

# א 'ספר תורה' אין א וואשמאשין

**א רויטליכע פרוכת, געוועבט מיט זילבערנע אותיות און בליטשקענדע שטיינער, באדעקט דעם ארון-הקודש. אינווייניג געפונט זיך א 'ספר תורה', אנגעטון אין א טייערע מענטעלע און באצירט מיט זילבערנע קרוינען. ס'איז נישט קיין ספק, דער צורה און דאס ארט וואו דער ספר-תורה געפונט זיך, זאגן עדות מער פון אלעם ווי חשוב די ספרי-תורה זענען אונז און ווי טייער מיר האלטן זיי**

אויב אזוי, וואס וועט איר זאגן אויב וועל איך אייך דערציילן אז איינע פון די פלעצער וואו מען האט אוועקגעלייגט און מכבד געווען א ספר-תורה איז געווען... א וואשמאשין? און וואס וועט איר זאגן ווען מיר וועלן אייך דערציילן אז דאס איז נישט געווען דער ערגסטער פלאץ צו באהאלטן דעם ספר-תורה, נאר שפעטער איז עס באהאלטן געווארן אין א טונקעלן גרוב? עס הערט זיך אומ'שכל'דיג, האי? אבער אין דעם קומענדיגן ארטיקל וועט איר לערנען איבער דעם וואונדערליכן רעטונג פון דעם 'כתר', דער עלטסטער ספר-תורה אויף דער וועלט, וועלכעס איז טאקע אריבער גריבער, וואש-מאשינען, בוידעמעס און נאך מיטמאכענישן. "אין כבודה כתורה"...

## קריסטלנאכט פון די חאלב'ער אידן

חי'שע געשרייען זענען פארשלינגען געווארן אין די קולות פון קריסטאל וואס האבן זיך צעשאסן און האלץ וואס האט געפלאקערט אין ריזיגע פלאמען. די אידישע קווארטאל אין חאלב, דער עלטסטער אידישער צענטער אין סיריע, איז געווען פול מיט צעווילדעוועטע און בלוט-דארשטיגע אראבער, וועלכע האבן געוואלט נקמה נעמען אין דעם אידישן פאלק. דער פחד איז געווען שטארק, אבער די חלאב'ער אידן, וועלכע זענען געווען פארשפארט אין זייערע הייזער, האבן נישט אזוי געציטערט פאר זייער לעבן, ווי זיי האבן זיך געזארגט פאר דעם גרויסן אוצר וואס איז שוין זעקס הונדערט יאר געווען באהאלטן אין זייער באזיץ - דער כתר! דער 'כתר ארם צובא' געפונט זיך יעצט אין א שרעקליכע סכנה!

אין צוגאב צו די שפאנונג, ווילט איר אוודאי וויסן וואס דאס איז דער 'כתר ארם צובא' און וואספארא שרעקליכע געפאר לויערט דערויף? דעריבער דארפן מיר צוריקגיין צו דער היסטאריע פון דעם עלטסטן ספר-תורה אויף דער וועלט, וואס 'זיין עלטער' איז העכער טויזנט און הונדערט יאר. דער ספר-תורה ווערט אנגערופן 'כתר ארם צובא', ווייל פאר די אידישע קהילה אין סיריע, אין ארם צובא, איז עס געווען פאר א קרוין און א וואונדער צוליב זיין הייליגקייט און טייערקייט.

## ארץ ישראל מיט עלף הונדערט יארן צוריק

דער געהויבענער סופר סת"ם, שלמה בן בויאעא, איז געזעסן איבערגעבויגן איבער די פארמעט און מיט זיין פעדער האט ער אויסגעקריצט די ווערטער פון תנ"ך. מיט א זעלטענער בקיאות האט ער געשריבן דעם ספר-תורה: אלע פינף חומשים, די ספרי הנביאים הראשונים והאחרונים און אויך די מגילות. דער ספר-תורה וואס ער האט געשריבן איז פארוואנדלט געווארן אלס דער שענסטער און חשוב'סטער ספר אויף דער וועלט, צוליב די פילע דיוקים און הערות וואס זענען געשריבן געווען דעריין.

## דער ספר-תורה ווערט גערויבט

דער מוסלמענישער רעגירונג אין ארץ-ישראל האט גוט פארשטאנען ווי חשוב דער ספר-תורה איז מיוחד פאר'ן אידישן פאלק, און ער האט באשלאסן 'צו מאכן געלט דערפון'. נאכדעם וואס דער ספר איז אוועקגעפירט געווארן פון טבריה קיין צפון-ירושלים, צו דער בית-הכנסת פון די 'קראים', וועלכע האבן לא-עלינו נישט געגלייבט אין די תורה שבעל-פה, האבן עס די שליחים פון די הערשער בארויבט, און זיי האבן דאס ארויסגעשמוגעלט פון די ארץ-ישראל'דיגע גרעניצן קיין... מצרים.

## דער רמב"ם און דער ספר-תורה אין קאהיר

גע'גנב'עט און אין קייטן איז דער ספר-תורה אנגעקומען קיין קאהיר, דער הויפט-שטאט פון מצרים, און דארט האט פאסירט א נס! פאר די אידן אין קאהיר איז געלונגען עס אויסצולייזן פון זיינע פאנגער, און פאר א גאר הויכע פרייז איז דער ספר אנגעקומען צוריק אין אידישע הענט, און אויך צו די הענט פונעם רמב"ם. דער רמב"ם האט באשטעטיגט דעם פאקט אז דער ספר איז גאר טייער פאר'ן אידישן פאלק, און לויט דעם ספר האט דער רמב"ם איבערגעשריבן זיין ספר.

די קהילה-לייט אין קאהיר האבן געהיטן אויף דעם ספר תורה דאס מערסטע וואס מעגליך, זיי האבן עס אריינגעשטעלט אינעם אלטן בית-הכנסת אין קאהיר, און נישט ערלויבט פאר קיינעם עס ארויסצונעמען פון דארט. דאך איז דער ספר אויך פון דארט אוועקגענומען געווארן, צו גאר א ווייטע לאנד... איינמאל איז דער אייניקל פונעם רמב"ם, רבי דוד ב"ר יהושע, פון מצרים קיין סיריע, און ער האט גענומען מיט זיך דעם ספר-תורה. זינט דאן איז דער ספר תורה דארט פארבליבן, און געקרוינט געווארן אלס דער "כתר ארם צובא"!

## אין אַן אייזערנעם קאסטן

די חאלב'ער אידן האבן נישט געגלייבט אז דער גרויסער אוצר איז טאקע אנגעקומען צו זיי, און זיי האבן זיך געאיילט צו געבן דעם ספר-תורה א נאמען נאך זייער וואוינארט: דער חאלב'ער געגנט, דאס איז דער 'ארם צובא' אין סיריע. דער כתר איז געקרוינט געווארן אלס דער אוצר און באשיצער פון די חאלב'ער אידן, און פון יענער סעקונדע און ווייטער, איז ער גערופן געווארן מיט זיין קעניגליכער נאמען: 'כתר ארם צובא'.

די חאלב'ער אידן האבן זייער מורא געהאט אז די קרוין וועט צוגערויבט ווערן פון זיי. און דעריבער זענען די קהילה-לייט אין א טאג צוזאמענגעגאנגען צו דעם כתר מיט גרויס פארכט, זיי האבן עס גענומען און באהאלטן אין א ספעציעל באשטימטן אייזערנעם קאסטן, וואס זיי האבן פארשפארט מיט צוויי שלעסער! איין שליסל איז געגעבן געווארן פאר איינער פון די גבאים, און די אנדערע - פאר נאך א מענטש, אז אויב וועט מען וועלן עפענען דעם קעסטל, וועלן דארפן אנוועזנד זיין צוויי מענטשן, און אזוי וועט דער שמירה דערויף זיין שטארקער. דער אייזערנער קאסטן איז גוט באהאלטן געווארן אינעם היכל 'אליהו הנביא', איינע פון די זיבן היכלות פון דער בית-הכנסת פון די חאלב'ער אידן, און איז געווען די שיינקייט און פראכט פון די קהילה. קיינער איז נישט ערלויבט געווארן ארויסצונעמען דעם ספר פון זיין ארט, און קיינער האט איר נישט געטארט פארקויפן און אוודאי נישט ארויסצונעמען פון לאנד. אבער קיינער האט אויך נישט געקענט ערווארטן דעם שרעקליכן פאגראם וואס גייט אט אט פאסירן אויף די אידן אין די קהילה, און וואס האט גורם געווען אז דער קאסטן פון די 'כתר' זאל אויפגעבראכן ווערן און אוועקגעפירט ווערן פון איר באשטימטע ארט.

## דער 'כתר' איז נישטא!

מאנטאג, ח"י כסליו תש"ח.

די אראבישע איינוואוינער איבער דער גאנצער וועלט זענען געווען געפערליך אויפגערעגט קעגן די אידן, נאכדעם וואס אין ארץ-ישראל האט די 'יונייטעד נעישענס' פראקלאמירט א אידישע מדינה פאר'ן אידישן פאלק. אין אלע אראבישע לענדער זענען פארגעקומען ווילדע פאגראמען קעגן די אידן, וואס האבן געווארפן א פחד אויף די אידישע איינוואוינער. וואס זענען די אידן אין סיריע 'שולדיג', אז אין ארץ-ישראל האט זיך אויפגעשטעלט א מדינה? נישט קיין חילוק, דער עיקר איז אז עס דא א תירוץ צו הרג'ענען אידן. מיט ניסים פון הימל איז קיין איינער פון די אידן אין חאלב נישט געשעדיגט געווארן, אבער פון שעה צו שעה האט זיך געשטארקט די שרעק אז עפעס שרעקליך פאסירט צו דעם 'כתר'...

פלוצלינג האבן א צארנדע גרופע זיך איינגעבראכן, אנגעלאדנט מיט פייער-פלעשער, צו דעם געסל וואו עס האט זיך געפונען דער בית-הכנסת, און זיי האבן זיך ארויפגעווארפן אויף דעם הייליגן געביידע. די פאגראמער האבן גוט געוואוסט ווי טייער עס איז דער אוצר וואס איז באהאלטן אין בית-הכנסת, און זיי האבן באשלאסן זיך צו נוקם זיין דווקא אין דעם...

אין דעם גרויסן טומל, בשעת די פלאמען און געשרייען אין שטאט, האט קיינער נישט געקענט באמערקן דעם איינגעבויגענעם געשטאלט וואס איז גאר שנעל ארויס פונעם באוואוסטן 'היכל אליהו', טראגנדיג אין אירע הענט א גרויסע חפץ...

## וואו איז דער 'כתר'?

עטליכע טעג שפעטער, האט די שטילקייט זיך צוריקגעקערט אין שטאט, און די חאלב'ער אידן האבן צוביסלעך אנגעהויבן ארויסגיין פון זייערע הייזער. הערשט צומארגענס האבן זיך אין די גאסן אויסגעשפרייט די שליחים פון דעם סירישן הערשער, איינצושטעלן ארדענונג און צוריקצוהאלטן די גניבה איבער דעם אידישן פארמעגן.. אבער נישט נאר דאס איז געשטאנען אין שפיץ פון די אגענדע פון די חלאב'ער, נאר די זארג פאר דעם כתר האט זיי מער באזארגט, און זיי זענען געגאנגען זען וואס דערמיט איז געשען.

זיי קומען אריין און זען דעם קעסטל אויף זיין פלאץ, אבער די צוויי אויפגעבראכענע שלעסער האבן אנגעזאגט שלעכטס, און דער געפיל איז געווען שווער. א שרעקליכער גערוך פון פייער האט זיך געשפירט אין די לופט, און אלעס האט געשטיקט פון רויעך און פון פארברענטע פארמעגט. מיט ציטערדיגע פיס האבן זיי זיך דערנענטערט נאכאביסל צו דעם אויפגעבראכענעם קעסטל, נאר צו זען אז טאקע, דאס שרעקליכע האט פאסירט, דער כתר - איז נישטא! צי איז זי פארברענט געווארן? צי איז עס פארכאפט געווארן? צי האט עמיצער פון די קהילה-לייט עס גענומען?

## אומזיכער

אַן אראפגעקלאפטע אטמאספער שפירט זיך אינעם חלאב'ער ישוב. דער פארלוסט פון דעם קרוין איז נישט קיין פשוט'ער זאך. צוביסלעך שטארקט זיך די אנטיסעמיטיזם, און דאס לעבן נעבן די אראבישע חיות שטעלט זיי אריין אין א סכנה, און צוביסלעך האט די חלאב'ער קהילה אנגעהויבן זיך פארמינערן און אירע איינוואוינער האבן אנגעהויבן ארויפגיין קיין ארץ-ישראל. פון ערגעצוואו האבן פלוצלינג אנגעהויבן ארויפקומען שמועות... די וועלכע זענען פארבליבן אין חאלב האבן זיך געהאלטן ביי זייער ווערסיע אז דער כתר איז פארברענט געווארן אין דעם פאגראם וואס איז פארגעקומען אין בית-הכנסת, אבער די וועלכע זענען שוין ארויפגעגאנגען קיין ארץ-ישראל, די גבאים און דער הויפט-רב פון חאלב, ר' משה טוויל, טראכטן אביסל אנדערש... צי קען זיין אז דער כתר עקזיסטירט נאך ערגעצוואו אין א באהעלטעניש?

## שישו ושמחו בשמחת התורה

קיינער פון די שטערנגע סירישע וועכטער ביים גרעניץ האט זיך נישט מטריח געווען צו קוקן וואס עס געפונט זיך אין דעם אלטן מאשין, וואס איז געווען איינע פון די ארעמע חפצים פון די פֶּחַאם משפחה, דער אידישער משפחה פון ר' מרדכי פֶּחַאם וועלכער האט עמיגרירט פון סיריע קיין טערקיי, אויפ'ן וועג קיין ארץ-ישראל. וואס קען שוין זיין באהאלטן אין דעם אינערליכן טייל פון אַן ארעמע וואשמאשין? איז אזוי, גאר אסאך... אויף א זיכערער ברעג, אין א שטילער און געהיימניספולע אקציע איז אַן איינגעהילטע פעקל, אריינגעשטעלט אין א דיקע פעקל וואס איז באהאלטן געווארן אין דעם אלטן וואש-מאשין, צו די געהיימע אידישע טערקישע שליחים. דער פעקל איז ווייטער געפירט געווארן, ביז עס איז אנגעקומען צו א קליינע און באהאלטענע גרוב אין תל-אביב. וואס איז געווען דערין? איר טראכט ריכטיג: דער כתר ארם צובא!

צען יאר נאך דעם פאגראם איז דער כתר אנגעקומען קיין ירושלים. דאך איז ביז היינט, דריי-און-זעכציג יאר נאך זיין רעטונג, נישט קלאר ווער עס האט געהאט די זכי' עס צו ראטעווען, און ביז היינט ווייסט מען נישט ווער עס האט ארויסגעשמוגעלט דעם כתר מיט מסירות נפש איידער די פלאמען האבן אויסגעבראכן. נאך די שריפה האבן די ראש-קהילה פון חאלב געוואוסט אז דער כתר איז געראטעוועט געווארן און נישט פארברענט, אבער מען האט דאס געהאלטן בסוד סודות, כדי די לאנגע האנט פון די רעגירונג זאל נישט דערצו אנקומען און חס וחלילה אנמאכן שאדן.

היינט געפונט זיך דער כתר פון עלף הונדערט יאר אלט, אינ'וועלכע דער רמב"ם און נאך גרויסע צדיקים האבן זיך געפלאגט, אין דער מוזעאום 'היכל הספר' אין ירושלים. ליידער האבן נישט אלע בלעטער פון דעם ספר זוכה געווען איבערצולעבן, און א דריטל דערפון איז פארלוירן געגאנגען. געציילטע בלעטער געפונען זיך אויך ביי אפשטאמיגע פון די חלאב'ער קהילה וועלכע וואוינען אין קאנאדע און אין נאך געוויסע ערטער אויף דער וועלט.

דערמיט ענדיגט זיך דער וואנדער-וועג פון דעם עלטסטן ספר-תורה אויף דער וועלט. אינעם יום-טוב פון שמחת תורה הבעל"ט, וועלן אסאך פון אייך זוכה זיין אנצוכאפן דעם הייליגן תורה וועלכע איז אנגעקליידעט מיט הערליכע מענטעלעס און קרוינען. ווען איר וועט זיי אנכאפן מיט התרגשות און שמחה, זאלט איר געדענקען אז יעדע ספר-תורה איז למעשה א קרוין מיט וועלכע מיר שטאלצירן און זענען דורך איר זוכה צו קדושה און ברכה. יעדע אזא קרוין איז די וואונדערליכסטע מתנה וואס מיר פארמאגן, לאמיר עס מכבד זיין מיט איר אויסערליכער צורה, און זוכה זיין צו אפהיטן און מקיים זיין איר אינערליכער אינהאלט.

**איר נעמט שוחד, און איך פריי זיך!**

עס איז געווען אמאל א פשוט'ער איד וואס האט זיך זייער געפריידט שמחת-תורה, און געטאנצט מיט'ן גאנצן כח. פרעגט אים א רב וועלכע איז נישט געווען אזוי ערליך: "פארוואס פרייסטו זיך אזוי מיט דער תורה? האסטו דען אמאל געלערנט."

"איך וועל דיר זאגן דעם אמת," זאגט אים דער איד, "יום כיפור האב איך זיך געקלאפט על-חטא. צווישן זיי האב איך געזאגט, 'על חטא שחטאתי בכפת שוחד,' און ס'האט מיר געוואונדערט, האב איך דען אמאל גענומען שוחד? איך בין דאך נישט קיין דיין, און נישט קיין זון פון קיין דיין. נאר וואס דען? איר נעמט שוחד, און איך בין זיך מתוודה דערויף! איר לערנט, און איך פריי זיך!"

**דער זעלבער רבונו של עולם**

הרה"ק רבי משה ליב סאסובער זיע"א האט אמאל מוצאי שמחת תורה געזען ווי אידן יאגן זיך שטארק ארויס פונעם יום-טוב, און ווילן שוין אהיימגיין. האט ער זיך אנגערופן:

"אידן, דער זעלבער רבונו של עולם צו וועמען מיר זאגן 'אתה בחרתנו', פאר דעם זעלבן רבונו של עולם זאלן מיר 'אתה חוננתנו'..."

# שליחי מצוה אינן ניזוקין

## ערציילונג איבער דער הייליגער ריבניצער רבי זיע"א

הרה"ק רבי חיים זנוויל, דער הייליגער ריבניצער רבי זצוק"ל, וועמענ'ס יארצייט עס פאלט אסרו חג סוכות, איז געווען א תלמיד מובהק פון כ"ק הרה"ק רבי אברהם מתתיהו פון שטיפינעשט זי"ע, און אויפגעוואקסן ביי אים ממש ווי אַן אייגן קינד.

דער ריבניצער רבי האט אליין דערציילט אויף זיך אז ביי די אכצן יאר איז נישט געווען קיין איין רש"י אין ש"ס וואס ער האט נישט געקענט פון אויסנווייניג. אין זיינע יונגע יארן האט ער זיך געלערנט שחיטה און מילה, און ער האט עוסק געווען אין די הייליגע מצוות. דער ריבניצער רבי איז געווען דער יחיד וואס האט גע'שחט'ן און גע'מל'ט די אידישע קינדער מיט גרויס מסירות נפש. ער איז ארומגעפארן טעג און נעכט, נאר אז אידישע קינדער זאלן קענען עסן כשר, און נישט זיין ערלים ח"ו.

גאר אסאך וואונדערליכע סיפורים פון מסירות נפש ווערן דערציילט פון יענע יארן.

ווי באוואוסט האט פאר'ן רבי'ן גארנישט אינטערעסירט, נאר איין זאך - דעם הייליגן באשעפער. עס האט דערציילט איינער פון די אידן וואס זענען געווען מיט'ן הייליגן ריבניצער רבי'ן זי"ע אין די שווערע טעג און רוסלאנד, אז אין די שווערע תקופה ווען דער רבי האט זיך געפונען הינטער'ן אייזערנעם פורהאנג, אונטער די רוסישע קאמוניסטישע מאכט וואס די קעי-זשי-בי איז געקומען אין באשלוס צו דערגיין פונקטליך די וואס פארשפרייטן אידישקייט, און איינמאל פאר אלעמאל פון זיי פטור צו ווערן. פארשטייט זיך אז דער רבי איז געווען דער ערשטער אויף די שווארצע ליסטע. אויפ'ן רבי'ן האבן זיי געהאט גאנצע ליסטעס מיט עבירות וואס ער איז עובר, אבער זיי האבן אים פונקט נישט געכאפט יעצט ביי די מעשה.

זיי האבן געטראפן אַן עצה. זיי האבן אונטערגעשיקט איינעם פון זייערע חברה, ער זאל שפילן דעם מצב פון א צובראכענער איד וואס שמאכט אונטער די קאמוניסטן. אזוי האט ער טאקע געטון. ער איז געקומען צום רבי'ן און אנגעפאנגען צו וויינען אז ער פארמאגט גארנישט, און ער בעט פון רבי'ן צדקה. דער רבי האט נישט געקלערט קיין סאך און אויסגעליידיגט זיין קעשענע פון אלע פרוטות וואס ער האט דארט געהאט און דאס געגעבן פאר יענעם.

עס זענען אריבער עטליכע טעג, און די קעי-זשי-בי האט זיך אראפגעלאזט צום רבינ'ס שטוב און אים ארעסטירט, מען האט אים אריינגעפירט אין געריכט-הויז און אנגעפאנגען פארצולייענען א לאנגע מגילה פון עבירות, און ספעציעל די שרעקליכע עבירה פון געבן צדקה, קעגן די קאמוניסטישע געזעצן.

דער רבי שטייט און רופט זיך גארנישט אָן. ער קוקט גוט אָן דעם שופט, און נאך עטליכע מינוט, הויבט ער אויף זיינע הייליגע אויגן-ברעמען, און גיט א זאג צום שופט: "איידער דו נעמסט דיר איבער מיר, גיב א קוק וואס עס טוט זיך ביי דיר אינדערהיים," און דער רבי זאגט ווייטער: "דיין ווייב ליגט אין בעט און האלט פאר'ן שטארבן."

עס האט אנגעכאפט א ציטערניש פאר דעם שופט, ער האט בכלל נישט פארשטאנען וואס דער רבי וויל פון אים, ער האט אבער געזען אז דער רבי זאגט עס מיט אזא ערנסטקייט, האט ער זיך אנגערופן: "אויב איר זעט אז זי איז קראנק, קענט איר דאך זען אז זי זאל געהיילט ווערן." דער רבי האט אים טאקע צוגעזאגט אז "זי וועט זיין געזונט, אבער מיט איין תנאי, אז ער וועט אים לאזן גיין פריי, טאמער נישט..." פארשטייט זיך אז דער רבי איז באלד באפרייט געווארן.

זייענדיג אין ריבניץ, האט דער רבי נישט געהאט קיין ווארעמע מקוה, איז ער שטענדיג געגאנגען ברעכן די אייז אין ים. דערציילט דער ליובאוויטשער משפיע רבי מענדל פוטערפאס זצ"ל, וועלכער פלעגט ארומגיין מיט'ן רבי'ן מל'ען אידישע קינדער, אז איינמאל האבן זיי געדארפט ארויסגיין אויף א ברית. דער רבי האט אבער געזאגט אז ער מוז גיין קודם אין מקוה. דער וועטער איז געווען דרייסיג אונטער זערא, די טייך איז געווען גוט פארפרוירן, און קיין ווארעמע מקוה איז דאך נישטא, וואס טוט מען? דער רבי האט דאן געוויזן פאר ר' מענדל אז ער גייט אין טייך און געזאגט: "פון א מצוה ווערט מען נישט געשעדיגט."

"מיר זענען אראפ צום טייך," האט רבי מענדיל דערציילט, "און זיך אויסגעטון. איך האב אריינגעשטעקט איין פוס אין וואסער, און געזען אז איך בין נישט מסוגל צו גיין ווייטער. אבער דער רבי שרייט אז איך זאל זיך נישט לאזן ברעכן און איך זאל גיין ווייטער, כל עוד נשמתי בי האב איך זיך אנגעטון אז איך זאל נישט פארפרוירן ווערן. אבער דער רבי איז אריין שטייטעליך, עס האט אויסגעזען ווי ער גייט אין א ווארימע מקוה, ער טובל'ט זיך איינמאל, צוויי מאל, דריי מאל. איך קוק אָן דעם רבי'ן, און איך שטעל זיך פאר אז ער איז אינגאנצן פארפרוירן. אבער ווי ערשטוינט בין איך געווארן, ווען איך האב געזען אז עס גייט א פארע פון רבי'נס הייליגע גוף, ווי ער וואלט געווען אין הייס-קאכעדיגע וואסער."

"און דאס איז נאכנישט אלעס." דערציילט ער ווייטער, "ווען דער רבי האט זיך שוין געהאלטן אינמיטן אנטון, איז אריבער א גוי, און דער רבי האט א בליק געגעבן אויף אים, האט דער רבי זיך צוריק אויסגעטון און נאכאמאל אנגעפאנגען די גאנצע מעשה."

דער ריבניצער רבי זצ"ל האט דערציילט, אז אמאל זייענדיג אינמיטן ווינטער אין א טייך וואס איז געווען אינגאנצן פארפרוירן, איז אים קוים געלונגען אויפצוברעכן א שטיקל פלאץ אריינצוגיין, איז געקומען א גוי, א רשע, און אריינגעשטיפט דעם שטיקל אייז צוריק אין לאך, און פארשטאפט די עפענונג פון וואו דער רבי איז אריין, כדי דער רבי זאל חלילה וחס דארט בלייבן, רח"ל.

ווען דער רבי האט געוואלט ארויפקומען, האט ער נישט געפינען דעם לאך. ער האט שוין געהאלטן ביים אויסגיין, האט ער געבעטן א תפילה און געזאגט: "רבונו של עולם! אזא מיתה ווילסטו איך זאל שטארבן?!" באלד האט זיך די אייז געריקט פון פלאץ, און דער רבי איז ארויס.

שפעטער האט דער רבי אוועקגעמאכט דעם מופת, און געזאגט: "דער נאטור פון אייז איז, אז נאך אפאר מינוט ריקט זיך עס ארויס פון פלאץ."

***זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן***

*המשך פון ערשטע זייט:*

**דער צאל פונעם אות:** פופציג

**געוויסע זאכן דארפן האבן פופציג שטאפלען צו גרייכן שלימות:**

- **אידן גרייטן זיך צו 'קבלת התורה' דורך פופציג טעג ציילן ספירה.**
- **מיר טוען תשובה פאר פופציג טעג - פון ראש חודש אלול ביז הושענא רבא.**
- **מיר האבן פופציג 'שערי בינה'. די נעמען פון די שבטים פארמאגן פופציג אותיות. דער ווארט 'תורה' ערשיינט אין די תורה פופציג מאל. דאס לערנט אונז אז אלע חכמה טרעפט מען אין די תורה.**
- **שטייג ווייטער, חזר ווי עס דארף צו זיין, לעב מיט אמונה, און ס'וועט דיר זיין 'נועם' - אנגענעם און זיס.**



# שיחת המשמשים

**אצל מסיבה השנתי לטובת ת"ת נחלת חיים ריבניץ בק"י חודש תמוז תשפ"ד**

## הרה"ח ר' יחזקאל הערמאן שליט"א - הרה"ח ר' אריה לייב געלדצעלער שליט"א - הרה"ח ר' יצחק תהלים שליט"א - הרה"ג רבי נפתלי דייטש שליט"א דיין ומו"ץ בעיר קרית יואל

באקענט אייך מיט אונזערע בעלי מספרים, הרה״ח ר׳ **יחזקאל הערמאן** הי״ו, האט נאך געקענט דעם רבי׳ן פון אינדערהיים אין סעליש, ווי אויך איז ער עטליכע מאל געפארן קיין ריבניץ. זייענדיג א זון פונעם רבינ׳ס רעכטע האנט הרב יצחק וואלף ע״ה האט ער געאטעמט ריבניץ פון די טאג וואס ער איז אראפגעקומען אויפן וועלט, און ער האט גאר אסאך געהערט און מיטגעהאלטן אלע יארן, הרה״ח ר׳ **יצחק תהלים** הי״ו, איז געווען א משמש בקודש לאנגע יארן צום גוטן דא אין אמעריקא, הרה״ח ר׳ **אריה לייב געלדצעהלער** הי״ו וואס איז געווען א משמש בקודש און האט ערליך באדינט דעם רבי׳ן אויף די עלטערע יארן, און זיך אסאך געדרייט אלץ בחור אין די געזינטע יארן, אזוי אויך האט ער אסאך געהערט און גענאשט פון אידן וואס האבן נאך געקענט דעם רבי׳ן פון אינדערהיים. הרה״ג ר׳ **נפתלי דייטש** שליט״א מו״ץ בעיר קרית יואל ווען ס׳איז אויסגעקומען צו פארן אסאך קיין לאס אנדזשעלעס, וואו ער האט אנגעטראפן א נאנטער מקורב צום רבי׳ן, ״הרה״ח ר׳ יעקב סאפראנאוויטש ז״ל״ פון ווען ער האט אסאך קונה געווען און געהערט א וועלט, אזוי אויך האט ער זיך אסאך געדרייט ביים רבי׳ן אין מאנסי.



*פותחין בכבוד אכסניא, מען איז זיך צאמגעקומען פאר די יערליכע מסיבה וואס ר' יוסף יצחק מאכט שוין ב"ה פאר מער ווי צוויי צענדליגער יארן. דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער, ער צוזאמען מיט זיין בני בית, זאלן מאריך ימים ושנים טובים זיין, ער זאל קענען מרביץ תורה זיין כאוות נפשו.*

*אונז האמיר דא ר' יחזקאל הערמאן, וואס זיין טאטע ר' יצחק וואלף ע"ה איז געווען משמש פונעם הייליגן ריבניצער רבי'ן זי"ע, נאך אין רוסלאנד מיט מסירת נפש, און אזוי אויך שפעטער דא אין אמעריקע.*

*ר' יחזקאל איז אונז שולדיג פון פאריאר א שיינע שמועס, ער האט צוגעזאגט פאריאר צו רעדן, אבער עס איז נישט געווען, עס איז אונטערגעקומען עפעס אן אונס, ער האט אגאנץ יאר אונז געבעטן: "נו, ווען קען מען עס משלים זיין". ער וויל נישט שולדיג בלייבן פארן רבי'ן, ער וויל אז דער רבי זאל אים שולדיג בלייבן.*

*עכ"פ ער האט זייער אינטערעסאנטע זאכן צו פארציילן, ער האט מיטגעלעבט מיטן רבי'ן, סיי אלס קינד אינטער די קאמינסטישען נעגל, און אזוי אויך שפעטער דא אין אמעריקע, דער עולם זאל צולייגן אן אויער, ס'איז דא וואס צו הערן.*

**ר' יחזקאל:** - לא איש דברים אנכי, איך בין נישט קיין בעל דרשן, אבער אזויווי ס'וועט זיין א תכלית און א טובה פאר די חשוב'ע חדר וואס טראגט דאס נאמען 'ריבניץ', על שמו ועל זכרו פונעם הייליגן רבי'ן, בין איך גרייט אלעס צו טון.

ווען דער רבי זי"ע האט געוואוינט אין סיגעיט, בין איך דאן געווען א פרישער יונגערמאן, און ס'איז געווען נייעס ביי מיר, בין איך אריין מיט א קוויטל צום רבי'ן. ער האט געקוקט אינעם קוויטל, און ער האט מיר געזאגט מורא'דיגע ווערטער: "אה, ב"ה ס'איז דא נייעס..." ער האט זיך זייער געפריידט. נאכדעם פרעגט ער: "חאזקעל, וואס וועט זיין מיט מיר???"

איך האב געמיינט איך פאל אראפ. ס'איז מיר געווען א געוואלדיגער חידוש, איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט פון רבי'ן אזעלכע דיבורים.

פארשטייט זיך אז איך ענטפער נישט גארנישט. וואס וויל ער פון מיר?

און דער רבי פרעגט נאכאמאל: "חאזקעל, וואס וועט זיין מיט מיר, איך דריי מיך אזוי ארום, איך האב נישט קיין קינדער?" און ער פירט אויס: "מילא דער רבי (רבו הרה"ק רבי אברהם מתתיהו משטעפינעשט זי"ע איז אויך נסתלק געווארן אנע איבערלאזן זש"ק), מיין הייליגער רבי האט מיך געהאט... איך בין זיין קינד! אבער איך האב דאך גארנישט, וואס וועט זיין מיט מיר?".

און ער פירט אויס: "שוין, אז ס'איז אזוי. אבער זאלסט וויסן, א זֵכר דארף מען מאכן, איך האב טאקע גארנישט קיין קינדער אבער א זֵכר וויל איך האבן".

די ווערטער האט ער געזאגט. איז טייטש פשוט, מען דארף אויפשטעלן מוסדות אויף זיין נאמען. און ב"ה אז ס'איז דא, ס'בויט זיך.

אז מ'קוקט זיך נאר ארום רעכטס און לינקס וויפיל חיים זאנוויל'עך דרייען זיך ארום אין די גאס, וואו דו גייסט, בארא פארק, וויליאמסבורג, מאנסי, סקווירא, איבעראל, מען דארף נישט קיין גרעסערער זֵכר פון דעם, ער ארבעט אריין אז ס'זאל זיין א זֵכר צו זיין הייליגע נשמה.

## דער רבי מיט זיין רבי'ן

דער רבי זי"ע האט מיר אמאל געזאגט: "מיין רבי [הרה"ק משטעפינעשט זי"ע] האט מיר געבענטשט פאר די הסתלקות, אז איך זאל קענען וואונטשן פאר אידן אזויווי ער וואונטשט, און איך זאל האבן אזא מאור פנים אזויווי ער".

דער רבי פלעגט אלץ פארציילן אויף זיין רבי'ן: "ביי מיר אין די הענט איז ער אויסגעגאנגען". עס איז דאן געווען 10:00 אזייגער, און די זייגער האט זיך דעמאלטס אפגעשטעלט, אין די צייט וואס ער איז אוועק. האט ער געזאגט, אז עס זענען געשטאנען ארום די בעט צען געהויבענע חסידים, אינמיטן מאכט דער רבי אויף די אויגן, ער קוקט זיך ארום ווער ס'שטייט אלס דארט, און ער גיבט א פרעג: "וואו איז חיים זאנוויל?"






זאגט מען אים אז ער שטייט אונטערן קאפ, ער האלט די קאפ.

האט זיך דער שטעפינעשטער זי"ע אנגערופן אט-די ווערטער: "חיים זאנוויל חידוש הוא וחידוש שלי". רבי משה בטלן פון סקווירא פלעגט אויך נאכזאגן די מעשה, ער איז אויך דארט געווען.

**ר' יצחק תהלים:** איך האב געהערט פון רבי'ן אן אנדערע נוסח. אז זיין רבי איז נישט געלעגן, ער איז געשטאנען, אינמיטן איז ער צוזאמגעפאלן. דער רבי האט אים אנגעכאפט און אונטערגעהאלטן, און דער זיין רבי דער שטעפינעשטער האט זיך געגעבן א רוף אן: "חיים זאנוויל חידוש". און ער האט אויסגעהויכט די נשמה. אזוי האב איך פארשטאנען פון רבי'ן. אבער איך האב נישט די בעסטע זכרון...

**ר' יחזקאל:** דער הייליגער שטעפינעשטער זי"ע איז געבוירן געווארן דעם ערשטן טאג חנוכה, און די ברית איז געווען זאת חנוכה. דאס האב איך האב אויך געהערט פון רבי'ן אסאך מאל. ארגינעל האט זיין טאטע געוואלט א נאמען געבן נאכן הייליגן זיידן ר' אברהם המלאך זי"ע, ער איז געווען אן אור-איניקל, אבער ווען מ'האט אריינגעברענגט דאס קינד צום ברית, און דער הייליגער רוזינער זי"ע האט אים אנגעקוקט, האט ער זיך אנגערופן: "דאס איז דאך ממש דער אלטער מתתיהו (ער האט געמיינט צו זאגן 'מתתיהו כהן גדול'), דער אויבערשטער זאל העלפן ער זאל זיין געראטן בנוי ובכח". פון דעם איז געווארן צאמגעשטעלט די נאמען 'אברהם מתתיהו'.

וכך הוה, דער רבי פלעגט זאגן, אז זיין רבי

## מילא דער רבי – מיין הייליגער רבי – האט מיך געהאט... איך בין זיין קינד! אבער איך האב דאך גארנישט, וואס וועט זיין מיט מיר?

האט געלעבט קרוב צו 90 יאר, און ער איז ביי קיין דאקטער אין לעבן נישט געווען, קיין איין ציין האט אים נישט געפעלט, און ער איז געווען א בעל קומה, א שטארקער ברייטער מענטש, טראץ וואס ער האט קוים געגעסן און געשלאפן.

דער רבי האט מיר פארציילט: מיין רבי האט האט מיט מיר געלערנט כל התורה כולו! ביי די דריי יאר בין איך געווארן א יתום, האט מיין מאמע מיר אריינגעווארפן צום רבי'ן אין שטוב, און דער רבי האט מיר געהאלטן ווי אן אייגן קינד, איך בין געזעסן אויף זיין שויס, ער האט מיר געפיטערט.

דער רבי האט מיר אסאך מאל אריינגענומען אין 'משיח'ס צימער' (ביי די רוזינע רבי'ס איז געווען א צימער וואו נאר די רבי'ס האבן געקענט אריינגיין, און מ'פלעגט דאס רופן 'משיח'ס צימער'), און האט מיט מיר אדורכגעלערנט כל התורה כולו. ער האט אנגעהויבן אויסרעכענען: "מקרא, משנה, ספרא, ספרי, בבלי, ירושלמי, כתבי אר"י. אין דבר מתורת משה וואס דער רבי האט מיר נישט געלערנט", דאס איז געווען איין נוסח.

עטליכע יאר שפעטער ביי די יארצייט האט ער נאכמער געזאגט, כל התורה כולו וכו'. און נאכדעם האט ער צוגעלייגט: "ער האט מיר אויסגעלערנט אפילו שיחות חיות ודקלים...!"

**יצחק תהלים:** דו האסט געזאגט לעצטנס, אז אין אוקריינע פלעגסטו מיטגיין מיטן רבי'ן צו די מקוה, טראגן די וועש וכו'. ווען מען האט זיך אפגעשטעלט אין א וואלד פלעגט דער רבי זיך צוהערן ווי די עופות שעפשען צווישן זיך.

**ר׳ יחזקאל:** יא, ער האט פארשטאנען וואס זיי זאגן. איך האב געהערט פון אים אמאל זייענדיג אין וואלד: "איך פארשטיי וואס זיי זאגן".

ער האט מיר אמאל געזאגט, בטבע בין איך געווען א לערנער, א מתמיד, ס'איז מיר נישט אנגעגאנגען אין די וועלט גארנישט, און ווען דער רבי האט מיר געהייסן איך זאל גיין זיך אויסלערנען שחיטה - ער האט מיר דעמאלס געשיקט צו דריי ראשי שוחטים אין שטעפינעשט - איז עס מיר געווען א חידוש נפלא.

דער רבי איז געזעסן טאג און נאכט און געלערנט, ממש פון הבדלה ביז קידוש. מענטשן פארציילן אז זיי פלעגן אראפלייגן עסן אויף די באנק, און אזוי איז ער געזעסן אין בית המדרש יעדע איינציגע טאג.

עטליכע חדשים אדער א יאר שפעטער האט דער שטעפינעשטער רבי אים געהייסן זיך גיין לערנען מילה, און ער האט עס אנגעקוקט ווי א געוואלדיגע פלא, ער האט נאר געוואלט בלייבן זיצן און לערנען.

שפעטער ווען ער איז געווארן וואס ער איז געווארן, ער האט געזען וואס עס האט אים נעבעך אפגעווארט דארט אין רוסלאנד, האט ער איינגעזען די רוח הקודש פון זיין רבי'ן.

## דארף איך דען א בילד פון רבי'ן?

די ערשטע יאר וואס עס איז ארויסגעקומען די באוואוסטע פיקטשער פונעם שטעפינעשטער האט אים עס איינער געברענגט.

מען האט אים געפרעגט, דער רבי דערקענט? דאס איז אמת? האט ער געענטפערט אז יא, דאס איז דער רבי, ס'איז א גוטע בילד.

דער רבי האט געהאלטן אינמיטן אויפנעמען מענטשן. און דער רבי נעמט דאס בילד, ער ריקט עס אריין אונטער זיין טישטוך. יענעם איז נישט גוט געווארן. אוי וויי, איך האב קוים דערווישט א פיקטשער, און יעצט וועט עס מיר אויף פעלן... ס'גייט דורך אפאר מינוט, און דער רבי רופט אים: "קום אהער, דא האסטו די בילד דיינע".

"דער רבי קען עס האבן", ענטפערט יענער.

ענטפערט אים דער רבי: "איך דארף נישט קיין בילד פון רבי'ן, איך זע אים תמיד, איך דארף דען א בילד פון רבי'ן?".

**הרה"ג ר' נפתלי דייטש:** ר' יעקב סאפראנאוויטש ע"ה דערציילט, אז ווען דער רבי איז געקומען קיין ארץ ישראל, איז ער גלייך געגאנגען צו זיין רבינ'ס ציון. ער ליגט דאך דארט אין תל אביב. ער איז געווען דארט פאר צוויי שעה. דערנאך האט ער די גאנצע וועג אהיים געקרעכצט. דער רבי איז געווען זייער נישט צופרידן, און זייער ברוגז אז מען האט אים מפנה געווען.

ער האט געזאגט "מען האט מיך נישט געפרעגט, ס'וואלט גארנישט געשען פארן רבי'ן ווען מען לאזט אים ווען דארט..." מען האט אים געזאגט אז די גאנצע פלאץ איז געווארן א מקום סכנה, מען האט אויפגעגראבן קברים, האט ער געענטפערט: "פארן רבי'ן וואלט גארנישט געשאדט, ס'וואלט גארנישט געשען". ער האט מיר דעמאלס געזאגט, אז די צוויי/דריי וואס האבן זיך מטפל געווען מיט דעם האבן נישט מוציא שנתם געווען ל"ע.

**ר' אריה לייב:** הגה"צ רבי יעקב חנון שליט"א איז געווען ביי די לוי' אין בני ברק ווען מען האט ארויפגעברענגט דעם שטעפינעשטער, און מען האט געפרעגט פון הגה"צ רבי יעקב לאנדא ז"ל - ער איז געווען דער רב דעמאלס אין בני ברק - צי מען זאל לייגן אין א בעטל ווי מנהג ארץ ישראל, אדער מען זאל אים לאזן אין א קאסטן. ר' יעקב לאנדא האט אריינגעלייגט די האנט, און ער האט געגעבן א שפרינג, ער איז גאנץ! ער איז נאך געווען גאנץ און פריש 40 יאר שפעטער!

## די נאמען חיים זאנוויל

**ר' יחזקאל:** איך האב געהערט א מעשה פון דעם נאך וועם דער רבי האט געהייסן. עס איז געווען זיין עלטער-זיידע רבי חיים זאנוויל ז"ל. ער איז געפארן צום ערשטן שטעפינעשטער, הרה"ק רבי מנחם נחום זי"ע אויף יום כיפור. עס האט דעמאלס געבושעוועט א שטארקע מחלה מדבקת און מען האט נישט געקענט קומען, אבער דער עלטער-זיידע איז יא געקומען, ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, און ער איז נעבעך געווארן אנגעשטעקט מיט די מחלה, און ער איז דארט אויסגעגאנגען אין ביהמ"ד אום יום כיפור.

מען איז גלייך אריינגעלאפן זאגן פארן רבי'ן אז חיים זאנוויל ליגט אויף דער ערד אן קיין רוח חיים, האט ער געזאגט פארן גבאי'ן: "גיי זאג אים ער זאל אויפשטיין, ער זאל זיך אוועקזעצן און דאווענען ווייטער".

דער גבאי איז געגאנגען, און ס'האט נישט געהאלפן. "גיי טראג אים א גלעזל וואסער אדער טיי, זאג אים ער זאל אויפשטיין און טרינקען, איך האב געהייסן ער זאל אויפשטיין". אבער עס האט נאכאלץ נישט געהאלפן.

דער רבי האט געדאווענט אין אן עקסטערע צימער. איז דער רבי אליין אריינגעקומען אין בית המדרש, און געפרעגט וואו איז ער? האט מען געוויזן אז ער ליגט נעבעך אזוי אויף דער ערד אן קיין סימן חיים. איז ער צוגעגאנגען, זיך איבערגעבויגן און געזאגט: "חיים זאנוויל, איך הייס דיר שטיי אויף!" נאך דריי מאל אזוי זאגן, האט ער זיך אויפגעזעצט און זיך געשאקלט, אפאר מינוט שפעטער האט ער שוין ווייטער געדאווענט.

דערווייל איז געקומען פאליציי און מען זוכט, וואו איז דער בר מינן? מען טרעפט אים נישט.

דער הויפט נאטשאלניק אליינס איז געקומען צו גיין מיט די חברה וואס האבן עדות געזאגט: "ער איז דאך דא געלעגן?!"

פלוצלינג גיבט דער הויפט נאטשאלניק א פרעג: "דא איז דא א צדיק? א רבי? זענט עטס צעדרייט?! עטס מיינטס אז דא וועט מען טרעפן א טויטן אז ס'איז דא א רבי?"

דאס איז געווען די ערשטע חיים זאנוויל נאך וועם ער האט געהייסן, ער האט נאך נאכדעם געלעבט נאך 18 יאר.

## עיני ולבו על ישראל

**ר' יחזקאל:** דער רבי האט מיר אמאל געזאגט: איך האב זייער ליב געהאט צו לערנען, ווען עס איז געקומען די צרות פאר די אידן, דער ימח שמו האט אנגעפאנגען רודערן ארום תש"ח - צ"ט, יענע יארן ווען ס'האט



זיך אנגעהויבן מיטן דייטש ימ"ש, מען האט ליידער אנגעהויבן טרייבן אידן אהער אהין, "איך האב נישט געהאט קיין ברירה, יחזקאל איך האב איבערגעלאזט די שענסטע און די בעסטע זאך וואס איך האב ליב געהאט אין מיין לעבן".

איך האב אוועקגעלייגט דאס לערנען, און איך האב אנגעהויבן בעטן פאר אידן, דעמאלס האב איך אנגעהויבן פאסטן, תיקון חצות, רוב ימי פון דעמאלס האב איך פארברענגט צו בעטן פאר אידן.

מען האט געדארפט זען די צער אויפן פנים פון רבי'ן ווען ער האט געזאגט 'איך האב אוועקגעלייגט די בעסטע און שענסטע זאך וואס איך האב ליב געהאט אין מיין לעבן'.

און איך קוק אים אן, רבי, וואס? "דאס לערנען".

## עזות דקדושה

**ר' אריה לייב:** פארצייל עפעס פון די מסירת נפש.

**ר'יחזקאל:** ס'איז געווען גאר אסאך מעשיות מיט ברית'ן וואס ער האט איינגעשטעלט דאס לעבן. ער האט געקלעטערט אין וועלדער מיט חיות רעות ומטורפות, מען האט אים נאכגעווארפן שטיינער, אבער די תכלית איז געווען ביי אים אז ער האט זיך נישט ווייסנדיג געמאכט. ס'איז נישט געווען אזא זאך ווי גיין אויף צוריק, אז ער האט מחליט געווען אז ער גייט, איז ער געגאנגען.

אפילו אין רוסלאנד צווישן אלע רשעים און מוסרים, איז נישט געווען א זאך פון צוריקציען, מען דארף טון וואס מען האט צו טון, מיט עקשנות דקדושה. מען האט קיינמאל נישט געקענט זאגן און בעטן 'ס'איז א סכנה. דער רבי זאל נישט גיין'. אין זכות פון מיין טאטן האב איך אסאך מאל טאקע משמש געווען אויף אזעלכע געפארפולע רייזעס.

איך האב עס אויך באמערקט ביי זיינע אנדערע עבודות, ער האט געהאט זיינע פרומע זאכן, קפידות, קיינמאל איז נישט געווען אז ער האט געזוכט א וועג ארויס, אויב ער האט מקפיד געווען אויף עפעס האט ער עס געטון עד הסוף! למשל, יעדער ווייסט ער האט נישט געגעבן קיין שלום פאר א איד וואס איז נישט געגאנגען אין מקוה יענע טאג, ווען איינער האט מיט געוואלד אריינגעשטיפט די האנט איז ער נישט געגאנגען פרעגן דעם דיין א היתר צי ער מוז גיין אין מקוה צי נישט, ס'איז נישט געווען קיין ספק ביי אים, ער האט קיין רגע נישט געטראכט, נאך פאר וואס ווי ווען, איז ער שוין געווען אין וואסער...

ער האט מקפיד געווען ס'זאל אים נישט קעגנקומען אן אשה, אדער אפילו א בעל חי, ווען ער איז ארויסגעקומען פון מקוה. איך געדענק ווען ער איז געגאנגען אין בארא פארק אין די קראסנע מקוה, ווען עס איז נאר געווען, פארטאגס צי אינמיטן טאג, עס איז געווען אויפן וועג אהיים, אויב אפילו פון א האלבע בלאק אוועק איז א קעצעלע דורכגעלאפן האט ער זיך גלייך אויסגעדרייט.

איך פלעג אים אסאך מאל העלפן אויף די וועג אהיים, און פלוצלינג... מען איז שוין אויפן וועג צוריק...

"רבי, וואס איז געשען?"

"נו, האסט נישט געזען?"

ס'איז נישט ער האט זיך אפגעשטעלט און געטראכט צי ער דארף יא גיין אין מקוה צי נישט, ס'איז געווען אזוי ווי א ספרינג. א זאך וואס איז נישט געווען אזוי ווי ער האט געשפירט איז ריכטיג האט מען גראד איבערגעמאכט.

אינמיטן דאווענען צי ווען עס זאל נאר זיין, אויב מען האט אים מבלבל געווען האט ער אנגעפאנגען פון אנפאנג בנשימה אחת, נישט געטראכט קיין צוויי סעקונדעס. ס'דארף זיין בשלימות.

**הרה"ג ר' נפתלי דייטש:** רעדנדיג פון דעם נושא אמאל, האב איך געהערט פון הרה"ג רבי יחיאל טויבער ז"ל פון מכון להוראה, אז דער רבי האט אים פארציילט, ער האט אמאל געלערנט מיט זיין שווער אינדערהיים אין רוסלאנד, זיין שווער איז דאך געווען א רב, און זיי האבן געמאכט א שיעור צוזאמען, זיי זענען אנגעקומען צו א שווערע ש"ך אין חושן משפט, וואס איז געווען שווער צו פארשטיין אלס הלכה למעשה.

ער איז געווען א משונה'דיגער גרינטליכער לערנער, אזוויי איר האט פארציילט דא, יעדע זאך האט געדארפט זיין בשלימות, און די צוויי האבן זיך ממש צעקריגט! מען האט זיך ארומגעאמפערט. דער שווער האט געוואלט גיין ווייטער, און ער האט זיך פאר'עקשנ'ט און געבליבן זיך מעמיק זיין.

ס'קומט צום דאווענען, ער איז נאך געזעסן דארט, און דער שווער קומט אריין, האט ער אים געוויזן אז עס שטימט יא הלכה למעשה... עכ"פ אבער פון דעמאלס איז געווארן נתפרדה החבילה, זיי האבן נישט געוואלט מער לערנען צוזאמען, די טאכטער זיינע איז געקומען בעטן, חיים זאנוויל לערן ווייטער מיט מיין טאטע, "בשום אין אופן".

**ר' יחזקאל:** ער פלעגט מיר זאגן אז זיין שווער איז געווען די 10'טע דור פונעם נודע ביהודה, אלעס רבנים.

**ר' נפתלי דייטש:** ר' יעקב פארציילט מיר, אז ביים עסן איז אויך געווען אזוי, אויב עס איז געווען די מינדעסטע חשש אויף עפעס האט ער עס שוין נישט געגעסן, אפילו וואסער.

און אינטערעסאנטע מעשה האב איך געהערט פון א צווייטן. אמאל איז ער איז געווען מיט הרה"ק ר' משה ארי' פריינד זי"ע גאב"ד ירושלים ביי א סעודה, מען האט אריינגעברענגט א געוויסע מאכל, אפשר רייז? איך ווייס נישט וואס עס איז געווען, און ר' משה ארי' האט נישט געגעסן. האט ער געזאגט פאר ר' משה ארי': "קענסט עס עסן, עס האט נישט קיין שום חשש". ר' משה ארי' האט געזאגט אונז האמיר בקבלה אז אונז גיי מיר נישט מיט קיין קבלה דורך רוח הקודש...

**ר' אריה לייב:** וויאזוי קען זיין אז ער איז קיינמאל נישט אנקומען קיין סיביר? מען האט אים קיינמאל נישט געכאפט?

**ר' יחזקאל:** דער רבי האט מיר געזאגט אפאר מאל: "זיי האבן מורא געהאט פון מיר".

חוץ פון דעם וואס ער האט געהאט דארט אין ריבניץ א גוי דער הויפט פון די פאליציי וואס האט אים אייביג געהאלפן און געווען אויף זיין זייט. דער גוי האט געהאט א קראנקע מאמע, זי האט געליטן פון א סטראוק אויף א האלבע זייט, און ער האט געוואוסט אז דער רבי איז אן איש מופת, ער איז געווען א קאמוניסט, האט ער געזאגט פארן רבי'ן, אז דו היילסט אויס מיין מאמע וועל איך דיר קיינמאל גארנישט שטערן, דו וועסט קענען טון וואס דו ווילסט.

זאגט דער רבי: גוט, קאנטראקט איז קאנטראקט, ביז אפאר טעג איז זי איז געזונט געווארן, כאחד אדם, און זייט דעמאלס האט ער זיך כסדר באדאנקט און געגעבן אסאך געלט, און געהאלפן דעם רבי'ן.

ס'זאל שטיין! אזוי האב איך געוואלט! זאלן זיי אויך וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט, זאלן זיי וויסן, די גוים דארפן אויך צו וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט! מיין תפקיד איז אז מ'זאל וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט

אפאר טאג נאכדעם וואס די מאמע איז געזונט געווארן האט מען פארציילט פארן רבי'ן אז אין די לאקאלע צייטונג שטייט באשריבן די מעשה 'א מופת פונעם רבי'ן', און מען האט פארגעליינט פארן רבי'ן וואס עס שטייט דארט.

"ס'זאל שטיין! אזוי האב איך געוואלט! זאלן זיי אויך וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט, זאלן זיי וויסן, די גוים דארפן אויך צו וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט! מיין תפקיד איז אז מ'זאל וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט".

אלץ האט ער געשפירט אז דאס איז זיין תפקיד, מען זאל וויסן אז ס'איז דא א גאט! וויפיל ביי אונזער געגנט אין די 'קארפאטן' האט ער אפגעראטעוועט, יונגע בחורים מיט מיידלעך און עלטערע, אלע האבן זיך געהאלטן אין אידישקייט אדאנק אים.

וויאזוי האט מען ביי אונז געזאגט דארט: "דאס איז אונזער משה רבינו, די רוסן ווילן אפלייקענען תורת משה, אבער אונז האמיר דא א משה רבינו וואס ווייזט אז ס'איז יא דא א משה. דאס איז געווען אונזער שפראך אלס קינד. די עלטערן האבן כסדר גע'חזר'ט, אונז האמיר דא א משה רבינו, אז ער זאגט אז וועסט זיין געזונט וועסטו זיין געזונט, און אז ער וואונטשט אן אז דו גייסט אנקומען, וועסטו אנקומען.

די מעשה מיטן נאטשאלניק איז נאכנישט פארטיג, אין בארא פארק האט געוואוינט א איד א זקן, ער איז אוועק צוויי יאר צוריק, א בן מאה, הרה"ח ר' יושע יאקאבאוויטש ע"ה. ער האט געהאט אסאך געשעפטן אין רוסלאנד, אים האט מען אריינגעלאזט איבעראל, ער פלעגט אימפארטירן דיאמאנטן פון בעלגיע, ער פלעגט פארן קיין קיעוו, מאסקווע, איבעראל.

פארציילט ער מיר, איינמאל איז ער געווען, דאכט זיך מיר אין קיעוו, קומט דארט צו צו אים א נאטשאלניק, און זאגט אים: דו ביסט פון ברוקלין?! דו קענסט חיים זאנוויל?!

ער האט נישט געהאט קיין אנונג ווער דער איד איז, ס'איז געווען ממש יענע יאר ווען דער רבי איז אנגעקומען דא, ווינטער תשל"ד, ער נעמט אים ארויס א בעג מיט דאלארן און זאגט אים: "גיב דא איבער פאר חיים זאנוויל, זאג אים אז איך האב דאס געשיקט", און ער האט זיך פארגעשטעלט מיט זיין נאמען.

פרעגט ער: וואס?

"יא! ער האט געמאכט געזונט מיין מאמע! טראג אים די געלט".

ער קומט צוריק קיין ניו יארק, און ר' יושע טרעפט מיין טאטן (זיי האבן זיך געקענט, מיין טאטע האט שוין געוואוינט אין בארא פארק צוויי יאר פארן רבי'ן), און ער זאגט אים - ער האט נישט געוואוסט אז דער רבי איז דארט געזעסן - "עפעס א רוס האט מיר געטראפן, ער פולט מיר אן א פולע שאפינג בעג דאלארן, איך זאל דאס איבערגעבן פאר איינעם חיים זאנוויל..."

זאגט אים דער טאטע: דער איד זיצט דא..

דער רבי האט זיך גענומען לאכן, יא, ער האט מיר געשיקט געלט ביז אמעריקע...

## ק.ג.ב. אויגן

אבער ווען עס איז געווען עידן ריתחא האט ער געזאגט מען זאל נישט קומען צו אים. אין די שווערע צייטן האט ער מורא געהאט, מען פלעגט נאכקוקן מענטשן וואס זענען געקומען צו אים, ביז תשכ"ז האט דער רבי נישט געלאזט קומען, ער האט אנגעהויבן לאזן קומען נאר אזוי תשכ"ו-כ"ז.

אין די גאר שווערע יארן האט טאקע קיינער נישט געקענט פארן צום רבי'ן. נאר ר' אברהם מארקאוויטש ע"ה פון לעמבערג, ער האט געקענט פארן (זע א באזונדערע קעסטל איבער די דמות פון ר' אברהם ע"ה). עס איז געווען זאכן וואס קיינער האט נישט געטארט מיטהאלטן, תיקון חצות וכדומה, אבער ר' אברהם האט אייביג געמעגט דארט זיין אין אלע פארמאכטע זמנים.

מיין טאטע פלעגט שיקן מיט ר' אברהם פעקלעך עסן און געלט. ער פלעגט צוזאמזאמלען די קוויטלעך און דאס טראגן אויף ריבניץ איינמאל א וואך. אזוי אויך פלעגט ער ברענגען דעם רבי'נס וועש צום וואשן, צוליב וואס די רביצין שרה ע"ה האט זיך זייער נישט גוט געפילט יענע תקופה.

## דעם רבי'נס קליידער

אן אינטערעסאנטע זאך. איך האב עס געהערט פון דער איד אליין וואס האט געוואשן כסדר זיינע וועש, ר' יודל שוחט ע"ה, מענטשן וואס האבן געהאט מחלות און מען האט זיך אפגעוואשן מיט די וואסער אין וואס מען האט געוואשן די חצות קליידער זענען אויסגעהיילט געווארן! פארשידענע מחלות אויף די פיס און אויף די הענט, קרעץ, מען האט זיך געוואשן און אלעס איז אוועק.

דער רבי פלעגט מיט א שמייכל פארציילן: אפילו די גוים זענען געווארן מיינע חסידים אין ריבניץ. איינמאל בין איך געגאנגען אין מקוה און איך האב געלאזט די וועש ביים ברעג, איז געקומען עפעס א ווילד פוסטער שגץ'ל, ער האט אריינגעווארפן מיינע וועש

# ביאגראפישע שטריכן אויף הרב החסיד ר' אברהם מארקאוויטש ע"ה

ר' אברהם איז געבוירן אין די תר"ע יארן, אין א שטעטעלע אין רומעניע, ער איז געווען א הייסער און פייערדיגער חסיד פון די וויזניצער גזע.

ווען די שווארצע וואלקענעס האבן זיך אויסגעשפרייט העכער אייראפע איז ער אנגעקומען אין 'מונקא טאבער', וואו מ'האט אריינגענומען טויזנטער בחורים אין מיליטערישע דינסט, דארט האט ער געארבעט עבודת הפרך מבוקר ועד הערב.

טיפער אריין אין די מלחמה איז ער געווארן געפאנגען דורך די 'רויטע ארמיי' אינאיינעם מיט נאך צענדליגע אנדערע אידישע סאלדאטן, און ער איז געווארן אפגעפירט צום קאלטן רוסלאנד.

דארט איז ער אויך געווארן אריינגענומען אין מיליטערישע דינסט. ער איז געווארן געשיקט אויפן פראנט וואו ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט הרג'ענען מערערע דייטשן, אויף וואס ער האט באקומען א ספעציעלע מעדאל, און ער איז אייביג געבליבן מיט זיין ווארעמקייט און מסירת נפש.

ווען די שווערע שנות הזעם זענען אריבער, איז ער אנגעקומען אין שטאט לעמבערג, ווי ער האט געזוכט אנצוהייבן זיין לעבן פונדאסניי. ער האט געטראפן אן ארבעט, און ארויסגעקוקט אוועקצושטעלן זיין לעבן אין לעמבערג.

די קאמוניסטן האבן אבער נישט צוגעלאזט קיין שום אידישקייט זאכן, און ער האט זייער שנעל איינגעזען אז ער וועט נישט קענען בלייבן דארט אויפשטעלן א אידישע שטוב. ער האט פאר לאנגע יארן געזוכט א וועג ארויס, ביז ווען אין יאר תשכ"ח איז עס אים ענדליך געלונגען, און ער איז אנגעקומען קיין א"י.

אבער אויך אין א"י האט אים נישט געווארט קיין גליקן. ער האט נישט געהאט קיין פרנסה, און ער האט געזען אז ער וועט ווייטער דארפן נעמען דעם וואנדער-שטעקן. אין יאר תשל"ד האט ער זיך ארויסגעלאזט קיין אמעריקע, וואו ער האט געשאפט אן ארבעט, און שפעטער האט ער אויך געברענגט די פאמיליע.

ער האט זיך באזעצט אין וויליאמסבורג, און געדאווענט אין די וויזשניצע ביהמ"ד אויף לי עוו. זייענדיג א וויזניצער חסיד פון אינדרהיים

באזונדער האט ער געהאט גאר א נאנטער קשר קיין ריבניץ, און קלוגע אידן פלעגן אויסנוצן די צייט צו הערן אינטערעסאנטע סיפורים פון אים.

ער איז אוועק עטליכע יאר צוריק שוין זייענדיג איבער די הונדערט, דאס איז אמאל זיכער אז ער איז געווען א שטיק מסירת נפש נאכן דורכשווימען אזויפיל מסעות, און פארבלייבן א חסיד'ישער איד, מיט א ווארעמקייט צו א מצוה. יהא זכרו ברוך.

# מענטשן וואס האבן געהאט מחלות און מען האט זיך אפגעוואשן מיט די וואסער אין וואס מען האט געוואשן די חצות קליידער זענען אויסגעהיילט געווארן!



אין וואסער, און דער שגץ'ל האט גע'פגר'ט אויפן וועג אהיים. איך בין אויך אהיים, איך האב מיך אפגעווישט, אויסגעקוועטשט די נאסע וועש, פלוצלינג קומען צו לויפן דער טאטע, די מאמע, די גאנצע משפחה זענען געווארן מיינע חסידים. "וואס ווילט עטס?"

"רבי, ס'זאל נישט גיין ווייטער, ס'איז גענוג הייס, ס'איז גענוג הייס" (ווי צו זאגן, אונז האבן זיך שוין געלערנט אונזער לעקציע). זיי זענען אלע געווארן מיינע חסידים, זיי האבן מיך נאכגעלאפן אז זיי ווילן לעבן.

## ר' אברהם מארקאוויטש ע"ה ביים רבי'ן

ר' אברהם האט געטראפן דעם רבי'ן דורך אן אלטער חסיד'ישע איד, א חסיד פון הרה"ק ר' דוד'ל סקווירא'ר זצ"ל, ער איז געווען א סאלדאט ביי די רוסן, וואס ער איז געווארן געשטעלט אויפן פראנט.

**ר' אריה לייב:** ער האט באקומען א זאָק פון דער סקווערער רבי.

**ר' יחזקאל:** יא, ער האט באקומען א זאָק. פאר ער איז געגאנגען צום פראנט האט רבי דוד'ל אויסגעטון זיינע זאקן און געזאגט: "מיט דעם קענסטו גיין אויפן פראנט, און מיט דעם וועסטו צוריקקומען". זיין ווייב מנוחה ע"ה פלעגט עס פארציילן, זי האט געהאט אוועקגעלייגט דעם ווייסן זאק.

לימים איז ער אוועק פון דער וועלט, און זיין ווייב מנוחה האט אליין אויפגעצויגן א שטוב מיט קינדער אין לעמבערג.

ויהי היום, נעבעך מיט די רוסישע סיסטעם, די טאכטער פון מנוחה האט נעבעך זיך פארליבט אין א שגץ פון די סקול, און מנוחה האט געשפירט אז זי האלט עס מער נישט אויס, אויב די טאכטער גייט ווייטער מיט דעם שגץ נעמט זי זיך דאס לעבן. זי האט געזאגט פאר ר' אברהמ'לע מארקאוויטש דו דארפסט מיר העלפן טרעפן א גוטן איד. ס'איז זיכער נאך דא עפעס, איך ווייס אז ס'איז קאמוניזם, איך ווייס אז דער רבי ר' דוד'ל סקווערער לעבט שוין נישט, צדיקים זענען שוין נישט דא, אבער איך גלייב אז ס'איז נאך דא אין רוסלאנד א איד וואס מען קען געהאלפן ווערן דורך אים.

ר' אברהם האט געזאגט: בסדר, אונז וועל מיר גיין. מען וועט קלעטערן פון דארף צו דארף, ביז מען וועט טרעפן עפעס א איד וואס עס רוהט אויף אים די שכינה. זיי זענען געפארן קיין קעשינאוו, בעלזא, טשערנאוויץ, און וואו נאך. ויהי היום, זיי האבן געהערט אז ס'איז דא עפעס א רבי אין ריבניץ, זי איז אריין, זי האט זיך מזכיר געווען פאר א ישועה, און דער רבי האט געזאגט: "קענסט אהיימגיין, דער שגץ איז שוין נישט דא, און דיין טאכטער וועט אויפשטעלן א אידישע שטוב".

וכך הוה, זיי האבן געהערט שפעטער אינדערהיים אין לעמבערג, אז אין די צייט וואס ער האט איר אנגעוואונטשן איז דער גוי משוגע געווארן, ער האט זיך ארויפגעזעצט אויף א מאטאר בייק שיכור'ערהייט, און ער האט אריינגעקראכט אין א בוים, ואיננו, ס'איז נישט דא קיין זכר פון אים. דורך דעם איז ר' אברהם נתקרב געווארן צום רבי'ן.

**ר' אריה לייב:** וואס האט די מנוחה געהאט מיט דעם אברהמ'לע?

**ר' יחזקאל:** זי האט געוואוסט אז אברהמ'לע איז אן ערליכער איד, א ירא ה', זיי האבן געוואוינט אין דער זעלבער שטאט, און ער וועט שוין וויסן וואו ער קען געהאלפן ווערן.

## דריי מאל אין חלום

**ר' יחזקאל:** עכ"פ דער ר' אברהם מארקאוויטש האט געקענט ארומפארן וואו ער האט נאר געוואלט, צוליב וואס ער האט געארבעט אלס א סעילסמאן פאר א גרויסע קאמפאני אין לעמבערג, וואס בלאזט אויף גרויס בילדער. חוץ פון דעם איז ער געווען אן אויסגעצייכנטער רוסישער סאלדאט, ער האט געהאט גאר הויכע מעדאלן, צוליב וואס ער האט אומגעברענגט אסאך דייטשן אינעם קריג, עכ"פ ער האט געמעגט ארומפארן.

איינמאל איז ער נעבעך פארכאפט געווארן ביי די קעי.דזשי.בי. מען האט עפעס פאר'מסר'ט אויף אים. די חברה פלעגן כסדר מאכן פשט'לעך וויאזוי צו באזייטיגן וועם זיי האבן געוואלט באזייטיגן. זיי האבן אים

נישט סתם אזוי געוואלט איינזעצן, האבן זיי אנגעקלאפט אין שטוב זאגן אז ער האט געהאט אן אנשטעקיגע קרענק, און מיט אן אמבולאנס האט מען אים אוועקגעפירט. נאך א וואך/צוויי איז נישט געווען קיין לחם לאכול ביי אים שטוב, זיין ווייב מיט די קינדער זענען אריינגעפאלן אין נויט.

אונז האבן דאך געוואוינט אין סעליש, מיין טאטע איז געווען א בעל בתישער איד, א חברה מאן, פרנסה איז געווען ב"ה, ער האט אלץ געהאט א שפע. און וואו ער האט געקענט העלפן א איד איז ער אלס דארט געווען דער ערשטער. אפילו די פאליציי האבן געהאט דרך ארץ פאר אים, דער גרעסטער נאטשאלניק פלעגט דארט פארדינען פיאסטערס, זיי האבן נישט געהאט וואס צו עסן, און מיין טאטנ'ס טיר איז אייביג געווען אפן פאר יעדעם.

מען פלעגט אים דארט רופן 'דער קליינער קייזער...' אלע אידן אין די קארפאטן האבן געוואוסט צו זאגן פון אים, מיט אפאר דאלער האט מען גאר אסאך געקענט טון אין אוקריינע...

איין נאכט חלומ'ט זיך מיין טאטע, אז ס'קומט צו אים א איד א בעל צורה (ער האט נאכנישט געקענט דעם רבי'ן אויפן אויסזען, ער פלעגט נאר שיקן קוויטלעך מיט ר' אברהם'לע), און דער איד זאגט אים: "אברהמ'לע איז אויף צרות, מען דארף אים העלפן".

ער כאפט זיך אויף, פיין, א חלום, געגאנגען ווייטער.

די אנדערע נאכט קומט די זעלבע צורה, און זאגט אים נאכאמאל: "אברהמ'לע איז אין לעמבערג, ער איז אויף צרות, דו דארפסט אים העלפן".

די דריטע נאכט עודך. די זעלבע חלום חזר'ט זיך איבער. דא איז ער שוין געווארן זייער צעטראגן. ער זעצט זיך אויף, און פארציילט פאר מיין מאמע וואס גייט פאר, און איך ווייס ניטאמאל ווער דער איד איז. זאגט מיין מאמע בתמימות, קוק אן, א בעל צורה קומט אין חלום, נאך היינט פארסטו אויף לעמבערג, און זע וואס איז מיט אברהם, נעם א פעקל געלט און לאז זיך שוין ארויס אויפן וועג.

שוין, אז זי שטופט אים אזוי איז ער תיכף געפארן אויף לעמבערג, ער האט געקענט דארט היבש אפאר היימישע מענטשן, ר'

**ער איז אנגעקומען אויף ריבניץ, און דער רבי איז געזעסן אויפן פארטש און ממש ווי געווארט פאר זיי, מיין טאטע האט גלייך געכ'חלש'ט. ס'האט געפעלט די קנעפל, און ס'האט געהאנגען אויף איין פאדעם...**

ישראל קאנארסקי ע"ה, ר' מרדכי שענקער ע"ה, וועוד וועוד פון די אלע אידישע שתדלנות זיינע, ער פלעגט דארט אסאך פאראבעטן פאר די בחורים אין מיליטער, מען האט זיי געדארפט ערלעדיגן אמאל א טעלער הייסע זופ, כשר'ס וכו', האט ער געהאט אדרעסן פון די היימישע אידן וואו מען קען נעמען א טעלער זופ ביי זיי אין שטוב, און ער האט אלעס אויסגעצאלט. דאס איז געווען איינע פון זיינע פילצאליגע מעשים טובים.

בקיצור, ער קלאפט אריין אין שטוב פון אברהם, די פרוי עפנט אויף, די קליינע קינדער לויפן אויך צו, "אה!" זיי האבן ממש אויפגעלאכטן. זיי האבן אים געקענט, ווייל אברהם פלעגט כסדר קומען זומער צו אונז אויף אפרו.

און מיין טאטע פרעגט ביי די טיר: "וואו איז אברהם?"

זאגט זי, אז א וואך צוריק איז געווען דא אן אמבולאנס פון שפיטאל, מען האט אים אויפגעפיקט ווייל ער האט נעבעך א מחלה. ער טאר נישט זיין צווישן מענטשן, איך ווייס נישט וואו ער איז, מען זאגט מיר נישט וואו ער איז.

מיין טאטע האט אנגעהויבן אויספארשן די זאך. און ער האט זיך דערוואוסט וואו עס געפינט זיך דער שפיטאל. ער איז אהינגעגאנגען, און נאך א לאנגע זוכעניש איז ער אנגעקומען צום איזאלירונג שטוב פאר די וואס האבן נעבעך די אנשטעקיגע קרענק. פאר געלט זענען דאך אלע טויערן געווען אפן... מיין טאטע איז גלייך אריין צו אברהם און זאגט אים: "קום, אונז גיימיר!" זאגט אברהם: "איך קען דאך נישט ארויסגיין, איך דארף א צעטל".

"ווארט א מינוט".

ער גייט צו צום הויפט-דאקטער, און פאר א קליינע סומע געלט איז גלייך געווען א צעטל אז ער איז געזונט און ער קען גיין אהיים.

זאגט אברהם'לע: "דו האסט געראטעוועט דאס לעבן פון מיין ווייב און קינדער, האסט געברענגט ברויט און געלט, און ס'איז געווען וואס צו עסן, בשכר זה וועל איך דיר נעמען צום רבי'ן".

דו ווייסט דאך שוין פון רבי'ן א לאנגע צייט, אבער געזען האסטו אים קיינמאל נישט,



יעצט, דאס איז מיין שכר וואס איך קען דיר באצאלן. איך בין דער איש קשר צום רבי'ן, און דער רבי האט ביז יעצט קיינעם נישט צוגעלאזט, אבער אלס הכרת הטוב קומסטו מיט מיר מיט צום רבי'ן, יהיה מה שיהיה, איך קען מיך נישט איינהאלטן. אלעמאל האסטו תומך געווען מיך און דעם רבי'ן, דו מוזט קומען.

דאס איז געווען מיין טאטנ'ס ערשטע באזוך ביים רבי'ן. אברהם האט אים גענומען. אבער די מעשה איז אזוי, אין די חלום וואס מיין טאטע האט געזען, האט ער געזען א איד א בעל צורה, און מיין טאטע האט געוואלט זען אויב עס איז א חלום אמת, האט ער זיך געמאכט א סימן, אז דער בעל צורה האט געהאט אויפן העמעד קנעפלעך. דאס מיטלסטע קנעפל האט געפעלט, און עס האט געהאנגען אויף איין פאדעם, ער האט געוואלט מאכן א סימן, אפשר וועט ער אים נאכאמאל זען וועט ער קענען וויסן צי ס'איז אמת צי נישט.

וכך הוה, ער איז אנגעקומען אויף ריבניץ, און דער רבי איז געזעסן אויפן פארטש און ממש ווי געווארט פאר זיי, מיין טאטע האט גלייך גע'חלש'ט. ס'האט געפעלט די קנעפל, און ס'האט געהאנגען אויף איין פאדעם...

## שנת תשכ"ו

נאך תשכ"ו האט אביסל נאכגעלאזט די פחד, האט דער רבי שוין געלאזט קומען צו פארן צו אים

מיין טאטע מיט ר' יעקב חיים רוטנער ז"ל, ממקורבי רבינו ז"ל, זענען געווען אמאל אויף שבת ביים רבי'ן, פון אונזער געגנט, מונקאטש, סעליש, בערעגסאז, ביז ריבניץ, איז געווען א לאנגע נסיעה. אזא נסיעה האט געדויערט א מעת לעת, גאנצע 24 שעה, ס'איז געווען 900 קילאמעטער ווייט, מיט א פריוואטע קאר האט עס געדויערט ארום 14-15 שעה, מען האט געדארפט דינגען א טעקסי מיט צוויי דרייווערס.

דער רבי האט געוואוסט אז מוצש"ק דארף מען ארום 10:00/11:00 כאפן די באן אויף צוריק, און דעמאלס קומט מען אן צוריק צו די ארבעט באצייטנס. זונטאג האט מען נישט געארבעט, און מאנטאג צופרי איז מען געווען צוריק.

עס איז מוצש"ק און דער רבי האלט אויף... דער רבי ענדיגט נישט מלוה מלכה, די חסידים זאגן גארנישט פארן רבי'ן, און דער רבי ציט די מלוה מלכה, ס'איז שוין געווארן לעכטיג...

פלוצלינג זאגט דער רבי מען זאל בענטשן, דא איז שוין געווען געהעריג טאג. בפחי נפש לויפן זיי צום באן סטאנציע, און דער באן שטייט און ווארט, ס'איז דא, מ'פאררעכט עפעס, זיי זעצן זיך ארויף און די באן הייבט אן פארן, אנקומענדיג קיין טשערנאוויץ וואו מ'דארף טוישן באנען, איז אנשטאט ווארטן אפאר שעה ווי אייביג אויף די ווייטערדיגע באן, האט שוין יעצט די באן געווארט אויף זיי, מאנטאג 5:00

אריינטרעטנדיג אינעם יו"ט סוכות האבן זיך מיר פארבונדן מיט רבי יחזקאל ער זאל אויפוויקלען אביסל לעכטיגע זכרונות פונעם גרויסן רבי'ן אין וועם ער איז געווען אזוי דבוק אלע יארן, נאך פון אינדערהיים אין שטאט סעליש און אין שטאט ריבניץ.

עס וועט אים נישט ארויסגיין פון קאפ די מחזה ווי דער רבי הייבט אן ארומשפאצירן צו די סוכה, ס'איז געווען עטליכע שטיגן אראפ ביזן אנקומען צום הויף וואו די סוכה איז געווען צוזאמגעקלאפט. ווי נאר דער רבי איז אנגעקומען אונטן האט ער זיך אפגעשטעלט לאנגע מינוטן, ער איז דערנאך געגאנגען ארויף און צוריק אראפ, אזוי נאכאמאל און נאכאמאל.

רבי יחזקאל געדענקט נאך וויאזוי דער רבי איז געשטאנען דארט פארגלייזט, אזש מ'האט געקענט שפירן אז דער רבי ווארט אויף איינעם. ענדליך נאך לאנגע מינוטן איז ער אריין אין די סוכה, ער האט געווארט אריינצוברענגען די אושפיזין, און ערשט דערנאך האט ער געקענט אריינגיין אינעם סוכה.

ווי ער דערציילט איז שוין אזוי געווען אינדערהיים. "איך האב געהערט פון עטליכע אידן, וואס האבן נאך געדענקט סוכות אין ריבניץ, און האבן געוואוסט צו דערציילן, אז דער רבי פלעגט נישט לאזן זיצן אויף די רעכטע זייט סוכה צוליב וואס דארט געפינען זיך די אושפיזין".

די הכנות צו סוכות האבן זיך שוין אינ'אמת'ן אנגעהויבן אסאך פריער. דער רבי בכבודו ובעצמו האט געקלאפט די נעגל און געשלעפט די העלצער, ער האט געהאט גענוג אידן וואס זענען געווען גרייט צו העלפן, אבער ער האט אלעס געוואלט טון אליין.



# סוכות ביים רבי'ן

הרב יחזקאל הערמאן שליט"א קען נישט פארגעסן די לעכטיגע ימי צילא דמהימנותא אין שאטן פון הרה"ק מריבניץ זצוק"ל

"איך האב איינמאל שוין געהאט אויפגעשטעלט די סוכה, אבער דער רבי האט עס צעווארפן, און געוואלט עס אליין אויפשטעלן. איינמאל איז שוין געווען נאנט צום זמן, און איך האב געגעבן א לייג ארויף די סכך, אבער דער רבי איז געקומען די לעצטע מינוט און עס איבערגעלייגט. ווען ס'איז געקומען צו א מצוה איז נישט געווען אזא מציאות דאס איבערצוגעבן פאר אנדערע".

## איבערגעדעקט מיטן טישטוך

ווי נאר דער רבי איז אריינגעקומען אין די סוכה איז ער שוין פארבליבן דארט די גאנצע צייט און איז ארויס בלויז צום דאווענען.

"ער האט אראפגעלייגט די 'עולו אושפיזין' מיט אזא מתיקות". רבי יחזקאל צוזינגט זיך די נוסח הערליך שיין, און איז מדגיש דעם 'קדישין' מיט אזא אויסגעצויגנקייט, געווי וויאזוי דער רבי האט עס אויסגעדריקט. איי איז דאס געווען הייליג.

מ'האט זיך געזעצט צו די סעודה, אפגעזען צי עס זאל שיינען די זון אדער זאל גיין א רעגן, דער רבי האט זיך בכלל נישט צוטון געמאכט, ער האט זיך איבערגעדעקט מיט א פלאסטיק טישטוך און אנגעגאנגען מיט זיין סדר. קיין שלאק איז נישט געווען, און אזוי האט ער געגעסן און געשלאפן, לויט וויאזוי עס געדענקט זיך האט ער אפילו געמאכט א 'לישב'.

ער איז געווען אזוי דבוק צו די סוכה, אזש ער האט זיך פשוט נישט געקענט געזעגענען. איך געדענק מיטהאלטן ווי ווען ס'איז געקומען שמחת תורה, און מ'האט זיך געדארפט געזעגענען פון די סוכה איז דאס געווען א גאנצע עבודה פאר זיך.

דער רבי האט געקישט די ווענט און זיך אויפגעשטעלט צו קישן די סכך, ער איז ארויס פון די סוכה, אבער תיכף דערנאך צוריק אריינגעקומען, אזוי האט ער געקענט טון עטליכע מאל. ער האט זיך פשוט נישט געקענט געזעגענען פון די סוכה.

## די הייליגע נענועים

ווען ס'איז געקומען צו די נענועים ביי הלל איז דער רבי געשטאנען איינגעבויגן, און געשטאנען ביי יעדע פון די נענועים בערך א שעה מיט צען מינוט, מיר האבן נישט קיין השגה אין די דביקות, ער האט זיך אפילו אנגערופן אז זיין רבי הרה"ק משטעפינעשט איז געשטאנען נאך לענגער, א שעה מיט צוואנציג מינוט [ער האט נישט געוואלט מאכן קיין עסק פון זיך].

ער האט דערציילט, אז זיין רבי איז געשטאנען אויף איין פלאץ דורכאויס די לאנגע נענועים, און זיך בכלל נישט גערירט נאר בלויז די הענט, און פון די גרויסע הארעוואניע האט זיך געגאסן צוויי טייכן שווייס.

## שמחת תורה ביים רבי'ן

דער רבי איז געגאנגען אין מקוה איידער די הקפות, און איז אריינגעקומען גאר שפעט, עס האט געקענט זיין צוויי אזייגער ווען ער איז אריינגעקומען, און ס'איז אנגעגאנגען ביז נאנט צו די עלות, ווען ער נאך געכאפט א שנעלע סעודה.

די הקפות זעלבסט איז געווען א חטיבה פון דערהויבנקייט, דער רבי איז געווען איינגעוויקלט אינעם טלית, און געשאקלט מיט די הענט צו מאכן נענועים מיט די ספר תורה. וואונדער איבער וואונדער, ווען ס'איז געקומען פופצן מינוט צום עלות האט ער זיך ממש אויפגעכאפט פון זיין דביקות, און שנעל אריינגעכאפט א סעודה.

איך געדענק ווען ס'איז געקומען פסח האט ער יא געקענט אריינציען שוין טיף נאכן עלות, נאך די עלות פלעגט ער זאגן 'ציט אראפ די לאדנס', און ווייטער אנגעגאנגען מיט די סדר, אבער שמחת תורה האט ער נאך געוואלט כאפן די סעודה, און ער האט דעריבער געענדיגט, אפילו ווען פון זיין זייט וואלט ער ווען נאך געקענט טאנצן לאנגע שעות.

מיר האבן עס מיטגעהאלטן פון גרויס ביז קליין, די גאנצע טאג האט זיך געדרייט לויט די זייגער פונעם רבי'ן, און אזוי האט מען געלעבט א יו"ט מיטן רבי'ן וואס מ'וועט קיינמאל נישט קענען פארגעסן.



רביה"ק אין א שמועס מיט הגה"צ רבי משה ניישלאס זצ"ל אינעם סוכה במשך'ן יאר



פארטאגס זענען זיי געווען אינדערהיים.

**הרה"ג ר' נפתלי דייטש:** ר' יעקב סאפראנאוויטש האט מיר פארציילט, אמאל האט מען געהאלטן פארן דאווענען און פלוצלינג זאגט דער רבי: "ר' יעקב! פארקלאפ דעם טיר!"

ס'איז דא מנין, דו זעסט נישט?

ר' יענקעלע קוקט זיך אום, און ניין, ס'איז נישט דא קיין מנין, ער מיט זיין זון זאבי וואס איז נאך געווען א יונגל. ס'איז געווען דריי מענטשן.

"פארקלאפ דעם טיר", שוין, פארקלאפט דעם טיר, ס'איז דא מנין.

מען האט אנגעהויבן דאווענען, ער זאגט מען האט געדאווענט שחרית מנחה מעריב, אלעס געזאגט.

זאגט מיר זאבי: דער רבי האט געענדיגט די גאנצע זאך, און ער רופט זיך אן, "נו א שיינע מנין געווען, הא?"

פרעג איך זאבי, דו קענסט מיר מסביר זיין וואס איז דארט געווען, ביסט דאך דארט געווען, זאג מיר וויאזוי ס'איז צוגעגאנגען?

איך האב מיך געווארפן הענט און פיס זאגט ער מיר, איך האב געציטערט זיך אויסצודריייען.

**ר' יחזקאל:** אין אמעריקע פלעגן קומען אסאך מאל מענטשן מיטדאווענען, ס'האט געהייסן אז ווער ס'דאווענט מיט, קען אריינגיין און פועל'ן וואס ער וויל, פלעגן מענטשן אנקומען אין בארא פארק 5:00/6:00 נאכמיטאג, זיי האבן זיך געמאכט ווי זיי דאווענען, און נאכן דאווענען פלעגט דער רבי ווייזן אויף די מענטשן, דער האט נישט יעצט עכט געדאווענט, יענער האט נישט עכט געדאווענט.

"רבי, ער איז דאך געשטאנען דא, ער האט זיך געשאקלט".

ער האט זיך 'געשאקלט' אבער נישט געדאווענט.

## אין אמעריקא

**ר' יחזקאל:** איינער האט מיר געזאגט, אז יענע איינס א האלב יאר ווען דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל, האט ער געזאגט: "איך וויל פארן אויף אמעריקע", פארוואס? "איך האב דארט א גוטן פריינט, און איך וויל מיך מיינע יארן אויסעלטערן מיט אים".

"איך און מיין רביצין ווילן זיך אויסעלטערן ביי 'יצחק וואלף הערמאן' (מיין טאטע) מיט 'גאלדע' (מיין מאמע), דאס זענען מיינע מענטשן".

איך געדענק ווען איך בין געווען א בחור'ל און מיין מאמע האט זיך געפארעט כסדר אין קאך, אנגרייטן די מאכלים פארן רבי'ן, איז געווען א גאנצע יחוס, איך פלעג אהיימקומען פרייטאג נאכמיטאג פון ישיבה, "מאמי, וואס קען איך העלפן?"

"מיין קינד, גיי צום סינק. גיס דיך אפ די הענט.

זאג איך: "מאמי, איך בין נישט טמא".

"פאר מען רירט צו דעם רבינ'ס עסן דארף מען זיך אפגיסן. גיי גיס זיך אפ, נאכדעם קענסטו מיר קומען העלפן".

**ר' יצחק:** פארצייל די מעשה מיט די קעיק און דיין מאמע.

**ר' יחזקאל:** דו האסט מיר דערציילט, ס'איז געווען אמאל א סעודה א יומא דפגרא, מסתם איז עס געווען א ראש חודש סעודה. די מנהג איז געווען ראש חודש, אדער ביי א יארצייט סעודה, אז בעלי בתים האבן געברענגט אויפן טיש כל טוב וטוב, איינער קוגל, איינער קעיק, דער ברוינפן און דער וויין, ס'איז געווען א גרויסע סעודה.

דער רבי האט זיך געוואשן, און איז אריינגעקומען בשמחה רבה, דער עולם זיצט ביי ביידע זייטן, א לאנגע טיש געווען, און דער רבי קוקט אראפ אויפן טיש און ער זיצט, ס'גייט דורך 15 מינוט, 20 מינוט, מען האט שוין אראפגעלייגט די גרויסע פיש, ער רירט נישט צו.

יצחק לויפט פרעגן מיין מאמע וואס גייט פאר, דער רבי עסט נישט די עסן? דער רבי קוקט נישט אויף קיינעם, די קאפ אראפ, וואס האסטו געטון היינט?

מיין מאמע ענטפערט: "איך האב די זעלבע זאך געטון, מיט די זעלבע כוונות ווי אלעמאל".

זאגט מיין מאמע "איך וויל עס זען, מאך אויף אביסעלע די טיר און זאג פאר די בחורים

זאלן זיך אוועקרוקן, איך וויל זען דעם רבי'ן".

"וואס וואונדערסטו זיך אז ער עסט נישט?" פרעגט זי גלייך, "דו זעסט נישט וואס ס'ליגט דארט פאר אים?" ס'איז געליגן דארט עפעס א ראלאש מיט זיבן קאלירן. "ווער קען עסן אז מען זעט אזא שטיק גשמיות פאר זיך? נעמטס אראפ דעם קעיק וועט ער עסן". איז יצחק געגאנגען, ער הייבט אויף דעם קעיק, תיכף ומיד האט דער רבי גענומען די פיש... מיין מאמע האט גלייך פארשטאנען וואס דער רבי וויל.

רעדנדיג פון דעם רבי'ן מיט מיין מאמע, דער רבי ווען ער איז געווען אין ב"פ פלעגט ער גייט אין די לינזער מקוה, און פון די דארטיגע חצר האט ער געקענט אנקומען צו די חצר פון אונזער הויז, א גרויסע בעקיארד איז עס געווען, און עס איז פארוואנדלט געווארן אין א שטיקל זומער קאך. עס איז נאכנישט געווען אזוי איינגעפירט די סענטראל עירקאנדישן מיט די ספליט יוניטס, און מיין מאמע האט זיך געוועגליך געפארעט אין בעק פון די הויז וואו עס איז געווען לופטיג מיט אפאר ביימער, און עס איז כסדר געליגן דארט טעפ, אויך די געז רענטש איז געווען דארט אין די זייט.

איך קום ארויף מיטן רבי'ן פון מקוה, די טרעפ זענען געווען גאר שווערע, ער הייבט זיך אויף דעם קאפ און הייבט גלייך אן לויפן אויף צוריק...

"וואס גייט דער רבי צוריק? מען איז דאך הערשט געווען אין מקוה? ס'איז שפעט, מען דארף מעביר סדרה זיין.

"רבי, וואס גייט פאר?

"האסט נישט געזען דארט?" ער ווייזט אויף אונזער בעק יארד.

"ס'איז מיין מאמע, זי גרייט אן מאכלי שבת, ס'איז דא אפאר היטערס,און זי קאכט.

איך האב געזען ווי זי קילט אפ דעם קאמפאט, זי גרייט צו דעם טשולענט דארט.

זאג דער רבי: "ביסט גערעכט, נישט דאס האב איך געמיינט, ער דרייט זיך צוריק און ער גייט מעביר סדרה זיין".

**ר' יצחק:** פסח האט דער רבי נישט געגעסן די רויטע מייערן נאר ווייסע מייערן, געווען עפעס א חומרא ביי זיי, דער רבי האט געזאגט: "ביי אונז? חס וחלילה! נאר די ווייסע מייערן".

**זאגט אים דער רבי: "דו הערסט נישט? איך קען דיך איבערזאגן יעדעס ווארט, מען הערט עס אין אלע הימלען...!**

פאר דיין מאמע האט ער גארנישט געזאגט, ווען ער זאגט ווען איין ווארט פאר דיין מאמע וואלט זי גלייך דאס צוגעשטעלט, אבער ער האט זיך נישט געוואלט אנלייגן, ס'איז גוט אזוי אויך.

**ר' יחזקאל:** ס'איז אבער געווען אסאך זאכן אום פסח וואס ער האט איר יא אנגעזאגט וויאזוי צו קאכן. אזוי אויך פאר די סעודת בעל שם וואס מען האט געפראוועט נעילת החג, האט ער געהייסן מאכן א געוויסע מאכל, 'קאפטעליס' האט עס געהייסן. און מיין מאמע האט געזאגט אז זי ווייסט נישט וואס דאס איז

'איך וועל דיר זאגן וויאזוי צו מאכן', פלייש מיט בוריקעס, אפגעמאלן, און ער האט איר געזאגט וויאזוי זי זאל עס קאכן און דרייען, ס'זאל זיין רינדעכיג ווי באליס, דאס איז געווען 'קאפטעליס' אויף סעודת בעל שם.

סתם אזוי אן אינטערכסאנטע זאך, אחרון של פסח איז געווען לכתחילה דריי סעודות, וואס דאס איז דאך די סעודת בעל שם, אבער ער האט זיך יעדע יו"ט געוואשן צו דריי סעודות. ער פלעגט ארייגלויפן אין זיין צימער, ער האט זיך א וואש געגעבן בין מנחה למעריב, יעדע יום טוב.

**ס'איז געווען צייט?**

ער פלעגט זאגן: "לייג אוועק דעם זייגער, פרעג נישט קיין זייגער". איין זייגער איז יא געווען, עלות, ביים עלות האט זיך אנגעהויבן א נייע טאג. גארנישט מער, ער האט נישט געהאט קיין זייגער.

**תיקון חצות?**

חצות האט ער געקענט מאכן נאכן עלות.

**נישט אינמיטן די נאכט איז ער אריין אין דעם שטיבל?**

ס'האט געקענט זיין 4:00/5:00 פארטאגס אויך, אין א מוצ"ש האט עס געקענט זיין 7:00 אזייגער צופרי, ווייל ביז מען איז פארטיג געווארן מיט שלש סעודות און מלוה דמלכה האט שוין געטאגט, אויב אבער איז געווארן די עלות נאכפאר מלוה מלכה האט ער זיך געוואשן זונטאג נאכט, כמה פעמים איז אזוי געווען, "אה, שוין די עלות, איך קען מיך נישט וואשן".

זונטאג איז ער געגאנגען וואכנדיג אנגעטון, און זונטאג נאכט האט ער זיך אנגעטון שטריימל און בעקיטשע... 'דא היא





סעודתא דדוד מלכא משיחא...'

סתם א טאג פלעגט ער נישט עסן אינמיטן טאג, ער האט אויסגעפאסט נאך מעריב, 2:00/3:00 אדער 4:00 פארטאגס.

**מעביר סדרה זיין האט געדויערט אפאר שעה?**

יא. און מיט א דביקות נפלאה, ער איז נישט געווען דא אויף דער וועלט, ער האט אנגעהאט דעם טלית מיט רבינו תם תפילין. און עס האט געדויערט א גוטע פאר שעה, ווענדט זיך לויט די סדרה.

**ווינטער איז געווען צייט?**

ווילאנג מען האט נישט געענדיגט מעביר סדרה זיין איז נישט געווען קיין מנחה. ערשט נאכדעם האט מען געזאגט הודו. ס'האט געקענט זיין ווינטער 9:00 ביינאכט אויך.

## געשפירט דעם צדיק

**הרה"ג ר' נפתלי דייטש:** ר' יענקל סאפראנאוויטש האט געהאט אסאך אלטע ירושה חפצים פונעם הייליגן רוזינער זי"ע. ווען דער רבי איז געווען ביי אים אין לאס אנדזשעלעס האט דער רבי געבעטן אז ער וויל עס זען, האט ער געברענגט פארשידענע חפצים, א שופר, א בשמים ביקסל, ער האט געהאט דארט א ספר תורה, און מען האט אים געזאגט אז דאס איז דעם רוזינער'ס (הרה"ק מרוזין זי"ע). זאגט אים דער רבי: "די ספר תורה איז נישט דעם רוזינער'ס".

וועמענ'ס איז דאס?

אסאך פארן רוזינער, ס'איז דעם הייליגן רבי ר' בער'ס! (דער מעזריטשער מגיד זי"ע). זאלסט קיינעם נישט לאזן עולה זיין אין דעם!"

שבת ביי מנחה האט דער רבי געזאגט, איך וועל עולה זיין אלע דריי עליות, ער האט עולה געווען כהן לוי ישראל, זיין זון האט עס נאך היינט.

## קפיצות הדרך

ר' יענקל פארציילט מיר, ווען דער רבי איז געווען אין ירושלים, האט ער איין פרייטאג סמוך לכניסת השבת געזאגט: "קומטס אין קאר מען דארף פארן". איך געדענק נישט וואו זיי זענען געווען, זיי האבן געדארפט אנקומען אין עפעס אן אנדערע שטאט, א מהלך רב, פון ארום צוויי שעה, און ר' יעקב וואס ער האט געדרייווט דעם רבי'ן דארט, זאגט פארן רבי'ן אז ס'איז נישט דא קיין צייט, ער האט געוויזן דעם זייגער, ס'איז נישט מעגליך.

דער רבי רופט זיך אן: "אלע וואס זענען דא זאלן אריינקומען אין קאר".

אז דער רבי הייסט פארן, פארט מען. ער זאגט מיר, מען איז אנגעקומען דארט איז נאך געווען צייט צו גיין אין מקוה...

פרעג איך אים: ר' יעקב, פארצייל מיר נישט קיין מעשיות, זאג מיר פונקטליך, דו ביסט געווען דער דרייווער, לייג מיך אראפ די מעשה וואס איז געווען, זאגט ער מיר, פרעג מיר נישט קיין קשיות, אז דער רבי האט געהייסן גיין האב איך געדרוקט דעם גאז פעדל און מער ווייס איך נישט, איין זאך קען איך דיר יא זאגן, מען איז אנגעקומען דארט זענען אלע פיר רעדער געווען געבאסט...

## ריבניץ מיט סאטמאר

**הרה"ג ר' נפתלי דייטש:** איר געדענקט עפעס וועגן די קשר מיט הרה"ק מסאטמאר זי"ע, פונדערהיים צי פון אמעריקע?

**ר' יחזקאל:** מיין פעטער ר' שמואל פארקאש ע"ה האט מיר דאס אליינס פארציילט. דער ר' שמואל האט געוואוינט אין רוסלאנד, ווען ער איז ארויסגעקומען האט ער געוואוינט אין נתני' אין ארץ ישראל. איין הושענא רבה איז ער געווען אין ריבניץ, און אויפדענאכט פאר די הקפות איז ער געגאנגען מיט רבי'ן אינעם דניעסטער טייך זיך צו טובל'ן.

אינמיטן שטעלט זיך דער רבי אפ, כאילו ער הערט עפעס.

"וואס הערט דער רבי?"

"רבי יואל זאגט יעצט תורה! ס'איז בוקע רקיעים!.

זאגט ער פארן רבי'ן: "איך הער נישט...."

זאגט ער: "דו הערסט נישט? איך קען דיר איבערזאגן יעדעס ווארט, מען הערט עס אין אלע הימלען...!

**סאטמארער רב זי"ע האט געשיקט א שטריימל פארן רבי'ן?**

**ר' יחזקאל:** יא, ר' יעקב חיים רוטנער ע"ה האט באקומען א פעקל פון סאטמאר'ן רבי'ן

מיט א שטריימל פארן ריבניצער רבי'ן. אבער ער האט פארדעם אויך געהאט אן אלטע שטריימל.

נאכדעם איז דא די באקאנטע מעשה מיטן ל"ג בעומר טיש תשל"ד. מיין טאטע ע"ה איז געווען אין קאר, ר' יחיאל ברונער זאל זיין געזונט, און נאך. דער רבי הייבט אן מוטשענען, איך וויל גיין צום רבינ'ס ל"ג בעומר סעודה. די משמשים פרעגן וואס ווילסטו דארט? "איך וויל הערן תורה". און מען איז געגאנגען.

גייענדיג צום טיש האט ער געזאגט "עטס וועטס זען, סאטמארער רב וועט זאגן תורה, און ער וועט היינט רעדן וועגן מיר.

די משמשים האבן עס אנגעקוקט פאר א פלא, און אפילו זיך אונטערגעלאכט, סאטמארער רב האט נעבעך נישט געקענט געהעריג רעדן זייט די סטראוק אין יאר תשכ"ח, און בכלל פלעגט ער קיינמאל נישט זאגן תורה ביי די ל"ג בעומר טיש.

און דער רבי זאגט: "עטס וועטס זען..."

סאטמארער רב איז געזעסן אויף אזא אייגענע טישל, און ווען ער האט באמערקט אז דער רבי איז דארט, האט ער אים ארויפגערופן, ער דארף זיצן נעבן מיר.

אן אינטערעסאנטע זאך, איך בין נישט דארט געווען, אבער פון מיין טאטע האב איך געהערט אז במשך די גאנצע צייט האט סאטמארער רב זיך אויסגעדרייט און געקוקט אויף אים פון קאפ ביז פיס.

ויהי לפלא, סאטמארער רב האט דעמאלס געזאגט די באקאנטע תורה פון 'להזהיר גדולים על הקטנים'.

שפעטער אין שטוב האט סאטמארער רב געלאזט פאלן ווערטער: "נישט צו פארשטיין וויאזוי א מענטש קען זיך אזוי אליינס אויסארבעטן".

אינעם קאר אויפן וועג צוריק האט דער רבי געזאגט: "האט עטס געזען ווי ער האט מיך אנגעקוקט? ער האט מיר דורכגענומען אלע ביינער!"

איך האבן זיי זיך אסאך באגעגנט ביי בריתו'ן וואו סאטמארער רב איז געווען סנדק און ער איז געווען מוהל.

איך וויל אייך יעצט פארציילן א מעשה פלא פון סאטמאר מיט ריבניץ. ס'איז דא אין בארא פארק א איד, ר' אהרן יוסף ווייס, ער האט מיר געזאגט צען/צוועלף יאר צוריק, אז ווען ער איז געווען א בחור האט ער זיך געדרייט אין ריבניץ.

איין פסח ביינאכט האט ער זיך דורך די בעקיארד אריינגעשמוגלט צום רבינ'ס סדר, דארט אויף 15'טע עוועניו. איך בין דארט געשטאנען אגאנצע נאכט און צוגעקוקט די סדר, מען האט געענדיגט 7:00 צופרי.

זאגט ער מיר, יעצט טראכט איך אזוי: עס איז 7:00 צופרי, שלאפן קען איך נישט, ס'איז לעכטיג. לאמיר אריינוואקן צו 'טל' צום רבי'ן קיין סאטמאר.

איך האב נישט מורא געהאט פון קיינעם, איך האב דורכגעוואקט פראספעקט פארק, קראון הייטס, און איך קום אן אויף ראדני, תשל"ה, ווער איז אין בית המדרש פסח פארטאגס 9:30, 10:00 צופרי? עפעס אפאר אידן דארט, איך נעם א תהלים, איך זעץ מיך אוועק איך הייב אן זאגן תהלים און איך דרימל איין.

פלוצלינג עפנט זיך אויף די טיר, און הרה"ח ר' עזריאל גליק ע"ה שטייט דארט: "אידן רבותי, ווער קומט פון בארא פארק? נאכאמאל, ס'איז דא א איד וואס איז געווען אין בארא פארק?!"

איך כאפ מיך אויף און איך זאג: "יא, איך".

"ביסט געווען ביים ריבניצער רבינ'ס סדר?!"

זאג איך: "יא".

"קום אריין, דער רבי רופט דיך".

ער קומט אריין צום רבי'ן, פרעגט דער רבי: "יא, איר זענט געווען ביים ריבניצער רבינ'ס סדר?"

זאגט ער: "יא רבי".

זאגט ער: "וויפיל אזייגער האט דער ריבניצער רבי געענדיגט די סדר?"

האט ער געזאגט דאכט זיך מיר אזויווי 6:45, 7:00.

זאגט דער רבי אזוי: "אה, בערך 7:00, ש'כח, א גוט יום טוב".

ויהי לפלא!

**הרה"ג ר' נפתלי דייטש:** הרה"ג רבי יחיאל טויבער ז"ל האט מיר פארציילט אן אינטערעסאנטע מעשה. אמאל איז ער געווען א מוצ"ש ל"ג בעומר ביים רבי'ן מיט הרה"ח ר' חיים שנעבאלג ז"ל, ער איז געווען א געהויבענער חסיד'ישער איד. מען האט גערעדט דארט מעשיות פון צדיקים, ר' חיים האט דאך געקענט גוט פארציילן, פארציילט ער פארן ריבניצער, אז ביי ר' הערשלע זידיטשובער איז געווען די מעשה אז ער איז אריין אין א פארפרוירענע טייך דורך א לאך, און ווען ער האט געוואלט ארויס האט ער פארלוירן די לאך, ער האט געזאגט תהלים, ער האט געזאגט א שם, א גאנצע מעשה, בקיצור, ער איז ארויסגעקומען און זיך געראטעוועט.

דער רבי האט אזוי געמאכט מיט די הענט

"דער רבי גלייבט נישט די מעשה?.

זאגט ער: "איך גלייב יא, דאס איז א קלייניגקייט, ביי מיר איז געווען עטליכע מאל אזוי... דו האסט געמאכט א גאנצע עסק דא. און דער רבי האט פארציילט נאכדעם אסאך אזעלכע ענליכע מעשיות פון זיך.

ווען מען האט געענדיגט מלוה מלכה איז שוין געווען כמעט פארטאגס, ער גיבט זיך א דערמאן, מען דארף גיין מאכן הדלקה.

"וואס הדלקה? מען קען נישט מאכן דא?"

"וואס קען געשען?" "די פאליציי וועלן קומען".

"נו וואס וועט זיין?"

"מען קען איינזעצן.

"וואס? זיי וועלן מיך איינזעצן, איך וועל זיי איינזעצן!"

פארשטייט זיך אז מען האט געמאכט א הדלקה, מען האט געטאנצן בר יוחאי און קיינער איז נישט געקומען.

## א ווארט פון א ראשון

**ר' יחזקאל:** אין איינע פון די יארן האט זיך געטון א שערוריה וועגן א שוחט אין שטאט, און מען האט אים מעביר געווען.

האט דער רבי געפרעגט: "מעביר געווען א שוחט? פארוואס?"



זאגט מען, מען האט עפעס גערעדט אויף אים, אז די האנט ציטערט אים שוין.

"וועגן דעם איז מען מעביר? מען קען בודק זיין מיט דריי אנדערע שוחטים אין שטאט, מיט דריי רבנים, א דאקטער דארף דאס בודק זיין, סתם מוציא לעז זיין, אוועקנעמען די פרנסה פון א איד?

האט מען אים געענטפערט דאס און יענס.

און ער זאגט ווייטער: "ס'נישט גענוג א גוטע תירוץ. פאר דעם מעביר זיין?!"

האט איינער פון די חברה וואס האט געוואוסט דעם רבי'נ'ס שוואכקייט, האט ער מיט א שמייכל זיך אנגערופן: "מען האט געזאגט אז ער קען נישט זיין קיין שוחט ווייל ער גייט נישט אין מקוה יעדן טאג".

ער איז געווארן ווייס. "וואס?! דאס האט שוין יא א מקור".

ווייל ס'שטייט אין א ראשון, אז א שוחט דארף גיין יעדן טאג אין מקוה, און די 'מרדכי' אין מסכת חולין זאגט אז מען דארף גיין אין מקוה, אה, יעצט פארשטיי איך שוין, אז א ראשון זאגט, אפשר האבן זיי יא רעכט, א ראשון דארף מען פאלגן.

די ערשטע מרדכי אויף די ערשטע משנה זאגט 'כל דלא טבל לא יראה סכין', איז דא אזא לשון. איך האב אויך נישט געוואוסט, איך בין געגאנגען צו אפאר שוחטים פרעגן, האבן זיי אויך נישט געוואוסט, אבער איך האב געטראפן איינער וואס ער האט מיר דאס געזאגט.

## קוויטלעך

**הרה"ג ר' נפתלי דייטש:** ר' יעקב האט מיר פארציילט. מען מיינט ער האט סתם געליינט קוויטלעך, פארציילט ער מיר אזוי, ס'איז געווען אמאל וואס ר' יעקב האט אים געדארפט טראגן אויף א פלאץ, האט מען צוגעיאגט דעם רבי'ן, ווייל עס זענען נאך געווען זייער אסאך מענטשן וואס זענען געקומען, און מען האט שוין געדארפט פארן, האבן זיי געמאכט עפעס א שטיקל, אז מען האט שנעל דורכגעליינט די קוויטלעך.

זיך אריינזעצנדיג אין קאר זעט ער ווי דער רבי' קרעכצט, ער איז אויפגערעגט אויף אים, פרעגט ר' יעקב, וואס גייט פאר? זאגט אים דער רבי: "א קוויטל גייט עפעס אזוי? דו קענסט ליינען קוויטלעך? מען ליינט עס פון ביידע זייטן, מען ליינט עס אהער און מען ליינט עס אהין".

א חידוש נפלא איז געווען אויף די עלטערע יארן, אפילו ווען ער איז געווען נישט געזונט, מען האט געקענט דורכגיין זאגן א נאמען. און ער האט געגעבן אזא מאך אויף די אויגן. אסאך מאל איז געווען אזוי, ער האט אזעלכע גרויסע אויגן געעפנט.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.


שליסט א שותפות, גרינגערהייט

סיינט אייך אויף אויפן 'קריץ קוויטל' וואו אייער נאמען וועט אריינגעקריצט ווערן אויפן גאנצ-יעריגן קוויטל ביים ציון הק

ביי יעדע גזבר מאשין
אין אייער לאקאלע בית מדרש

גזבר

$362
כמנין "ריבניץ"
לברך ולהתברך כל השנה

געבט איבער אייער נדבה
און פילט אויס אייערע נעמען
פאר'ן 'קריץ קוויטל'.
לאקאל, ביי אייך אין שול

תלמוד תורה ריבניץ

ע"י אלימלך הנשטטר מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואוד יצ"ו – כתה ד'
לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 347 678 0652, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com
<u>הבהרה</u>: מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די 'גאנצע' גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער עס איז <u>נישט</u> ערלויבט צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. אויך איז <u>נישט</u> ערלויבט צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקן מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).

# הילולא דצדיקיא

פרשת בראשית – שנה יב גליון 4 (473)

## הרב הקדוש ר' חיים זאנוויל בן ר' משה זי"ע מריבניץ, מגדולי הרבנים בדור האחרון, כד תשרי תשנ"ו

**געבוירען**: אין יאר תר"נ אין שטאט באטעשאן (רומני') צו זיין טאטע ר' משה אבראמאוויטש און צו זיין מאמע מרת יוטא צפורה בת ר' מנחם ישראל (ביי די דריי יאר איז זיין טאטע אוועק, ווי זיין מאמע האט איהם גענומען קיין שטעפינשט ווי ער דארט געווארן אויפגעצויגן ביי ר' אברהם מתתי' פון שטעפינעשט, וואס ער האט זיך געהאלטן פאר א נאנטע תלמיד). **נפטר**: כד תשרי תשנ"ו. **תלמיד**: פון ר' אברהם מתתי' משטעפינשט. ער האט אסאך געלערנט מיט זיין שווער, מיט ר' יעקב יוסף פון סקווירא אין די שטאט בוקארעסט. **געווען רב**: אין ריבניץ פאר 30 יאר. אין יאר תשכ"ט געפארן קיין ארץ ישראל. אין יאר תשל"ד געפארן קיין אמעריקא ביז זיין פטירה. ער איז געווען א מוהל, שוחט, רב, רבי. **חתונה געהאט**: 1) מרת שרה (נפטר כה אלול תשל"ט), 2) מרת פרידא מלכה. **ליגט אין די שטאט**: מאנסי (ניו יארק).

### ליבשאפט צו תורה

די ליבשאפט צו תורה וואס מען האט געזען ביי דער צדיק נאך יונגערהייט ווען ער איז נאך בכלל נישט געווען באקאנט אויף דער וועלט איז געווען אויף א וועג וואס איז נישט מעגליך צו באשרייבן, ער האט זיך געקענט אוועק זעצען לערנן מיט א געוואלדיגע חשק און התמדה 17 שעה אין איין ציה. עס איז נישט קיין וואנדער אז בלויז ביי די 12 יאר אלט האט ער שוין געהאט געלערנט טור שו"ע יורה דעה חלק א' און א טייל פון חלק ב' מיט די מפרשים מיט א טיפקייט און א קלארע פארשטאנד. דורך אויס די יארן האט זיך אויסגעשטעלט אז עס איז נישט דא קיין פלאץ אין די תורה וואס ער איז נישט קלאר אין דעם, וואס ער האט געלערנט האט ער איבער געחזרט די שטוינענדע צאל פון 101 מאל. ער האט זיך נישט אוועק געריקט פון וואס ער לערנט ביז ער האט עס געקענט מיט א קלארקייט און אפילו ווען עס האט אויסגעזעהן אז מען פארשטייט שוין האט ער זיך נישט געלאזט נאר עס איבער געלערנט מיט זיין חברותא ביז מען זעהט אז מען קען עס טאקע זייער קלאר. אין א געוויסע צייט האט ער געהאט א סדר פון לערנן פון 12 ביינאכט ביז 8 צופרי, דערנאך פון 12 בייטאג ביז 8 ביינאכט.

אין די עטלערע יארן ווען ער איז באקאנט געווארן אויף די וועלט אלס א גרויסע רבי און פועל ישועות ואוס דאס האט צוגעברענגט אז ער זאל נישט קענען אזוי פיל שעות אוועק געבן פאר תורה, האט דאס איהם שטארק וויי געטוהן. אמאל איז ער אריבער א יונגערמאן וואס האט געלערנט, האט דער צדיק זיך אנגערופען, 'דו לערנסט, איך האב עס אוועק געלייגט צו טוהן פאר יודנ'ס וועגן'. אבער אפילו אין די צייטן וואס ער איז געווען גאר פארנומען מיט אן אנגעפילטע טאג צו העלפן יודען וואס קומען צו איהם, איז ווען ער האט נאר געקענט האט ער אראפ געכאפט די צייט צו קענען לערנן עטליכע שעה אין א ציה, און אפילו אין די שפעטער נאכט שעות.

אין זיין גרויסע ליבשאפט און באהאפטענקייט צו תורה, קען מען זעהן אז אמאל אינמיטן פירען א ראש חודש טיש, איז דארט געווען איינער וואס האט געמאכט א סיום מסכת, אין דער רבי האט אנגעהויבן צו רעדן מיט איהם איבער וואס ער האט געלערנט, צוליב די ליבשאפט אין תורה האט ער זיך פארשמועסט מיט איהם, ווי עס האט אויסגעזעהן אז ער האט אינגאנצן פארגעסן אז ער האלט אינמיטן פירן טיש.

ער פלעגט לערנן מיט גרויסע יראת שמים ווי ער פלעגט זיך גרייט אויף דעם מיט בעטן פאר דער אייבישטער און תשובה טוהן פאר'ן לערנן. בשעת ער האט געלערנט איז עס געווען מיט אזא הייליגקייט, און ער געווען גאר פארטיפט אין זיין לערנן, ווי ער האט זיך געשפירט ממש ווי ער איז דארט. אמאל לערנענדיג מסכת יומא ווי דער כהן גדול האט געטוהן די הייליגע עבודה יום כיפור אין בית המקדש און וואשט זיך די הענט און פיס, איז דער צדיק געווען אזא אריין געטוהן, אז ער האט זיך פארפלאמט און געקאכט מיט א ברען, אז ער איז אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ אין זיך געגאנגען וואשען די הענט אין פיס און דערנאך זיך צוריק געקערט צו זיין לערנן אזוי ווי ער איז ממש יעצט דארט.

### טבילה אין מקוה

איינער פון די גאר גרויסע זאכן ביי דער צדיק איז געווען זיך צו טובלן אין א מקוה, ניין, מיר רעדן נישט דא פון א פיינע ווארעמע מקוה אין א געשמאקע פלאץ, מיר רעדן דא אפילו ווען ער האט נאך געוואוינט אין רוסלאנד ביי די קומעניסטן וואס זייער גאנצע ציל איז געווען אויסצורייסן א יעדע ברעקל וואס האט צו טוהן מיט יודישקייט, פלעגט ער זיך גיין טובלן אין די טייכן. לאמיר נישט פארגעסן אז אין רוסלאנד הערשט ביטערע פרעסטן אין די ווינטער, ווי ער האט געדארפט צוברעכן אייז און זיך איינטינקן אין פראסטיגע קאלטע וואסער, דאך האט דער צדיק דאס געטוהן זיך צו הייליגן זיין גוף, און ער האט דאס געטוהן מיט די גרעסטע מאס פרייד אז ער קען דינען דער אייבישטער מיט א ריינקייט. פארקערט ער האט זיך געפרייט אז עס קומט אהן שווער, ווייל אזוי קען ער דינען דער אייבישטער מיט פלאג און נישט אז אלעס זאל איהם אנקומען גרינג.

א יעדעס מאל ער האט אדורך געפירט א ברית אויף א יודיש קינד, וואס ער האט דאס געטוהן טויזענטער מאל, האט ער מקפיד געווען זיך צו טובלן פארדעם. האט זיך געמאכט אמאל אז די פלאץ ווי ער האט געדארפט מאכן א ברית איז נישט געווען קיין טייך, נאר א טיפע ברינעם, און כדי ער זאל זיך קענען טובלן האט מען איהם געדארפט אראפ לאזן מיט א שטריק. זיינע מענטשן האבן דאס נישט געוואלט טוהן, צוליב די סכנה וואס קען זיין אויב די שטריק צורייסט זיך, אבער דער צדיק האט פון גארנישט געוואלט וויסען, האט מען נישט געהאט קיין ברירה און מען האט איהם אראפ געלאזט מיט א שטריק, ווי ער האט זיך דארט געטוילט פאר לענגערע צייט און די פינסטערע ברינעם.

נאך וואס מען האט איהם ארויף געברענגט האט ער זיך דערמאנט אז ער האט נישט געטויבלט זיין ברילן און ער מוז צוריק גיין, עס האט גארנישט געהאלפן אלע געבעטערייען אז ער זאל דאס נישט טוהן, נאר מען האט איהם נאכאמאל געמוזט אראפ לאזן צו טויבלן זיינע ברילען.

ווען עס האט זיך אמאל געמאכט אז ער האט זיך נישט געקענט טובלן לכבוד שבת, איז ער ארויס אינדרויסן ווי די ערד איז געווען פיל מיט פראסטיגע שניי ווי דארט האט ער זיך געוואלגערט אין די שניי צו הייליגן זיין גוף לכבוד שבת קודש.

### גערעטעוועט פון מלחמה

אסאך מאל האט ער דורך זיך טובלן געפוילט ישועות פאר יודען.

בשעת די צווייטע וועלט מלחמה ווען די רשעים ימ"ש זענען אריין אין שטאט אדורך צו פירען זייערע מערדערישע רציחות, האבן די יודען געזוכט ווי מען קען זיך באהאלטן, דער צדיק האט זיך באהאלטן אין עפעס א הייל און די יודען זענען געקומען צו איהם מיט א געוויין אז ער זיי העלפן פון די רשעים ימ"ש. דער צדיק האט געזאגט 'איך דאף א וואסער, געבט'ס מיר א וואסער' (זיך צו טובלן). מיט אמאל איז דארט אריבער א דייטשע סאלדאט רייטענדיג אויף זיין פערד, ווען ער האט באמערקט דער צדיק, געבט ער א געשריי 'נעם דעם טעפעל גיי צום טייך און ברענג וואסער פאר מיין פערד', ער האט געוואלט דערמיט פארשעמען און דערנידערן דעם צדיק. דער צדיק כאפט דעם טעפעל, ער לויפט צום טייך, ער טאנצט אריין זיך צו טובלן, דערנאך פילט ער אהן דעם טעפעל אין ברענגט עס פאר דעם רשע.

נאכן זיך טובלן זאגט ער פאר די יודען דארט 'איך זאג אייך צו אז פון יעצט וועט איהר אלע גערעטעוועט ווערן פון טויט'. וואונדער איז געווען אז אלע יודען וואס זענען דארט געווען זענען גערעטעוועט געווארן פון די מלחמה.

### מסירות נפש

גרויס מסירות נפש האט דער צדיק געהאט בשעת ער האט געוואוינט אין רוסלאנד ביי די קאמעניסטן, וואס זיי האבן געשטערט יודן האלטן יודישקייט און וועמען מען האט נאר געכאפט טוהן סיי וואס איז גאר שטרענגט באשטראפט געווארן. די געהיים פאליצייי באקאנט אלס די קעי, דזשי, בי, האט גוט נאכגעקוקט א יעדע טריט און שריט צו זיכער מאכן אז מען טוט נישט האלטן סיי וואס פאר א יודישקייט. עס איז גאר באקאנט די רשעות מיט וואס זיי זענען באגאנגען ווען זיי האבן געכאפט איינעם.

דער צדיק איז געוועז א מוהל און ער פלעגט ארום גיין אסאך שעות און טעג צו אלע ווייטער שטעט אין דערפלעך פון די גרויסע רוסלאנד צו מל'ן יודישע קינדערלעך וואס זענען געבוירן, כאטש די גרויסע סכנה וואס האט געהערשט אויב מען כאפט איהם, אזוי האט ער געמלט טויזענטער יודישע קינדער ווי ער איז געגאנגען טויזנטער שעות צופיס אין אלע שווערע וועגן אין די היצן און די קעלט. ווען ער האט געקענט פלעגט ער נישט גיין דורך די געהעריגע וועג, נאר דורך פעלדער און וועלדער וואס זענען געווען שווער צו גיין ווייל עס האט נישט געהאט קיין אויסגעטרויטענע וועגן, און געווען פיל מיט געוויקסן און שטעכעדיגע דערנער. דאס האט ער געטוהן ווייל אזוי וועלן איהם די שלעכטע געהיים פאליצייי איהם נישט אזוי שנעל באמערקן ווען ער גייט מיט זיין טאשקע מיט די מוהל זאכן אין איהר. פילע מעשיות וועלן דערציילט איבער זיין מסירות נפש צו מל'ן קינדער, און אזוי אויך איבער לערנן תורה מיט די יודישע קינדער וואס דאס איז געווען א גרויסע סכנה.

אין רוסלאנד איז ער עטליכע מאל ארעסטירט געווארן פאר פארשפרייטן יודישקייט, אבער גארנישט האט איהם אפגעשטעלט פון גיין ווייטער. אמאל איז ער אנטלאפן פון תפיסה ווי מען האט איהם געטראפן ווי ער טובלט זיך אין א פראסטיגע טייך, האבן די פאליצייי געמיינט אז ער איז נישט נארמאל, ווען באמת האט ער דאס געטוהן צוליב זיין הייליגקייט.

### אליהו הנביא

אין רוסלאנד האט דאן געוואוינט אן ליבאוויטשער חסיד ר׳ מענדל פוטערפאס, וואס ער אליינס איז אויך געווען באקאנט אלס א מסירות נפש יוד, ער האט פארציילט איבער עטליכע ברית'ן וואס ער האט בייגעוואוינט וואס דער ריבניצער רבי האט געמאכט אין רוסלאנד.

אמאל איז געווען א פרוי וואס האט זוכה געווען צו געבוירן א יונגל 20 יאר נאך זייער חתונה, די פראבלעם איז געווען אזוי ווי איהר מאן איז ליידער א הייסט קאמיניסט און האט בשום אופן נישט געוואלט אז מען זאל אדורך פירן א ברית אויף זייער ניי געבוירן קינד, האט זי געווארט אויף א צייט וואס איהר מאן געפונט זיך נישט אין שטוב, און דאן האט זי גערופען דער צדיק זאל קומען צו איהר אין שטוב צו אדורך פירן די ברית.

דער צדיק האט געבעטן ר׳ מענדל אז ער זאל מיט קומען מיט איהם צום ברית, זאגענדיג ׳אז מירביידע אינאיינעם וועלן פויעלן אז די ברית זאל אדורך גיין בשלום׳. די צוויי זענען געגאנגען איינער אפגערוקט פון די אנדערע אז די פאליצייי זאלן נישט כאפן אז זיי גייען ערגעץ אינאיינעם טוהן וואס מען דארף נישט.

אנקומענדיג אין שטוב איז ר׳ מענדל מכובד געווארן מיט סנדקאות, דער צדיק האט אדורך געפירט די ברית, און דערנאך איז דער רבי געווארן שטארק פארטיפט אין זיינע געדאנקן. מיט אמאל האט עפעס שרעקליך פאסירט, דאס קינד האט אנגעהויבן צו פארלירן גאר אסאך בלוט פון די ברית מילה, ער איז געווארן בלוי, די הענט און פיס האבן זיך גענומען ווארפן, און ער איז געווען אין א גרויסע סכנה. ווען ר׳ מענדל האט פארציילט די מעשה האט ער עס אראפ געלייגט ׳דאס קינד איז שוין געווען א פארגאנגענער׳. ווען די מאמע האט דאס געזען האט זי זיך גענומען שרייען היסטערישע קולות, איינס צוליב איהר קינד וואס איז אין א סכנה, צווייטנ׳ס ווייל זי האט געציטערט פון איהר מאן וואס וועט זיין גאר אויפגערעגט ווען ער וועט זעהן אז זייער קינד וואס זיי האבן געווארט אזוי לאנג איז דא אויסגעגאנגען און נאכדערצו ווען דאס איז געקומען צוליב א ברית מילה וואס ער האט בשום אופן נישט געוואלט מאכן, די מאמע איז אראפ געפאלן און געחלשט.

דער צדיק האט זיך אבער נישט פארלוירן, ער האט געלייגט זיינע הענט אויפן קינד, געקוקט מיט די אויגן אויפן קינד און געזאגט ׳בדמיך חיי, בדמיך חיי, נאר שטארבן זאלסטו נישט׳. מען האט דאן געזען אויף דער צדיק אז ער געפונט זיך נישט אויף די וועלט, נאר ער פרוּבירט צו פויעלן אין הימל פאר'ן קינד. ווי נאר דער צדיק האט געענדיגט זאגן די ווערטער, האט דאס קינד זיך צוריק געכאפט, ער איז געווארן געזונט און שטארק אזוי ווי גארנישט וואלט פאסירט.

נאכן ברית האט דער צדיק געזאגט פאר ר׳ מענדל ׳היינט האבן מיר זוכה געווען צו מאכן א ברית מיט גרויס כוונה׳. ר׳ מענדל האט געפרעגט דער צדיק ׳ווי אזוי האט דער רבי זיך אונטער גענומען צו מאכן די ברית וואס איז אזא גרויסע סכנה אויב די מאן וועט איהם כאפן?׳ האט דער צדיק געזאגט ׳ווען איך האב געזאגט די ווערטער ׳אליהו מלאך הברית הנה עומד לפניך׳, האב איך געזען אליהו הנביא דארט שטיין׳.

זאגט ר׳ מענדל ׳איך האב היינט געזען ביי איך תחיית המתים, אבער מער זיי מיר נישט מכבד מיט סנדקאות׳.

### אויסגעהיילט די אויגן

ווען דער צדיק האט געוואוינט אין אמעריקא איז ער אמאל אויף חנוכה געווען אין לאס אנדז׳לס, איז דארט געקומען א יוד וואס האט זיך אויסגעגאסן זיין הארץ אז עס איז איהם געבוירן א קינד, אבער צוליב דעם וואס דאס קינד איז נאכנישט געווען אינגאנצן אנטוויקעלט, האט מען איהם אריין געלייגט אין א מאשין וואס געבט ווארמעקייט פאר אפאר טעג ביז דאס קינד אנטוויקעלט זיך געהעריג, וואס דאס איז א נארמאלע זאך וואס ווערט געטוהן צו אסאך ניי געבוירענע קינד. האט זיך אבער געמאכט אז די מאשין האט ארויס געגעבן מער היץ ווי נארמאל, וואס איז אריין אין די אויגן פונעם קינד, וואס האט צוגעברענגט אז דאס קינד זאל בלינד ווערן און חלילה מער נישט קענען זעהן. ווען דער צדיק האט דאס געהערט האט ער געהייסן אז מען זאל קומען צו איהם ביי די חנוכה לעכט.

איין נאכט חנוכה נאך וואס דער צדיק האט געענדיגט זינגען די חנוכה זמירות, האט ער זיך אנגערופען צו זיין גבאי ׳ווי איז דאס קליין קינד?׳, הערענדיג דאס איז דער גבאי שנעל צוגעגאנגען צו די טאטע פונעם קינד און געהייסן אז ער זאל שוין אהער קומען מיטן קינד. דער טאטע איז שנעל אהיים געלאפן ברענגען דאס קינד, ער האט איהם געלייגט אויפן טיש לעבן דער צדיק.

ווען דער צדיק האט געזען דאס קינד האט ער זיך דערנענטערט צו איהם און אריין געקוקט אין די אויגן, דערנאך האט דער צדיק געקוקט אויף די חנוכה לעכט, צוריק געקוקט אין די אויגן פונעם קינד און אזוי האט ער געטוהן עטליכע מאל ווי ער גייט צוריק פון די לעכט צו דאס קינד, אזוי אויך האט ער גענומען זיינע אויגן גלעזער עס ארום געדרייט די לעכט און עס דערנאך ארום געדרייט ביי די אויגן פונעם קינד, אזוי האט ער געטוהן עטליכע מאל.

ווען ער האט געענדיגט טוהן זיינע זאכן זאגט ער פאר די טאטע ׳אויף איין אויג זעהט ער שוין׳. שפעטער האט דער רבי געטוהן די אלע זאכן וואס ער האט פריער געטוהן ביי די צווייטע אויג און דערנאך זאגט ער ׳אויף דעם אויג זעהט ער נאכנישט אבער ווען ער וועט אונטער וואקסן וואס ער מיט דעם אויג אויך זעהן׳.

אזוי איז געווען, אז אויף איין אויג האט דאס קינד שוין יעצט אנגעהויבן צו זעהן, און יארן שפעטער ווען דאס קינד האט חתונה געהאט האט ער אנגעהויבן צו זעהן אויך מיט זיין צווייטע אויג.

## מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

דער צדיק ר׳ יעקב יוסף מפולנאה (יארצייט כד תשרי) איז געווען א תלמיד פון דער הייליגע בעש"ט. זייענדיג אין זיינע עלטערע יארן איז ער געלעגן שוואך אין בעט איז אמאל געקומען צו איהם און געפרעגט פשט אין איינע פון די זאכן פון זיין רבי דער בעש"ט (וואס האט דאן שוין נישט געלעבט). דער תולדות וואס איז געווען שטארק באהאפטן צו זיין רבי, האט מיט זיינע לעצטע כוחות זיך ארויף געזעצט אויף זיין בעט און אנגעהויב צו מסביר זיין די רייד פון זיין רבי. זיין פנים האט געשיינט, א פייער פון הימל האט זיי ארום גענומען, און די בעט האט זיך אויף געהויבן עטליכע טפחים העכער די ערד, און ער האט עס איבער געגעבן אזוי ווי מען האט געגעבן די תורה אויף די בארג סיני מיט א ציטער, פייער און קולות וברקים.